STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 09748

DER PROTSES

Franz Kafka

•

THE MAX PALEVSKY
YIDDISH LITERATURE COLLECTION

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER

AMHERST, MASSACHUSETTS

413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG

WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE

STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY

WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust

Arie & Ida Crown Memorial

The Seymour Grubman Family

David and Barbara B. Hirschhorn Foundation

Max Palevsky

Robert Price

Righteous Persons Foundation

Leif D. Rosenblatt

Sarah and Ben Torchinsky

Harry and Jeanette Weinberg Foundation

AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE

National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

תשכ"ו
1966

פֿראַנץ קאַפֿקאַ / דער פּראָצעס

פראנץ

קאפקא

דער פּראָצעס

ייִדיש מלך ראוויטש

FRANZ KAFKA

DER PROZESS

ענגלישער טיטל:

THE TRIAL

דערשינען מיט דער דערלויבעניש פֿון
SCHOCKEN BOOKS, INC., New York, N. Y.

אילוסטרירט פֿון
יאָסל בערגנער

אַן אויטאָריזירטער אויסגאַבע
אין טויזנט עקזעמפּלאַרן

סדר פֿון זאַץ און אײַנבאַנד
ישׂראל לאָנדאָן

צוגעגרייט צום דרוק
רחל אײַזענבערג

Published by
DER KVAL, I. LONDON, *Publisher,* NEW YORK, N.Y., U.S.A.

PRINTED IN THE UNITED STATES OF AMERICA
MARSTIN PRESS, INC., NEW YORK
438

אַ וואָרט

פֿאַר דער ערשטער אויסגאַבע

פֿון קאַפֿקאַס בוך אויף ייִדיש

וועלט־ און ייִד־טראַגעדיע

. . . לייען זײַנע ראָמאַנען און זײַנע קירצערע דערציילונגען און דו ווערסט באַלד באַנעמען, אַז קאַפֿקאַ נעמט אַרײַן אין זיך די אַלגעמיינע טראַגעדיע פֿון דער מענטשהייט, באַזונדערס אָבער די ליידן און יסורים פֿון זײַן אייגן, אומגליקלעך פֿאָלק, — דאָס נע־ונדע, דאָס גערודפֿטע, די מאַסע אָן פֿאָרעם, אָן גוף. און ער טוט דאָס אַזוי — אַזוי ווי קיינער האָט עס ביז איצט נישט געטאָן.

ער שרײַבט עס דײַטלעך, און דאָך װעסטו נישט געפֿינען דאָס װאָרט „ייד" אין קײן אײנעם פֿון זײַנע ביכער.

„דער פּראָצעס" און זײַן העלד — סימבאָלן

... די דאָזיקע װערק (בתוכם „דער פּראָצעס") זײַנען דאָקומענטן פֿון זיך אַלײן פּײַניקן, פֿון יסורים פֿון תשובֿה. מיט װאָס ק., דער הױפּטהעלד פֿון „דער פּראָצעס", האָט געזינדיקט — װערן מיר קײן מאָל נישט געװאָר. אין די ראַמען פֿון אַ נאָרמאַלער געריכטס־פּראָצעדור — איז ער בלי ספֿק אומשולדיק. נישטאָ גאָרנישט קעגן אים, אָדער, לכל הפּחות, נישט קײן סך. און פֿאָרט דרײט זיך אַ טײַװלאָנישע שפּיל אַרום זײַן אומשולד. — — — אַ מיס־טעריעזער געריכט רופֿט אים צו דין און צו משפּט. און סוף־כּל־סוף װערט דער פּסק־דין אױסגעפֿירט.

איובֿ — „דער פּראָצעס", „דאָס שלאָס"

... אין אונדזערע אױערן קלינגט דער װילן פֿון גאָט אומלאָגיש; און מײנען מײנט דאָס, אַז ער איז זיך סותר אױף אַ גראָטעסקן אופֿן מיט אונדזער מענטשלעכער לאָגיק. זינט דעם ספֿר איובֿ װאָס אין תּנ"ך, איז קײן מאָל נישט אַזױ װילד געשטריטן געװאָרן מיט גאָט װי אין קאַפֿקעס „פּראָצעס", זײַן „שלאָס", אָדער אין זײַן „שטראָף־קאָלאָניע". דאָ װערט דער יושר פֿאָרגעשטעלט אײנעם געשטאַלט פֿון אַ מאַשינאַװן גולם, װאָס איז גרױזאַם ראַפֿינירט צוגעטראַכט געװאָרן; אַן אוממענטשלעכע, נײַן ממש אַ שדישע מאַשין, און אַ משוגענער טשודאַק פֿאַרהײליקט זי. אַזױ איז דאָך אין ספֿר איובֿ, װוּ גאָט טוט, װי עס װײַזט אױס, אַבסורדאַלע אומגערעכטיקײטן מיט דעם בר־נש. אָבער נאָר דער מענטש טראַכט אַזױ. די לעצטע מסקנא סײַ אין ספֿר איובֿ און סײַ אין די ספֿרים פֿון קאַפֿקאַ, איז די באַשטעטיקונג פֿונעם פֿאַקט, אַז די מאָסן מיט װעלכע עס מעסט דער מענטש זײַנען נישט די מאָסן, מיט װעלכע עס װערט געמאָסטן אין אַבסאָלוט.

... אין לעצטן קאַפּיטל פֿון „פּראָצעס" שטרעקט ק., דער העלד, אױס זײַן האַנט צו אַ װײַטן, אומבאַקאַנטן, אומבאַדײַטיקן פּאַרשױן. װער איז עס? אַ פֿרײַנד? סתּם אַ גוטער מענטש? עמעץ, װאָס

פילט מיט? עמעץ, וואָס וויל מיטהעלפֿן? איז עס אַ יחיד? איז עס בכלל אַן עמעץ? קען מען נאָך בכלל געהאָלפֿן ווערן? זענען געווען אַרגומענטן קעגן דעם אורטייל, וואָס זענען פֿאַר־געסן געוואָרן? קלאָר, אַז עס זענען אַזעלכע אַרגומענטן נישט געווען. לאָגיק קען זיך, פֿאַרשטייט זיך, נישט קיין טרייסל טאָן, אָבער אַז מענטש וויל לעבן גיט זיך די לאָגיק יאָ אַ וואַקל. ווו איז דער ריכטער, וואָס ער האָט אים קיין מאָל נישט געזען? ווו איז דאָס הויפּטגעריכט, פֿאַר וועלכן ער איז קיין מאָל נישט געשטאַנען?

... אין סך־הכּל — דאָס אַלטע איובֿ־פּראָבלעם.

... דאָס וואָרט „ייִד" טרעפֿט זיך קיין מאָל נישט אין „שלאָס". און פֿאָרט ליגט עס קלאָר ווי אויף דער האַנט, אַז קאַפֿקאַ האָט אין „שלאָס" — פּראָסט און פּשוט פֿון זײַן נשמה אַרויס, און אין אַ פּשוטער מעשׂה — געזאָגט מער וועגן דעם מצבֿ פֿון ייִדנטום בײַם הײַנטיקן טאָג, ווי מע קען דאָס לייענען אין הונדערטער טראַקטאַטן. און אין דער זעלבער צײַט גייט די ספּעציפֿיש ייִדישע אויסטײַטשונג האַנט אין האַנט מיט אַלץ, וואָס איז אַלגעמיין אַנווענדלעך אויף דער גאַנצער מענטשהייט. איינס איז נישט סותר דאָס אַנדערע.

... שוין די ערשטע באַגעגעניש מיט די פּויערים איז דאָ זייער כאַראַקטעריסטיש. ק. האָט זיך פֿאַרבלאָנדזשעט אין אַ דאָרף, וואָס ער קען עס נישט. ער איז מיד. ער זעט אַן אַלטן פּויער. „קען איך אַרײַן אויף אַ רגע?" — פֿרעגט ער. דער פּויער בורטשעט עפּעס אַן אַ טאָלק. תּוך כּדי דיבור נעמט עס ק. אַן פֿאַר אַן אײַנלאַדונג און גייט אַרײַן אין דער כאַטע. שפּעטער ווײַזט זיך אַרויס, אַז דער פּאַרשוין, וואָס האָט אים אַרײַנגעלאָזט, איז אַ ביסל צעדרייט. מאָדנע פּאַראַלעל איז דאָס אַלץ צו דעם „רעכט זיך צו באַזעצן" ווי אַזוי ייִדן אין גלות טײַטשן עס. איר דאַרפֿט זיך נאָר אַרײַנלעבן אין דעם גײַסט פֿון דעם עפּיזאָד מיט דעם האַלב צופּעליקן צוזאָג פֿון „טאָלעראַנץ", וואָס ק. מיינט, אַז ער האָט אים טאָקע. און אַזוי — כּמעט זײַטל אין זײַטל אין אָט דעם ראָמאַן זײַנען פֿול מיט פּאַראַלעלן, פּאַראַלעלן צו סיטואַציעס אין דער ייִדישער גלות־געשיכטע.

* * *

און לאָמיר דאָס אַלץ בעסער באַנעמען פֿון מאָמענטן אין קאַפֿקאַס טיפֿן, אינטענסיוון, טראַגישן לעבן.

באַגײַסטערונג פֿאַר ייִדיש טעאַטער

. . . אין 1910 האָט קאַפֿקאַ דאָס ערשטע מאָל געזען אַ ייִדישע טעאַטער־טרופּע פֿון לעמבערג. זיי האָבן געשפּילט אין ייִדיש און געזונגען ייִדישע פֿאָלקסלידער. אַ יאָר שפּעטער האָט ער זיי ווידער געזען. פֿון דעמאָלט אָן זענען זײַנע נאָטיצביכער פֿול מיט באַמערקונגען וועגן זיי. וועגן די גרעסטע אַקטיאָרן אַפֿילו האָט מען זעלטן געשריבן מיט אַזויפֿל ליבע און דורכדרינגענדיקער פֿאַרשטענדעניש. נישט נאָר וועגן זייער קונסט, נאָר אויך וועגן זייערע פּריוואַטע לעבנס. וועגן דעם אַקטיאָר קלוג און זײַן פֿרוי, טשיזשיק און זײַן פֿרוי, פּיפּעס — און דער עיקר וועגן דעם יונגן זשאַק לעווי. — — אָפֿט פֿלעגט ער קומען צו די פֿאָר־שטעלונגען אין קאַפֿע „סאַוואָי", מיט ליבשאַפֿט לערנען פֿון די וועגן ייִדישן פֿאָלקלאָר. ער האָט זיך ממש אַרײַנגעלעבט בלבֿ ונפֿש אין זייער סבֿיבֿה. — — דעם אַקטיאָר לעווי האָט ער באַהאַנדלט ווי זײַנעם אַ נאָענטן פֿרײַנד, פֿלעגט אים אַהיימנעמען — כאָטש זײַן פֿאָטער האָט עס שוין גאָר נישט גערן געהאַט. — — פֿון די מעשׂיות פֿון זשאַק לעווי האָט ער באַקומען אַ טיפֿן אַרײַנבליק אין די פּראָבלעמען און קריזיסן פֿון רוסיש־פּוילישן ייִדנטום. לעווי איז געווען דער גורם פֿון זײַן אָנהייבן לערנען ייִדישע געשיכטע פֿון גרעץ, זײַן לערנען די געשיכטע פֿון דער ייִדישער ליטעראַטור פֿון דער פֿראַנצייזישער אויסגאַבע פֿון בוך פֿון פּינעס. אין זײַנע נאָטיצן שרײַבט ער אויך אַ סך בכלל וועגן דער אייגנאַרטיקייט פֿון ליטעראַטורן פֿון קלײנע פֿעלקער.

זשאַק לעווי, דער אַקטיאָר, דער פֿרײַנד

. . . פֿון אַ בריוו: ליבער מאַקס, מיר האָבן מזל! זיי שפּילן „שולמית" פֿון גאָלדפֿאַדען. — — — פֿראַנץ האָט גאָר אָנגעהויבן צו שרײַבן אַ מין ביאָגראַפֿיע פֿון זשאַק לעווי, און אין דער ביאָגראַפֿיע אַן איבערבליק איבערן ייִדישן טעאַטער. די ערשטע בלעטער פֿון דעם בוך זענען געבליבן. קורץ ווי זיי זענען, אָט די בלעטער, גיבן זיי אַ באַגריף פֿון דעם היקף פֿון קאַפֿקאַס ייִדישע פֿאַראינטערעסירונגען. ער האָט געוואָלט זען די ייִדישע פּראָ־בלעמען פֿון אַ מער לעבעדיקער און קאָלירפֿולער זײַט — און נישט בלויז פֿון דעם קוקווינקל פֿון די אַבסטראַקטע ציוניסטישע טעאָריעס. — — קאַפֿקאַ איז נישט מיד געוואָרן צו העלפֿן דער

יידישער טרופּע. אַליין פֿאַרפֿאַסט, אַליין דופּליצירט און פֿונאַנ־דערגעשיקט אַ צירקולאַר צו אַלע ציוניסטישע קלובן אין בעהמען, אַז זיי זאָלן אָרגאַניזירן אַ טור פֿאַר די אַקטיאָרן. דעם 18טן פֿעברואַר, 1912, האָט ער אַליין איינגעאָרדנט אַ רעציטאַציע־אָוונט פֿאַר זשאַק לעווי. געעפֿנט דעם אָוונט מיט אַ קורצער רעדע: איידער די פּוילישע ייִדן לאָזן הערן זייערע שורות, מוז איך אייַך זאָגן, דאַמען און הערן, אַז איר פֿאַרשטייט אַ סך בעסער ייִדיש, איר האָט זיך אַליין אין דעם קיין מאָל גאָר ניט חושד געווען. — — איך בין איבערצייַגט, אַז דער „רוסישער פֿריינד" אין „דער ווערדיקט" האָט אין זיך שפּורן פֿון אַקטיאָר לעווי. — — אין קאַפֿקאַס אַרכיוו זענען געבליבן האַרציקע בריוו פֿון לעווי און קאַפּיטעס פֿון פּונקט אַזעלכע האַרציקע ענטפֿערס.

אין אַ מאָמענט פֿון פֿאַרלוירנקייט און יאוש

. . . דאָס יאָר איז 1913. איך אינסיסטיר, איך מאַטער אים אויף אַ טאַקטלאָזן אופֿן מיט מייַנע ציוניסטישע פּראָיעקטן פֿון געזעל־שאַפֿטלעכער אַליין־אויסבילדונג. דאָס איינציקע מאָל איז דעמאָלט אַ גרויער וואָלקן־שאָטן געפֿאַלן אויף אונדזער חבֿרשאַפֿט. קאַפֿקאַ האָט רעאַגירט אין זייַן טאָגבוך אָט אַזוי: וואָס האָב איך פֿאַר אַ שייַכות מיט ייִדן? איך האָב דאָך כמעט קיין שייַכות נישט מיט זיך אַליין. דער אמת איז, אַז איך דאַרף מיר פֿאַרקריכן אין ערגעץ אַ שטיל ווינקעלע און זייַן גליקלעך, וואָס איך קען נאָך בכלל אָטעמען.

ציוניסטישע איבערצייַגונגען

. . . עס האָט גענומען צייַט, אַ סך צייַט ביז איך האָב אָנגעזאַמלט גענוג וויסן צו פֿאַרשטיין די טיפֿע שייַכות צווישן מזרח־ און מערבֿ־ייִדנטום, ציון און גלות. — — אַז כ'בין געוואָרן אַן איבער־צייַגטער ציוניסט האָב איך זיך באַמיט אויך קאַפֿקאַן צו איבער־צייַגן אין מייַנע אידעען. אָבער אָן אַ פּעולה. איין מאָל, אין יאָר 1913, איז אַזאַ מין שמועס געוואָרן די סיבה פֿון אונדזערער אַ מחלוקה. דער איינציקער. אין שמועס האָבן דעמאָלט אָנטייל־גענומען: בובער, ווערפֿעל, קאַפֿקאַ, פּיק און באָום. פֿאַרצייכנט האָב איך: קאַפֿקאַ ענטפֿערט, אַז ער האָט נישט קיין שום כלל־געפֿילן. זייַן כוח סטייַעט קוים פֿאַר אים אַליין. אָבער דווקא פֿון

אָט דעם טאָג אָן האָט זיך קאַפֿקאַ שריט נאָך שריט דערנענטערט צום ציוניסטישן שטאַנדפּונקט. און אַז עס זענען געקומען די ערנסטע טעג פֿון אַרום 1918־1919, די טעג פֿון ייִדישן נאַציאָנאַל־קאָמיטעט און דער ייִדישער שולע — איז ער נישט אָפּגעטראָטן פֿון מײַן זײַט, מיר געהאָלפֿן מיט אַן עצה, פֿאַראינטערעסירונג, התלהבֿות, ליבעפֿולער הסכּמה. זײַן צושטימונג צו מײַן אַרבעט האָט מיר געגעבן קוראַזש. און וואָס שייך לערנען העברעיִש — האָט ער מיך אַפֿילו גאָר באַלד דיסטאַנסירט.

אויג אין אויג מיט חסידים בײַ אַ שלוש־סעודות

. . . 1916. צווישן פּליטים פֿון גאַליציע אין פּראָג. ער איז דאָ בײַ וויכּוחים צווישן מזרח־ און מערבֿ־ייִדן. ער שווײַגט לרובֿ, אָבסערווירט. איך נעם אים צו אַ שלוש־סעודות צו אַ רבין, אַ בעל־מופֿת, אַ פּליט פֿון גאַליציע. ער הערט די שעפּטשענדיקע, חסידישע ניגונים, אָבער ער בלײַבט רעזערווירט, קיל. אַוודאי האָט אים געריהרט די דורות אַלטע נגינה, דאָס אוראַלטע פֿאָלקסלעבן. אַהיימגייענדיק האָט ער זיך אָנגערופֿן: קוקסטו אָבער רעאַליסטיש אויף דעם, דערמאָנט עס דיך אַ ביסל אָן די מינהגים פֿון אַן אַפֿריקאַנישן שבֿט. ריינסטער איבערגלויבן. — — — נישט געווען קיין באַליידיקונג אין אָט די ווערטער, נײַערט אַ רעאַליסטישע נעגאַציע. איך האָב אים גאַנץ גוט באַנומען. ער האָט נישט געקענט אָננעמען אַ גרייטן מיסטישן ריטואַל פֿון אַנדערע — בשעת ער האָט געהאַט זײַן אייגענע מיסטישע וועלט. און פֿאָרט איז דער רושם געווען זייער טיף, און די שפּורן פֿון דער באַגעגעניש זענען דײַטלעך אין קאַפֿקאַס ווײַטערדיקע ווערק.

העברעיִש און ווידער העברעיִש

. . . 1917. קאַפֿקאַ איז שוין קראַנק. שפּײַט מיט בלוט. איין מאָל אין יענעם יאָר, אין דעצעמבער, גייען מיר צוזאַמען צום פּראָפֿעסאָר פּיק. דאָ ערשט ווער איך געוואָר, אַז ער איז דורכגעגאַנגען 45 לעקציעס פֿון העברעיִשן לערנבוך פֿון פּראָפֿעסאָר משה ראָט. קיין וואָרט האָט ער קיין מאָל וועגן דעם צו מיר נישט געזאָגט. ער האָט מיך, מכּלומרשט געוואָלט אויספּרובירן, ווען ער האָט מיך דאָ אַנומלט, מיט אַן אומשולדיק פּנימל, אַ פֿרעג געטאָן ווי

אַזוי מע רעכנט אויף העברעיִש. פֿון אַלץ מאַכט ער אַ גרויסן סוד. פֿאַראַנען אין דעם אַ גרויסקייט, אָבער אויך עפּעס אַ פּינטל שלעכטס. — — — 1918. פּראַג. מיר זעען זיך אָפֿט. רעדן אַ סך. צוויי הויפּטטעמעס אין אַלע שמועסן: די וועלט־מלחמה און . . . העברעיִש.

קאַפֿקאַ לערנט יִדישקייט

. . . אַזוי לאַנג ווי די לעצטע כּוחות האָבן אים געטראָגן אין לעצטן יאָר פֿון זײַן לעבן, פֿלעגט ער פּינקטלעך אַרײַנקומען אין דעם אינסטיטוט פֿון יִדישע לימודים אין בערלין אויף דער אַרטילעריע־גאַס. ער איז געווען אויף אַלע לעקציעס פֿון פּראָפֿע־סאָר טאָרטשינער און אויך פּראָפֿעסאָר גוטמאַן; די לעקציעס זענען געווען אַרײַנפֿירן אין דעם ים־התּלמוד. ער האָט זיך באַמיט אַליין צו לייענען גרינגערע העברעיִשע און אַרמישע טעקסטן. נאָר און אויסשליסלעך צוליב די דאָזיקע קורסן פֿלעגט ער קומען רעגולער פֿון דער פֿאָרשטאָט, וווּ ער האָט געוווינט, צום צענטער פֿון בערלין.

די ערשטע באַגעגעניש מיט דאָראַן

. . . זומער 1923. קאַפֿקאַ מיט דער משפּחה איז אין מיריץ, אַ דאַטשע בײַם באַלטישן ים. צופֿעליק איז דאָרט געווען אַ זומער־לאַגער פֿאַר יִדישע קינדער. דאָרט, און צופֿעליק אין קיך, באַ־געגנט אַ מאָל קאַפֿקאַ אַ יונג מיידל. זי שאָבט די שופּן פֿון אַ פֿיש. „אַזעלכע צאַרטע הענט און אַזאַ בלוטיקע מלאכה", זאָגט קאַפֿקאַ מיט אַ טענה צום מיידל (ער איז געווען אַ וועגעטאַריער). דאָס מיידל האָט זיך פֿאַרשעמט און געבעטן אַן אַנדער באַשעפֿטיקונג. — — — דאָס איז געווען דער אָנהייב פֿון דער פֿרײַנדשאַפֿט מיט דאָראַ דיאַמאַנט. דער גורל האָט געוואָלט, אַז זי זאָל פֿון איצט ביזן סוף זײַן זײַן לעבנס־באַגלייטערין. נײַנצן, אָדער צוואַנציק יאָר איז איר דעמאָלט געווען. געשטאַמט האָט זי פֿון אַ יִדיש־פּוילישער חסידישער משפּחה. וויפֿל כּיבוד־אָב עס איז אין איר געווען, האָט זי פֿאָרט נישט געקענט לחלוטין שלום מאַכן מיט דער וואַרגנדיקער ענגשאַפֿט פֿון טיף טראַדיציאָנעלן לעבן. אַזוי אַן ערך איז אויך געווען דער פֿאַל מיט דעם יִדישן אַקטיאָר

זשאַק לעווי פֿון פֿוילן, וועמען קאַפֿקאַ האָט פֿריִער געטראָפֿן. אויך ביַי אים אַ ים מיט כּיבוד־אָבֿ, אָבער נאָכגיין פֿוסטריט איז פֿאָרט נישט־מעגלעך. דאָראַ איז אַוועק פֿון דער היים, געוואַנדערט און געאַרבעט אין אַלערליי שטעט אין דיַיטשלאַנד. איצט אין קינדער־לאַגער. זי האָט גוט געקענט לשון־קודש. און קאַפֿקאַ האָט פּונקט דעמאָלט מיט אַ סך התמדה געלערנט דאָס לשון. די פּאַפּירן, וואָס זענען געבליבן נאָך אים, זענען פֿול מיט העברעיִשע לשון־געניטונגען. נישט ווייניקער ווי מיט אַלערליי ליטעראַרישע פּלענער. דער ערשטער שמועס דאָראַס מיט פֿראַנצן האָט זיך געענדיקט מיט איר רעציטירן פֿאַר אים אַ קאַפּיטל ישעיה אויף לשון־קודש. דאָראַ האָט אויך געהאַט אַ גרויסן אַרטיסטישן טאַלאַנט.

דאָראַ און איר טאַטע, דער חסיד

. . . די ערשטע זאַך, וואָס דאָראַ האָט מיר דערציילט און פֿראַנץ האָט איר שטאַרק צוגעהאָלפֿן מיט סימנים — ווײַל רעדן אַ סך האָט ער נישט געטאָרט — איז געווען די מאָדנע מעשׂה פֿון זײַן אָפּיציעלן שדכנען זיך צו איר. ער האָט שטאַרק געוואָלט פֿאַרמעל חתונה האָבן מיט זײַן דאָראַן און האָט געשיקט צו איר חסידישן טאַטן אַ בריוו וועגן דעם. ער האָט דאָרט קלאָר געמאַכט, אַז כאָטש ער איז נישט קיין פֿרומער ייִד פּשוטו כּמשמעו, איז ער פֿונדעסט־וועגן אין דער בחינה פֿון אַ בעל־תּשובֿה, וואָס זוכט דעם וועג אויף צוריק. ובֿכן איז ער אפֿשר ווערט דעם זכות אויפֿגענומען צו ווערן אין אַזאַ פֿרומער משפּחה. דאָראַס טאַטע איז מיט אָט דעם בריוו געפֿאָרן צו דעם ייִד, וועמען ער האָט פֿאַרערט מער ווי וועמען עס איז אויף גאָטס וועלט — צום גערער צדיק. דער רבי האָט מעיין געווען אין בריוו, האָט אים אַוועקגעלייגט אויף אַ זײַט פֿון טיש און געזאָגט איין וואָרט, מיט איין טראַף: „ניין". און — קיין שום פּירושים. דאָס וואָרט פֿון דעם רבין, דעם בעל־מופֿת, איז, ליידער, וואָר געוואָרן אין פֿראַנצס נפֿטר ווערן, וואָס איז בקרובֿ פֿאַרגעקומען. אויך פֿראַנץ האָט באַטראַכט די ידיעה וועגן רבינס וואָרט ווי אַ בייזן סימן. ער האָט אַפֿילו געשמייכלט, אָבער דער רושם איז געווען גרויס. אַ רגע נאָך דער מעשׂה האָט מיך דאָראַ אַוועקגענומען אויף אַ זײַט און געשעפּטשעט: די לעצטע נאַכט האָט זיך אַ סאָווע באַוויזן בײַ פֿראַנצס פֿענצטער. דער פֿויגל, וואָס זאָגט אָן דעם טויט.

דאָראַ — דער לעצטער ליכטשטראַל

. . . אָבער פֿראַנץ האָט געוואָלט לעבן. ער האָט איצט — אין די לעצטע טעג — אויסגעפֿאָלגט דעם דאָקטערס אינסטרוקציעס מיט אַזאַ פּינקטלעכקייט, וואָס קיין מאָל פֿריִער האָט מען זי בײַ אים נישט באַמערקט. און ער האָט עס געטאָן אָן שום פּראָטעסט. אָ, וואָלט ער דאָראַן פֿריִער געקענט — וואָלט זײַן ווילן צו לעבן פֿריִער נאָך זיך געשטאַרקט — און אפֿשר טאַקע נאָך אין צײַט. אַזוי איז געווען דער אַלגעמיינער רושם. ווונדערלעך צוגעפּאַסט זענען די דאָזיקע געווען איינער צום אַנדערן. דער רײַכער אוצר פֿון פּויליש־ייִדישער רעליגיעזער טראַדיציע — און דאָראַ איז אַ גרויסע קענערין אין דעם געביט — איז געווען אַן אייביקער קוואַל פֿון טיפֿסטן גײַסטיקן נחת פֿאַר פֿראַנצן. — — — האָרציק און רירנדיק איז געווען דאָראַס אומענדלעכע זאָרג פֿאַר דעם קראַנקן אינוואַליד. האָרציק און רירנדיק איז אויך געווען צוצוזען ווי אַלע וויטאַלע כּוחות זענען אין אים וואַך געוואָרן — צו שפּעט. — — — אַז פּראָפֿעסאָר טשיאַסני האָט אים אַ מאָל — און שוין אין די סאַמע לעצטע טעג — אַ זאָג געטאָן, אַז עס גייט אים בעסער מיט זײַן קראַנקן האַלדז, האָט ער דאָראַן אומצאָליקע מאָל אַרומגענומען און געשעפּטשעט: קיין מאָל נאָך האָב איך נישט אַזוי שטאַרק געוואָלט לעבן און געזונט זײַן ווי איצט.

די פּטירה און קבֿורה

. . . פֿראַנץ קאַפֿקאַ איז געשטאָרבן דעם 3טן יוני, 1924; עס איז געווען אין אַ דינסטיק. אין אַ פֿאַרחתמעטן אָרון האָט מען דעם נפֿטר געבראַכט קיין פּראָג. דעם 11טן יוני, אַ זייגער פֿיר נאָך מיטיק, האָט מען אים מקבר געווען אויף אַ גוט צוגעקליבענעם אָרט, אין ייִדישן בית־עולם פּראָג־סטראַשניץ. דאָס קבֿר — נאָענט פֿון הויפּט־טויער. אַז מיר זענען צוריקגעגאַנגען פֿון דער לוויה און אַרײַן אין הויז פֿון די אַבֿלים, האָבן מיר באַמערקט, אַז דער ווײַזער פֿונעם גרויסן זייגער אויפֿן טורעם פֿונעם אַלטן שטאָט־ראַט איז שטיין געבליבן אויף פֿיר — די שעה פֿון דער קבֿורה... אָט אַזוי ווײַזן זיי עד היום, די ווײַזערס, פֿונעם אַלטן טורעם־זייגער: פֿיר . . .

מאַקס בראָד

1

אַרעסט

שמועס מיט דער פֿרוי גרובאַך,
שפּעטער מיט פֿרײַלין בירסטנער

אַ פּנים אַז עמעצער האָט יאָזעף ק. געמסרט; ער האָט נישט געטאָן קיין שום שלעכטס, און אָט האָט מען אים אין איין שיינעם פֿרימאָרגן אַרעסטירט. ער האָט געוווינט בײַ פֿרוי גרובאַך אין אַ געדונגענעם צימער; די קעכין וואָס פֿלעגט אים יעדער טאָג אַרום אַכט אַ זייגער אין דער פֿרי אַרײַנברענגען דאָס אָנבײַסן, איז דאָס מאָל אָבער נישט געקומען. אַזוינס איז נאָך קיין מאָל פֿריִער נישט געווען. ק. האָט געוואַרט נאָך אַ רגעלע. ער איז געלעגן אין בעט און פֿון זײַן צוקאָפּנס האָט ער געזען ווי די אַלטע פֿרוי, וואָס האָט געוווינט אַקעגן איבער, באַטראַכט אים איצט ניט לויט איר טבֿע מיט אַן אויסערגעוויינטלעכער נײַגעריקייט. ק. האָט זיך פֿון דעם שטאַרק געוווּנדערט. שפּעטער אָבער, אַז ער איז געוואָרן הונגעריק, האָט ער אַ קלונג געטאָן. מע האָט גלײַך אָנגעקלאַפּט אין טיר. עס איז אַרײַן אַ מאַן, וואָס ק. האָט פֿאַר דעם יענעם נאָך קיין מאָל אין זײַן דירה נישט געזען. דער מאַן איז געווען שלאַנק און דאָך פֿעסט געבויט. ער האָט געטראָגן אַן ענג געפּאַסטן שוואַרצן אָנצוג, מיט אַלערליי פֿאַלדן, קעשענעס, קנעפּ און פּאַסיקלעך; אַן ערך אַזוי ווי עס זענען די רײַזע־גאַרניטערס. דערפֿאַר טאַקע האָט דער אָנצוג אויסגעזען זייער פּראַקטיש, כאָטש עס איז בשום אופֿן נישט קלאָר געווען צו אַ וואָסער געלעגנהייט טוט מען אָן אַזאַ בגד. „ווער זענט איר?" האָט ק. אַ פֿרעג געטאָן און זיך האַלב אויפֿגעזעצט אין בעט. דער מאַן האָט זיך אָבער פֿון דער פֿראַגע נישט ווויסנדיק געמאַכט. עפּעס אַזוי ווי זײַן באַווײַזן זיך דאָ וואָלט געווען אַ גאַנץ נאַטירלעכע זאַך. ער האָט סתּם אַ זאָג געטאָן: „איר האָט געקלונגען?" „זאָל אַנאַ מיר אַרײַנברענגען מײַן אָנבײַסן", האָט ק. געזאָגט און האָט געפּרוווט, קודם־כּל שטיל־שווײַגנדיק, זיך גוט אַרומקוקן און דערגיין ווער, אייגנטלעך, איז ער, דער מאַן. יענער אָבער האָט זיך נישט צו לאַנג געלאָזט אָנקוקן, און זיך אַ קער געטאָן צו דער טיר. ער האָט זי אַ ביסעלע אויפֿגעעפֿנט, נאָר אַ שפּעלטעלע געמאַכט, כּדי עמעצן, וואָס איז, ווײַזט אויס, געשטאַנען גאַנץ נאָענט הינטער דער טיר, צו זאָגן: „ער וויל, אַז אַנאַ זאָל אים ברענגען דאָס אָנבײַסן". אַ קליין געלעכטערל האָט זיך באַלד געלאָזט הערן פֿון צווייטן צימער. פֿון דעם לאַכן איז

נישט געווען קלאָר, צי דאָס לאַכט איינער אָדער גאָר עטלעכע מענטשן. כאָטש דער פֿרעמדער מאַן איז גאָרניט געוואָר געוואָרן, האָט ער דאָך — אין אַ טאָן פֿון אַ מעלדונג — אַ זאָג געטאָן צו ק.: „עס איז אוממעגלעך“. „דאָס איז עפּעס אַ נײַס“, האָט ק. אַ זאָג געטאָן, איז אויפֿגעשפּרונגען פֿון בעט און האָט גיך אַרויפֿגעצויגן די הויזן. „איך וויל אָבער פֿאָרט זען, וואָס פֿאַר אַ לײַט עס זענען דאָ אין שכנותדיקן צימער און ווי אַזוי די פֿרוי גרובאַך וועט פֿאַרענטפֿערן דעם אופֿן ווי מע באַגייט זיך מיט מיר“. ס'איז אים תּיכּף אײַנגעפֿאַלן, אַז ער האָט דאָס נישט געדאַרפֿט זאָגן הויך אויף אַ קול, ווײַל אויב אַזוי, הייסט עס, אַז ער האָט אָנערקענט דאָס רעכט פֿון דעם פֿרעמדן דאָ אַכטונג צו געבן. ער האָט עס אָבער איצט נישט באַטראַכט פֿאַר וויכטיק. סײַ ווי האָט עס דער פֿרעמדער אַזוי אויפֿגענומען, ווײַל ער האָט געזאָגט: „ווילט איר נישט בעסער דאָ בלײַבן?“ „נישט איך וויל דאָ בלײַבן און נישט איך וויל, אַז איר זאָלט בכלל רעדן צו מיר, כּל־זמן איר שטעלט זיך נישט פֿאָר פֿאַר מיר“. „די כּוונה איז אַ גוטע“, האָט אַ זאָג געטאָן דער פֿרעמדער און האָט איצט אַליין געעפֿנט די טיר. אין שכנותדיקן צימער, וווּ ק. איז איצט פּאַמעלעך אַרײַן, ווי ער האָט עס אַליין געוואָלט, האָט, אויפֿן ערשטן בליק, אַלץ אויסגעזען כּמעט ווי נעכטן. דאָס איז געווען דאָס וווינצימער פֿון דער פֿרוי גרובאַך. קען זײַן, אַז אין דעם דאָזיקן צימער — איבערגעלאָדן מיט מעבל, מיט דעקעס, מיט פּאָרצעלײַן און מיט פֿאָטאָגראַפֿיעס — איז הײַנט געווען אַ ביסעלע מער פֿרײַער פּלאַץ ווי געוויינטלעך. נישט־גרינג דאָס באַלד צו באַמערקן, נאָך שווערער צוליב דעם, ווײַל די עיקר־פֿאַרענדערונג איז, אייגנטלעך, באַשטאַנען בלויז אין דעם, וואָס בײַם אָפֿענעם פֿענצטער איז געזעסן אַ מאַן מיט אַן אויפֿגעמישטן בוך. יענער האָט אָקערשט אויפֿגעהויבן זײַן בליק. „איר האָט דאָך געדאַרפֿט בלײַבן אין אײַער צימער! האָט עס אײַך דען פֿראַנץ נישט געזאָגט?“ „יאָ, אָבער וואָס ווילט איר?“ האָט ק. געזאָגט און האָט אַ בליק געטאָן פֿון דעם נײַעם באַקאַנטן זײַנעם צום פּאַרשוין וואָס מע האָט אים אָנגערופֿן פֿראַנץ, וועלכער איז שטיין געבליבן אין דער טיר, און דערנאָך האָט ער ווידער אַ בליק געטאָן אויף צוריק. דורך דעם אָפֿענעם פֿענצטער האָט מען איצט ווידער געקענט באַמערקן די אַלטע פֿרוי. מיט אמתער זקנישער נײַגעריקייט איז זי אַצינד צוגעגאַנגען צום אַנטקעגנדיקן פֿענצטער, כּדי אויך ווײַטער אַלץ צו זען: „איך וויל דאָך רעדן מיט דער פֿרוי גרובאַך“, האָט ק. געזאָגט און געמאַכט אַזאַ באַוועגונג, ווי ער וואָלט זיך אַ ריס געטאָן פֿון די צוויי מענער. זיי זענען אָבער געשטאַנען ווײַט פֿון אים און האָבן ווי געוואָלט אַוועקגיין. „ניין“, האָט אַ זאָג געטאָן דער מאַן בײַם פֿענצטער; ער האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס בוך אויפֿן טישל און איז אויפֿגעשטאַנען. „איר טאָרט נישט אַוועקגיין, איר זענט אַרעסטירט“. „עס זעט אַזוי אויס“, האָט ק. געזאָגט. „און פֿאַר וואָס אייגנטלעך?“ האָט ער שפּעטער אַ ביסל אַ פֿרעג געטאָן. „נישט צוליב דעם זענען מיר דאָ, אײַך דאָס צו זאָגן. גייט אַרײַן אין אײַער צימער און וואַרט. דער ענין איז אײַנגעפֿעדעמט, און איר וועט אַלץ געוואָר ווערן אין דער ריכטיקער צײַט. איך טו שוין סײַ ווי מער ווי איך מעג,

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אַז איך רעד בכלל צו אײַך אַזוי פֿרײַנדלעך. אָבער איך האָף, אַז קיין מענטש הערט עס נישט, חוץ פֿראַנץ. און ער איז אויך, קעגן אַלע רעגולאַציעס, פֿרײַנדלעך צו אײַך. אויב איר וועט אויך ווײַטער האָבן אַזויפֿל מזל, ווי איר האָט מיט אײַערע וועכטער, מעגט איר זײַן גאַנץ האָפֿערדיק". ק. האָט זיך געוואָלט אַוועקזעצן, אָבער דאָ האָט ער געזען, אַז עס איז נישטאָ ווו צו זיצן אין צימער, סײַדן אויף דעם בענקל בײַם פֿענצטער. "איר וועט נאָך אויסגעפֿינען, ווי אמת דאָס אַלץ איז", האָט געזאָגט פֿראַנץ און איז גלײַכצײַטיק מיט דעם אַנדערן מאַן צוגעגאַנגען צו אים. דער צווייטער איז געווען היפּשלעך העכער פֿון ק. און האָט אים פֿון צײַט צו צײַט געקלאַפּט איבער דער פּלייצע.ביידע האָבן אַ טאַפּ געטאָן ק.׳ס נאַכט־העמד און האָבן געזאָגט, אַז ער וועט איצט מוזן אָנטאָן אַ סך אַן ערגער העמד. זיי וועלן אָבער אָפּהיטן דאָס דאָזיקע העמד און אויך זײַן איבעריקע וועש. און אויב זײַן ענין וועט זיך גוט ענדיקן, וועלן זיי אים ווידער דאָס אַלץ צוריקגעבן. "עס איז בעסער, איר זאָלט די זאַכן איבערלאָזן אונדז און נישט אַוועקגעבן אין דער לאַגער־קאַמער", האָבן זיי געזאָגט. "דאָרט קומען גאַנץ אָפֿט פֿאָר גנבֿהלעך. חוץ דעם פֿאַרקויפֿט מען דאָרט אַלע זאַכן נאָך אַ געוויסער צײַט, נישט נעמענדיק אין אַכט, צי דער פּראָצעס איבערן באַשולדיקטן איז שוין געענדיקט, אָדער ניט־געענדיקט. און ווי לאַנג עס דויערן נאָך דערצו אַזעלכע מיני פּראָצעסן, דער עיקר אין דער לעצטער צײַט! סוף־כּל־סוף וועט איר פֿון דער לאַגער־קאַמער באַקומען נאָר דאָס אָפּגעלייזטע געלט. אָבער ערשטנס, איז דאָס אָפּגעלייזטע געלט סײַ ווי סײַ ווינציק, מחמת בײַם פֿאַרקויפֿן דעצידירט נישט די הייך פֿון אָנבאָט און נאָר די הייך פֿון אונטערקויף־געלט. חוץ דעם לערנט אונדז די דערפֿאַרונג, אַז אַזעלכע אָפּגעלייזטע געלטער ווערן עפּעס אײַנגעשרומפּן, איבערגייענדיק פֿון יאָר צו יאָר און פֿון האַנט צו האַנט". ק. האָט זיך קוים צוגעהערט צו די רייד. דאָס רעכט צו דיספּאָנירן איבער זײַנע זאַכן, וואָס ער האָט אפֿשר איצט נאָך געהאַט, האָט ער נישט צו הויך געשאַצט. אַ סך מער איז אים אין קאָפּ געלעגן קלאָר צו ווערן וועגן זײַן גאַנצער לאַגע. זײַענדיק מיט אָט די לײַט האָט ער דאָך אַפֿילו נישט געקענט ווי געהעריק אַלץ איבערטראַכטן. נאָך אַ מאָל און ווידער אַ מאָל, און אַזוי כּסדר, האָט דער אַנדערער וועכטער מיטן בויך פּשוט פֿרײַנדלעך אים געשטויסן. וועכטער — וואָס דען קענען זיי זײַן? גיט ער אָבער אַ קוק אַרויף, דערזעט ער אַ ביינערדיק פּנים מיט אַ שטאַרקער זײַטיק פֿאַרדרייטער נאָז, אַ פּנים וואָס פּאַסט לחלוטין גאָר נישט צו דעם גראָבן גוף. און דאָס פּנים פֿאַר־שטענדיקט זיך כּסדר, איבער אים אַריבער, מיט דעם אַנדערן וועכטער. וואָס זענען דען דאָס פֿאַר אַ מענטשן? וועגן וואָס רעדן זיי? צו וואָס פֿאַר אַן אַמט געהערן זיי? ק. לעבט דאָך אין אַ געזעצלעכער מלוכה. אומעטום הערשט שלום. אַלע געזעצן ווערן אָפּגעהיט. ווער זשע וואַגט עס זיך אָנצופֿאַלן אויף אים אין זײַן דירה? ער האָט אַלע מאָל געהאַט אַ נטיה אַלץ אויפֿצונעמען ווי ווײַט מעגלעך פֿון דער לײַכטער זײַט און דאָס ערגסטע צו גלייבן ערשט דעמאָלט, ווען מע האָט

שוין טאַקע בײַ דעם. ס'איז נישט אין זײַן טבֿע געווען זיך צו זאָרגן פֿאַר דער צוקונפֿט, אַפֿילו ווען אַלץ אַרום האָט שוין אָנגעוואָרפֿן אַ שרעק. דאָ אָבער האָט עס עפּעס נישט געשטימט. עס איז אמת, אַז מע קען דאָס גאַנצע אָננעמען ווי אַ שפּאַס — אַ גראָבן, געמיינעם שפּאַס, וואָס עס שפּילן אים אָפּ ווער ווייסט צוליב וואָס פֿאַר אַ סיבות — זײַנע קאָלעגן פֿון דער באַנק, מחמת הײַנט איז זײַן דרײַ־סיקסטער געבוירן־טאָג. אוודאי איז דאָס מעגלעך. אפֿשר דאַרף ער גאָר אויף אַ וועלכן ס'איז אופֿן אַ לאַך טאָן אין פּנים פֿון אָט די וועכטער און זיי וועלן מיטלאַכן. אפֿשר זענען דאָס גאָר צוויי ווינער „דינסטמענער" פֿון ערגעץ אַן עקגאַס דאָ אַרום. זיי זענען טאַקע נישט ענלעך צו אַזעלכע לײַט. פֿונדעסטוועגן איז ער דאָס מאָל — באַלד פֿון ערשטן אָנבליק פֿון דעם וועכטער פֿראַנץ — אַנטשלאָסן געווען נישט אַרויסצולאָזן פֿון האַנט אַפֿילו דעם קלענסטן שאַנס לטובֿת זיך, וואָס ער האָט נאָך אפֿשר לגבי די דאָזיקע חבֿרה־לײַט. אין דעם, אַז אפֿשר וועט מען שפּעטער זאָגן, אַז ער פֿאַרשטייט נישט קיין שפּאַס, האָט ער קיין גרויסע סכּנה פֿאַר זיך נישט געזען. פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך אַצינד דערמאָנט — כאָטש עס איז נישט זײַן טבֿע געווען צו לערנען פֿון דערפֿאַרונגען — אין עטלעכע, פֿאַר זיך אַליין נישטיקע אָבער פֿאָרט שײַכותדיקע געשעענישן. דעמאָלט האָט ער נישט, ווי זײַנע לרובֿ מיושבֿדיקע פֿרײַנד, זיך טאַקע נישט פֿאַראַכטיק באַנומען אָן אַ מינדסטער אָנונג פֿון שווערע קאָנסעקווענצן. און דער סוף איז טאַקע געווען, אַז ער האָט באַקומען זײַן שטראָף. זאָל זשע עס טאַקע קיין מאָל נישט ווידער געשען. לכּל־הפּחות נישט דאָס איצטיקע מאָל. נאָר אויב עס איז אַ קאָמעדיע — וויל ער מיטשפּילן.

דערווײַל איז ער נאָך פֿרײַ. „זײַט אַזוי גוט", האָט ער אַ זאָג געגעבן און האָט גיך אַ שפּאַן געטאָן צווישן די וועכטערס אין דער ריכטונג פֿון זײַן צימער. „ער האָט שׂכל", האָט ער געהערט ווי מע זאָגט הינטער אים. אין זײַן צימער האָט ער גלײַך אַ רײַס אויף געטאָן די שופֿלאָדן פֿון שרײַבטיש. אַלץ איז דאָרט געלעגן אין דער בעסטער אָרדענונג. אָבער פּונקט יענע לעגיטימאַציע־פּאַפּירן, וואָס ער האָט איצט געזוכט, האָט ער אין דער אויפֿרעגונג נישט באַלד געקענט געפֿינען. ענדלעך האָט ער אָנגעטראָפֿן זײַן ציקליסטן־לעגיטימאַציע און האָט זיך שוין פֿאַרמאָסטן אַרויסצוגיין צו די וועכטערס מיט איר. ער האָט אָבער באַלד דערפֿילט, אַז אַזאַ פּאַפּיר איז צו נישטיק, און ער האָט ווײַטער געזוכט, ביז ער האָט געפֿונען זײַן געבוירן־דאָקומענט. ווי נאָר ער איז ווידער אַרײַנגעקומען אין שכנותדיקן צימער, האָט זיך פּונקט אָן עפֿן געטאָן די טיר פֿון קעגן איבער, און פֿרוי גרובאַך האָט זיך פֿון דאָרט פֿאַרמאָסטן אַרײַנצוקומען. בלויז אַ רגע האָט מען זי געזען. ווי נאָר זי האָט, ווײַזט אויס, דערקענט ק., איז זי גאַנץ אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ פֿאַר־לעגנהייט; זי האָט געבעטן איר מוחל צו זײַן און איז תּיכף נעלם געוואָרן. דערצו האָט זי נאָך זייער פֿאָרזיכטיק פֿאַרשלאָסן די טיר. „קומט אַרײַן", האָט נאָך ק. באַוויזן אַ זאָג צו טאָן. ער איז איצט געשטאַנען אין דער מיט פֿון צימער מיט אַלע זײַנע פּאַפּירן. ער האָט נאָך איין מאָל אַ קוק געטאָן אויף דער טיר, וואָס

האָט זיך אָבער מער נישט געעפֿנט. ערשט אַ רוף פֿון די וועכטערס האָט אים פּלוצעם אויפֿגעטרייסלט. זיי זענען געזעסן בײַם טישעלע בײַם אָפֿענעם פֿענצטער און ק. האָט עס איצט ערשט באַמערקט — אַז זיי האָבן אויפֿגעגעסן זײַן אָנבײַסן. „פֿאַר וואָס איז זי נישט אַרײַנגעקומען?‟ האָט ער געפֿרעגט. „זי טאָר נישט‟, האָט געזאָגט דער היכער וועכטער. „איר זענט דאָך אַרעסטירט‟. „ווי אַזוי קען איך זײַן אַרעסטירט? און נאָך אויף אַזאַ אופֿן?‟ „נו, איצט הייבט איר שוין ווידער אָן‟, האָט געזאָגט דער וועכטער און האָט אַרײַנגעטונקען זײַן ברויט מיט פּוטער אין האָניק־פּעסעלע. „אויף אַזעלכע קשיות ענטפֿערן מיר נישט‟. „איר וועט מוזן אויף זיי ענטפֿערן‟, האָט ק. געזאָגט. „אָט אָ דאָ זענען מײַנע לעגיטי־מאַציע־פּאַפּירן. ווײַזט מיר אײַערע! און קודם־כּל דעם אַרעסט־באַפֿעל‟. „אַ, ליבער גאָט אין הימל!‟ האָט געזאָגט דער וועכטער. „ווי אַזוי קענט איר זיך דאָס נישט אַרײַנפּאַסן אין אײַער סיטואַציע. און דערצו האָט איר זיך אָן אַ שום סיבה פֿאַרלייגט אונדז צו רייצן. אונדז — וואָס מסתּמא זענען מיר איצט לגבי אײַך די נאָענטסטע פֿון אַלע אײַערע מיטמענטשן‟. „עס איז אַזוי, איר מעגט עס גלייבן‟, האָט געזאָגט פֿראַנץ. ער האָט דאָס שעלעכל מיט קאַווע, וואָס ער האָט אין דער האַנט געהאַלטן, נישט צוגעטראָגן צום מויל, נאָר ער האָט אָנגעקוקט ק. מיט אַ לאַנגן, און אַ סך זאָגנדיקן, אָבער אומפֿאַרשטענדלעכן בליק. נישט־ווילנדיק האָט זיך ק. אַרײַנגעלאָזט אין אַ שמועס דורך בליקן מיט פֿראַנצן. פּלוצלינג האָט ער אָבער אַ קלאַפּ געטאָן איבער זײַנע פּאַפּירן און אַ זאָג געגעבן: „אָט אָ דאָ זענען מײַנע לעגיטימאַציע־פּאַפּירן‟. „וואָס זשע גייען זיי אונדז אָן?‟ האָט איצט דער היכער וועכטער זיך אָנגערופֿן. „איר פֿירט זיך אויף ערגער ווי אַ קינד. וואָס ווילט איר דען? ווילט איר אויף דעם אופֿן אײַער גרויסן, פֿאַרשאָלטענעם פּראָצעס ברענגען צו אַ גיכן סוף? אָט אַזוי אַ, מיט אײַער אַמפּערן זיך מיט די וועכטערס איבער די לעגיטימאַציעס און איבער דעם אַרעסט־באַפֿעל? מיר זענען נידעריקע אָנגעשטעלטע, וואָס פֿאַרשטייען גאַנץ ווייניק אין אַ לעגיטימאַציע־פּאַפּיר. און מיט אײַער ענין האָבן מיר נאָר אויף אַזויפֿל שײַכות, וואָס מיר דאַרפֿן צען שעה אַ טאָג האַלטן וואַך בײַ אײַך. פֿאַר דעם צאָלט מען אונדז. דאָס איז אַלץ, וואָס מיר זענען. פֿונדעסטוועגן זענען מיר גענוג פֿעיִק צו באַנעמען, אַז די היכע אַמטן, וואָס מיר דינען בײַ זיי, לאָזן זיך קודם־כּל גאַנץ גענוי אינפֿאָרמירן סײַ וועגן די סיבות פֿון אַרעסט און סײַ וועגן דער פּערזאָן וואָס מע האַלט בײַ אַרעסטירן, אײדער זיי הייסן אַזאַ אַרעסט דורכפֿירן. דאָ זענען קיין טעותים נישטאָ. אונדזער אַמט, אויף וויפֿל איך קען אים, און קענען קען איך נאָר די נידעריקסטע שטאַפּלען, זוכט נישט קיין סתּם פֿאַרברעכנס אין דער באַפֿעלקערונג. אונדזער אַמט ווערט, ווי עס זאָגט זיך אין געזעץ, צוגעצויגן דורך די פֿאַרברעכנס און מוז אונדז, וועכטערס, שיקן. דאָס איז געזעץ, ווו קען דאָ זײַן אַ טעות?‟ „דאָס דאָזיקע געזעץ קען איך נישט‟, האָט ק. געזאָגט. „אויב אַזוי, איז נאָך ערגער פֿאַר אײַך‟, האָט געזאָגט דער וועכטער. „דאָס עקסיסטירט נאָר אין אײַערע קעפּ‟, האָט ק. געזאָגט. ער האָט זיך אויף עפּעס אַן אופֿן געוואָלט אַרײַנכאַפּן אין די געדאַנקען פֿון די

וועכטערס און אויך זיי משפיע זײַן פֿאַר זײַן טובֿה וועגן, אָדער דאַרט זיך כאָטש אַ ביסל אײַנצופּעסטיקן. אָבער דער וועכטער האָט נאָר צוריקגעוויזן: „מע וועט עס אײַך שוין לאָזן פֿילן". פֿראַנץ האָט זיך אַרײַנגעמישט און געזאָגט: „זעסט, ווילעם, ער גיט צו, אַז ער קען נישט דאָס געזעץ און אין דער זעלבער צײַט באַהויפּט ער, אַז ער איז ריין פֿון שולד". „ביסט גאַנץ גערעכט, אָבער אים קען מען גאָרנישט אויפֿקלערן", האָט געזאָגט דער אַנדערער. ק. האָט מער גאָרנישט געענטפֿערט; מוז איך דען זיך לאָזן נאָך מער צעמישן דורך דעם געפּלאַפּל פֿון די דאָזיקע נידעריקסטע נפֿשות? זיי גיבן דאָך אַליין צו, אַז זיי זענען עס. אויף יעדן פֿאַל איז קלאָר, אַז זיי רעדן וועגן ענינים, וואָס זיי פֿאַרשטייען לחלוטין נישט. און זייער זיכערקייט איז נאָר מעגלעך צוליב זייער טיפּשות. אַ פּאָר ווערטער, גערעדט מיט אַ מענטש פֿון מײַנס אַ גלײַכן, וועט אַלץ אָן אַ שיעור מער אויפֿקלערן, ווי די לענגסטע וויכּוחים מיט אָט אַ די אָ. עטלעכע מאָל איז ער געגאַנגען אַהין און צוריק אינעם פֿרײַען שטח פֿון צימער. אַריבערן וועג האָט ער געזען די אַלטע פֿרוי, וואָס האָט נאָך אַ סך אַן עלטערן זקן געשלעפּט צום פֿענצטער און אים געהאַלטן אַרומגענומען. ק. האָט געמוזט מאַכן אַ סוף מיט אָט דעם שפּיל: „פֿירט מיך צו אײַער שעף", האָט ער געזאָגט. „אַז ער וועט עס באַגערן; נישט פֿריִער", האָט געזאָגט דער וועכטער, וואָס מע האָט אים גערופֿן ווילעם. „און איצט גיב איך אײַך אַן עצה", האָט ער צוגעגעבן, „גייט אַרײַן אין אײַער צימער, באַנעמט זיך רויק און וואַרט אָפּ, וואָס מע וועט מכּוח אײַך באַשליסן. מיר עצהן אײַך, פֿאַרטרײַבט נישט אײַער אומעט מיט נוצלאָזע מחשבֿות. אַדרבה, נעמט זיך צונויף, גרויסע זאַכן וועלן געפֿאָדערט ווערן פֿון אײַך. איר האָט אונדז נישט אַזוי באַהאַנדלט ווי מיר האָבן זיך פֿאַרדינט מיט אונדזער כּסדרדיקן אַנטקעגנקומען אײַך. איר האָט פֿאַרגעסן, אַז: מעגן מיר זײַן וואָס מיר זאָלן נישט זײַן, קעגן אײַך, און אַצינד, זענען מיר לכל־הפּחות פֿרײַע מענטשן. און דאָס איז נישט קיין קליינע מעלה. פֿונדעסטוועגן, אויב איר האָט געלט, זענען מיר גרייט צו ברענגען אײַך פֿון אַנטקעגנדיקן קאַפֿעהויז אַ קליין אָנבײַסן".

נישט ענטפֿערנדיק אויף דעם אָנבאָט, איז ק. לאַנג שטיל געשטאַנען. אפֿשר וועלן אים די צוויי — אַז ער וועט עפֿענען די טיר פֿון צווייטן צימער, אָדער אַפֿילו בלויז די טיר פֿון פֿאָדערצימער — גאָר נישט וואָגן אָפּצוהאַלטן. אפֿשר וואָלט גאָר דאָס געווען די פּשוטסטע לייזונג פֿון דעם גאַנצן ענין: צופֿירן עס ממש צו אַ שפּיץ מעסער. אָבער אפֿשר וועלן זיי אים דאָך פּאַרט אַ כאַפּ טאָן, און אַז מען וועט אים איין מאָל אַנידערוואַרפֿן, וועט אויך תּיכּף יעדער אייבערהאַנט איבער זיי פֿאַרלוירן גיין. און איצט האָט ער זי דאָך נאָך אין אַ געוויסער מאָס. דעריבער האָט ער זיך בעסער באַשלאָסן אויף אַ מער זיכערער לייזונג, וואָס דער נאַטירלעכער גאַנג מוז זי ברענגען. ער איז צוריקגעגאַנגען אין זײַן צימער, און, נישט אַרויסגעלאָזט אַ וואָרט פֿון מויל. אויך מצד די וועכטערס איז קיין ווײַטערדיק וואָרט נישט געפֿאַלן.

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

ער האָט זיך אַ וואָרף געטאָן אויף זײַן בעט און האָט גענומען פֿון וואַשטיש דעם שײנעם עפּל, וואָס ער האָט זיך נעכטן צוגעגרייט פֿאַרן אָנבײַסן. איצט איז דער עפּל געווען דאָס גאַנצע אָנבײַסן זײַנס. באַלד בײַם ערשטן גרויסן אַרײַנבײס האָט ער זיך אַליין פֿאַרזיכערט, אַז אַט דאָס אָנבײַסן איז אַ סך בעסער ווי עס וואָלט געווען דאָס ביסל עסן, וואָס ער וואָלט באַקומען דורך דעם חסד פֿון די וועכטערס פֿון אַנטקעגנדיקן שמוציקן נאַכטקאַפֿע. ער האָט זיך געפֿילט גוט און האָפֿערדיק. אין דער באַנק האָט ער הײַנט טאַקע די אַרבעט פֿאַרשפּעטיקט, אָבער דאָס וועט ער, אַ מענטש וואָס פֿאַרנעמט אַ לפֿי ערך הויכן פּאָסטן, גרינג פֿאַרענטפֿערן. זאָל ער זיך פֿאַרענטפֿערן מיט דעם אמתן אמת? ער האָט בדעה געהאַט טאַקע אַזוי צו טאָן. אויב מע וועט אים נישט גלייבן, וואָס אין דעם פֿאַל וועט עס זײַן פֿאַרשטענדלעך, קען ער דאָך די פֿרוי גרובאַך נעמען פֿאַר אַן עדות. אָדער אַפֿילו די בײדע זקנים פֿון אַנטקעגן, וואָס גייען מסתּמא איצט צו צום אַנטקעגנדיקן פֿענצטער. עס האָט ק. געוווּנדערט; געוווּנדערט לכל־הפּחות אויפֿן געדאַנקען־גאַנג פֿון די וועכטערס, למאַי זיי האָבן אים אַרײַנגעטריבן אין צימער און האָבן אים דאָ אַליין געלאָזט. דאָ האָט ער דאָך ממש אַ טוץ געלעגנהייטן זיך דאָס לעבן צו נעמען. אין דער זעלבער צײַט האָט ער זיך געפֿרעגט, און דאָס מאָל פֿון זײַן אײגענעם געדאַנקען־גאַנג אַרויס, וואָס פֿאַר אַ סיבה וואָלט ער דען געקענט האָבן אַזאַ זאַך צו טאָן. אפֿשר צוליב דעם, ווײַל די צוויי זיצן דאָ אַ דערבײַ, און זיי האָבן אויסגעכאַפּט זײַן אָנבײַסן? עס וואָלט אַזוי אומזיניק געווען זיך דאָס לעבן צו נעמען, אַז ער וואָלט — אַפֿילו ווען ער וואָלט עס וועלן טאָן — נישט אין שטאַנד געווען עס אויסצופֿירן. טאַקע מחמת דער אומזיניקייט. וואָלט די גײַסטיקע צוריקגעשטאַנענקייט פֿון די וועכטער נישט געווען אַזוי אויפֿפֿאַלנדיק, וואָלט מען אַפֿילו געקענט אָננעמען, אַז אויך זיי האָבן, צוליב דער זעלבער איבער־צײַגונג, נישט געזען אין דעם קיין שום סכּנה אים צו לאָזן אַליין. זיי קענען איצט, אויב זיי וואָלטן עס נאָר געוואָלט, צוקוקן ווי ער גייט צו צו אַ וואַנט־שענקל, ווו ער האַלט אַלע מאָל אַ גוט ביסל משקה, ווי ער קערט איבער אַ גלעזעלע שנאַפּס, קודם־כּל צו פֿאַרגיטיקן זיך דעם נישט־געגעסענעם אָנבײַסן, און ווי ער באַשטימט דאָס צווייטע גלעזעלע אויף צו מאַכן זיך מער קוראַזש. דאָס אַנדערע טוט ער נאָר צוליב פֿאָרזיכטיקייט, אויב דאָס אוממעגלעכע וואָלט געשען און עס וואָלט נייטיק געווען.

מיט אַ מאָל — אַ רוף פֿון שכנותדיקן צימער און אַזאַ פּחד איז אים באַפֿאַלן, אַז די ציין האָבן אַזש אַ קלאַפּ געטאָן אויפֿן קאַנט פֿון גלעזל. „דער אויפֿזעער רופֿט אײַך!" עס איז נאָר געווען דאָס געשריי, וואָס האָט אויף אים אַזאַ פּחד אָנגעוואָרפֿן. אָט אָ דאָס קורצע, אָפּגעהאַקטע, מיליטערישע געשריי. ער וואָלט עס קיין מאָל נישט צוגעשריבן צום וועכטער פֿראַנץ. דער באַפֿעל אַליין איז אים גראָד געווען צום האַרצן. „סוף־כּל־סוף!" האָט ער צוריקגערופֿן, האָט פֿאַרמאַכט דאָס וואַנט־שענקל און איז מאָמענטאַל אַרויסגעלאָפֿן אין שכנותדיקן צימער.

דאָרט זענען געשטאַנען די צווי וועכטער און האָבן אים תּיכּף צוריקגעיאָגט אין צימער אַרײַן, אָט אַזוי ווי דאָס וואָלט געווען גאַנץ נאַטירלעך. „וואָס פֿאַלט אײַך אײַן?“ האָבן זיי געררופֿן. „אין בלויזן העמד ווילט איר זיך באַווײַזן פֿאַרן אויפֿזעער? ער וועט אײַך לאָזן אָפּשמײַסן און אונדז מיט אײַך צוזאַמען!“ „לאָזט מיך אָפּ צו אַל די רוחות!“ האָט ק. אויסגערופֿן, בשעת ער איז שוין צוריקגעשטופּט געוואָרן אַזוי ווײַט ווי ביז צו זײַן קליידער־שאַפֿע, „אַז מע באַפֿאַלט מיך אין בעט, קען מען נישט דערוואַרטן, אַז מע וועט מיך געפֿינען אין אַ יום־טובֿדיקן אָנצוג.“ „עס העלפֿט גאָרנישט“, האָבן געזאָגט די וועכטערס. אַלע מאָל, אַז ק. האָט געשריגן, זענען זיי געוואָרן זייער רויִק, יאָ, כּמעט אַפֿילו אומעטיק. דורך דעם האָבן זיי אים צעטומלט. אָבער דורך דעם איז ער אויך אין אַ געוויסער מאָס געקומען צו זיך. „קאָמישע צערעמאָניעס!“ האָט ער נאָך אונטערגעברומט, אָבער אין דער אייגענער רגע האָט ער שוין אויפֿגעהויבן אַ רעקל פֿון שטול און האָט עס אַ ווײַל געהאַלטן אין בײדע הענט, אָט אַזוי ווי ער וואָלט עס אויסגעשפּרייט פֿאַר די וועכטער מכּוח זייער הסכּמה. זיי האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ. „עס מוז זײַן אַ שוואַרצער ראָק“, האָבן זיי געזאָגט. ק. האָט אַ וואָרף געטאָן דאָס רעקל אויף דער ערד און האָט געזאָגט — ער האָט אַליין נישט געוווּסט, צוליב וואָס פֿאַר אַ זינען ער האָט עס געזאָגט: „ס'איז דאָך נאָך נישט די הויפּט־פֿאַרהאַנדלונג“. די וועכטערס האָבן געשמייכלט, פֿונדעסטוועגן זענען זיי פֿון זייערס נישט אָפּגעטראָטן: „עס מוז זײַן אַ שוואַרצער ראָק“. „אויב איך וועל דורך דעם צואײַלן דעם ענין, זאָל זײַן אַזוי, איז מיר רעכט“, האָט ק. געזאָגט, האָט אַליין געעפֿנט די קליידער־שאַפֿע, לאַנג גענישטערט צווישן דער מאַסע בגדים, אויסגעקליבן דעם בעסטן שוואַרצן ראָק, אַ זשאַקעט, וואָס האָט אַ מאָל נישט־ווייניק פֿוראָר געמאַכט צווישן די באַקאַנטע צוליב זײַן טאַליע. ער האָט אויך אַן אַנדער העמד אַרויסגעצויגן און האָט זיך גאַנץ זאָרגעוודיק אָנגעהויבן אָנצוטאָן. בסוד־סודות האָט ער געגלייבט, אַז ער האָט דערגרייכט אַ פֿאַרגיכערונג פֿון דעם גאַנצן ענין דערמיט, וואָס די וועכטערס האָבן פֿאַרגעסן צו צווינגען אים צו נעמען אַ באָד. ער האָט זיי אָבסערווירט — צי וועלן זיי זיך אפֿשר פֿאָרט אין דעם דערמאָנען, אָבער דאָס איז זיי, ווי ווײַזט אויס, גאָרנישט אײַנגעפֿאַלן. אַנטקעגן דעם האָט אָבער ווילעם נישט פֿאַרגעסן צו שיקן פֿראַנצן צום אויפֿזעער מיט דער מעלדונג, אַז ק. טוט זיך אָן.

אַז ער איז שוין אין גאַנצן אָנגעטאָן געווען, האָט ער געמוזט, נאָענט צו ווילעמען — דורך דעם פּוסטן שכנותדיקן צימער — גיין אין צווייטן צימער אַרײַן. דאָרט זענען שוין בײדע טיר־פֿליגלען געווען געעפֿנט. דאָס דאָזיקע צימער, האָט ק. גענוי געוווּסט, זינט נישט־לאַנג צוריק האָט דאָ געוווינט פֿרײַלין בירסטנער, אַ מאַשין־שרײַבערין. זייער פֿרי פֿלעגט זי גיין צו דער אַרבעט און שפּעט פֿלעגט זי אַהיימקומען. מער ווי אַ באַגריסונגס־וואָרט האָט ק. מיט איר קיין מאָל נישט איבערגעביטן. איצט איז דאָס נאַכטטישל פֿון איר בעט אַרויסגערוקט געווען אין דער מיט פֿון צימער; עס האָט איצט געדינט ווי אַ מין אַמטטיש אין אַ געריכט.

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

און דער אויפֿזעער איז געזעסן הינטער דעם טיש. די פֿיס האָט ער געהאַט אַריבערגעוואָרפֿן אײנעם איבערן אַנדערן, און אײן אָרעם האָט ער אַוועקגעלײגט אויף דעם רוקן־אָנשפּאַר פֿון שטול.

אין אײנעם פֿון די ווינקלען פֿון צימער זענען געשטאַנען דרײַ יונגעלײַט און האָבן באַטראַכט די פֿאָטאָגראַפֿיעס פֿון פֿרײַלין בירסטנער. די בילדער האָבן געשטעקט אין אַ פּאַפּיר־רעמל וואָס איז געהאַנגען אויף דער וואַנט. אויף דעם מעשענעם הענטל פֿון אָפֿענעם פֿענצטער איז געהאַנגען אַ ווײַסע בלוזע. אין אַנטקעגנדיקן פֿענצטער זענען שוין ווידער געווען אויפֿן פּאַראַפּעט אָנגעשפּאַרט די צוויי אַלטע לײַט; זײער געזעלשאַפֿט האָט זיך אַפֿילו פֿאַרגרעסערט. הינטער זײ — אַ סך העכער און אַ סך גרעסער פֿון זײ — איז געשטאַנען אַ מאַן, וואָס זײַן העמד איז אָפֿן געווען אויף דער ברוסט. ער האָט געהאַט אַ רויטלעך שפּיצבערדל און ער האָט עס געקוועטשט און געדרײט צווישן זײַנע פֿינגער. „יאָזעף ק.?" האָט דער אויפֿזעער געפֿרעגט, אפֿשר נאָר צוליב דעם, אַז ער זאָל די צערודערטע בליקן פֿון ק. אויף זיך אַריבערציִען. ק. האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ. „זיכער זענט איר מיט די פּאַסירונגען פֿון הײַנטיקן פֿרימאָרגן זײער פֿאַרוווּנדערט?" האָט געפֿרעגט דער אויפֿזעער. דערבײַ האָט ער געטאָן אַ רוק איבער מיט בײדע הענט די פּאָר זאַכעלעך, וואָס זענען געלעגן אויפֿן נאַכטטישל — דאָס סטעאַרין־ליכט און די שוועבעלעך, אַ בוך און אַ נאָדל־קישעלע. ער האָט עס אַזוי געטאָן, ווי דאָס וואָלטן געווען מכשירים, וואָס ער דאַרף האָבן צו דער פּראָצעדור פֿון פּראָצעס. „אַוודאי", האָט ק. געזאָגט, און דאָס גוטע געפֿיל, אַז סוף־כּל־סוף שטײט ער פּנים־אל־פּנים מיט אַ שׂכלדיקן מענטש, און ער קען מיט אים רעדן וועגן זײַנע ענינים, האָט אים אַרומגעכאַפּט. „אַוודאי, איך בין איבערראַשט, אָבער איך בין בשום אופֿן נישט זײער איבערראַשט". „נישט זײער איבערראַשט?" האָט געפֿרעגט דער אויפֿזעער און האָט פּונקט אַצינד אַוועקגעשטעלט דאָס לײַכטערל אויפֿן מיטן פֿון טיש. די אַנדערע זאַכעלעך האָט ער גענומען אַרומלײגן אַרום דעם לײַכטערל. „איר פֿאַרשטײט מיך אפֿשר שלעכט", האָט ק. זיך צוגעאײַלט צו באַמערקן. „איך מײן", האָט דאָ ק. זיך אַלײן איבערגעריסן און האָט זיך אַרומגעקוקט נאָך אַ שטול. „איך קען זיך דאָ זעצן?" האָט ער געפֿרעגט. „עס פֿירט זיך נישט", האָט געענטפֿערט דער אויפֿזעער. „איך מײן", האָט איצט ק. געזאָגט אָן שום ווײַטערדיקן אָפּשטעל, „אַוודאי בין איך זײער איבערראַשט, אָבער אַז מע איז שוין דרײַסיק יאָר אויף דער וועלט און מע האָט זיך דאָס גאַנצע לעבן אַלײן געמוזט דורכשלאָגן, ווי עס איז געווען מײַן מזל, יאָ, אין אַזאַ פֿאַל איז מען שוין אַ ביסל פֿאַרהאַרטעוועט קעגן איבערראַשונגען. מע נעמט זײ נישט צו שווער. דער עיקר די הײַנטיקע — נישט". „פֿאַר וואָס באַזונדערס די הײַנטיקע נישט?" „איך וויל נישט זאָגן, אַז איך קוק אויף דעם גאַנצן ווי אויף אַ שפּאַס. דאָס קען איך נישט. די צוגרײטונגען זעען מיר אויס צו פֿאַרנעמיק, וועדליג אויף אַ שפּאַס. צוליב דעם וואָלטן אַלע מענטשן אין דעם פּאַנסיאָן געמוזט אָנטײל־נעמען, און אויך איר אַלע. דאָס וואָלט אַריבער די גרענעצן פֿון אַ שפּאַס. איך

ווײַל דעריבער נישט זאָגן, אַז עס איז אַ שפּאַס". „זייער ריכטיק", האָט געזאָגט דער אויפֿזעער, און האָט נאָכגעקוקט וויפֿל שוועבעלעך עס זענען נאָך געבליבן אין קעסטעלע. „צוריקגעשמועסט אָבער", האָט ק. ווײַטער גערעדט, און זיך געווענדט צו אַלע — ער וואָלט אַפֿילו גערן די דרײַ, וואָס בײַ די פֿאָטאָגראַפֿיעס, אויך אומגעקערט צו זיך צו — „צוריקגעשמועסט אָבער, קען די זאַך נישט זײַן פֿון גרויסער וויכטיקייט. איך נעם עס דערפֿון, וואָס איך ווער טאַקע פֿאַרקלאָגט, אָבער איך קען נישט געפֿינען דאָס מינדסטע פֿאַרברעכן, וואָס צוליב אים זאָל מען מיך טאַקע קענען פֿאַרקלאָגן. אָבער אויך דאָס איז אַ בײַזאַך. די עיקר־פֿראַגע איז: ווער פֿאַרקלאָגט מיך? וואָס פֿאַר אַן אַמט פֿירט דעם פּראָצעס? זענט איר באַאַמטע? קיינער פֿון אײַך טראָגט דאָך נישט קיין אוניפֿאָרם, אויב איינער וויל נישט אײַער אָנטאָן" — בײַ דעם וואָרט האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו פֿראַנצן — „אָנרופֿן אַן אוניפֿאָרם. אָבער עס איז דאָך שוין גיכער אַ רײַזע־אָנצוג. אין אָט די פֿראַגעס פֿאַרלאַנג איך קלאָרקייט. און איך בין איבערצײַגט, אַז אַזוי גיך ווי מיר וועלן נאָר דאָס דאָזיקע קלאָר מאַכן, וועלן מיר זיך האַרציק אַלע צעזעגענען". דער אויפֿזעער האָט אַ קלאַפּ געטאָן מיטן קעסטל שוועבעלעך איבערן טיש. „איר מאַכט אַ גרויסן טעות", האָט ער געזאָגט. „אָט אָ די צוויי הערן און איך זענען אָן שום באַטײַט אין אײַער ענין; דעם אמת אײַך צו זאָגן, ווייסן מיר אַפֿילו פֿון אים כמעט גאָרנישט. מיר וואָלטן געקענט טראָגן די סאַמע ריכטיקסטע אוניפֿאָרמען, אָבער אײַער ענין וואָלט צוליב דעם מיט אַ פּינטל אַפֿילו נישט ערגער געווען. איך קען אײַך אַפֿילו אויך בשום אופֿן נישט זאָגן, אַז איר זענט טאַקע פֿאַרקלאָגט. דעם גאַנצן אמת אײַך צו זאָגן: איך ווייס נישט, צי איר זענט עס. אַרעסטירט זענט איר, דאָס שטימט, מער ווייס איך נישט. אויב די וועכטערס האָבן עפּעס אַנדערש געפּלאַפּלט, איז עס טאַקע נישט מער ווי פּלאַפּלערײַ. און אויב איך ענטפֿער נישט אויף אײַערע פֿראַגעס, וועל איך אײַך אָבער פֿאָרט אַן עצה געבן: טראַכט ווייניקער וועגן אונדז און וועגן דעם, וואָס עס וועט מיט אײַך געשען, טראַכט ליבער מער אַרײַן וועגן זיך. און מאַכט נישט אַזאַ טומל מיט דעם געפֿיל פֿון אײַער אומשולדיקייט. עס מאַכט קאַליע דעם דווקא נישט צו שלעכטן אײַנדרוק פֿון אײַך בכלל. איר וואָלט אויך בכלל מיט אײַערע רייד געמעגט זיך אַ ביסל צוריקהאַלטן. כמעט אַלץ, וואָס איר האָט דאָ פֿריִער גערעדט, וואָלט מען סײַ ווי געקענט דרינגען פֿון אײַער באַנעמונג, אויב איר וואָלט נאָר אַ פּאָר געציילטע ווערטער געזאָגט. חוץ דעם איז עס בכלל נישט געווען צו פֿיל פֿאַר אײַער טובֿה וועגן".

ק. האָט געגלאָצט אויפֿן אויפֿזעער. דער מענטש איז אפֿשר ייִנגער פֿון אים און לערנט מיט אים ווי מיט אַ שילער אין אַ שולע. האָט מען אים פֿאַר זײַן אָפֿנהאַרציקער באַנעמונג געשטראָפֿט מיט אַ וואָרענונג? און וועגן דער סיבה פֿון אַרעסט און וועגן דעם, ווער האָט דאָס באַפֿוילן, דאַרף ער גאָרנישט געוואָר ווערן? ער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ מין צערודערונג. ער איז געגאַנגען אַהין און צוריק און מע האָט אים אין דעם נישט געשטערט. ער האָט צוריקגערוקט זײַנע

מאַנזשעטן און האָט באַטאַפּט דעם ברוסטקאַסטן. ער האָט צורעכטגעמאַכט די האָר אויפֿן קאָפּ, ער איז פֿאַרבײַגעגאַנגען די דרײַ הערן און האָט געזאָגט: „עס האָט דאָך נישט קיין זינען”. בײַ די ווערטער האָבן זיך די דרײַ צו אים אומגעדרייט. זיי האָבן אים העפֿלעך, אָבער ערנצט אָנגעקוקט. סוף־כּל־סוף האָט ער זיך ווידער אָפּגעשטעלט בײַם טיש פֿון אויפֿזעער. „דער אַדוואָקאַט האַסטערער איז מײַן גוטער פֿרײַנד”, האָט ער געזאָגט, „קען איך אים טעלעפֿאָנירן?” „אַוודאי”, האָט געזאָגט דער אויפֿזעער, „אָבער איך ווייס נישט, וואָס פֿאַר אַ שׂכל עס ליגט אין דעם. סײַדן איר האָט צו אים עפּעס אַ פּריוואַטן ענין, וואָס איר ווילט מיט אים אַרומרעדן”. „וואָס פֿאַר אַ שׂכל?” האָט ק. אויסגערופֿן, מער דערשלאָגן ווי בייזלעך. „ווער זענט איר דען? איר ווילט אַ שׂכל און איר שפּילט אויף אַ זאַך, וואָס האָט לחלוטין קיין שום זינען נישט? אַ שטיין וואָלט דאָ געקענט צעדרייט ווערן. קודם־כּל באַפֿאַלן זיי מיך, די הערן, און איצט זיצן זיי אָדער שטייען, דאָ אַרום און מאַכן מיך צום נאַר פֿאַר זייער פֿאַרגעניגן. אַ מין פֿראַגע דאָס איז, וואָס פֿאַר אַ שׂכל עס האָט צו טעלעפֿאָנירן צו אַן אַדוואָקאַט, בשעת איך בין — משמעות — אַרעסטירט? גוט, איך וועל נישט טעלעפֿאָנירן”. „אָבער יאָ”, האָט געזאָגט דער אויפֿזעער און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צום פֿאָדער־צימער, ווו דער טעלעפֿאָן איז געווען, „זײַט אַזוי גוט און טעלעפֿאָנירט”. „ניין, איך וויל מער נישט”, האָט ק. געזאָגט און איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער. אַנטקעגן איבער איז די חבֿרה נאָך אַלץ געווען בײַם פֿענצטער. עס האָט נאָר אויסגעזען, אַז דאָס צוקומען פֿון ק. צום פֿענצטער האָט זיי אַ ביסל פֿאַרשטערט דאָס צוקוקן זיך. די זקנים האָבן זיך געוואָלט אויפֿהייבן, אָבער דער מאַן הינטער זיי האָט זיי באַרויִקט. „דאָרט זענען אויך דאָ אַזעלכע צוקוקערס”, האָט ק. זיך אָנגערופֿן אויף אַ הויך קול צום אויפֿזעער און האָט אָנגעשטעלט דעם ווײַזפֿינגער צום דרויסן אַרויס. „אַוועק פֿון דאָרטן”, האָט ער באַלד אַ רוף געטאָן אַנטקעגן איבער. אַלע דרײַ זענען תּיכּף אַ פּאָר שריט צוריקגעטראָטן. די ביידע זקנים האָבן זיך געשטעלט נאָך ווײַטער הינטער דעם מאַן. ער האָט זיי כּמעט פֿאַרדעקט מיט זײַן ברייטן גוף, לויט די באַוועגונגען פֿון זײַן מויל האָט ער, ווײַזט אויס, עפּעס געזאָגט. אָבער צוליב דער ווײַטקייט האָט מען דעם זינען פֿון די רייד נישט געקענט כאַפּן. אין גאַנצן זענען זיי אָבער פֿאָרט פֿון פֿענצטער נישט אַוועק. משמעות, אַז זיי האָבן געוואַרט אויף דער רגע, אַז זיי זאָלן, נישט באַמערקטערהייט, זיך ווידער צום פֿענצטער דערנענטערן. „צודרינגלעכע, אומברחמנותדיקע לײַט!” האָט ק. געזאָגט, בשעת ער האָט זיך צוריק אומגעדרייט אין צימער אַרײַן. קען זײַן, אַז דער אויפֿזעער האָט אײַנגעשטימט מיט אים. ק. האָט זיך געדאַכט, אַז ער דערקענט עס לויט דעם זײַטנבליק וואָס ער וואַרפֿט אויף אים. אָבער עס האָט אויך פּונקט אַזוי גוט געקענט זײַן, אַז ער האָט זיך גאָר נישט צוגעהערט. ער האָט איין האַנט געהאַלטן פֿעסט צוגעדריקט צום טיש און עס האָט אויסגעזען, ווי ער האַלט אין פֿאַרגלײַכן די לענג פֿון זײַנע פֿינגער. די צוויי וועכטערס זענען געזעסן אויף אַ קופֿערט, באַדעקט מיט אַ שיינער פֿאַרביקער דעקע, און האָבן זיך געריבן די

קני. די דרײַ יונגעלײַט האָבן פֿאַרלייגט די הענט אויף די היפֿטן און זיך אַרום געקוקט אָן אַ שום ציל. עס איז שטיל געווען, ווי אין עפּעס אַ פֿאַרגעסענער קאַנצעלאַריע. „נו, מײַנע הערן“, האָט ק. זיך אָנגערופֿן. אַ רגע האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער טראָגט זיי אַלע אויף זײַנע אַקסלען. „קוקנדיק אויף אײַך, קען מען אָננעמען, אַז מײַן ענין איז פֿאַרענדיקט. לויט מײַן מיינונג וועט עס צום בעסטן זײַן נישט נאָכצוקלערן איבער דער באַרעכטיקונג אָדער נישט־באַרעכטיקונג פֿון אײַער באַנעמען זיך, און בעסער זיך איינער דעם אַנדערן דערלאַנגען די הענט און זיך מוחל זײַן, און אַן עק, אַ סוף. אויב אויך איר זענט מסכּים מיט מיר, איז פֿאַר וואָס נישט“, און ער איז צוגעגאַנגען צום טיש פֿון אויפֿזעער און האָט אים דערלאַנגט די האַנט. דער אויפֿזעער האָט אויפֿגעהויבן די אויגן, זיך געביסן די ליפּן און, געקוקט אויף ק.׳ס אויסגעשטרעקטער האַנט; ק. האָט נאָך אַלץ געמיינט, אַז דער אויפֿזעער וועט צוריקדערלאַנגען אַ האַנט. יענער איז אָבער אויפֿגעשטאַנען, האָט גענומען אין די הענט אַרײַן דעם קײַלעכדיקן האַרטן הוט, וואָס איז געלעגן אויפֿן בעט פֿון פֿרײַלין בירסטנער, און האָט אים פֿאָרזיכטיק און מיט בײדע הענט אָנגעטאָן, אָט אַזוי ווי מע טוט עס בײַם אָנמעסטן אַ נײַעם הוט. „ווי פּשוט אַלץ זעט אויס אין אײַערע אויגן!“ האָט ער דערבײַ געזאָגט צו ק. „מיר זאָלן זיך אַלע מוחל זײַן און מאַכן אַ סוף צום ענין, מיינט איר? ניין, ניין, דאָס גייט אויף אָן אמת נישט. דערמיט אָבער וויל איך בשום אופֿן נישט זאָגן, אַז איר דאַרפֿט אַרײַנפֿאַלן אין יאוש. ניין, פֿאַר וואָס טאַקע? איר זענט נאָר אַרעסטירט און מער גאָרנישט. דאָס האָב איך געדאַרפֿט אײַך מיטטיילן, דאָס האָב איך געטאָן און האָב געזען, ווי אַזוי איר האָט עס אויפֿגענומען. מיט דעם איז אויף הײַנט גענוג און מיר קענען זיך זעגענען; וואָס אַן אמת נאָר לעת־עתה. איר וועט דאָך מסתּמא איצט וועלן גיין אין באַנק?“ „אין באַנק?“ האָט ק. געפֿרעגט, „איך האָב דאָך געמיינט, אַז איך בין אַרעסטירט“. ק. האָט עס געפֿרעגט מיט אַ מין קידער־ווידער, ווײַל כאָטש זײַן אויסגעשטרעקטע האַנט איז נישט אָנגענומען געוואָרן, האָט ער זיך איצט געפֿילט, בעיקר זינט דער רגע וואָס דער אויפֿזעער איז אויפֿגעשטאַנען, אַלע מאָל מער און מער אומאָפּהענגיק פֿון אַלע די דאָזיקע לײַט. ער האָט זיך געשפּילט מיט זיי. ער האָט בדעה געהאַט, אויב זיי וועלן אַוועקגיין, נאָכצולויפֿן זיי ביז צום טויער פֿון הויז און פּשוט זיי אָנשלאָגן, זיי זאָלן אים אַרעסטירן. דעריבער טאַקע האָט ער נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט: „ווי קען איך גיין אין באַנק, אַז איך בין אַרעסטירט?“ „אַך, אַזוי“, האָט געזאָגט דער אויפֿזעער, וואָס איז שוין געווען בײַ דער טיר, „איר האָט מיך שלעכט פֿאַרשטאַנען. איר זענט אַרעסטירט, אַוודאי, אָבער דאָס דאַרף אײַך נישט שטערן ווײַטער זיך צו פֿאַרנעמען מיט אײַער פֿאַך. אויך זאָלט איר זיך בכלל נישט שטערן אין אײַער טאָג־טעגלעכן שטייגער לעבן“. „אויב אַזוי, איז דאָס אַרעסטירט־זײַן נישט אַזוי שלעכט“, האָט ק. געזאָגט און איז צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט צום אויפֿזעער. „איך האָב עס מיר קיין מאָל אַנדערש נישט פֿאָרגעשטעלט“, האָט דער אויפֿזעער געזאָגט. „מיר ווײַזט זיך אויס, אַז אין אַזאַ פֿאַל איז דאָך אַפֿילו די ידיעה וועגן דעם

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אַרעסט נישט זייער נייטיק געווען", האָט ק. געזאָגט און איז צוגעגאַנגען נאָך נענטער. אויך די אַנדערע האָבן זיך דערנענטערט. אַלע זענען איצט פֿאַרזאַמלט געווען אויף אַן ענג שטיקל אָרט בײַ דער טיר. „אַזוי איז מײַן חוב געווען צו טאָן", האָט געזאָגט דער אויפֿזעער. „אַ נאַרישער חוב", האָט ק. געזאָגט מיט עקשנות. „קען זײַן", האָט געענטפֿערט דער אויפֿזעער, „אָבער לאָמיר בעסער נישט פֿאַרלירן קיין צײַט אין אַזעלכע רייד. איך האָב געמיינט, אַז איר ווילט גיין אין באַנק. אַזוי ווי איר גיט גוט אַכטונג אויף יעדן וואָרט מײַנעם, גיב איך צו: איך צווינג אײַך נישט אין דער באַנק צו גיין, איך האָב נאָר געמיינט, אַז איר ווילט עס טאָן. און כּדי אײַך דאָס גרינג צו מאַכן, און כּדי איר זאָלט אָנקומען אין דער באַנק אַזוי נישט־אויפֿפֿאַלנדיק ווי נאָר מעגלעך, האָב איך אָט אָ די דרײַ הערן, אײַערע קאָלעגן, געהאַלטן צו אײַער דיספּאָזיציע". „וואָס?" האָט ק. אויסגערופֿן און געגלאָצט אויף די דרײַ. אָט אָ די דרײַ בלוט אָרעמע, לחלוטין אומכאַראַקטע־ריסטישע יונגעלײַט, זענען אין זײַן זכרון געווען נאָר ווי אַ מין גרופּע בײַ פֿאָטאָגראַפֿיעס. זיי זענען אָבער פֿאַרט און טאַקע אויף אַן אמת געווען באַאַמטע פֿון זײַן באַנק, אמת — טאַקע נישט קיין קאָלעגן. דאָס איז אַ ביסל צו פֿיל געזאָגט געווען מצד דעם אויפֿזעער, און דאָס האָט באַוויזן, אַז ער ווייסט פֿאַרט נישט אַלץ; אָבער באַאַמטע פֿון דער באַנק פֿון אַ נידעריקערער מדרגה זענען עס פֿאַרט געווען. ווי אַזוי האָט ק. געקענט דאָס נישט באַמערקן? ער האָט געמוזט זײַן זייער פֿאַרטאָן מיט דעם אויפֿזעער און מיט די וועכטערס, כּדי אָט אָ די דרײַ נישט צו דערקענען! דעם שטײַפֿן ראַבענשטיינער, וואָס וואָרפֿט מיט די הענט, דעם בלאָנדן קוליך מיט די טיף אַרײַנגעזעצטע אויגן און קאַמינער — מיט דעם אומדערטרעגלעכן שמייכעלע, וואָס שפּילט אייביק אויף זײַן פּנים, צוליב דער כראָנישער מוסקול־אויסצערונג זײַנער. „גוט מאָרגן!" האָט ק. אין אַ רגע אַרום אַ זאָג געטאָן, און האָט דערלאַנגט די דרײַ הערן די האַנט; זיי האָבן זיך תּיכּף קאָרעקט פֿאַרנייגט. „איך האָב אײַך גאָרנישט דערקענט. נו און איצט וועלן מיר גיין צו דער אַרבעט, נישט אַזוי?" די הערן האָבן געשאָקלט מיט די קעפּ, לאַכנדיק און ווילי̇ק, אָט אַזוי ווי זיי וואָלטן די גאַנצע צײַט נאָר דערויף געוואַרט. פֿונ־דעסטוועגן ווען ק. האָט זיך אַרומגעזען, אַז ער האָט נישט זײַן הוט, ווײַל ער איז געבליבן ליגן אין זײַן צימער, האָבן זיי אַלע אַ לויף געטאָן, איינער הינטער דעם אַנדערן, דעם הוט צו ברענגען. ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, איז דאָס געווען אַ סימן פֿון אַ געוויסער מאָס פֿון פֿאַרלעגנהייט. ק. איז שטיל שטיין געבליבן און האָט זיי נאָכגעקוקט דורך די צוויי אָפֿענע טירן. דער לעצטער איז, פֿאַרשטייט זיך, געווען דער גלײַכגילטיקער ראַבענשטיינער, וואָס איז געלאָפֿן, עלעגאַנט ווי אַ פֿערד, אין לויפֿשריט. קאַמינער האָט דערלאַנגט דעם הוט. דערבײַ האָט ק. געמוזט אויסדריקלעך זיך אַליין זאָגן, אַז קאַמינערס שמייכל איז נישט געווען בכּוונה, ווײַל בכּוונה האָט ער דאָך בכלל נישט געקענט שמייכלען. אָט דאָס זיך אַליין דאַרפֿן עפּעס זאָגן, איז אין דער באַנק אויך נישט איין מאָל נייטיק געווען. אין פֿאַרצימער האָט דאַן די פֿרוי גרובאַך געעפֿנט די וווינונגס־טיר פֿאַר דער

גאַנצער געזעלשאַפֿט. זי האָט לחלוטין נישט אויסגעזען ווי זי וואָלט זיך געפֿילט שולדיק. ק. האָט, ווי שוין נישט איין מאָל, אַ קוק געטאָן אויף דעם באַנד פֿון איר פֿאַרטעך, וואָס איז אָן שום נייטיקייט געווען טיף אײַנגעשניטן אין איר ריזיקן גוף. בעתן אָנקומען אונטן אין קאָרידאָר, האָט זיך ק. אַנטשלאָסן — האַלטנדיק דאָס זייגערל אין דער האַנט — צו נעמען אַן אויטאָ, כּדי נישט נאָך מער אויסצוציִען די פֿאַרשפּעטיקונג, וואָס האָט שוין סײַ ווי סײַ געדויערט אַ האַלבע שעה. קאַמינער האָט אַ לויף געטאָן צום גאַסן־ווינקל צו ברענגען אַן אויטאָמאָביל. די אַנדערע צוויי האָבן גאַנץ אָפֿן זיך געפֿלײַסט ק. אויפֿצומונטערן. פּלוצלינג האָט אָבער קוליך אַ ווײַז געטאָן אויף דעם הויזטויער פֿון אַנטקעגן איבער, ווו עס האָט זיך גראָד באַוויזן דער גרויסער מאַן מיט דעם בלאָנדן שפּיצבערדל. אין ערשטן אויגנבליק האָט ער זיך דערפֿילט אַ ביסל אומבאַקוועם איבער דעם, וואָס ער באַווײַזט זיך אָט אָ דאָ אין זײַן גאַנצער גרויס, ער איז צוריקגעטראָטן צו דער וואַנט און זיך אָנגעשפּאַרט. די זקנים זענען מסתּמא נאָך געווען אויף די טרעפּ. ק. האָט זיך געבייזערט אויף קוליכן צוליב זײַן אויפֿמערקזאַם מאַכן אויף דעם מאַן, וואָס ער אַליין האָט אים שוין פֿריִער געזען, און האָט זיך אַפֿילו געריכט אויף אים. „קוקט נישט אַהין!” האָט זיך אַרויסגעריסן פֿון זײַן מויל — און ער האָט נישט באַמערקט, אַז אַזאַ אופֿן פֿון רעדן צו זעלבשטענדיקע מענער קען אַרויסרופֿן אַ חשד. עס איז אָבער קיין שום דערקלערונג נישט נייטיק געווען, ווײַל פּונקט איז דער אויטאָ אָנגעקומען; מע האָט זיך אַרײַנגעזעצט און מע איז אָפּגעפֿאָרן. דאָ האָט זיך ק. דערמאָנט, אַז ער האָט נישט באַמערקט דאָס אַוועקגיין פֿון דעם אויפֿזעער און פֿון די וועכטערס. קודם־כּל האָט אים דער אויפֿזעער פֿאַרשטעלט די דרײַ באַאַמטע, און דאָ ווידער די באַאַמטע דעם אויפֿזעער. דאָס איז גראָד נישט געווען קיין גוטער סימן פֿון אַ סך גײַסטיקער וואַכזאַמקייט און ק. האָט זיך פֿירגענומען פֿון איצט אָן זיך מער צו קאָנטראָלירן. פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך פֿאָרט, נישט ווילנדיק, אומגעדרייט. ער האָט זיך איבערגעבויגן איבערן הינטערווענטל פֿון אויטאָמאָביל, ווענדיק נאָך איין מאָל זען דעם אויפֿזעער מיט די וועכטערס. באַלד אָבער האָט ער זיך ווידער אויסגעדרייט און האָט זיך באַקוועם אָנגעשפּאַרט אָן אַ ווינקל פֿון אויטאָ. ער האָט אַפֿילו נישט געפּרוווט עמעצן פֿון זיי באַזונדער אויפֿצוזוכן. כאָטש לפֿנים האָט עס אַזוי נישט אויסגעזען, וואָלט ער דווקא איצט שטאַרק געדאַרפֿט אַ וואָרט צו עמעצן אויסריידן. אָבער די דרײַ הערן האָבן אויסגעזען שטאַרק מיד. ראַבענשטיינער האָט אַרויסגעקוקט פֿון דער רעכטער זײַט פֿון אויטאָ, קוליך פֿון דער לינקער — און נאָר קאַמינערן האָט ער איצט געהאַט צו זײַן דיספּאָזיציע, קאַמינערן מיט זײַן שמייכל־גרימאַסע, וואָס צו וויצלען זיך איבער איר האָט מענטשלעכקייט ליידער נישט דערלאָזט.

אָט אַזוי פֿלעגט ק. אין דעם דאָזיקן פֿרילינג ביז איצט פֿאַרברענגען זײַנע אָוונטן: אין ביוראָ פֿלעגט ער זיצן ביז אַ זייגער נײַן. נאָך דער אַרבעט האָט ער

— אויף וויפל ס'איז נאָר מעגלעך — געמאַכט אַ קליינעם שפּאַציר, אַ מאָל אַליין, אַ מאָל מיט באַאַמטע. שפּעטער פלעגט ער אַרײַן אין אַ בירשענק און דאָרט זיצן — לרובֿ מיט עלטערע הערן צוזאַמען — געוויינטלעך ביז אַ זייגער עלף. פון צײַט צו צײַט פלעגן זיך אויך מאַכן אויסנאַמען פון אָט דער שטענדיקער רוטין. למשל דעמאָלט, ווען דער באַנק־דירעקטאָר — וואָס האָט שטאַרק אָפּגעשאַצט ק.'ס אַרבעט און אים ממש אָן אַ גרענעץ געטרויט — האָט אים פאַרבעטן אויף אַן אויטאָ־שפּאַציר און אַן אָונטברויט אין זײַן ווילע. חוץ דעם איז ק. יעדער וואָך איין מאָל געגאַנגען צו אַ מיידל מיטן נאָמען עלזע. עלזע האָט בײַ נאַכט — ביז אין שפּעטן טאָג אַרײַן — געדינט אין אַ ווײַנשענק, זי איז געווען אַ קעלנערין, און אין משך פון טאָג האָט זי נאָר אין בעט אויפגענומען געסט.

אָבער אין דעם געגעבענעם אָונט — דער טאָג איז גיך אַוועק, אי מיט אָנגעשטרענגטער אַרבעט אי מיט כּבֿוד־ברענגענדיקע און פרײַנטשאַפטלעכע ווינטשן צום געבוירן־טאָג — האָט ק. געוואָלט תּיכּף אַהיימגיין. אין אַלע קלענסטע איבעררײַסן אין דער טאָגאַרבעט האָט ער וועגן דעם געטראַכט. נישט וויסנדיק גענוי, וואָס ער מיינט דערמיט, האָט זיך אים אויסגעדאַכט, אַז צוליב די געשעענישן פון הײַנטיקן פרימאָרגן איז געוואָרן אַ גרויסע אומאָרדענונג אין דער גאַנצער וווינונג פון דער פרוי גרובאַך. געמיינט האָט ער אויך, אַז דווקא אים פּערזענלעך דאַרף מען דערצו, אַז עס זאָל ווידער אײַנגעשטעלט ווערן אַ סדר. און וועט מען נאָר ווידער אײַנשטעלן דעם פריִערדיקן סדר, וועט יעדער סימן פון יענע געשעענישן נעלם ווערן און אַלץ וועט ווידער אַוועק מיט דעם אַלטן גאַנג. בעיקר האָט מען נישט געדאַרפט מורא האָבן פאַר די דרײַ באַאַמטע. ווידער זענען זיי אײַנגעזונקען געוואָרן אין דער גרויסער מאַסע פון דער באַאַמטנשאַפט פון דער באַנק און קיין שום שינוי איז אין זיי נישט געווען צו באַמערקן. ק. האָט זיי סײַ איינציקווײַז און סײַ צוזאַמען אָפטלעך גערופן צו זיך אין ביוראָ. ער האָט דערבײַ קיין אַנדערן צוועק נישט געהאַט, ווי נאָר זיי צו באַטראַכטן. יעדער מאָל האָט ער זיי — אַ באַפרידיקטער — ווידער אָפּגעלאָזן.

אַז ער איז אַ זייגער האַלב צען אין אָונט אָנגעקומען פאַרן הויז, ווו ער האָט געוווינט, האָט ער דאָרט אין טויער פון בנין אָנגעטראָפן אַ יונגן בחור, וואָס איז דאָרט געשטאַנען — די פיס צעשפּרייט — רייכערנדיק אַ ליולקע. „ווער זענט איר?״ האָט ק. אים תּיכּף אַ פרעג געטאָן און האָט צוגעבויגן זײַן פּנים נאָענט צום בחור. אַ סך זען האָט מען נישט געקענט אינעם האַלב־טונקל פון אַרײַנגאַנג צום קאָרידאָר. „איך בין דער זון פון הויזוועכטער, חשובֿער הער״, האָט דער בחור געענטפערט; האָט אַרויסגענומען די ליולקע פון מויל און איז אַוועק אין אַ זײַט. „דער זון פון הויזוועכטער?״ האָט ק. געפרעגט און האָט מיט אומגעדולד געקלאַפּט מיט זײַן שטעקן אָן די שטיינער. „ווינטשט זיך דער חשובֿער הער עפּעס וואָס? זאָל איך אַ רוף טאָן דעם פאָטער?״ „ניין, ניין״, האָט ק. געזאָגט. אין זײַן שטימע איז געווען אַ מין מחילה־טאָן, אַן ערך ווי דער בחור וואָלט עפּעס שלעכטס

אָפּגעטאָן, אָבער ער איז עס אים מוחל. „עס איז שוין אַלץ גוט", האָט ער געזאָגט, און איז ווײַטער געגאַנגען, אָבער אײדער ער איז אַרויף אויף די טרעפּ, האָט ער זיך נאָך אײן מאָל אויסגעדרייט.

ער האָט געקענט גלײַך גײן אין זײַן צימער. אָבער מחמת ער האָט געוואָלט רעדן מיט דער פֿרוי גרובאַך, האָט ער תּיכּף אַ קלאַפּ געטאָן אין איר טיר. זי איז געזעסן בײַם טיש, געשטריקט אַ זאָק און אויפֿן טיש איז געלעגן אַ קופּקעלע אַלטע שקאַרפּעטן. ק. האָט זיך צעטומלטערהייט אַנטשולדיקט, וואָס ער קומט אַזוי שפּעט, אָבער פֿרוי גרובאַך איז געווען זייער פֿרײַנדלעך און האָט נישט געוואָלט הערן און געדענקען פֿון קײן שום אַנטשולדיקונגען. מיט אים איז זי אַלע מאָל גרייט זיך דורכצושמועסן. ער ווייסט עס גאַנץ גוט, אַז ער איז בײַ איר דער בעסטער און באַליבטסטער פֿון אַלע, וואָס דינגען בײַ איר צימערן. ק. האָט זיך אַרומגעקוקט. אַלץ איז דאָ ווידער געווען אין פֿולן אַלטן סדר. דאָס געפּעס פֿון אָנבײַסן, וואָס איז אין דער פֿרי געשטאַנען אויפֿן טישעלע בײַם פֿענצטער, איז שוין איצט דאָ נישט געווען. „פֿרויענהענט קענען גאָר אַ סך אין דער גרעסטער שטילקייט אויפֿטאָן", האָט ק. געטראַכט. ער אַלײן וואָלט אפֿשר דאָס געפּעס אויפֿן אָרט צעבראָכן; אַרויסטראָגן וואָלט ער עס אַוודאי נישט געקענט. ער האָט געקוקט אויף דער פֿרוי גרובאַך מיט אַ מין דאַנק. „פֿאַר וואָס אַרבעט איר נאָך אַזוי שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן?" האָט ער געפֿרעגט. איצט זענען זיי בײדע געזעסן בײַם טיש, און ק. האָט פֿון צײַט צו צײַט אַרײַנגערוקט זײַן האַנט אין דעם בערגעלע זאָקן. „עס איז דאָ אַ סך אַרבעט," האָט זי געזאָגט. „דעם גאַנצ־גײענדיקן טאָג געהער איך דאָך צו יענע, וואָס דינגען צימערן בײַ מיר. און טאָמער וויל איך עפּעס טאָן פֿאַר זיך, בלײַבן מיר נאָר די אָוונט־שעהען". „און דערצו האָב איך אײַך הײַנט נאָך אָנגעמאַכט אַן אויסערגעוויינטלעכע אַרבעט?" „ווי אַזוי?" האָט זי אַ פֿרעג געטאָן אַ ביסל מער שוין אָנגעשטרענגט. די אַרבעט איז שטיל געבליבן ליגן אין איר שויס. „איך מײן די מענער, וואָס זענען הײַנט פֿרי דאָ געווען". „אָ, דאָס", האָט זי אַ זאָג געטאָן און האָט תּיכּף צוריקגעקריגן איר פֿריִערדיקע רו. „דאָס האָט מיר קײן שום עקסטרע אַרבעט נישט פֿאַרשאַפֿט". ק. האָט שווײַגנדיק צוגעקוקט, ווי זי האָט זיך ווידער אַ נעם געטאָן צום געשטריקטן זאָק. עס ווײַזט אויס, אַז זי איז פֿאַרחידושט וואָס איך רעד דערפֿון, טראַכט ער. ס'ווײַזט אויס, אַז זי האַלט, אַז עס איז נישט־רעכט, וואָס איך רעד דערפֿון. דעריבער איז נאָך וויכטיקער, אַז איך זאָל עס יאָ טאָן. נאָר מיט אַן אַלטער פֿרוי קען איך וועגן דעם רעדן. „פֿאָרט, אַ ביסל אַרבעט האָט עס אָנגעמאַכט", האָט ער אַ זאָג געטאָן, „אָבער עס וועט זיך מער נישט איבערחזרן". „נײן, דאָס קען זיך נישט נאָך אַ מאָל איבערחזרן", האָט זי געזאָגט, ווי אויף צו באַשטעטיקן די ווערטער, און האָט ווייטיקלעך אַ שמייכל געטאָן צו ק. „מײנט איר עס אויף אַן אמת?" האָט ק. געפֿרעגט. „יאָ", האָט זי, שטילער שוין אַ זאָג געטאָן, „אָבער קודם־כּל דאַרפֿט איר זיך עס נישט נעמען צום האַרצן. אָ, וואָס פֿאַר אַ זאַכן עס געשעען אַלץ נישט אויף דער וועלט! און אַזוי ווי מיר רעדן שוין,

פֿראַנץ

קאַפֿקאַ

הער ק., אַזוי האַרץ צו האַרץ, קען איך זיך מודה זײַן, אַז איך האָב זיך אַ ביסל אונטערגעהערט הינטער דער טיר, און אַז בײדע װעכטערס האָבן מיר עפּעס װאָס דערציילט. עס גייט דאָך אין אײַער גליק, און דאָס איז מיר אויף אַן אמת נאָענט צום האַרצן. אפשר אַפילו מער װי עס דאַרף זײַן, װײַל איך בין דאָך נישט מער װי די באַלעבאָסטע אײַערע, אָבער איך קען נישט זאָגן, אַז עס איז עפּעס אויסער־געװײנלעך שלעכטס. ניין. איר זענט, װאָס אַן אמת, אַרעסטירט, אָבער נישט אַזוי װי אַ גנבֿ װערט אַרעסטירט. איז מען אַרעסטירט װי אַ גנבֿ, איז ביטער, אָבער אָט דער אַרעסט — די גאַנצע זאַך קומט מיר אויס װי עפּעס זייער אַ הויך געלערנטער ענין — איר װעט מיר אַנטשולדיקן, אויב איך כאַפּ מיך אַרויס מיט אַ נאַרישקייט. יאָ, עס קומט מיר אויס װי עפּעס זייער אַ הויך געלערנטע זאַך, װאָס איך פֿאַרשטיי טאַקע נישט, אָבער װאָס נישט יעדער מוז עס דווקא פֿאַרשטיין״.

„עס איז שוין גאָר נישט קיין נאַרישקייט, װאָס איר האָט דאָ געזאָגט, פֿרוי גרובאַך, לכל־הפּחות בין איך טיילווײַז מסכּים מיט אײַער מיינונג. אָבער איך משפּט דאָס גאַנצע נאָך שאַרפֿער װי איר, און איך האַלט עס, אַפילו דעם אמת געזאָגט, בשום אופֿן נישט פֿאַר עפּעס זייער געלערנטס; איך האַלט עס לחלוטין פֿאַר גאָרנישט. מע האָט מיך פּראָסט־פּשוט גענומען אויף זיכער. װאָלט איך תּיכּף נאָך מײַן איבערװעקן זיך אויפֿגעשטאַנען, און װאָלט איך מיך נישט געלאָזט צעמישן צוליב דעם, װאָס אַנאַ איז נישט אַרײַנגעקומען, און װאָלט איך — נישט נעמענדיק קיינעם און גאָרנישט אין אַכט, טאַקע קיינעם נישט, װאָס װאָלט מיר אין װעג אַנטקעגנגעקומען — און װאָלט איך תּיכּף געגאַנגען צו אײַך, װאָלט איך בלויז דאָס מאָל, װי אַן אויסנאַם, אפשר מײַן אָנבײַסן אָפּגעגעסן אין קיך און דאָס אַלץ. יאָ, איך װאָלט מיר אויך דורך אײַך געלאָזט ברענגען די קליידער פֿון מײַן שטוב; בקיצור, װאָלט איך מיך באַנומען שׂכלדיק, װאָלט װײַטער גאָרנישט געשען און אַלץ, װאָס האָט געװאָלט װערן, װאָלט פּשוט דערשטיקט געװאָרן און נישט געשען. מע איז אָבער אַזוי װייניק צוגעגרייט. אין דער באַנק, למשל, בין איך צוגעגרייט, דאָרט װאָלט מיר בשום אופֿן אַזאַ זאַך נישט געקענט פּאַסירן. דאָרט האָב איך אַן אייגענעם באַדינער, דער אַלגעמיינער טעלעפֿאָן און דער ביוראָ־טעלעפֿאָן שטייען פֿאַר מיר אויפֿן טיש. כּסדר קומען מענטשן, קליענטן און באַ־אַמטע, חוץ דעם בין איך דאָרט שטענדיק פֿאַרבונדן מיט מײַן אַרבעט, און דעריבער כּסדר אויף דער װאַך. דאָרט װאָלט עס אַפילו גאָר אַ פֿאַרגעניגן געװעזן פֿלוצלינג זיך צו געפֿינען אין אַזאַ מין סיטואַציע. אָבער סײַ װי; עס איז שוין אַריבער און איך האָב אייגנטלעך גאָר נישט געװאָלט מער רעדן װעגן דעם; אָבער אײַער מיינונג, דעם אורטייל פֿון אַ שׂכלדיקער פֿרוי, האָב איך געװאָלט הערן און איך בין זייער צופֿרידן, װאָס מיר זענען מסכּים איינער מיטן אַנדערן. איצט אָבער מוזט איר מיר דערלאַנגען די האַנט; װײַל אַזאַ מין הסכּמה מוז באַשטאַרקט װערן מיט אַ תּקיעת־כּף״.

צי װעט זי מיר דערלאַנגען די האַנט? דער אויפֿזעער האָט מיר די האַנט נישט דערלאַנגט, האָט ער אַ טראַכט געטאָן און האָט געקוקט אויף דער פֿרוי,

אַנדערש ווי פֿריִער, פֿאַרשנדיק. זי איז אויפֿגעשטאַנען, מחמת אויך ער איז אויפֿגעשטאַנען, זי איז אַ ביסל דערשטוינט געווען, ווײַל זי האָט נישט אַלץ פֿאַרשטאַנען, וואָס ק. האָט געזאָגט. אָבער צוליב דער שטוינונג און קלײנער צערודערונג האָט זי עפּעס געזאָגט, וואָס זי האָט גאָר נישט געוואָלט זאָגן, און וואָס איז אַפֿילו גאָר נישט געווען אויפֿן אָרט: „נעמט עס נישט אַזוי שווער, הער ק.״ האָט זי געזאָגט; זי האָט געהאַט טרערן אין איר שטימע און האָט, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרגעסן דעם תּקיעת־כּף. „איך ווייס אַליין נישט דערפֿון, אַז איך נעם עס אַזוי שווער״, האָט ק. געזאָגט; אַ פּלוצעמדיקע מידקייט איז אים באַפֿאַלן און ער האָט אײַנגעזען אַז ס׳איז אייגנטלעך לחלוטין אָן שום באַטײַט, צי די דאָזיקע פֿרוי איז מסכּים מיט אים, אָדער נישט. שוין בײַ דער טיר האָט ער נאָך אַ פֿרעג געטאָן: „איז פֿרײַלין בירסטנער אין דער היים?״ „ניין״, האָט געענטפֿערט פֿרוי גרובאַך און האָט אַ שמייכל געטאָן בײַ אָט דער טרוקענער אינפֿאָרמאַציע — מיט אַ פֿאַרשפּעטיקטן און שׂכלדיקן מיטגעפֿיל. „זי איז אין טעאַטער. האָט איר עפּעס געוואָלט פֿון איר? זאָל איך איר עפּעס איבערגעבן?״ „אָך, איך האָב נאָר געוואָלט אַ שמועס טאָן מיט איר אַ פּאָר ווערטער״. „איך ווייס, צום באַדויערן, נישט ווען זי קומט; אַז זי איז אין טעאַטער, קומט זי לרובֿ שפּעט צוריק״. „דאָס איז לגמרי נישט־וויכטיק״, האָט ק. געזאָגט. ער האָט אַ דריי געטאָן דעם שוין אָנגעבויגענעם קאָפּ זײַנעם צו דער טיר אויף אַוועקצוגיין, זאָגנדיק נאָך, „איך האָב זיך נאָר געוואָלט אַנטשולדיקן פֿאַר איר צוליב דעם, וואָס איך האָב זיך הײַנט באַנוצט מיט איר צימער״. „דאָס איז גאָר נישט נייטיק, הער ק., איר זענט צו אײדל, דאָס פֿרײַלין ווייסט דאָך דערפֿון גאָרנישט, זי איז פֿון גאַנץ פֿרי אָן הײַנט נאָך אין דער היים געווען, חוץ דעם איז אַלץ אויפֿן בעסטן אופֿן אויפֿגערוימט געוואָרן, גיט אַליין אַ קוק״. און זי האָט אַן עפֿן געטאָן די טיר צום צימער פֿון פֿרײַלין בירסטנער. „אַ דאַנק, איך גלייב עס״, האָט ק. געזאָגט, און איז אָבער פֿאָרט צוגעגאַנגען צו דער אָפֿענער טיר. די לבֿנה האָט שטיל אַרײַנגעלויכטן אין טונקעלן צימער. אויף וויפֿל מע האָט געקענט זען, איז אויף אַן אמת אַלץ געווען אויף זײַן פּלאַץ. אויך די בלוזקע איז נישט געהאַנגען אויף דער פֿענצטער־קליאַמקע. מאָדנע הויך האָבן אויסגעזען די קישנס אויפֿן בעט, וואָס זענען נאָר טיילווײַז באַלויכטן געווען פֿון דער לבֿנה. „דאָס פֿרײַלין קומט אָפֿט שפּעט אַהיים״, האָט ק. געזאָגט און האָט דערבײַ אַזוי אָנגעקוקט די פֿרוי גרובאַך, אַזוי ווי זי וואָלט געטראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר דעם. „אָט אַזוי ווי די טבֿע פֿון יונגע מענטשן!״ האָט פֿרוי גרובאַך געזאָגט, ווי זיך צו אַנטשולדיקן. „אַוודאי, אַוודאי״, האָט ק. געזאָגט, „דאָס קען אָבער צו ווײַט אַוועקגיין״. „עס קען״, האָט געזאָגט פֿרוי גרובאַך, „ווי שטאַרק גערעכט איר זענט, הער ק., אפֿשר באַזונדער אין דעם פֿאַל. עס פֿאַלט מיר נישט אײַן צו רעדן רכילות אויף פֿרײַלין בירסטנער; זי איז אַ פֿײַן, גוט, ליב מיידל; פֿרײַנדלעך, אָרנטלעך, פּינקטלעך, און האָט ליב אַרבעטן; דאָס אַלץ שאַץ איך זייער, אָבער איינס איז פֿאָרט אמת, זי וואָלט געמעגט זײַן אַ ביסל שטאָלצער און אַ ביסל מער צוריקגעהאַלטן. איך האָב זי

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

שוין צוויי מאָל אין משך פֿון דעם חודש געזען אויף אָפּגעווײַטערטע גאַסן — און אַלע מאָל מיט אַן אַנדערן מאַן. עס טוט מיר אויף אַן אמת וויי און — ווי גאָט איז מיר ליב — איך דערצייל עס נאָר אײַך, הער ק. אָבער עס וועט זיך נישט לאָזן אויסמײַדן און איך וועל סוף־כּל־סוף אויך מוזן מיט דעם פֿרײַלין בירסטנער אַליין וועגן דעם אַ שמועס טאָן. עס איז, אַגבֿ, נישט דאָס איינציקע, מיט וואָס זי רופֿט אַרויס אַ חשד צו זיך". „איר זענט אויף אַ גאַנץ פֿאַלשן וועג", האָט ק. געזאָגט, פֿול מיט כּעס, און כּמעט נישט אין שטאַנד זײַענדיק דעם כּעס צו באַהאַלטן. „איבעריקנס איז מיר קלאָר, אַז איר האָט אויך מײַן באַמערקונג וועגן פֿרײַלין בירסטנער שלעכט פֿאַרשטאַנען, אַזוי האָב איך עס נישט געמיינט. איך וואָרן אײַך אַפֿילו מיט דער גאַנצער אויפֿריכטיקייט, אַז איר זאָלט דעם פֿרײַלין בירסטנער גאָרנישט זאָגן. איר זענט דורכויס אין אַ טעות. איך קען דאָס פֿרײַלין זייער גוט. קיין וואָרט איז נישט־אמת פֿון אַלץ וואָס איר האָט דאָ געזאָגט. איבעריקנס, אפֿשר בין איך צו ווײַט אַוועק. איך וויל אײַך נישט שטערן. זאָגט איר, וואָס איר ווילט. אַ גוטע נאַכט". „הער ק.", האָט ווי בעטנדיק זיך פֿרוי גרובאַך געזאָגט און האָט זיך אַ יאָג געטאָן ביז צו דער טיר פֿון זײַן צימער, וואָס ער האָט שוין געהאַט אויפֿגעעפֿנט, „איך וועל דאָך גאָרנישט רעדן מיט דעם פֿרײַלין, אַוודאי. איך וועל זיך פֿריִער אַרומקוקן און נאָר אײַך האָב איך פֿאַרטרויט, וואָס איך האָב געוווּסט. סוף־כּל־סוף איז עס דאָך אין דער כּוונה פֿון יעדן איינעם, וואָס דינגט אַ צימער, אַז דער פּאַנסיאָן זאָל זײַן בכּבֿודיק. און קיין שום אַנדערע זאַכן ליגן מיר בכּלל נישט אין זינען". „ די בכּבֿודיקייט!" האָט ק. אַ געשריי געטאָן, שוין דורכן שפּאַלט פֿון דער טיר, „אויב איר ווילט אָפּהיטן דעם כּבֿוד פֿון אײַער פּאַנסיאָן, מוזט איר קודם־כּל מיך קינדיקן". ער האָט עס געזאָגט און צוגעקלאַפּט די טיר. אויף דעם שטילן קלאַפּן אין דער טיר האָט ער מער קיין אַכט נישט געלייגט. אַזוי ווי ער האָט גאָר קיין חשק נישט געהאַט צו שלאָפֿן, האָט ער דעריבער באַשלאָסן ווײַטער אויף צו זײַן, און בײַ דער געלעגנהייט אויך שוין באַמערקן, ווען פֿרײַלין בירסטנער וועט צוריקקומען אַהיים. אפֿשר וועט עס דעמאָלט נאָך מעגלעך זײַן, אָט ווי נישט־פּאַסיק עס איז אַפֿילו, דאָך נאָך אַ פּאָר ווערטער מיט איר צו רעדן. זיצנדיק אַזוי אָנגעשפּאַרט אויפֿן פֿענצטער־ברעטל, און צומאַכנדיק די מידע אויגן, איז אים אַפֿילו אויף אַ רגע דורך אַ געדאַנק צו באַשטראָפֿן פֿרוי גרובאַך און איבערצורעדן פֿרײַלין בירסטנער, אַז זיי זאָלן ביידע צוזאַמען איר קינדיקן די צימערן. ער האָט אָבער תּיכּף אײַנגעזען, אַז דאָס איז מוראדיק איבערגעטריבן און ער האָט אַפֿילו זיך אַליין חושד געווען, אַז אין תּוך איז ער גאָר אויסן צו בײַטן די דירה צוליב די געשעענישן פֿון הײַנטיקן פֿרימאָרגן. אָבער קיין זאַך וואָלט נישט נאַרישער געווען, און בעיקר צוועקלאָזער און מיאוסער.

אַז דאָס אַרויסקוקן אויף דער פֿוסטער גאַס איז אים נמאס געוואָרן, האָט ער זיך אַוועקגעלייגט אויף דער קאַנאַפּע; אָבער פֿריִער האָט ער די טיר צום

פֿאָדער־צימער אַ ביסל געעפֿנט, כּדי תּיכּף פֿון דער קאַנאַפּע צו קענען דערזען יעדער איינעם, וואָס וועט אַרײַן אין דער דירה. אָן ערך ביז אַ זייגער עלף איז ער רויִק געלעגן אויף דער קאַנאַפּע און גערייכערט אַ ציגאַר. אָבער דערנאָך האָט ער שוין מער נישט געקענט אויסהאַלטן, ער איז אַרײַן אויף אַ רגע אין פֿאָדער־צימער, אָט אַזוי ווי ער וואָלט מיט דעם געקענט פֿאַרגיכערן דאָס אָנקומען פֿון פֿרײַלין בירסטנער. ער האָט נישט געהאַט קיין שום ספּעציעלן פֿאַרלאַנג נאָך איר; ער האָט זיך אין דער אמתן נישט געקענט אָפּילו גענוי דערמאָנען, ווי אַזוי זי זעט אויס, אָבער איצט האָט ער געוואָלט מיט איר רעדן און עס האָט אים אויפֿגעבראַכט, וואָס מיט איר שפּעטן אומקערן זיך אַהיים ברענגט זי אַרײַן נאָך מער אומרו און אומאָרדענונג אין דעם אָפּשלוס פֿון דעם דאָזיקן טאָג. צוליב איר האָט ער דאָך אויך הײַנט קיין וועטשערע נישט געגעסן, און צוליב איר האָט ער אויפֿגעגעבן דעם געפּלאַנטן באַזוך בײַ עלזען. עס איז אָפּילו אמת, אַז די בײדע זאַכן האָט ער נאָך הײַנט געקענט פֿאַרגיטיקן, ווען ער וואָלט נאָך איצט אַוועק אין דעם ווײַנשענק, וווּ עלזע האָט איר פּאָסטן. ער וועט עס טאַקע נאָך טאָן אַ ביסל שפּעטער, אַזוי גיך ווי ער וועט נאָר האָבן גערעדט מיט דעם פֿרײַלין בירסטנער.

עס איז שוין געווען נאָך האַלב צוועלף אַ זייגער בשעת עמעצער האָט זיך פֿלוצלינג געלאָזט הערן אויף די טרעפּ. אַרײַנגעטאָן אין זײַנע מחשבֿות, איז ק. גאַנץ הויך מיט די פּיס קלאַפּנדיק אַרומגעגאַנגען אַהין און אַהער אין פֿאָדער־צימער, אָט פּונקט אַזוי ווי עס וואָלט זײַן אייגן צימער געווען. איצט האָט ער זיך תּיכּף אַ באַהאַלט געטאָן הינטער זײַן טיר. עס איז טאַקע געווען פֿרײַלין בירסטנער; זי איז אַרײַנגעקומען. פֿאַרשליסנדיק די טיר און ציטערנדיק פֿון קעלט האָט זי אַרויפֿגעוואָרפֿן אַ זײַדענעם שאַליק אויף אירע שמאָלע אַקסלען. אַ רגע שפּעטער וועט זי דאָך זיכער אַרײַן אין איר צימער, און ק. וועט דאָך נישט קענען, צוליב דער שפּעטער שעה, ווײַל עס איז שוין געווען אַרום האַלבע נאַכט, אַהין אַרײַנדרינגען. מוז ער דעריבער איצט תּיכּף מיט איר אַ שמועס טאָן. האָט ער אָבער, צום שלימזל, פֿאַרזוימט אָנצוצינדן דאָס עלעקטרישע ליכט אין זײַן צימער. אַז ער וועט איצט אַזוי פּלוצלינג געבן אַ קום אַרויס פֿון אַ טונקעלער שטוב, וועט עס האָבן אַ פּנים ממש פֿון אַן איבערפֿאַל, אָדער לכל־הפּחות וועט עס שטאַרק איבערשרעקן. אין דער מאָמענטאַלער פֿאַרלוירנקייט און הילפֿלאָזיקייט — און קיין צײַט האָט ער דאָך נישט געטאָרט פֿאַרלירן — האָט ער דורך דעם שפּאַלט אין דער טיר געשעפּטשעט: „פֿרײַלין בירסטנער“. עס האָט געקלונגען ווי אַ בעטן זיך און נישט ווי אַ רוף. „איז עמעץ דאָ פֿאַראַן?“ האָט פֿרײַלין בירסטנער אַ פֿרעג געטאָן און האָט זיך אַרומגעקוקט מיט ברייט צעעפֿנטע אויגן. „איך, איך“, האָט ק. געזאָגט און איז אַפּירגעקומען. „אָ, הער ק.!“ האָט פֿרײַלין בירסטנער געזאָגט מיט אַ שמייכל. „גוטן אָוונט“, און זי האָט אים דערלאַנגט די האַנט. „איך האָב געוואָלט אַ פּאָר ווערטער מיט אײַך שמועסן, ווילט איר מיר דאָס איצט דערלויבן?“

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

„איצט?" האָט פֿרײַלין בירסטנער געפֿרעגט, „מוז עס זײַן איצט? ס'איז אַ ביסל מאָדנע, נישט אַזוי?" „איך וואַרט שוין זינט נײַן אַ זייגער אויף אײַך". „נו, יאָ, איך בין געווען אין טעאַטער, איך האָב דאָך גאָר נישט געוווּסט פֿון אײַך". „די סיבה פֿון דעם, וואָס איך וויל אײַך זאָגן, איז ערשט הײַנט פֿאַרלאָפֿן". „נו, יאָ, איך האָב נישט קיין שום ערנצטן גרונד קעגן דעם, אַחוץ נאָר דאָס איינע וואָס איך בין אויף אַן אמת טויט מיד. נו, זאָל זײַן, קומט אַרײַן אויף אַ פּאָר מינוט אין מײַן צימער. דאָ קענען מיר דאָך בשום אופֿן נישט אַרומשטיין און שמועסן, מיר וועלן דאָך אַלעמען איבערוועקן. דעם אמת געזאָגט, גייט עס מיך נישט אַזוי שטאַרק אָן צוליב די לײַט, ווי צוליב אונדז אַליין. איר וועט דאָ אַ רגע צוּוואַרטן, ביז איך וועל אָנצינדן אַ ליכט אין מײַן צימער, און דעמאָלט וועט איר דאָ דאָס ליכט אויסדרייען". ק. האָט אַזוי געטאָן, און דאָך האָט ער נאָך צוגעוואַרט ביז דאָס פֿרײַלין בירסטנער האָט אים, שוין פֿון איר צימער אויס, שטילערהייט אויפֿגעפֿאָדערט אַרײַנצוקומען. „זעצט זיך", האָט זי געזאָגט און אָנגעוויזן אויף דער אָטאָמאַנקע; זי אַליין איז, נישט געקוקט אויף איר מידקייט, וועגן וועלכער זי האָט פֿריִער דערמאָנט, שטיין געבליבן בײַם קאָפּ־ווענטל פֿון בעט; אַפֿילו דאָס קליינע היטעלע, איבערגעלאָדן מיט בלומען־באַצירונגען, האָט זי פֿון קאָפּ נישט אַראָפּגענומען. „איז וואָס זשע ווילט איר? איך בין אויף אַן אמת נײַגעריק". זי האָט, קוים אָנזעעוודיק, אַ שטעל געטאָן איין פֿוס פֿאַרן אַנדערן. „איר וועט אפֿשר זאָגן", האָט ק. אָנגעהויבן, „אַז דער ענין איז נישט געווען אַזוי דרינגענדיק, אַז מע זאָל אים איצט אַרומרעדן, אָבער . . ." „אויף הקדמות לאָז איך בײַ נאַכט נישט קיין אָרט", האָט געזאָגט פֿרײַלין בירסטנער. „דאָס פֿאַרגרינגערט מיר די זאַך", האָט ק. געזאָגט. „די אָרדענונג אין אײַער צימער איז הײַנט פֿרי, אין אַ געוויסער מאָס צוליב מײַן שולד, אַ ביסל צערודערט געוואָרן. עס איז געשען דורך פֿרעמדע לײַט, קעגן מײַן ווילן; און פֿאָרט, ווי שוין געזאָגט, צוליב מײַן שולד; דעריבער וויל איך בעטן, אַז איר זאָלט מיר מוחל זײַן". „מײַן צימער?" האָט געפֿרעגט פֿרײַלין בירסטנער. און שטאָט זיך אַרומצוקוקן אין צימער, האָט זי אַ פֿרעגנדיקן קוק געטאָן אויף ק. „אַזוי איז עס", האָט ק. געזאָגט, און איצט האָבן זיי זיך ביידע צום ערשטן מאָל גלײַכצײַטיק אַ קוק געטאָן אין די אויגן אַרײַן. „דער אופֿן ווי אַזוי עס איז געשען, איז נישט ווערט, אַז מע זאָל אַפֿילו איין וואָרט וועגן דעם פֿאַרלירן". „אָבער פֿאָרט דאָס וואָס איז אייגנטלעך אינטערעסאַנט", האָט געזאָגט פֿרײַלין בירסטנער. „ניין", האָט ק. געזאָגט. „נו", האָט געזאָגט פֿרײַלין בירסטנער, „איך וויל זיך נישט אַרײַנרײַסן אין סודות, אויב איר זאָגט אויף זיכער, אַז עס איז נישט אינטערעסאַנט, וויל איך גאָרנישט האָבן קעגן דעם. די אַנטשולדיקונג, וואָס איר בעט בײַ מיר, גיב איך אײַך גערן, נאָך מער צוליב דעם ווײַל איך קען בשום אופֿן נישט געפֿינען קיין שפּור פֿון וועלכער נישט איז אומאָרדענונג". זי האָט טיף אַרײַנגעשפּאַרט אירע אָפֿענע האַנטפֿלאַכן אין אירע קליבעס און האָט זיך אַ דריי

געטאָן אַרום און אַרום דעם צימער. בײַם רעמל מיט די פֿאָטאָגראַפֿיעס איז זי שטיין געבליבן. „זעט נאָר“, האָט זי אַ זאָג געטאָן, „מײַנע פֿאָטאָגראַפֿיעס זענען אויף אַן אמת צעוואָרפֿן. דאָס איז אָבער זייער מיאוס. הייסט עס, אַז עמעץ איז אָן שום באַרעכטיקונג אין מײַן צימער געווען“. ק. האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און שטילערהייט געשאָלטן דעם באַאַמטן קאַמינער, וואָס האָט קיין מאָל נישט געקענט צוימען זײַן פּוסטע, נאַרישע אומרויִקייט. „ס'איז מאָדנע,“ האָט געזאָגט פֿרײַלין בירסטנער, „וואָס איך מוז אײַך עפּעס פֿאַרביטן, וואָס איר אַליין וואָלט זיך געדאַרפֿט פֿאַרביטן, און דאָס איז: אַרײַנצוקומען אין מײַן צימער בשעת איך בין נישטאָ“. „איך קלער אײַך דאָך אויף, פֿרײַלין“, האָט ק. געזאָגט און איז אויך צוגעגאַנגען צו די פֿאָטאָגראַפֿיעס, „אַז נישט איך בין עס געווען דער, וואָס האָט זיך פֿאַרשולדיקט לגבי אײַערע פֿאָטאָגראַפֿיעס; אָבער מחמת דעם וואָס איר גלייבט מיר נישט, מוז איך זיך מודה זײַן, אַז די אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע האָט מיטגעבראַכט מיט זיך דרײַ באַנק־באַאַמטע. דאָס האָט מסתמא איינער פֿון זיי די פֿאָטאָגראַפֿיעס אין דער האַנט גענומען; איך וועל אים שוין בײַ דער ערשטער געלעגנהייט משלח זײַן פֿון דער באַנק. יאָ, עס איז אַן אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע דאָ געווען“, האָט ק. צוגעגעבן, מחמת דאָס פֿרײַלין האָט אים אָנגעקוקט מיט אַ פֿרעגנדיקן בליק. „צוליב אײַך?“ האָט דאָס פֿרײַלין געפֿרעגט. „יאָ“, האָט ק. געענטפֿערט. „ניין!“ האָט דאָס פֿרײַלין אויסגערופֿן און אַ לאַך געטאָן. „פֿאָרט“, האָט ק. געזאָגט, „מיינט איר דען, אַז איך בין אָן שום שולד?“ „נו, אָן שום שולד . . .“ האָט דאָס פֿרײַלין געזאָגט, איך וויל נישט אָט אַזוי אַ גרינג אַרויסזאָגן אַ שווערן אורטייל, אפֿשר מיט מעגלעכע קאָנסעקווענצן. חוץ דעם קען איך אײַך דאָך נישט. עס מוז דאָך מסתמא זײַן אַ שווערער פֿאַרברעכער, וואָס מע שיקט צו אים תיכּף אַן אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע. אָבער אַזוי ווי איר זענט אויף דער פֿרײַ — איך בין זיך משער פֿון אײַער רויִקייט, אַז איר זענט דאָך נישט אַנטלאָפֿן פֿון דער תּפֿיסה — קען מען דאָך נישט אָננעמען, אַז איר זענט באַגאַנגען אַזאַ שווערער פֿאַרברעכן.“ „יאָ“, האָט ק. געזאָגט, „אָבער די אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע האָט דאָך געקענט אײַנזען, אַז איך בין אומשולדיק, אָדער גאָר פֿאָרט נישט אַזוי שולדיק, ווי עס איז אָנגענומען געוואָרן“. „אַוודאי, דאָס קען זײַן“, האָט געזאָגט פֿרײַלין בירסטנער מיט גרויס באַדאַכט. „זעט איר שוין“, האָט ק. געזאָגט, „איר האָט נישט גענוג דערפֿאַרונג אין געריכט־ענינים.“ „ניין, דאָס האָב איך טאַקע נישט“, האָט געזאָגט פֿרײַלין בירסטנער, „און איך האָב עס שוין אָפֿט באַדויערט, ווײַל איך האָב ליב צו וויסן, און גראָד געריכטס־ענינים אינטערעסירן מיך גאָר און גאָר. דאָס געריכט האָט עפּעס אַ מאָדנע צוציִונגס־קראַפֿט, נישט אַזוי? אָבער גאָר באַלד וועל איך מײַנע קענטענישן אויף דעם געביט אויסברייטערן. פֿון קומענדיקן חודש אָן וועל איך אַרבעטן ווי אַ קאַנצעלאַריע־געהילף אין אַ ביוראָ פֿון אַן אַדוואָקאַט“. „דאָס איז גאָר גוט“, האָט ק. געזאָגט, „וועט איר מיר אין מײַן פּראָצעס קענען אַ ביסל העלפֿן“. „דאָס איז

מעגלעך", האָט געזאָגט פֿרײַלין בירסטנער, „פֿאַר וואָס דען נישט? איך נוץ אויס גערן מײַנע ידיעות". „איך מיין עס אויך אויף אַן אמת און ערנצט", האָט ק. געזאָגט, „אָדער לכל הפּחות אין יענעם האַלבן ערנצט, אין וועלכן איר מיינט עס. אַז מע זאָל דאַרפֿן אַזש אַן אַדוואָקאַט צוציִען צו דעם ענין — אַזוי ווײַט האַלט עס נאָך נישט, דער ענין איז צו קליינלעך, אָבער אַן עצה־געבער וואָלט איך גוט געקענט געברויכן." „יאָ, אָבער אויב איך דאַרף זײַן דער עצה־געבער וואָלט איך דאָך קודם־כּל געמוזט וויסן, אין וואָס עס האַנדלט זיך, אייגנטלעך", האָט פֿרײַלין בירסטנער געזאָגט. „דאָס איז דאָך טאַקע די מעשׂה", האָט ק. געזאָגט, „וואָס איך אַליין ווייס עס נישט". „אויב אַזוי, האָט איר זיך אַ שפּאַס געמאַכט מיט מיר", האָט געזאָגט פֿרײַלין בירסטנער, נישט באַהאַלטנדיק איר שווערע אַנטוישונג. עס איז זייער אומ נישט־נייטיק געווען פּונקט אַזאַ שעה אויף אַזעלכע שפּאַסן אויסצוקלײַבן". און זי איז אַוועקגעגאַנגען פֿון די פֿאָטאָגראַפֿיעס, בײַ וועלכע זיי זענען אַזוי לאַנג צוזאַמען געשטאַנען. „אָבער ניין, פֿרײַלין", האָט ק. געזאָגט, „איך מאַך נישט קיין שום שפּאַסן. פֿאַר וואָס זאָלט איר מיר נישט גלייבן? דאָס וואָס איך ווייס, האָב איך אײַך שוין געזאָגט. אַפֿילו מער ווי דאָס, וואָס איך ווייס, ווײַל עס איז גאָר קיין אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע נישט געווען. איך רוף זי אַזוי אָן, ווײַל איך האָב נישט קיין אַנדערן נאָמען פֿאַר דעם אַלעמען. עס איז גאָרנישט אויסגעפֿאָרשט געוואָרן. איך בין נאָר אַרעסטירט געוואָרן, אָבער פֿון אַ קאָמיסיע". פֿרײַלין בירסטנער איז געזעסן אויף דער אָטאָמאַנקע און האָט ווידער געלאַכט. „ווי אַזוי איז עס צוגעגאַנגען?" האָט זי געפֿרעגט. „שרעקלעך", האָט ק. געזאָגט, אָבער ער האָט גאָרנישט געטראַכט איצט וועגן דעם. ער איז גאָר גאַנץ דורכגענומען געווען פֿון דעם אָנבליק פֿון פֿרײַלין בירסטנער. מיט איין האַנט האָט זי אונטערגעלענט איר פּנים — דער עלנבויגן האָט זיך אָנגעשפּאַרט אויף אַ קישעלע פֿון דער אָטאָמאַנקע — און מיט דער אַנדערער האַנט האָט זי פּאַוואָליע געגלעט אירע קליבעס. „דאָס איז צו אַלגעמיין", האָט פֿרײַלין בירסטנער געזאָגט. „וואָס איז צו אַלגעמיין?" האָט ק. געפֿרעגט. באַלד האָט ער זיך דערמאָנט און האָט געפֿרעגט: „זאָל איך אײַך ווײַזן ווי אַזוי עס איז פֿאָרגעקומען?" ער האָט געוואָלט אי זיך אַ ביסל באַוועגן אי דאָך נישט אַוועקגיין. „איך בין שוין מיד," האָט פֿרײַלין בירסטנער געזאָגט. „איר זענט אַזוי שפּעט אַהיימגעקומען," האָט ק. געזאָגט. „איצט ענדיקט זיך עס גאָר דערמיט, וואָס איר מאַכט מיר אַ פֿאָרוואורף. רעכט אַזוי — ווײַל איך האָב אײַך נישט געדאַרפֿט אַרײַנלאָזן אין אַזאַ שפּעטער שעה. און עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז עס איז גאָרנישט נייטיק געווען". „עס איז יאָ נייטיק געווען, דאָס וועט איר ערשט שפּעטער זען", האָט ק. געזאָגט. „מעג איך אַהעררוקן דאָס נאַכט־טישעלע פֿון אײַער בעט?" „וואָס פֿאַלט אײַך אײַן?" האָט פֿרײַלין בירסטנער געזאָגט, „אַוודאי טאָרט איר עס נישט!" „אויב אַזוי, קען איך עס אײַך נישט ווײַזן", האָט ק. אויפֿגערעגט אַ זאָג געטאָן, אַזוי ווי מע וואָלט אים מיט דעם אָפּזאָג דעם שווערסטן שאָדן אָנגעטאָן. „יאָ, אויב איר מוזט עס אומבאַדינגט האָבן צו דער דעמאָנסטראַציע — איז רוקט,

נאר רויק, אפ דאס טישעלע," האט פריילין בירסטנער געזאגט, און א רגעלע שפעטער האט זי מיט א שוואכערער שטימע צוגעגעבן: „איך בין אזוי מיד, אז איך דערלויב אייך מער ווי עס פאסט". ק. האט אוועקגעשטעלט דאס טישעלע אין דער מיט פון צימער און האט זיך הינטער דעם אוועקגעזעצט. „איר מוזט זיך ריכטיק פארשטעלן די פארטיילונג פון אלע פארשוינען, עס איז ביז גאר אינטערעסאנט. איך בין דער אויפזעער, דארט אויפן קופערט זיצן צוויי וועכטערס, ביי די פאטאגראפיעס שטייען דריי יונגעלייט. דרך אגב, באמערק איך נאך, אז אויף דער קליאמקע פון פענצטער הענגט א ווייסע בלוזקע. און איצט הייבט זיך עס אן. יא, איך האב זיך אליין פארגעסן. דער וויכטיקסטער פארשוין, ווייבן איך, שטייט פארן טישעלע. דער אויפזעער זיצט גאר און גאר באקוועם, איין פוס אויפן אנדערן פארלייגט, דעם ארעם האלט ער אראפגעהאנגען איבערן אנלען פון דער שטול. א גראבער־יונג, וואס נישט מער זיינס גלייכן. און איצט הייבט זיך עס אויף אן אמת אן. דער אויפזעער רופט, אזוי ווי ער וואלט מיך געדארפט אויפוועקן, ער שרייט ממש. און אויב איר זאלט עס טאקע ריכטיק באנעמען, מוז איך אויך שרייען, עס איז אבער נאר מיין נאמען, וואס ער שרייט אים אזוי אויס". פריילין בירסטנער, וואס האט זיך לאכנדיק צוגעהערט, האט א כאפ געטאן דעם ווייזפינגער צום מויל, כדי אפצוהאלטן ק. פון שרייען, אבער עס איז שוין געווען צו שפעט. ק. איז צו פיל אריינגעטאן געווען אין דער ראלע, ער האט פאוואליע א רוף געטאן: „יאזעף ק.!" איבעריקנס נישט אזוי הויך, ווי ער האט געסטראשעט, אבער פארט הויך גענוג, אז דער רוף, וואס ער האט אים פלוצלינג פון זיך ארויסגעשטויסן, זאל זיך פון זיך אליין פאמעלעך אין צימער פארשפרייטן.

האט זיך טאקע תיכף דערהערט א קלאפן אין דער טיר פון א שכנותדיקן צימער. געקלאפט האט מען עטלעכע מאל, שטארק, קורץ און רעגולער. פריילין בירסטנער איז בלאס געווארן און האט זיך א כאפ געטאן מיט דער האנט צום הארץ. ק. איז נאך מער דערשראקן געווארן, דער עיקר צוליב דעם, ווייל ער איז אין דער רגע נישט אין שטאנד געווען וועגן עפעס אנדערש צו טראכטן ווי נאר וועגן די געשעענישן פון היינטיקן פרימארגן און וועגן דעם מיידל, פאר וועלכן ער האט זיי דא איבערגעשפילט. ווי נאר ער איז צו זיך געקומען, האט ער א שפרונג געטאן צום פריילין בירסטנער און האט זי אנגעכאפט ביי דער האנט. „האט גאר נישט קיין מורא", האט ער געשעפטשעט, „איך וועל אלץ צוריק אין ארדענונג ברענגען. ווער אבער קען עס זיין? דא דערנעבן איז דאך גאר דאס וווינצימער, וווּ קיינער שלאפט נישט". „פארט", האט פריילין בירסטנער געשעפטשעט אין אויער פון ק. „פון נעכטן אן שלאפט דא פרוי גרובאכס א פלימעניק, א קאפיטאן. עס איז גראד קיין אנדער צימער נישט פריי געווען. אויך איך האב עס פארגעסן. וואס האט איר געדארפט אזוי שרייען! איך בין אומגליקלעך צוליב דעם". „עס איז קיין שום סיבה נישטא דערצו", האט ק. געזאגט און האט זי געקושט אין שטערן, בשעת זי איז צוריקגעזונקען אין קישן אריין.

פראנץ
קאפקא

„אַוועק, אַוועק“, האָט זי געזאָגט און האָט זיך גיך־גיך ווידער אויפֿגעהויבן, „גייט אַוועק, גייט אַוועק, וואָס ווילט איר דען, ער האָרכט דאָך אונטער בײַ דער טיר, ער הערט דאָך אַלץ. ווי איר פּײַניקט מיך!“ „איך וועל פֿריִער נישט אַוועקגיין“, האָט ק. געזאָגט, „ביז איר וועט נישט אַ ביסל קומען צו זיך. קומט מיט מיר אין ווינקל פֿון צימער, פֿון דאָרט אויס קען ער אונדז נישט הערן“. זי האָט זיך געלאָזט פֿירן אין ווינקל אַרײַן. „איר נעמט נישט אין אַכט“ האָט ער געזאָגט, „אַז עס האַנדלט זיך טאַקע אין אַן אומבאַקוועמלעכקייט פֿאַר אײַך, אָבער בשום אופֿן נישט אין אַ סכּנה. איר ווייסט דאָך וויפֿל כּבֿוד פֿרוי גרובאַך גיט מיר אָפּ. און זי האָט דאָך דאָס לעצטע וואָרט אין די ענינים. נאָך מער צוליב דעם, וואָס דער קאַפּיטאַן איז איר פּלימעניק. אַלץ וואָס איך זאָג גלייבט זי ממש אַבסאָלוט. אַגבֿ, איז זי אויך אַ ביסל אָפּהענגיק פֿון מיר, ווײַל איך האָב איר געבאָרגט אַ גרעסערע סומע. יעדן פֿאָרשלאַג אײַערן וועגן אַן אויפֿקלערונג פֿון אונדזער זײַן צוזאַמען דאָ נעם איך אָן. אויב — נאַטירלעך — עס איז נאָר צוועקמעסיק. און איך גאַראַנטיר אײַך, אַז איך וועל שוין ווי נישט איז פֿרוי גרובאַך איבערצײַגן, אַז זי זאָל די אויפֿקלערונג, נישט נאָר פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט אָננעמען, נאָר זי זאָל זי אויך אַן אמת און אויפֿריכטיק גלייבן. מיך דאַרפֿט איר דערבײַ בשום אופֿן נישט שוינען. אויב איר ווילט עפֿנטלעך זאָגן, אַז איך האָב געמאַכט אַן איבערפֿאַל אויף אײַך, וועט מען, אַפֿילו אין דעם זינען, עס דערציילן דער פֿרוי גרובאַך און זי וועט עס גלייבן. נישט פֿאַרלירנדיק דערבײַ איר פֿאַרטרויען אין מײַן פּערזאָן. אָט אַזוי שטאַרק האַלט זי פֿון מיר“. פֿרײַלין בירסטנער האָט געקוקט גלײַך פֿאַר זיך אויף דער בריק אַראָפּ און זי איז געוועזן אַ ביסל אײַנגעבראָכן אין זיך. „פֿאַר וואָס זאָל דען די פֿרוי גרובאַך נישט גלייבן, אַז איך האָב געמאַכט אַן איבערפֿאַל אויף אײַך?“ האָט ק. צוגעגעבן. ער האָט געקוקט אויף אירע האָר, וואָס זענען געווען צעטיילט מיט אַ שרונט, נידעריק אײַנגעוויקלט, האָבן זיך פֿעסט צונויפֿגעהאַלטן און זענען געווען רויטלעך. ער האָט געהאָפֿט, אַז זי וועט ווענדן איר בליק צו אים, אָבער זי האָט — נישט רירנדיק זיך פֿון אָרט — געזאָגט: „זײַט מיר מוחל, דאָס בין איך נאָר צוליב דער פּלוצלינגדיקער קלאַפּערײַ אַזוי איבערגעשראָקן געוואָרן און נישט צוליב די ווירקונגען, וואָס דאָס דאָ־זײַן פֿון קאַפּיטאַן קען האָבן. עס איז געווען אַזוי אימהדיק שטיל נאָך אײַער אויסשרײַ, און דאָ הערט זיך נאָך אַ קלאַפּ אויך; דעריבער בין איך אַזוי מוראַדיק דערשראָקן געוואָרן. אויך בין איך געזעסן גאַנץ נאָענט בײַ דער טיר, און געקלאַפּט האָט ער כּמעט ממש דירעקט צו מיר. פֿאַר אײַערע פּראָפּאָזיציעס דאַנק איך, אָבער איך נעם זיי נישט אָן. איך קען טראָגן די פֿאַראַנטוואָרטלעכקייט פֿאַר אַלץ, וואָס עס קומט פֿאָר אין מײַן צימער, און טאַקע אויך לגבי יעדער איינעם. עס וווּנדערט מיך, וואָס איר פֿילט גאָר נישט, וואָס פֿאַר אַ באַליידיקונג לגבי מיר עס איז דאָ אין אײַערע פּראָפּאָזיציעס, נישט געקוקט אויף די גוטע כּוונות, וואָס איך אַנערקען נאַטירלעך. אָבער איצט גייט שוין, גייט און לאָזט מיך אַליין. איך דאַרף רו, איצט נאָך מער ווי פֿריִער. געבעטן האָט איר נאָר

עטלעכע מינוט פֿון מיר, און אַ האַלבע שעה איז שוין פֿון דעם אַרויסגעקומען״. ק. האָט זי אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט און שפּעטער בײַם געלענק: „איר זענט דאָך אָבער נישט בייז אויף מיר?״ האָט ער געזאָגט. זי האָט אַראָפּגערוקט זײַן האַנט און האָט געענטפֿערט: „ניין, ניין, איך בין קיין מאָל און אויף קיינעם נישט בייז״. ער האָט זי ווידער אָנגעכאַפּט בײַם געלענק, זי האָט זיך איצט נישט געווערט און האָט אים אַזוי אַ צוגעפֿירט צו דער טיר. ער האָט פֿעסט בײַ זיך באַשלאָסן אַוועקצוגיין. אָבער שוין פֿאַר דער טיר — אָט אַזוי ווי ער וואָלט זיך נישט גערעכנט דאָ אַ טיר צו טרעפֿן — איז ער פּלוצלינג שטיין געבליבן. אָט די רגע האָט דאָס פֿרײַלין תּיכּף אויסגענוצט, זיך צו באַפֿרײַען פֿון אים; זי האָט געעפֿנט די טיר, האָט זיך אַרויסגעגליטשט אין פֿאָדער־צימער אַרײַן און פֿון דאָרט האָט זי שטילערהייט צו ק. געזאָגט: „נו, איצט קומט שוין, איך בעט אײַך. איר זעט דאָך״ — זי האָט אָנגעוויזן אויף דער טיר פֿון קאַפּיטאַן. אַ פּאַס ליכט האָט פֿון אונטער דער טיר אַפּירגעשײַנט — „ער האָט ליכטיק געמאַכט בײַ זיך אין שטוב און מאַכט שפּאַס פֿון אונדז״. „איך קום שוין״, האָט ק. געזאָגט, האָט געמאַכט אַ פּאָר גיכע שריט פֿאָרויס; ער האָט זי אַרומגעכאַפּט און געקושט אין די ליפּן און באַלד איבערן גאַנצן פּנים, אָט אַזוי ווי אַ דאָרשטיקע חיה יאָגט זיך מיט דער צונג איבער דער אייבערפֿלאַך פֿון אַ קוועלעכל, וואָס זי האָט סוף־כּל־סוף געפֿונען. צום סוף נאָך האָט ער זי געקושט אין האַלדז, און זײַנע ליפּן זענען לאַנג געבליבן ליגן אויפֿן אָרט ווו עס איז דער גאָרגל. צוליב אַ גערויש פֿון הינטער דער טיר פֿון קאַפּיטאַן האָט ער אויפֿגעהויבן דעם בליק. „איצט וועל איך גיין״, האָט ער געזאָגט; ער האָט איצט זיך געוואָלט באַנוצן מיט דעם ערשטן נאָמען פֿון פֿרײַלין בירסטנער, אָבער ער האָט אים נישט געקענט. מיד האָט זי אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ, האַלב אָפּגעווענדט פֿון אים, האָט זי אים געלאָזן קושן איר האַנט, אָט אַזוי ווי זי וואָלט אַפֿילו נישט געוווּסט דערפֿון. מיט אַ געבויגענער פּלייצע איז זי אַרײַן אין צימער. באַלד נאָך דעם אַלעמען איז ק. געלעגן אין זײַן בעט. ער איז תּיכּף אַנטדרימלט געוואָרן. פֿאַרן אײַנשלאָפֿן האָט ער אַ רגעלע נאָכגעטראַכט וועגן זײַן באַנעמען זיך, און איז געווען צופֿרידן דערמיט. ער האָט זיך נאָר אַליין געוווּנדערט פֿאַר וואָס ער איז נישט נאָך מער צופֿרידן. ער האָט זיך אָבער ערנצט געזאָרגט פֿאַרן פֿרײַלין בירסטנער צוליב דעם קאַפּיטאַן.

2

די ערשטע אויספֿאָרשונג

מע האָט ק. טעלעפֿאָניש מיטגעטײלט, אַז דעם קומעדיקן זונטיק וועט פֿאָרקומען אַ קלײנע אויספֿאָרשונג מכּוח זײַן ענין. מע האָט אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט, אַז אָט די אויספֿאָרשונגען וועלן פֿאָרקומען רעגולער, און אויב אַפֿילו נישט יעדער וואָך, איז פֿונדעסטוועגן דאָך אַלע מאָל אָפֿטער און אָפֿטער, אײנע נאָך דער אַנדערער. פֿון אײן זײַט איז עס אין אַלעמענס אַלגעמײנער פֿאַראינטערעסירונג, אַז דער פּראָצעס זאָל גיך צוגעפֿירט ווערן צו זײַן סוף; פֿון דער אַנדערער זײַט אָבער מוזן די אויספֿאָרשונגען זײַן גרינטלעכע. זײ טאָרן אָבער נישט צו לאַנג געדויערן, מחמת דער אָנשטרענגונג, וואָס איז מיט זײ פֿאַרבונדן. דעריבער טאַקע האָט מען אויסגעקליבן דעם דאָזיקן אופֿן פֿון שנעלע און קורצע אויספֿאָרשונגען, וואָס זאָלן נאָכפֿאָלגן גיך אײנע הינטער דער אַנדערער. און וואָס שייך דעם וואָס מע מאַכט די אויספֿאָרשונגען דווקא אין די זונטיקן, איז עס צוליב דעם, אַז מע זאָל ק. אין זײַן פּראָפֿעסיאָנעלער אַרבעט נישט שטערן. מע נעמט אָן, אַז ער איז מסכּים דערצו. אויב ער וואָלט זיך געווונטשן אַן אַנדערן טערמין — וועט מען, אויב מעגלעך, אַנטקעגנקומען. מע וואָלט, למשל, געקענט די אויספֿאָרשונגען באַשטימען אין די נעכט; אָבער ער וועט נישט זײַן פֿריש גענוג דערבײַ. אויף יעדער פֿאַל וועט מען עס דערווײַל לאָזן אויף די זונטיקן, אויב, און אַזוי לאַנג ק. וועט גאָרנישט טאָן אַנטקעגן דעם. עס איז זעלבפֿאַרשטענדלעך, אַז ער מוז באַשטימט קומען. עס איז דאָך איבעריק אים ערשט דערויף אויפֿמערקזאַם צו מאַכן. מען האָט אים אָנגערופֿן דעם נומער פֿון דעם הויז, וווּהין ער דאַרף קומען. עס איז געווען אַ הויז אין אַ ווײַטער פֿאָרשטאָט־גאַס. ק. איז דאָרטן נאָך קײן מאָל נישט געווען.

אַז ק. האָט די מעלדונג באַקומען, האָט ער נישט געענטפֿערט, און האָט אַזוי, אָן אַן ענטפֿער, אויפֿגעהאַנגען דאָס טעלעפֿאָן־טרײַבל. ער האָט תּיכּף בײַ זיך באַשלאָסן דעם זונטיק אַהין צו גײן. אַוודאי איז עס נײטיק געווען. דער פּראָצעס הײבט זיך אָן, און ער מוז זיך וואָס גיכער אַנטקעגנשטעלן. די דאָזיקע ערשטע אויספֿאָרשונג מוז אויך זײַן די לעצטע. נאָך איז ער פֿאַרזונקען אין געדאַנקען געשטאַנען בײַם טעלעפֿאָן ווי ער האָט הינטער זיך דערהערט די שטים פֿון דעם וויצע־דירעקטאָר, יענער האָט פּונקט געוואָלט טעלעפֿאָנירן, נאָר ק. האָט אים

פֿאַרשטעלט דעם וועג. „שלעכטע נײַס?" האָט דער וויצע־דירעקטאָר סתּם אַזוי אַ פֿרעג געטאָן, נישט כּדי עפּעס געוואָר צו ווערן, נאָר כּדי אַוועקצונעמען ק. פֿון טעלעפֿאָן. „ניין, ניין", האָט ק. געזאָגט; ער איז אָפּגעטראָטן אויף אַ זײַט, אָבער נישט אַוועקגעגאַנגען. דער וויצע־דירעקטאָר האָט אויפֿגעהויבן דאָס טרײַבל און, וואַרטנדיק אַזוי אויף דער טעלעפֿאָנישער פֿאַרבינדונג, האָט ער איבערן טרײַבל אַריבער אַ זאָג געטאָן: „אַ פֿראַגע, הער ק.: וואָלט איר מיר געוואָלט אָנטאָן דאָס פֿאַרגעניגן און מיטמאַכן דעם זונטיק פֿרי אַ שפּאַציר אויף מײַן זעגלשיפֿל? עס וועט זײַן אַ גרעסערע געזעלשאַפֿט, און זיכער אויך אײַערע באַקאַנטע. צווישן אַנדערע — דער אַדוואָקאַט האַסטערער. וועט איר קומען? קומט, קומט!" ק. האָט געפּרוּווט מיט אַלע כּוחות אויפֿצוכאַפּן וואָס דער וויצע־דירעקטאָר זאָגט. עס איז נישט געווען אומוויכטיק פֿאַר אים. אָט אָ די פֿאַרבעטונג פֿון דעם וויצע־דירעקטאָר, וואָס ער האָט מיט אים קיין מאָל נישט צו גוט געלעבט, איז געווען אַ סימן, אַז ער וויל זיך מיט אים איבערבעטן. עס איז אויך געווען אַן אָנדײַט אויף דעם שטײַגנדיקן אָנזען פֿון ק. אין דער באַנק; און אויך ווי וויכטיק עס איז די פֿרײַנדשאַפֿט זײַנע צום צווייט העכסטן אָנגעשטעלטן אין דער באַנק, און אויב שוין נישט פֿרײַנדשאַפֿט, איז לכל הפּחות נייטראַליטעט לגבי אים. אָט אָ די פֿאַרבעטונג איז, אין אַ געוויסן זינען, געווען אַ מין אַראָפּלאָזן זיך מצד דעם וויצע־דירעקטאָר; אַפֿילו אויב ער האָט זי אַרויסגעזאָגט נאָר וואַרטנדיק אויף אַ טעלעפֿאָנישער פֿאַרבינדונג איבערן טרײַבל אַריבער. אָבער ק. איז דאַך געצוווּנגען געווען נאָך אַ צווייטע קלייניער דערנידעריקונג אָנצוטאָן דעם וויצע־דירעקטאָר. ער האָט געזאָגט: „אַ שיינעם דאַנק! אָבער איך האָב, צום באַדויערן, זונטיק קיין צײַט נישט, איך האָב שוין געגעבן אַן אַנדער צוזאָג". „אַ שאָד", האָט געזאָגט דער וויצע־דירעקטאָר און האָט אָנגעהויבן זײַן טעלעפֿאָנישן שמועס. ער האָט נאָר וואָס די פֿאַרבינדונג באַקומען. עס איז געווען אַ קורצער שמועס, אָבער ק. איז אין זײַן צעטומלונג די גאַנצע צײַט שטיין געבליבן בײַם טעלעפֿאָנישן אַפּאַראַט. ערשט, אַז דער וויצע־דירעקטאָר האָט אָפּגעקלינגלט נאָכן שמועס, האָט זיך ק. דערשראָקן און — כּדי כאָטש אַ ביסל זײַן שטיין־בלײַבן צו פֿאַרענטפֿערן — האָט ער געזאָגט: „מע האָט מיר נאָר וואָס טעלעפֿאָנירט, איך דאַרף ערגעץ וווּ גיין, אָבער מע האָט פֿאַרגעסן מיר אָנצוזאָגן די שעה". „איז גיט זשע נאָך אַ מאָל אַ פֿרעג", האָט געזאָגט דער וויצע־דירעקטאָר. „עס איז נישט אַזוי וויכטיק", האָט ק. געזאָגט, כאָטש דורך דעם איז זײַן פֿריִערדיקע, שוין סײַ ווי געניג שוואַכע, פֿאַרענטפֿערונג נאָך שוואַכעריקער געוואָרן. שוין אַוועקגייענדיק האָט דער וויצע־דירעקטאָר נאָך אויך וועגן אַנדערע זאַכן גערעדט. ק. האָט זיך געצוווּנגען ווי ווײַט מעגלעך צו ענטפֿערן, בעיקר אָבער האָט ער געטראַכט וועגן דעם, אַז בעסער פֿון אַלץ איז, אויב ער וועט זונטיק אַ זייגער נײַן אין דער פֿרי אַהינגיין. דאָס איז דאָך די שעה, ווען אַלע געריכטן הייבן זיך אָן אין די וואָכנטעג.

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

דער זונטיק איז געווען אַ פֿאַרכמורעטער. ק. איז זייער מיד געווען. צוליב עפּעס אַ יום־טובֿ בײַ זײַן שטאַמטיש אין דער אַכסניא איז ער דאָרט געבליבן ביז שפּעט אין דער נאַכט אַרײַן. שיִער־שיִער — און ער וואָלט דעם פֿרימאָרגן אין גאַנצן פֿאַרשלאָפֿן. אין גרויס אײַלעניש האָט ער קיין צײַט נישט געהאַט איבערצוקלערן און צונויפֿצושטעלן די פֿאַרשידענע פּלענער, וואָס ער האָט זיי צוגעטראַכט אין פֿאַרלויף פֿון דער וואָך. ער האָט זיך אָנגעטאָן און איז אומגעגעסן אַוועקגעלאָפֿן אין דער פֿאָרשטאָט, וואָס איז אים דורך דעם טעלעפֿאָן אָנגעוויזן געוואָרן. און מאָדנע — כאָטש ער האָט כּמעט נישט קיין צײַט געהאַט זיך אַרומצוקוקן — האָט ער דאָך אָנגעטראָפֿן אויף אַלע די דרײַ באַנק־באַאַמטע, וואָס זענען פֿאַרמישט געווען אין זײַן ענין — ראַבענשטיינער, קוליך און קאַמינער. די ערשטע צוויי זענען אין אַ טראַמווײַ, אין דער קווער, אַריבערגעפֿאָרן דעם וועג, אויף וועלכן ק. איז געגאַנגען. קאַמינער אָבער איז געזעסן אויף דער טעראַסע פֿון אַ קאַפֿע און האָט זיך פּונקט עפּעס זייער נײַגעריק אַריבערגעבויגן איבערן געלענדער, בשעת ק. איז פֿאַרבײַגעגאַנגען. אַוודאי האָבן זיי אים אַלע דרײַ נאָכגעקוקט און זיך געחידושט איבער דעם ווי אַזוי זייער שעף איז געלאָפֿן. עפּעס אַן אינערלעכע עקשנות האָט איצט ק. צוריקגעהאַלטן פֿון פֿאָרן. ער האָט געפֿילט אַ ווידערווילן אַפֿילו צו דער מינדסטער פֿרעמדער הילף אין אָט דעם ענין זײַנעם. ער האָט בשום אופֿן קיינעם נישט געוואָלט דערבײַ באַמיִען און קיינעם נישט אַרײַנציִען אין זײַן סוד דורך אָט דער מי. אַגבֿ, האָט ער אויך קיין חשק נישט געהאַט דורך צו גרויסער פּינקטלעכקייט זיך צו דערנידעריקן בײַ דער אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע. ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, איז ער איצט געלאָפֿן כּדי — ווי ווײַט מעגלעך — אַ זייגער נײַן נאָך אָנצוקומען; כאָטש מע האָט אים דאָך אייגנטלעך אַפֿילו נישט באַשטעלט אויף אַ באַשטימטער צײַט.

גטראַכט האָט ער, אַז ער וועט דאָס הויז שוין פֿון דער ווײַטן דערקענען צוליב עפּעס אַ סימן, וואָס ער האָט אַליין נישט געהאַט קיין קלאָרע פֿאָרשטעלונג וואָס דאָס איז. און אפֿשר וועט ער עס גאָר דערקענען פֿון ווײַטן, שוין צוליב דער ספּעציעלער באַוועגונג אַרום דעם הויז. אָבער די יוליוס־גאַס, וווּ די אויספֿאָרשונג האָט געדאַרפֿט פֿאָרקומען (פֿאַרן אַרײַנגיין אין איר איז ק. אַ רגע שטיין געבליבן), איז באַשטאַנען פֿון לויטער איינפֿאָרמיקע הויכע, גרויע הײַזער פֿון ביידע זײַטן; ווױנהײַזער, וווּ אָרעמע־לײַט דינגען געווײנטלעך זייערע דירות. איצט, זונטיק פֿרי, זײַנען די מערסטע פֿענצטער דאָ פֿאַרנומען געווען. מענער אין די בלויזע העמדאַרבל האָבן זיך אָנגעשפּאַרט אָן די פֿאַראַפּעטן און געריכערט אָדער האָבן געהאַלטן קליינע קינדער מיט אַ סך פֿאָרזיכטיקייט און צערטלעכקייט איבערן פֿענצטער־ראַנד. אַנדערע פֿענצטער זענען געווען הויך אָנגעשטאָפּט מיט בעטצײַג. דאָ און דאָרט האָט זיך אַ צעקאָלטנטער פֿרויענקאָפּ באַוויזן איבער די קישנס. שכנים האָבן זיך איבערגערופֿן אַריבער דער גאַס. און פּונקט האָט אַזאַ אויסגעשריי איבערן פֿאַרבײַגייענדיקן ק. אַרויסגעבראַכט אַ גרויס געלעכטער.

אין רעגולערע אָפשטאַנדן האָבן זיך אין דער לאַנגער גאַס געפֿונען קלייטלעך מיט אַלערליי שפּײַז־פּראָדוקטן; זיי זענען אַלע געווען צו אַ פּאָר טרעפּלעך אַראָפּ צו פֿון דעם גאַסן־טראָטואַר. פֿרויען זענען דאָרט אַרײַן און אַרויס, אָדער זענען געשטאַנען אויף די טרעפּ און געכאַפּט אַ שמועס. אַ פֿרוכטן־פֿאַרקויפֿער, וואָס האָט אָנגעבאָטן זײַנע סחורות אַרויף צו די אַרומיקע פֿענצטער, האָט ק. — פּונקט אַזוי נישט־אויפֿמערקזאַם, ווי ער אַליין — שיִער נישט אומגעוואָרפֿן מיט זײַן שטופּוועגעלע. און אָט האָט אַ גראַמאָפֿאָן — וואָס האָט שוין זײַנס אָפּגעדינט אין בעסערע שטאָט־קוואַרטאַלן — אָנגעהויבן גזלניש צו שפּילן.

ק. איז איצט טיפֿער אין דער גאַס אַרײַנגעגאַנגען. ער האָט אָנגעהויבן צו גיין, ווי ער וואָלט אַצינד שוין צײַט באַקומען, מחמת דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער זעט אים שוין מסתמא פֿון וועלכן נישט איז פֿון די פֿענצטער — און ווייסט בכן, אַז ק. איז אָנגעקומען. עס איז געווען אַ פּאָר מינוט נאָך אַ זייגער נײַן. דאָס הויז איז געווען היפּשלעך ווײַט. עס איז געווען אויסערגעוויינטלעך פֿונאַנדערגעשפּרייט; דער עיקר איז דער אַרײַנפֿאָר־טויער געווען הויך און ברייט. עס איז קלאָר, אַז דאָס ברייטע טויער איז געווען באַשטימט פֿאַר די לאַסטוועגענער, וואָס געהערן צו די אַלערליי סחורות־מאַגאַזינען, וואָס זענען צעשפּרייט אַרום און אַרום אין הויף און זענען איצט פֿאַרמאַכט. איבער די טירן פֿון די מאַגאַזינען זענען דאָ פֿירמעשילדן. עטלעכע פֿון די פֿירמעס קען ק. פֿון די באַנקגעשעפֿטן זייערע. עס איז אַפֿילו קעגן דער נאַטור פֿון זײַנע שטענדיקע געוווינשאַפֿטן צו פֿאַרנעמען זיך גענויער מיט אַלע די אויסערלעכע פּרטים, פֿונדעסטוועגן איז ק. פֿאָרט שטיין געבליבן אַ רגע בײַם אַרײַנגאַנג אין דעם הויף. אַ שריט פֿון אים איז געזעסן אַ מאַן מיט באָרוועסע פֿיס און האָט געלייענט אַ צײַטונג. אויף אַ שטופּוועגעלע האָבן זיך צוויי יִנגלעך געהוידעט. פֿאַר אַ פּלומפּ איז געשטאַנען אַ שוואַך, יונג מיידל אָנגעטאָן אין אַ נאַכטקליידל און האָט, בשעת דאָס וואַסער האָט געכליאַפּעט אין איר קאַן אַרײַן, געקוקט אויף ק. אין אַ ווינקל פֿון הויף האָט מען שטײַפֿער אָנגעצויגן אַ שטריק, וואָס אויף אים איז שוין געהאַנגען די וועש צום טריקענען. אַ מאַן איז געשטאַנען אונטן און האָט מיט אויסגעשרייען דיריגירט מיט אָט דער אַרבעט.

ק. האָט זיך אַ ווענד געטאָן צו די טרעפּ, כּדי אָנצוקומען צום אויספֿאָרשונגס־צימער. ער איז אָבער ווידער אַ רגע שטיין געבליבן, ווײַל אויסער די דאָזיקע טרעפּ, האָט ער באַמערקט, זענען אין הויף דאָ נאָך דרײַ פֿאַרשידענע טרעפּ־אַרויפֿגענג. און חוץ דעם, האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אָט יענער קליינער דורכגאַנג, בײַם סוף פֿון הויף, פֿירט נאָך אין אַ צווייטן הויף. ער האָט זיך געערגערט למאַי מע האָט אים נישט גענויער אָנגעגעבן ווו דאָס צימער געפֿינט זיך. עס איז קלאָר, אַז מע באַהאַנדלט אים מיט אַן אויסנאַמלעכער נאַכלאַזיקייט, אָדער גלײַכגילטיקייט. ער האָט געהאַט בדעה הויך און דײַטלעך דאָס פֿעסטצושטעלן. סוף־כּל־סוף איז ער פֿאָרט אַרויף אויף די טרעפּ. אַרויפֿגייענדיק, האָט ער זיך אין געדאַנק פֿאַרשפּילט מיט אַן אויסדרוק פֿון דעם וועכטער ווילעם, אַז

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

דאָס געריכט ווערט צוגעצויגן דורך דער שולד. אויב אַזוי קומט דאָך אייגנטלעך אויס, אַז דאָס אויספֿאָרשונגס־צימער דאַרף זיך געפֿינען האַרט בײַ די טרעפּ, וואָס ק. האָט צופֿעליק אויסגעקליבן.

אַרויפֿגייענדיק, האָט ער געשטערט אַ כאַפּטע קינדער, וואָס האָבן זיך געשפּילט אויף די טרעפּ. אַז ער איז דורכגעגאַנגען צווישן זייערע רייען, האָבן זיי אים בייז אָנגעקוקט. „אויב איך וועל דאָ נאָך אַ מאָל דאַרפֿן אַהערקומען“, האָט ער זיך אין געדאַנק געזאָגט, „מוז איך — אָדער מיטנעמען צוקערלעך, כּדי זיי אײַנצונעמען, אָדער אַ שטעקן, כּדי זיי אָנצושלאָגן“. קנאַפּ פֿאַרן ערשטן שטאָק האָט ער אַפֿילו אַ רגעלע געמוזט צוּוואַרטן, ביז אַ שפּילקײַלעכל וועט זײַן וועג פֿאַרענדיקן. צוויי קליינע ייִנגלעך מיט ממזרישע פּנימער פֿון דערוואָקסענע לאָבוזעס האָבן אים דערווײַל צוגעהאַלטן בײַ די הויזן. ווען ער וואָלט זיי אָפּגעטרייסלט, וואָלט ער זיי ווײי געטאָן און ער האָט מורא געהאַט פֿאַר זייער קוויטשען.

דאָס אייגנטלעכע זוכן האָט זיך אָנגעהויבן אויפֿן ערשטן שטאָק. מחמת דעם וואָס ער האָט דאָך נישט געקענט פֿרעגן אויף דער אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע, האָט ער צוגעטראַכט צו פֿרעגן אויף אַ סטאָליער מיטן נאָמען לאַנץ. דער דאָזיקער נאָמען איז אים אײַנגעפֿאַלן, ווײַל דער קאַפּיטאַן, דער פּלימעניק פֿון דער פֿרוי גרובאַך, האָט אַזוי געהייסן. ער האָט געוואָלט אין אַלע דירות אַרומפֿרעגן, צי עס וווינט דאָ אַ סטאָליער מיטן נאָמען לאַנץ, און אויף דעם אופֿן באַקומען די מעגלעכקייט אַרײַנצוקוקן אין די צימערן. ס׳האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז לרובֿ איז דאָס סײַ ווי אָן שום שוועריקייטן מעגלעך געוועזן, מחמת כּמעט אַלע טירן זענען געשטאַנען אָפֿן, און די קינדער זענען דורך זיי אַרײַן און אַרויס. כּמעט אַלע די דירות זענען געווען קליינע אײנפֿענצטערדיקע צימערן, אין זיי האָט מען אויך געקאָכט. עטלעכע פֿרויען האָבן געהאַלטן זייגקינדער אויף די אָרעמס און האָבן מיט דער פֿרײַער האַנט זיך געעסקט בײַם אויוון. קליין־געוואַקסענע און משמעות נאָר מיט שערצלעך אָנגעטאָנענע מיידעלעך זענען זייער פֿאַרפֿאָרעט אַרומגעלאָפֿן אַהין און אַהער. אין אַלע צימערן זענען די בעטן נאָך פֿאַרנומען געוועזן. דאָ זענען געלעגן חולאים, דאָרט איז מען נאָך סתּם געשלאָפֿן, אָדער עס זענען גאָר אויף זיי געלעגן מענטשן אין די מלבושים, וואָס ציִען אַ ביסל אויס די גלידער. בײַ יענע דירות, וואָס זייערע טירן זענען געווען געשלאָסן, האָט ק. אַ קלאַפּ געטאָן און געפֿרעגט, צי וווינט דאָ נישט אַ מאָל דער סטאָליער לאַנץ. לרובֿ האָט אין אַזעלכע פֿאַלן געענטפֿערט אַ פֿרוי, האָט אויסגעהערט די פֿראַגע און זיך אַ קער געטאָן צו עמעצן אין צימער, וואָס האָט זיך אַ הייב געטאָן פֿון אַ בעט. „דער הער פֿרעגט צי עס וווינט דאָ נישט אַ סטאָליער מיטן נאָמען לאַנץ“. „סטאָליער לאַנץ?“ האָט מען פֿון בעט אַ פֿרעג געטאָן. „יאָ“, האָט געזאָגט ק., כאָטש עס איז קיין ספֿק נישט געוועזן, אַז דאָ געפֿינט זיך נישט די אויספֿאָרשונגס־קאָמיסיע און זײַן נאָכפֿרעגן זיך בײַ דער טיר איז געענדיקט. אַ סך האָבן געגלייבט, אַז עס גייט ק. זייער שטאַרק אין דעם דעם סטאָליער לאַנץ דאָ פֿאָרט צו געפֿינען. זיי האָבן לאַנג נאָכגעטראַכט, האָבן אָנגערופֿן עפּעס אַ סטאָליער,

אָבער ער האָט נישט געהייסן לאַנץ. אַנדערע האָבן אָנגערופֿן אַ נאָמען, וואָס איז קוים־קוים ענלעך געווען צום נאָמען לאַנץ. נאָך אַנדערע האָבן זיך נאָכגעפֿרעגט בײַ שכנים, אָדער האָבן באַגלייט ק. ביז צו אַ ווײַטערדיקער טיר, ווײַל לויט זייער מיינונג דאַרף דאָרט אַזאַ מין מאַן וווינען בײַ יענעם. אַנדערע ווידער האָבן אים געפֿירט צו שכנים, ווײַל לויט זייער מיינונג דאַרפֿן יענע בעסער וויסן ווי זיי אַליין. דער סוף איז געווען, אַז ק. האָט שוין מער נישט געדאַרפֿט אַליין פֿרעגן, נאָר מע האָט אים אויף דעם אופֿן געצויגן אַהין און אַהער דורך אַלע עטאַזשן פֿון הויז. ער האָט שוין חרטה געהאַט אויף זײַן פּלאַן, וואָס אין ערשטן אויגנבליק האָט ער אויסגעזען אַזוי פּראַקטיש. איידער ער איז אָנגעקומען צום פֿינפֿטן עטאַזש, האָט ער באַשלאָסן אויפֿצוגעבן דאָס דאָזיקע זוכן, האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט אַ פֿרײַנדלעכן יונגן אַרבעטער, וואָס האָט אים דווקא געוואָלט נאָך ווײַטער אַרויפֿפֿירן, און ער איז אַראָפּגעגאַנגען. איצט האָט אים ערשט נאָך מער געערגערט די נוצלאָזיקייט פֿון דער גאַנצער אונטערנעמונג. ער איז נאָך אַ מאָל צוריק־געגאַנגען און האָט אַ קלאַפּ געטאָן אין דער ערשטער בעסטער טיר פֿון דעם פֿינפֿטן עטאַזש. די ערשטע זאַך, וואָס ער האָט אין קליינעם צימער געזען, איז געווען אַ גרויסער וואַנטזייגער, און די שעה אויף אים — צען. „וווינט דאָ אַ סטאָליער לאַנץ?“ האָט ער אַ פֿרעג געטאָן. „ביטע“, האָט געזאָגט אַ יונגע פֿרוי מיט שוואַרצע, לײַכטנדיקע אויגן — זי האָט פּונקט אין אַן עמער געוואַשן קינדער־וועש — און האָט אַ ווײַז געטאָן מיט דער נאַסער האַנט אויף דער אָפֿענער טיר פֿון שכנותדיקן צימער.

ק. האָט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז ער קומט אַרײַן אויף אַ פֿאַרזאַמלונג. אַ געדרענג פֿון אַלערליי חבֿרה־לײַט האָט אויסגעפֿילט דאָס מיטל־גרויסע, צוויי־פֿענצטערדיקע צימער. קיינעם איז דער אַרײַנקומער נישט אָנגעגאַנגען. נאָענט בײַ דער סטעליע איז געווען אַ מין גאַלעריע אַרום און אַרום פֿון גאַנצן צימער; אויך זי איז געווען פֿול געפּאַקט, אָבער די לײַט דאָרט האָבן געמוזט שטיין אײַנגעבויגענערהייט; און אַפֿילו אַזוי האָבן זיי אויך מיט די קעפּ און די רוקנס געמוזט אָנשטויסן זיך אָן דער סטעליע. ק. איז די לופֿט צו דעמפּיק געווען; ער איז ווידער אַרויס פֿון צימער און האָט געזאָגט צו דער יונגער פֿרוי, וואָס האָט אים משמעות פֿאַלש פֿאַרשטאַנען: „איך האָב געפֿרעגט אויף אַ סטאָליער, אויף אַ געוויסן לאַנץ?“ „יאָ“, האָט געזאָגט די פֿרוי, „גייט נאָר — זײַט אַזוי גוט — אַרײַן“. ק. וואָלט זי אפֿשר נישט געפֿאָלגט, ווען די פֿרוי וואָלט נישט צוגעגאַנגען נאָענט צו אים און וואָלט נישט אָנגעכאַפּט די קליאַמקע פֿון דער טיר און וואָלט נישט געזאָגט: „נאָך אײַך מוז איך פֿאַרשליסן, קיינער טאָר מער נישט אַרײַן“. „זייער שׂכלדיק“, האָט געזאָגט ק., „עס איז שוין אָבער אויך איצט צו פֿול“. נאָך דעם איז ער אָבער פֿאָרט ווידער אַרײַנגעגאַנגען.

ער איז דורך צווישן צוויי מענער, וואָס זענען געשטאַנען גלײַך בײַ דער טיר און האָבן געפֿירט אַ שמועס. איינער פֿון זיי האָט עפּעס געמאַכט מיט ביידע ווײַט אויסגעשטרעקטע הענט — ווי ער וואָלט אויסגעציילט געלט; דער אַנדערער

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

האָט אים אַ שאַרפֿן קוק געטאָן אין די אויגן אַרײַן — ער האָט אָנגעכאַפּט ק. מיט דער האַנט. דאָס איז געווען אַ קלײנער יונג מיט רויטע באַקן. „קומט, קומט", האָט ער געזאָגט. ק. האָט זיך געלאָזט פֿון אים פֿירן. עס האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז אין דעם געדיכטן עולם, וואָס האָט דאָ געווימלט אַהין און אַהער, איז פֿאָרט פֿרײַ געווען אַ שמאָלע סטעזשקע. קען זײַן, אַז אָט די סטעזשקע האָט פֿונאַנדער־געטײלט צוויי פּאַרטייען. אַ סימן — אַז ק. האָט אין די ערשטע רייען רעכטס און לינקס קוים געזען אַ פּנים, וואָס זאָל זײַן צו אים געווענדט. דערפֿאַר אָבער האָט ער געזען לויטער פּלייצעס פֿון אַלערליי לײַט, וואָס ווענדן זייערע רייד און זשעסטי־קולאַציעס נאָר צו די לײַט פֿון זייער פּאַרטיי. לרובֿ זענען די לײַט געווען שוואַרץ אָנגעטאָן, אין אַלטע — לאַנג און לויז אַראָפּהענגענדיקע יום־טובֿ־רעק. נאָר אָט די דאָזיקע מלבושים האָבן ק. אַ ביסל צעטומלט. אַזוינס וואָלט ער די גאַנצע זאַך געקענט האַלטן פֿאַר אַ פּאָליטישער אַסיפֿה פֿון עפּעס אַ שטאָט־קוואַרטאַל.

אין אַנדערן עק פֿון זאַל, וווּ מען האָט ק. געפֿירט, איז געווען זייער אַ נידעריקער פּאָדיום — ער איז אויך געווען איבערגעפּוילט — אויף אים האָט זיך געפֿונען אַ קלײנער טיש, געשטעלט אין דער קרום. הינטער אָט דעם טיש, נאָענט צום ראַנד פֿון פּאָדיום איז געזעסן אַ קלײנער, גראָבער, שווער־אָטעמענדיקער מאַן. מיט גרויסע געלעכטערס האָט ער זיך פּונקט דורכגעשמועסט מיט אַ מאַן, וואָס איז גע־שטאַנען הינטער אים. יענער האָט אָנגעשפּאַרט די עלנבויגנס אויפֿן אָנלען פֿון שטול, מיט די פֿיס פֿאַרלייגט איינעם אויפֿן אַנדערן. פֿון צײַט צו צײַט האָט ער אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי ער וואָלט עמעצן נאָכגעקרימט. דער יונג, וואָס האָט ק. געפֿירט, האָט זיך מיט אַלע כּוחות געמיט איבערצוגעבן זײַן מעלדונג. צוויי מאָל האָט ער זיך שוין אויפֿגעשטעלט אויף די שפּיצפֿינגער און האָט געפּרוווט עפּעס צו זאָגן, אָבער דער מאַן אויבן האָט אים דאָך נישט באַמערקט. ערשט אַז איינער פֿון די לײַט אויבן אויפֿן פּאָדיום האָט אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויפֿן יונג, האָט זיך דער מאַן צו אים אַ קער געטאָן, ער האָט זיך אַראָפּגעבויגן און האָט זיך אײַנגעהערט צו זײַן שטילער מעלדונג. ערשט דאַן האָט ער אַ ציי געטאָן זײַן זייגערל און האָט זיך גיך אַרומגעקוקט אויף ק. „איר האָט זיך דאָ געדאַרפֿט צושטעלן שוין צוריק מיט אַ שעה און פֿינף מינוט", האָט ער אַ זאָג געטאָן. ק. האָט געוואָלט עפּעס זאָגן, אָבער ער האָט נישט געהאַט גענוג צײַט, ווײַל קוים האָט דער מאַן זײַן וואָרט געזאָגט, האָט זיך אין דער רעכטער העלפֿט פֿון זאַל אויפֿגעהויבן אַן אַלגעמיינע מורמלערײַ. „איר האָט זיך געדאַרפֿט צושטעלן צוריק מיט אַ שעה און פֿינף מינוט", האָט איצט דער מאַן מיט אַן אויפֿגעהויבן קול איבערגעחזרט און האָט אויך אַ גיכן קוק אַראָפּ געטאָן אין זאַל אַרײַן. תּיכּף האָט זיך דאָס מורמלען פֿאַרשטאַרקט; נאָר אַזוי ווי דער מאַן האָט מער גאָרנישט געזאָגט, איז דער טומל פּאַוואָליע פֿון זיך אַליין אויסגעגאַנגען. איצט איז אַ סך שטילער געווען אין זאַל ווי בשעת ק. איז אַרײַנגעקומען. נאָר די לײַט אויף דער גאַלעריע האָבן נישט אויפֿגעהערט צו מאַכן זייערע באַמערקונגען. עס האָט אויס־געזען, אויף וויפֿל מע האָט דאָרט אויבן בכלל עפּעס געקענט זען צוליב דער

האַלבטונקלקייט, דעם נעפּל און דעם שטויב, אַז זיי זענען ערגער געקליידט ווי די לײַט אונטן. עטלעכע פֿון זיי האָבן מיטגעברענגט קישעלעך, וואָס זיי האָבן אַרויפֿגעלייגט צווישן קאָפּ און סטעליע, כּדי זיך נישט אָנצורײַבן קיין ווונדן.

ק. האָט אָפּגעמאַכט בײַ זיך וואָס מער צו אָבסערווירן און וואָס ווייניקער צו רעדן. צוליב דעם טאַקע האָט ער זיך אָפּגעזאָגט פֿון פֿאַרטיידיקן זיך אין שײַכות מיט זײַן משמעותדיקער פֿאַרשפּעטיקונג צו די פֿאַרהאַנדלונגען. ער האָט נאָר געזאָגט: „קען זײַן, אַז איך בין טאַקע געקומען צו שפּעט, איצט אָבער בין איך דאָך דאָ“. מען האָט אים אַפּלאָדירט נאָך די ווערטער, און ווידער אַ מאָל פֿון דער רעכטער העלפֿט פֿון זאַל. מענטשן, וואָס מע קען זיי לײַכט אַריבערגעווינען, האָט ק. אַ טראַכט געטאָן. עס האָט אים נאָר גערופּעט די שטילקייט פֿון דער לינקער זײַט פֿון זאַל; און פּונקט איז די לינקע זײַט געווען הינטער אים און פֿון דאָרט האָט מען נאָר צײַטנווײַז געהערט איינציקע בראַוואָ־קלאַפּערײַען. ער האָט גע־טראַכט: וואָס וואָלט איך געקענט זאָגן, אַז איך זאָל זיי אַלע אויף איין מאָל געווינען אויף מײַן זײַט, אָדער כאָטש — אויב דאָס איז נישט־מעגלעך — זאָל איך לעת־עתּה נאָר צײַטווײַליק אויך די אַנדערע לײַט אַריבערגעווינען.

„יאָ“, האָט געזאָגט דער מאַן, „אָבער איך בין נישט מער מחויבֿ אײַך איצט אויסצופֿאָרשן“ — און ווידער האָט זיך אויפֿגעהויבן דאָס מורמלען, דאָס מאָל אָבער על־פּי טעות, ווײַל דער מאַן האָט ממשיך געווען, נאָך דעם ווי ער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט צו די לײַט — „איך וויל אָבער פֿאָרט, ווי אַ יוצא־מן־הכּלל, הײַנט עס טאָן. אַזאַ מין פֿאַרשפּעטיקונג טאָר זיך אָבער מער נישט איבערחזרן. און איצט קומט אַפֿיר!“ עמעץ האָט אַ שפּרונג אַראָפּ געטאָן פֿון פּאָדיום, אַזוי אַז פֿאַר ק. איז פֿרײַ געוואָרן אַ פּלאַץ. איז ער אַהין אַרויף. ער איז געשטאַנען ענג צוגעקוועטשט צום טיש. דאָס געדרענג הינטער אים איז אַזוי גרויס געווען, אַז ער האָט זיך געמוזט פּשוט אַנטקעגנשטעלן, אַזיסט וואָלט ער דעם טיש פֿון אויספֿאָרשונגס־ריכטער פֿון פּאָדיום אַראָפּגעשטויסן און אפֿשר אַפֿילו אים אַליין.

דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער איז עס אָבער גאַנץ ווייניק אָנגעגאַנגען. ער האָט זיך דווקא גאַנץ פֿײַן באַקוועם געמאַכט אויף זײַן שטול און האָט איצט געזאָגט אַ פּאָר אָפּשליסנדיקע ווערטער צום מאַן הינטער אים. ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס קליינע נאָטיצביכעלע, די איינציקע זאַך, וואָס איז געלעגן אויפֿן טיש. עס איז געווען אַלט און ענלעך צו אַ שולהעפֿט. צוליבן כּסדרדיקן מישן אין די בלעטער האָט עס שוין אין גאַנצן די פֿאָרעם פֿאַרלוירן. „הכּלל“, האָט געזאָגט דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער. ער האָט געבלעטערט אינעם העפֿט און האָט זיך אַ קער געטאָן צו ק. מיט אַזאַ טאָן, ווי איינער מאַכט עפּעס זוכן. „איר זענט אַ צימער־מאָלער?“ „ניין“, האָט ק. געזאָגט, „אָבער איך בין דער ערשטער פּראָקוריסט פֿון אַ גרויסער באַנק“. נאָך אָט דעם ענטפֿער האָט זיך אונטן, בײַ דער רעכטער פּאַרטיי, אויפֿגעהויבן אַזאַ האַרציק געלעכטער, אַז ק. האָט געמוזט מיטלאַכן. די לײַט האָבן זיך אָנגעשפּאַרט מיט די הענט אויף זייערע קני־ען און האָבן זיך ממש

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

געטרייסלט, ווי אין אַ שווערן אַנפֿאַל פֿון אַ הוסט. עס האָבן אַפֿילו אויף דער גאַלעריע יחידים מיטגעלאַכט. דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער איז אַרײַנגעפֿאַלן אין אַ מוראדיקן כּעס. עס ווײַזט אָבער אויס, אַז קעגן די לײַט אונטן האָט ער גאָרנישט געקענט אויפֿטאָן; האָט ער דעריבער געזוכט זיך אָפּצונעמען זײַן קריוודע בײַ די לײַט אויף דער גאַלעריע. ער איז אויפֿגעשפּרונגען און האָט געסטראַשעט דער גאַלעריע. זײַנע ברעמען, וואָס האָבן זיך סתּם אַזוי גאַנץ וויניק אָנגעזעצן און זיך גאָר נישט געוואָרפֿן אין די אויגן, האָבן זיך איצט צונויפֿגעקוועטשט און זענען אויפֿגעפּוישט געוואָרן — שוואַרץ און גרויס.

די לינקע העלפֿט פֿון זאַל איז אָבער נאָך אַלץ שטיל געווען. די לײַט זענען דאָרט געשטאַנען אין די שורות און האָבן זייערע פּנימער צוגעקערט צום פּאָדיום. זיי האָבן זיך צוגעהערט צו דעם איבערוואָרפֿן זיך מיט ווערטער דאָרט אויבן. געטאָן האָבן זיי עס פּונקט אַזוי רויִק ווי זיי האָבן זיך צוגעהערט צום טומל פֿון דער אַנדערער פּאַרטיי. עס איז זיי אַפֿילו נישט אָנגעגאַנגען, וואָס יחידים פֿון זייערע אייגענע רייען זענען דאָ און דאָרט זיך צונויפֿגעקומען מיט דער אַנדערער פּאַרטיי. די לײַט פֿון דער לינקער פּאַרטיי, וואָס זענען — אַגבֿ — קלענער געווען אין צאָל, האָבן אייגנטלעך אין תּוך געקענט זײַן פּונקט אַזוי אומבאַדײַטנדיק ווי די לײַט פֿון דער רעכטער פּאַרטיי, אָבער די רויִקייט פֿון זייער באַנעמונג האָט גורם געווען, אַז עס האָט זיך געדאַכט, אַז זיי זענען וויכטיקער. אַז ק. האָט איצט אָנגעהויבן צו רעדן, איז ער זיכער געווען, אַז ער רעדט טאַקע אין זייער גײַסט.

„אײַער פֿראַגע, הער אויספֿאָרשונגס־ריכטער, צי איך בין אַ צימער־מאָלער — אין דער אמתן האָט איר עס דאָך גאָר נישט געפֿרעגט, נאָר איר האָט עס מיר אונטערגערוקט — איז זייער כאַראַקטעריסטיש פֿאַר דעם גאַנצן אופֿן פֿון די פֿאַרהאַנדלונגען, וואָס ווערן קעגן מיר געפֿירט. איר קענט אַפֿילו זאָגן, אַז עס ווערט בכּלל קיין ענין קעגן מיר נישט געפֿירט; איר זענט זייער גערעכט, ווײַל עס איז דאָך נישטאָ קיין ענין, כּל זמן איך גיב נישט צו, אַז עס ווערט געפֿירט אַן אויספֿאָרשונג אָבער לאָמיר זאָגן, אַז לפֿי־רגע אָנערקען איך זי; צוליב רחמנות — אין אַ געוויסן גראַד. מע קען דאָך נישט אַנדערש, ווי נאָר מיט רחמנות זיך צו דער זאַך באַציִען, אויב מע וויל בכּלל די גאַנצע זאַך נעמען ערנצט. איך זאָג נישט, אַז די אויספֿאָרשונגס־מעשׂה איז פֿון אַ נידעריקן סאָרט, אָבער איך וואָלט פֿאָרט וועלן, אַז איר זאָלט זיך איבער דעם וואָרט טיף אין האַרצן פֿאַרטראַכטן“.

ק. האָט אַלײן איבערגעריסן זײַנע רייד און האָט אַ קוק געטאָן אין זאַל אַראָפּ. וואָס ער האָט געזאָגט — איז געווען שאַרף, עס איז געווען שאַרפֿער ווי ער האָט בדעה געהאַט, אַז עס זאָל זײַן, אָבער דאָך ריכטיק. ער האָט אַוודאי פֿאַרדינט, אַז דאָ און דאָרט זאָל מען אַפּלאָדירן. אַלץ איז אָבער שטיל געווען. ווי עס ווײַזט אויס האָט מען מיט שפּאַנונג געוואַרט אויף דעם וואָס עס וועט אַצינד ווײַטער קומען. און אפֿשר האָט זיך אין דער שטיל גאָר געגרייט אַן אויסברוך, וואָס וועט

אַ סוף מאַכן פֿון אַלץ. אַ שטערונג איז אַוודאי אַנטשטאַנען צוליב דעם, וואָס די טיר צום זאַל האָט זיך איצט אַן עפֿן געטאָן און די יונגע וועשערין, וואָס האָט נאָר וואָס מסתמא איר אַרבעט געענדיקט, איז אַרײַנגעקומען. נישט געקוקט אויף דער גאַנצער פֿאָרזיכטיקייט, וואָס זי האָט דאָ אָנגעווענדט, האָבן דאָך עטלעכע בליקן זיך אַ קער געטאָן צו איר. און נאָר פֿון דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער האָט ק. פֿאַרשאַפֿט אַ סך ממשותדיקן נחת, מחמת עס האָט אויסגעזען, אַז די ווערטער האָבן אים דירעקט געטראָפֿן. שטייענדיק האָט ער זיך ביז איצט צוגעהערט, ווײַל ק.׳ס רעדע האָט אים פּשוט איבעראַשט. אויפֿגעשטעלט האָט ער זיך צוליב דער גאַלעריע. איצט, אויסנוצנדיק די קורצע פּויזע, האָט ער זיך פּאַוואָלינקע צוריק אַוועקגעזעצט, אַזוי ווי עס וואָלט זײַן כּוונה געווען, אַז מען זאָל אים נישט באַמערקן. מסתמא — כּדי צו באַרויִקן זײַן פּנים־אויסדרוק — האָט ער זיך ווידער אַ נעם געטאָן צום נאָטיצביכל.

„עס העלפֿט גאָרנישט“, האָט ק. ווײַטער גערעדט, „אויך אײַער נאָטיצביכל, הער אויספֿאָרשונגס־ריכטער, באַשטעטיקט דאָס, וואָס איך זאָג“. צופֿרידן דערפֿון, וואָס ער הערט נאָר זײַנע אייגענע רויִקע ווערטער אין דער דאָזיקער פֿרעמדער פֿאַרזאַמלונג, האָט ק. אַפֿילו געוואַגט קורץ און שאַרף אַוועקצונעמען דאָס ביכעלע פֿונעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער. ער האָט עס מיט די שפּיצן פֿון די פֿינגער, אָט אַזוי ווי ער וואָלט זיך געמיִאוסט דערפֿון, אָנגעכאַפּט בײַ אַן איינציק מיטל־בלעטל און עס אויפֿגעהויבן. די פֿון ביידע זײַטן פּאַפּיר געדיכט־באַשריבענע, באַקלעקטע, בײַ די ראַנדן געל־געוואָרענע, בלעטער זענען איצט בײַ דעם איינציקן בלעטל אַראָפּגעהאַנגען. „דאָס זענען די אַקטן פֿון דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער“, האָט ער געזאָגט, און האָט געלאָזט פֿאַלן דאָס נאָטיצביכל אויפֿן טיש אַרויף. „לייענט נאָר רויִק ווײַטער אין אָט דעם ביכל, הער אויספֿאָרשונגס־ריכטער. פֿאַר אָט דעם ספר פֿון שולדיקייט האָב איך אויף אַן אמת קיין ברעקל מורא נישט, כאָטש עס איז פֿאַר מיר אַ געשלאָסן ספר, ווײַל איך קען עס נאָר אָננעמען מיט צוויי פֿינגער — מחמת אין דער האַנט אַרײַן וואָלט איך עס בשום אופֿן נישט גענומען“. נאָר ווי אַ סימן פֿון טיפֿער דערנידערונג האָט מען געקענט אָננעמען — לכל הפּחות האָט מען עס אַנדערש נישט געקענט טײַטשן — וואָס דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער האָט איצט אַ כאַפּ געטאָן דאָס נאָטיצביכל, וואָס איז געפֿאַלן אויפֿן טיש און האָט דערינען אַ ביסל צו רעכט געמאַכט די זײַטלעך און עס ווידער פֿאַר זיך אַוועקגעלייגט, כּדי אין דעם ווײַטער צו לייענען.

די פּנימער פֿון די לײַט אין דער ערשטער ריי האָבן מיט אַזאַ שפּאַנונג געקוקט אויף ק., אַז ער האָט אַזש אַ רגע לאַנג צו זיי אַראָפּגעקוקט. עס זענען געווען לויטער עלטערע מענער. עטלעכע אירע האָבן געהאַט ווייסע בערד. זענען זיי דאָס געווען די, וואָס האָבן דעצידירט, וואָס האָבן משפּיע געווען אויף דער גאַנצער פֿאַרזאַמלונג, אַז זי זאָל זיך נישט לאָזן אַרויספֿירן פֿון איר אומבאַוועגלעכקייט, וואָס אין איר איז זי אַרײַנגעזונקען, אַפֿילו נאָך דער דערנידעריקונג פֿון דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער?

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

„וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט", האָט ק. ווײַטער גערעדט, אַ ביסעלע שטילער ווי פֿריִער, און כּסדר זוכנדיק די פּנימער פֿון דער ערשטער ריי, וואָס דאָס האָט זײַן רעדע אַ ביסל שלאַבעריק געמאַכט, „וואָס מיט מיר האָט פּאַסירט, איז דאָך נאָר אַן אײנציקער פֿאַל, און ווי אַזאַ איז ער נישט זייער וויכטיק. איך אַליין נעם עס דאָך נישט אַזוי שווער ערנצט. אָבער דאָס אַלץ איז אַ סימן פֿון אַ פֿירונג פֿון אויספֿאָרשונגס־ענינים, וואָס ווערט פּראַקטיצירט לגבי אַ סך. אָט פֿאַר זיי נעם איך זיך דאָ אָן, און נישט פֿאַר מיר".

נישט־ווילנדיק האָט ער אויפֿגעהויבן זײַן שטימע. ערגעץ ווו האָט עמעץ געפּליעסקעט מיט אויפֿגעהויבענע הענט און גערופֿן: „בראַוואָ! פֿאַר וואָס נישט? בראַוואָ! און ווידער בראַוואָ!" די פֿון די ערשטע רייען האָבן זיך דאָ און דאָרט אַ כאַפּ געטאָן פֿאַר די בערד. קיינער האָט זיך נישט אומגעדרייט צוליב דעם אויסרוף. אויך ק. האָט אים נישט צוגעשריבן קיין גרויסע באַדײַטונג, פֿונדעסט־וועגן האָט עס אים אויפֿגעהײַטערט. איצט האָט ער געהאַלטן, אַז עס איז גאָר נישט נייטיק, אַז אַלע זאָלן קלאַפּן מיט די הענט. עס איז גענוג, אַז דער עולם דאָ זאָל נאָר אָנהייבן די זאַך איבערצוקלערן, און איינער, אָדער דער אַנדערער זאָל אַריבערגעוווּנען ווערן דורך דעם, וואָס מע האָט אים איבערגערעדט.

„איך וויל נישט אויסנעמען מיט מײַן רעדן", האָט ק. געזאָגט — טאַקע צוליב דער מחשבֿה, „איך וואָלט עס סײַ ווי מסתּמא נישט געקענט דערגרייכן. דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער רעדט אַוודאי אַ סך בעסער, עס געהערט דאָך צו זײַן פּראָפֿעסיע. דאָס וואָס מיר ליגט אויפֿן האַרצן, איז נאָר עפֿנטלעך אַרומרעדן אַן עפֿנטלעכע אומאָרדענונג. הערט זיך אײַן: מיט אַן ערך צען טעג צוריק בין איך אַרעסטירט געוואָרן. פֿון דעם פֿאַקט פֿון דעם אַרעסט לאַך איך זיך, אין דער אמתן, אויס. אָבער דאָס געהערט איצט נישט אַהער צום ענין. מע איז מיך גאַנץ פֿרי, נאָך אין בעט ליגנדיק, באַפֿאַלן. עס קען זײַן, אַז מע האָט געהאַט אַ באַפֿעל צו אַרעסטירן עפּעס איינעם אַ צימער־מאַלער, וואָס איז פּונקט אַזוי אומשולדיק ווי איך. עס קוקט אַפֿילו אַזוי אויס, אויב מע דערמאָנט זיך די רייד פֿון דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער. אָבער מע האָט אויסגעקליבן — מיך. אין שכנותדיקן צימער האָט מען אַרײַנגעשטעלט צוויי וועכטער, גרוביאַנעס. ווען איך וואָלט אַפֿילו געווען אַ געפֿערלעכער גזלן, וואָלט מען נישט געדאַרפֿט בעסער זיך באַוואָרענען קעגן מיר. אַגבֿ, זענען די דאָזיקע וועכטער געווען אַ דעמאָראַליזירטע כאַפּטע. זיי האָבן מיר אָנגעפּלאַפּלט פֿולע אויערן, זיי האָבן זיך געוואָלט לאָזן אונטערקויפֿן. זיי האָבן מיר געוואָלט אײַנרעדן אַלערליי אויסטראַכטענישן און אַרויסנאַרן פֿון מיר מײַנע מלבושים און מײַן וועש. זיי האָבן אַפֿילו פֿון מיר פֿאַרלאַנגט געלט, כּדי מיר אַן אָנבײַסן צו ברענגען. און דאָס האָבן זיי געטאָן נאָך דעם, ווי זיי האָבן מיר אין די אויגן, און אָן שום בושה, מײַן אייגן אָנבײַסן אויפֿגעגעסן. אָבער דאָס איז נאָך נישט אַלץ. מע האָט מיך געפֿירט אין אַ דריט צימער צום אויפֿזעער. עס איז געווען דאָס צימער פֿון אַ דאַמע, וואָס איך האָב זייער בכּבֿוד געהאַלטן. און איך האָב געמוזט צוזען, ווי דאָס צימער ווערט פֿאַר־

מיסטיקט אין אַ געוויסער מאָס, פֿון די וועכטער און דעם אויפֿזעער. טאַקע צוליב מיר — אָבער אָן מײַן שולד. עס איז נישט אַזוי גרינג געווען צו בלײַבן רויִק. עס איז מיר אָבער געלונגען. און איך האָב געפֿרעגט דעם אויפֿזעער מיט אַבסאָלוטער רויִקייט, פֿאַר וואָס איך ווער אייגנטלעך אַרעסטירט. אויב ער וואָלט דאָ געווען, וואָלט ער עס געמוזט באַשטעטיקן. וואָס זשע האָט דער דאָזיקער אויפֿזעער געענטפֿערט? און איך זע אים נאָך איצט פֿאַר מײַנע אויגן ווי ער זיצט אַזוי אויפֿן שטול פֿון דער דערמאָנטער דאַמע, ווי אַ לעבעדיק בילד פֿון גולמעווערסטער אײַנרעדעניש. מײַנע הערן! אין תּוך האָט ער גאָרנישט געענטפֿערט. אפֿשר האָט ער גאָרנישט געוווּסט. ער האָט מיך אַרעסטירט און מיט דעם איז ער געווען באַפֿרידיקט. ער האָט אַפֿילו נאָך געטאָן אַן איבעריקס אויך. ער האָט אַרײַנגעפֿירט אין צימער פֿון יענער דאַמע דרײַ נידעריקע אָנגעשטעלטע פֿון מײַן באַנק. מיט וואָס זשע האָבן זיי זיך פֿאַרנומען? זיי האָבן אַרומגעטאַפּט און צעוואָרפֿן פֿאָטאָגראַפֿיעס, וואָס זענען געווען דאָס אייגנטום פֿון יענער דאַמע. דאָס בײַזײַן פֿון די דאָזיקע אָנגעשטעלטע האָט, פֿאַרשטייט זיך, געהאַט נאָך אַן אַנדער צוועק. זיי — פּונקט ווי מײַן באַלעבאָסטע און איר דינסטמיידל — האָבן געדאַרפֿט פֿאַרשפּרייטן די ידיעה פֿון מײַן אַרעסט. שעדיקן מײַן אָנזען אין דער עפֿנטלעכקייט, און בעיקר צעטרייסלען מײַן פּאָזיציע אין דער באַנק. און אָט איז גאָרנישט פֿון דעם אַלעמען געלונגען, אָבער טאַקע לחלוטין גאָרנישט. אַפֿילו מײַן באַלעבאָסטע, אַ גאַנץ פּשוטע פֿרוי, וואָס איך וויל דאָ אָנרופֿן איר נאָמען מיט אַלע כּיבודים, וואָס געהערן איר, זי הייסט פֿרוי גרובאַך, אויך זי האָט געהאַט גענוג פֿאַרשטענדעניש אײַנצוזען, אַז אַזאַ מין אַרעסט באַטײַט נישט מער ווי אַן איבערפֿאַל פֿון גאַסניונגען, וואָס קיינער גיט אויף זיי נישט אַכטונג. איך חזר איבער, מיר האָט דאָס אַלץ מיט אַנאַנדער פֿאַרשאַפֿט נאָר אומאָנגענעמלעכקייטן און ערגערנישן, וואָס גייען פֿאַרבײַ. האָט עס דען אָבער נישט געקענט אויך האָבן שווערערע קאָנסעקווענצן?"

אַז ק. האָט זיך דאָ אַליין איבערגעשלאָגן די רייד און האָט אַ קוק געטאָן צום שטילן אויספֿאָרשונגס־ריכטער, האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער באַמערקט, ווי יענער האָט פּונקט עמעצן אין דער מאַסע געגעבן אַ צייכן מיטן בליק. ק. האָט אַ שמייכל געטאָן און געזאָגט: „פּונקט דאָ לעבן מיר גיט איצט דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער עמעצן פֿון אײַך אַ געהיימען סימן. הייסט דאָס, אַז צווישן אײַך זענען פֿאַראַנען לײַט, וואָס ווערן דיריגירט פֿון דאַנעט, פֿון דאָ אויבן. איך ווייס נישט, צי דער דאָזיקער סימן דאַרף איצט אַרויסרופֿן אַן אויספֿײַפֿן, אָדער גאָר אַפּלאָדיסמענטן. איך זאָג זיך אָפּ דאָס געוואָר צו ווערן, מחמת איך גיב אַרויס פֿאַר אײַך דעם גאַנצן ענין פֿאַר דער צײַט. איך פֿאַרשטיי זייער גוט, אַז איצט וועל איך שוין דעם באַטײַט פֿון דעם סימן נישט געוואָר ווערן. עס איז מיר לחלוטין אַלץ איינס. און איך באַפֿולמעכטיק דעם הער אויספֿאָרשונגס־ריכטער בפֿרהסיא צו געבן באַפֿעלן זײַנע באַצאָלטע אָנגעשטעלטע דאָרט אונטן — שטאָט

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

מיט געהיימע סימנים, גאַנץ הויך, מיט ווערטער. און זאָל ער גאַנץ פּשוט איין מאָל זאָגן: ׳איצט פּײַפּט!׳, און דאָס אַנדערע מאָל: ׳איצט אַפּלאָדירט!׳ ״

צי אין צעמישונג, צי פֿון אומגעדולד, האָט דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער זיך געדרייט אויף זײַן שטול אַהין און אַהער. דער מאַן, וואָס איז געשטאַנען הינטער אים, און יענער האָט זיך שוין פֿריִער מיט אים דורכגעשמועסט, האָט זיך ווידער צו אים אָנגעבויגן. קען זײַן, אַז כּדי בכלל און סתּם אים צו דערמוטיקן, אָדער גאָר אים עפּעס אַ באַזונדערע עצה צו געבן. די לײַט אונטן האָבן גערעדט צווישן זיך שטיל, אָבער רירעווודיק. די צוויי פּאַרטייען, וואָס פֿריִער האָט זיך געדאַכט, אַז זייערע מיינונגען זענען אַזוי שטאַרק היפּוכדיק, האָבן זיך אויסגע־מישט. איינציקע פֿון די לײַט האָבן געטײַטלט מיטן פֿינגער אויף ק. אַנדערע האָבן געטײַטלט אויפֿן אויספֿאָרשונגס־ריכטער. די נעפּלדיקע דעמפּקייט אין צימער איז געוואָרן ממש נישט אויסצוהאַלטן. דער נעפּל האָט אַפֿילו געשטערט בעסער צו באַטראַכטן די לײַט, וואָס זענען געשטאַנען אַ ביסל ווײַטער אָפּגערוקט. גאַנץ באַזונדערס האָט דאָ געמוזט שטערן די געסט אויף דער גאַלעריע. זיי זענען געווען געצוווּנגען — כאָטש אַפֿילו מיט דערשראָקענע זײַטיקע בליקן צום אויספֿאָרשונגס־ריכטער — שטילערהייט איבערצופֿרעגן די אַנדערע פֿאַרזאַמלטע, כּדי פּינקטלעכער זיך דערוויסן וואָס עס קומט דאָ פֿאָר. די ענטפֿערס זענען אויך געגעבן געוואָרן אין דער שטיל, און דערבײַ האָט מען מיט די הענט פֿאַרשטעלט די מײַלער.

„איך ענדיק תּיכּף״, האָט ק. געזאָגט. אַזוי ווי עס איז דאָ קיין גלעקל נישט געשטאַנען, האָט ער געקלאַפּט מיט דער פֿויסט איבערן טיש. איבערגעשראָקן האָבן תּיכּף־ומיד זיך אָפּגעטיילט די קעפּ פֿון דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער און זײַן עצה־געבער: „איך שטיי דאָ אייגנטלעך בײַ דעם ענין אין גאַנצן ווי אַ זײַטיקער. איך נעם אַלץ אויף דעריבער זייער רויִק. און אויב איך מעג אָננעמען, אַז דאָס דאָזיקע כּמו־געריכט גייט אײַך אַ ביסל אָן, קענט איר האָבן אַ גרויס נוצן דערפֿון, אויב איר וועט זיך צוהערן צו מיר. אָבער אײַער דורכשמוסן זיך מכּוח דעם אַלעמען, וואָס איך ברענג דאָ פֿיר, בעט איך אײַך אָפּלייגן אויף שפּעטער, מחמת איך האָב קיין צײַט נישט און וועל באַלד אַוועקגיין פֿון דאַנעט״.

אין דער רגע איז שטיל געוואָרן, אַזוי ווײַט האָט שוין ק. באַהערשט די אַסיפֿה. מע האָט שוין מער נישט געשריגן אַהין און אַהער ווי אין אָנהייב. מע האָט אַפֿילו מער נישט אַפּלאָדירט. מען האָט אָבער שוין אויסגעזען איבערצײַגט, אָדער כּמעט נאָענט דערצו.

„עס איז קיין ספֿק נישט״, האָט ק. זייער שטיל געזאָגט, און אים האָט שטאַרק הנאה געטאָן דאָס וואָס די אַסיפֿה הערט זיך צו אים אַזוי אָנגעשטרענגט; אין אָט דער שטילקייט האָט זיך דערהערט עפּעס אַ מין מורמלען, וואָס איז געווען מער אויפֿרייצנדיק ווי התלהבֿותדיקסטע אַפּלאָדיסמענטן. „עס איז קיין ספֿק נישט, אַז הינטער אַלע אַרויסזאָגונגען פֿון דעם דאָזיקן געריכט — און אין מײַן

פֿאַל — הינטער דעם אַרעסט און דער הײַנטיקער אויספֿאָרשונג, שטייט אַ גרויסע אָרגאַניזאַציע. און די דאָזיקע אָרגאַניזאַציע באַשעפֿטיקט ניט נאָר וועכטערס, וואָס מע קען זיי אונטערקויפֿן, אומגעלומפּערטע אויפֿזעערס און אויספֿאָרשונגס־ריכטערס, וואָס שוין אין בעסטן פֿאַל זענען זיי באַשיידענע לײַט — זי האָט אויך נײַערט אַ שיכט פֿון ריכטערס פֿון הויכן און העכסטן גראַד און דערצו אַ מאַסע משרתימלעך, שרײַבערלעך, זשאַנדאַרן און אַנדערע הילפֿס־כּוחות, וואָס מע קען זיך אָן זיי אין אַזעלכע פֿאַלן נישט באַגיין. יאָ, די אָרגאַניזאַציע האָט אויך אפֿשר תּליינים. איך שרעק מיך נישט איבער אַפֿילו פֿאַר דעם דאָזיקן וואָרט. און דער זינען פֿון דער גרויסער אָרגאַניזאַציע, מײַנע הערן? ער באַשטייט אינעם אַרעס־טירן אומשולדיקע מענטשן, אין אָנהייבן קעגן זיי גערייכטלעכע אויספֿאָרשונגען — ווי אין מײַן פֿאַל — אָן אויספֿאָרשונג, וואָס איז אָן לאָגיק און בלײַבט אָן רעזולטאַטן. ווי וואָלט מען גאָר בײַ די באַדינגונגען און אויך בײַ דער זינלאָזיקייט פֿון אָט דעם אַלעמען — געקענט אויסמײַדן די מוראדיקסטע קאָרופּציע פֿון די אָנגעשטעלטע? דאָס איז אוממעגלעך, דאָס וואָלט אַפֿילו דער העכסטער ריכטער בײַ זיך אַליין נישט געקענט אויספֿירן. דערפֿאַר גנבֿענען די וועכטערס אַראָפּ די קליידער ביי די אַרעסטירטע פֿונעם לײַב; דערפֿאַר רײַסן זיך די אויפֿזעערס אַרײַן אין פֿרעמדע דירות; דערפֿאַר ווערן אומשולדיקע, שטאָט אויסגעפֿאָרשט צו ווערן, דערנידעריקט פּנים־אל־פּנים פֿון גאַנצע פֿאַרזאַמלונגען. די וועכטערס האָבן נאָר דערציילט וועגן דעפּאָזיטן־קאַמערן, וואָס מע ברענגט אין זיי דאָס פֿאַרמעגן פֿון די אַרעסטירטע; איך וואָלט זיי אָבער געוואָלט אַ מאָל אָנקוקן — די דאָזיקע דעפּאָזיטן־קאַמערן, וואָס אין זיי פֿוילט דאָס, מיט מי און נויט דער־וואָרבענע, פֿאַרמעגן פֿון די אַרעסטירטע, אויב נאָר עס איז נאָך נישט צוגע־גנבֿעט געוואָרן פֿון די גנבֿישע אָנגעשטעלטע פֿון די דעפּאָזיטן־קאַמערן".

אַ קרענצל חבֿרה־לײַט אין ווײַטסטן עק זאַל האָט איבערגעריסן די רייד פֿון ק.; ער האָט מיט דער האַנט פֿאַרשטעלט די אויגן כּדי צו קענען אויף זיי אַ קוק טאָן, מחמת דאָס מאָגערע טאָגליכט האָט דעם נעפּל פֿאַרווײַסט און געבלענדט דעם בליק. געהאַנדלט האָט זיך עס דאָרט אין דער וועשעריין, וואָס ק. האָט תּיכּף פֿאַרשטאַנען וואָס פֿאַר אַ וויכטיקע שטערונג זי שטעלט מיט זיך פֿאָר אין זײַן ענין פֿון דער רגע וואָס זי איז נאָר אַרײַנגעקומען. צי זי איז אויך איצט שולדיק געווען, אָדער נישט, איז שווער געווען צו וויסן. ק. האָט נאָר געזען, אַז אַ מאַן האָט זי אין ווינקל בײַ דער טיר עפּעס צוגעצויגן און געדריקט צו זיך. אָבער נישט זי האָט געמאַכט קולות, נײַערט דער מאַן: ער האָט ברייט אויפֿגעריסן דאָס מויל זײַנס און געקוקט צו דער סטעליע. אַ קליין געזעמל האָט זיך געשאַפֿן אַרום זיי בײדע; די געסט פֿון דער גאַלעריע האָבן אַרויסגעוויזן באַגײַסטערונג, וואָס די ערנצטקייט, וועלכע ק. האָט אַרײַנגעבראַכט אין דער פֿאַרזאַמלונג, איז אויף דעם אופֿן איבערגעריסן געוואָרן. באַלד לויטן ערשטן אימפּולס האָט ק. געוואָלט אַ לויף טאָן אַהין; עס האָט זיך אים אַפֿילו אויך געדאַכט, אַז אַלע וועלן עס שטאַרק וועלן, אַז מע זאָל דאָרט בכלל מאַכן אָרדענונג, אָדער כאָטש

פֿראַנץ
קאַפֿקא

דאָס פֿאַרל אַרויסשיקן פֿון זאַל; זענען אָבער די ערשטע רייען פֿאַר אים געבליבן פֿעסט צונויפֿגעדריקט, קיינער האָט זיך נישט קיין ריר געטאָן און קיינער האָט ק. נישט דורכגעלאָזן. פונקט פֿאַרקערט, מע האָט אים אַפֿילו געשטערט, אַלטע מענער האָבן אויסגעשטרעקט זייערע אָרעמס, און עפּעס אַ האַנט — ער האָט נישט קיין צײַט געהאַט זיך אומצוקוקן — האָט אים אָנגעכאַפּט פֿון הינטן בײַם קראַגן. ק. האָט אייגנטלעך מער נישט געטראַכט וועגן דעם פֿאָר, אים האָט זיך אויסגעוויזן, אַז מע באַגרענעצט זײַן פֿרײַהייט, אַז מע נעמט טאַקע ערנצט דעם אַרעסט זײַנעם; און נישט אַכטנדיק אויף גאָרנישט מער האָט ער אַ שפּרונג אַראָפּ געטאָן פֿון פּאָדיום. איצט איז ער געשטאַנען אויג צו אויג מיט דעם געדרענג. האָט ער די לײַט נישט־ריכטיק אָפּגעשאַצט? האָט ער צו זײַן רעדע צו פֿיל חשיבֿות צוגעשריבן? האָט מען זיך נאָר אַזוי פֿאַרשטעלט כּל־זמן ער האָט גערעדט, און איצט, אַז ער איז שוין געקומען צו די פּועל־יוצאס, איז מען שוין זאַט מיטן פֿאַרשטעלן זיך? וואָס פֿאַר אַ פּנימער עס זענען אַרום און אַרום אים! קליינע, שוואַרצע אייגעלעך האָבן געצאַפּלט אַהין און אַהער, די באַקן זענען אַראָפּגעהאַנגען אַזוי ווי בײַ פֿאַרשיכּורטע, די לאַנגע בערד זענען געווען דראָטיק און שיטער; און האָט מען זיי אָנגעכאַפּט, איז עפּעס אויסגעקומען, ווי מע וואָלט אָנגעכאַפּט שאַרפֿע נעז און נישט קיין בערד. הינטער די בערד — און דאָס איז געווען די אייגנטלעכע אַנטדעקונג, וואָס ק. האָט געמאַכט — האָבן אויף די קעלנער פֿון די רעקלעך געשימערט אָפּצייכנס פֿון פֿאַרשידענע גרייסן און פֿאַרבן. ווי ווײַט עס האָט זיך געלאָזט זען, האָבן אַלע לײַט די אַ דאָזיקע סימנים געהאַט. אַלע האָבן זיי אַ שייכות איינער צום אַנדערן, אָט די כּלומרשטע פּאַרטייען פֿון רעכטס און פֿון לינקס; און אַז ער האָט זיך איצט פּלוצלינג אומגעדרייט, האָט ער געזען די זעלבע סימנים אויך אויפֿן קאָלנער פֿון אויספֿאָרשונגס־ריכטער, וואָס האָט אַצינד געהאַלטן די הענט אויף דער שויס און האָט רויִק אַראָפּגעקוקט. „אַזוי", האָט ק. אַ געשריי געטאָן און האָט אַ הייב געטאָן די הענט אין דער הייך. אַלץ איז אים פּלוצלינג קלאָר געוואָרן און האָט געזוכט אַן אויסדרוק. „איר זענט דאָך אַלע אָנגעשטעלטע, ווי איך זע שוין, איר זענט די פֿאַרקויפֿטע באַנדע, וואָס קעגן איר האָב איך גערעדט; איר האָט זיך דאָ געשטופּט, ווי צוהערערס און האָט דאָ די נעז אַרײַנגעשטעקט, איר האָט זיך דאָ מכּלומרשט גרופּירט אין פּאַרטייען, און איינע פֿון זיי האָט אַפּלאָדירט, כּדי מיך אויסצופּרוּוון. איר האָט געוואָלט לערנען ווי אַזוי צו פֿאַרפֿירן אומשולדיקע! נו, איר זענט נישט אומזיסט דאָ געווען, אַזוי האָף איך. קען זײַן אַז איר האָט זיך דערמיט פֿאַרווײַלט, וואָס עמעץ האָט פֿון אײַך דערוואַרט, אַז איינער פֿון אײַערע וועט פֿאַרטיידיקן דעם אומשולדיקן, און אפֿשר גאָר — לאָז מיך, אַזיסט שלאָג איך", האָט ק. אַ געשריי געטאָן צו אַ ציטערדיקן אַלטיטשקן, וואָס האָט זיך באַזונדערס נאָענט צו אים צוגערוקט — „און אפֿשר גאָר האָט איר אויף אַן אמת געלערנט. און דערמיט ווינטש איך אײַך גליק אין אײַער פֿאַך." ער האָט גיך אַ כאַפּ געטאָן זײַן הוט, וואָס איז געלעגן אויפֿן ראַנד פֿון טיש, און האָט זיך אין דער אַלגעמיינער

שטילקייט, דער שטילקייט פון פולשטענדיקער איבערראַשונג, גענומען אַרויסרוקן צום אַרויסגאַנג. דער אויספאָרשונגס־ריכטער — ווײַזט אויס — איז אָבער נאָך פלינקער געווען ווי ק., ווײַל ער האָט שוין געוואַרט אויף אים בײַ דער טיר. „איין רגע“, האָט ער געזאָגט. ק. איז שטיין געבליבן, ער האָט אָבער נישט געקוקט אויף דעם אויספאָרשונגס־ריכטער, נאָר אויף דער טיר, וואָס איר קליאַמקע האָט ער שוין געהאַט אָנגעכאַפּט. „איך האָב אײַך נאָר דערויף געוואָלט אויפמערקזאַם מאַכן“, האָט געזאָגט דער אויספאָרשונגס־ריכטער, „אַז איר האָט זיך הײַנט אפשר נאָך נישט אָפּגעגעבן קיין חשבון דערפון און זיך אַליין באַרויבט אַ שאַנס פאַר אײַער טובֿה וועגן, וואָס אַן אויספאָרשונג קען באַטײַטן, אויף יעדן פאַל, פאַר יעדן אַרעסטירטן.“ ק. האָט געלאַכט אויף דער טיר אַרויף. „איר — כּנופיה“, האָט ער אויסגערופן, „איך שענק אײַך אַלע אויספאָרשונגען“, ער האָט געעפנט די טיר און האָט זיך אַראָפּגעיאָגט פון די טרעפּ. הינטער אים האָט זיך אויפגעהויבן דער טומל פון דער פאַרזאַמלונג, וואָס איז ווידער געוואָרן אויפגעלעבט, און האָט מסתמא אָנגעהויבן אַרומרעדן די געשעענישן, לויט דעם שטייגער ווי עס טוען עס שטודירנדיקע מענטשן.

3

אין פּוסטן זיצונגזאַל

דער סטודענט

די קאַנצעלאַריעס

ק. האָט געוואַרט די גאַנצע קומעדיקע וואָך טאָג־אײַן און טאָג־אויס אויף אַ נײַער מיטטײלונג. ער האָט ניט געקענט גלײבן, אַז מע האָט גענומען וואָרטערלעך זײַן אָפּזאָגן זיך פֿון אויספֿאָרשונגען און — אַז די דערוואַרטע מיטטײלונג איז טאַקע ביז שבת אין אָוונט נישט געקומען, האָט ער אָנגענומען, אַז ס׳איז פֿון זיך אַליין פֿאַרשטענדלעך אַז ער איז אויפֿגעפֿאָדערט צו קומען ווידער אין זעלבן הויז אַרײַן און טאַקע אויף דער זעלבער צײַט. ער איז דעריבער זונטיק ווידער אַהינגעגאַנגען און דאָס מאָל געגאַנגען אויפֿן גלײַכן וועג איבער טרעפּ און איבער דורכגענג. עטלעכע לײַט, וואָס האָבן זיך דערמאָנט אָן אים, האָבן אים געגריסט בײַ זייערע טירן, אָבער ער האָט קיינעם נישט געדאַרפֿט מער פֿרעגן און איז באַלד געקומען צו דער ריכטיקער טיר. ווי נאָר ער האָט אָנגעקלאַפּט, האָט מען אים תּיכף אויפֿגעמאַכט און — נישט אומקוקנדיק זיך מער אויף דער באַקאַנטער פֿרוי, וואָס איז בײַ דער טיר שטיין געבליבן — האָט ער געוואָלט אַרײַנגיין אין שכנותדיקן צימער. „הײַנט איז נישטאָ קיין זיצונג?" האָט ער געפֿרעגט און האָט עס נישט געוואָלט גלייבן. אָבער די פֿרוי האָט עס אים באַוויזן, עפֿענענדיק די טיר פֿון שכנותדיקן צימער. עס איז אויף אַן אמת געווען פּוסט און האָט אין דער פּוסטקייט נאָך עלנטער אויסגעזען ווי אין פֿאַרגאַנגענעם זונטיק. אויף דעם טיש, וואָס איז נישט געביטן געשטאַנען אויף דעם פּאָדיום, זײַנען געלעגן עטלעכע ביכער. „קען איך מיר די ביכער אָנקוקן?" האָט ק. געפֿרעגט, נישט ווײַל ער איז אַזוי שטאַרק נײַגעריק געווען, נאָר כּדי נישט צו האָבן געווען דאָ אין גאַנצן אָן שום נוצן. „ניין", האָט געזאָגט די פֿרוי, און האָט ווידער די טיר צוגעשלאָסן, „דאָס איז נישט דערלויבט. די ביכער געהערן צום אויספֿאָרשונגס־ריכטער". „אַך, אַזוי", האָט ק. געזאָגט און אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, „די ביכער זענען מסתּמא געזעצביכער, און די דאָזיקע יוסטיץ איז פֿון אַזאַ מין, וואָס נישט נאָר ווערט אומשולדיק פֿאַרמשפּט, נאָר אויך אומוויסנדיק". „עס איז אַוודאי אַזוי", האָט געזאָגט די פֿרוי, וואָס האָט אים נישט־אַקוראַט פֿאַרשטאַנען. „נו, אויב אַזוי, וועל איך ווידער גיין", האָט געזאָגט ק. „זאָל איך דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער

עפּעס מעלדן?“ האָט די פֿרוי געפֿרעגט. „איר קענט אים?“ האָט ק. געפֿרעגט. „אַוודאי“, האָט די פֿרוי געזאָגט, „מײַן מאַן איז דאָך אַ געריכטס־דינער“. ערשט איצט האָט ק. באַמערקט, אַז דאָס צימער, אין וועלכן עס איז לעצטנס נאָר אַ באַליע געשטאַנען, איז איצט אַ פֿולשטענדיק אײַנגעאָרדנט ווױנצימער. די פֿרוי האָט באַמערקט זײַן שטױנונג און האָט געזאָגט: יאָ, מיר האָבן אַ פֿרײַע ווױנונג, מיר מוזן אָבער דאָס צימער אַפּרוימען אין זיצונגס־טעג. דער פּאָסטן פֿון מײַן מאַן האָט געוויסע חסרונות“. „איך בין נישט אַזױ דערשטױנט צוליב דעם צימער“, האָט ק. געזאָגט און זי בײז אָנגעקוקט, „נאָר אַ סך מער צוליב דעם, וואָס איר זענט אַ חתונה־געהאַטע“. „איז דאָס אפֿשר אַן אָנווױנק אויף דער פּאַסירונג בעת דער לעצטער זיצונג, וואָס צוליב איר איז אײַער רעדע געשטערט געוואָרן?“ האָט די פֿרוי געפֿרעגט. „אַוודאי“, האָט ק. געזאָגט, „הײַנט איז עס שוין פֿאַרבײַ און כמעט פֿאַרגעסן, אָבער דעמאָלט האָט ער מיך שיִער נישט משוגע געמאַכט. און איצט זאָגט איר אַלײן, אַז איר זענט אַ חתונה־געהאַטע פֿרוי“. „עס איז נישט געווען קיין שאָדן פֿאַר אײַך, וואָס אײַער רעדע איז איבערגעריסן געוואָרן. מע האָט זי נאָך שפּעטער זײער אומגינציק באַרעדט“. „קען זײַן“, האָט ק. אַוועק־מאַכנדיק מיט דער האַנט געזאָגט, „אָבער אײַך אַנטשולדיקט עס נישט“. „פֿאַר אַלע, וואָס קענען מיך, בין איך אַנטשולדיקט“, האָט געזאָגט די פֿרוי, „דער, וואָס האָט מיך דעמאָלט אַרומגענומען, פֿאַרפֿאָלגט מיך שוין פֿון לאַנג. קען זײַן, אַז אין אַלגעמײן בין איך נישט־צוציִענדיק, אָבער פֿאַר אים בין איך עס יאָ. נישטאָ פֿאַר דעם קײן באַשיצונג, אויך מײַן מאַן האָט שוין דערמיט שלום געמאַכט; ווײַל ער בלײַבן בײַ זײַן פּאָסטן, מוז ער עס פֿאַרטראָגן, ווײַל יענער מאַן איז אַ סטודענט און וועט מסתמא באַקומען מער מאַכט. ער פֿאַרפֿאָלגט מיך כסדר; פּונקט אײדער איר זענט געקומען, איז ער אַוועקגעגאַנגען“. „עס פּאַסט צו אַלץ דאָ אַרום און אַרום“, האָט ק. געזאָגט, „עס איבערראַשט מיך נישט“. „איר ווילט, ווײַזט אויס, דאָ אַ פּאָר זאַכן אויסבעסערן?“ האָט די פֿרוי פּאַוואָליע און פֿאַרשנדיק געפֿרעגט, אַזױ ווי זי וואָלט עפּעס אַזױנס געזאָגט, וואָס איז אַ סכּנה סײַ פֿאַר איר און סײַ פֿאַר ק. „שוין לויט אײַער רעדע בין איך צו דעם באַשלוס געקומען; מיר פּערזענלעך איז די רעדע גאַנץ גוט געפֿעלן. ס׳איז אַפֿילו אמת, אַז איך האָב נאָר אײן טײל פֿון איר געהערט. דעם אָנהײב האָב איך פֿאַרשפּעטיקט און בשעת דעם שלוס בין איך מיט דעם סטודענט אויף דער בריק געלעגן. — דאָ איז אַזױ אָפּשטויסנדיק“, האָט זי אַ זאָג געטאָן אין אַ רגע אַרום און האָט אַ כאַפּ געטאָן ק.׳ס האַנט. „מײנט איר, אַז עס וועט אײַך זיך דאָ אײַנגעבן אַ וועלכע ס׳ניט איז פֿאַרבעסערונגען דאָ צו דערגרײכן?“ ק. האָט געשמײכלט און האָט זײַן האַנט אַ ביסל געדרײט אין אירע ווײכע הענט. „דעם אמת געזאָגט,“ האָט ער זיך אָנגערופֿן, „בין איך נישט צו דעם באַשטימט, פֿאַרבעסערונגען דאָ צו דער־גרײכן, ווי איר האָט זיך אויסגעדריקט, און אויב איר וואָלט עס, למשל, געזאָגט דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער, וואָלט מען אײַך אויסגעלאַכט אָדער באַשטראָפֿט. פֿאַקטיש וואָלט איך זיך בשום אופֿן, לויט מײַן פֿרײַען ווילן, אין די ענינים

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

גאָר נישט אַרײַנגעמישט; און מײַן שלאָף וואָלט דער פֿאַרבעסערונגס־חשק פֿון אַט דער יוסטיץ קיין מאָל אין לעבן נישט געשטערט. איך בין אָבער צוליב דעם, וואָס איך בין מכּלומרשט אַרעסטירט געוואָרן — איך בין נעמלעך אַרעסטירט — געצוווּנגען געוואָרן, דאָ צו אינטערוועניִרן, און טאַקע צוליב זיך. נאָר אויב איך קען דערבײַ אויך אויף וואָס פֿאַר אַ נישט איז אופֿן צו נוץ קומען, וועל איך עס אַוודאי זייער גערן טאָן. נישט נאָר מחמת ליבע צו מיטמענטשן, נאָר חוץ דעם אויך דערפֿאַר, ווײַל אויך איר קענט מיר באַהילפֿיק זײַן". „ווי אַזוי וואָלט איך עס געקענט?" האָט די פֿרוי געפֿרעגט. „אָט, למשל, דערמיט, אַז איר זאָלט מיר די ביכער דאָרט אויפֿן טיש ווײַזן". „אַוודאי", האָט די פֿרוי זיך אָנגערופֿן און האָט אים מיט גרויס אײַלעניש אַ ציִ געטאָן הינטער זיך. דאָס זענען געווען אַלטע אויסגעטאַפּטע, אַרומגעפֿליקטע ביכער, איין אײַנבונד־טאָוול איז געווען אין דער מיט כּמעט צעבראָכן, די שטיקער האָבן זיך צונויפֿגעהאַלטן נאָר נאָך אויף אַ פּאָר צוויטן. ק. האָט געשאָקלט מיטן קאָפּ און געזאָגט „ווי שמוציק אַלץ איז דאָ"; און איידער ק. האָט נאָך באַוויזן אָנצורירן די ביכער, האָט די פֿרוי מיט איר פֿאַרטעך כאָטש פֿון אויבן אויף דעם שטויב פֿון זיי אָפּגעווישט. ק. האָט אויפֿגעמאַכט דאָס בוך, וואָס איז געלעגן פֿון אויבן. אַן אומאַנשטענדיק בילד האָט זיך באַוויזן. אַ מאַן און אַ פֿרוי זענען געזעסן נאַקעטע אויף אַ קאַנאַפּע. די געמיינע כּוונה פֿון דעם צייכענער האָט מען תּיכּף דײַטלעך געקענט דערקענען, אָבער זײַן מאָלערישע אומגעלומפּערטקייט איז אַזוי גרויס געווען, אַז סוף־כּל־סוף האָט מען אויפֿן בילד נאָר געקענט זען אַ מאַן און אַ פֿרוי, וואָס שטאַרצן אַרויס צו פֿיל קערפּערלעך פֿון דער צייכענונג. זיי זיצן אומנאַטירלעך שטײַף אויסגעשטרעקט; און צוליב דער פֿאַלשער פּערספּעקטיוו ווענדן זיי זיך מיט גרויסע שוועריקייטן איינער צום אַנדערן. ק. האָט ווײַטער נישט געבלעטערט, נײַערט ער האָט בלויז אויפֿגעמאַכט דאָס פֿאָדערבלאַט פֿון דעם צווייטן בוך; געווען איז עס אַ ראָמאַן מיט דעם טיטל: „די מאַטערנישן, וואָס גרעטע האָט געמוזט אויסשטיין פֿון האַנסן, איר מאַן". „דאָס זענען די געזעץ־ביכער, וואָס ווערן דאָ שטודירט", האָט ק. געזאָגט, „פֿון אַזעלכע מענטשן זאָל איך געמשפּט ווערן". „איך וויל אײַך העלפֿן", האָט געזאָגט די פֿרוי. „ווילט איר?" „קענט איר עס דען אויף אַן אמת, נישט ברענגענדיק זיך אַליין אין אַ סכּנה? איר האָט דאָך פֿריִער געזאָגט, אַז אײַער מאַן איז זייער אָפּהענגיק פֿון די העכערע באַאַמטע". „נישט געקוקט דערויף וויל איך אײַך העלפֿן", האָט געזאָגט די פֿרוי, „קומט, מיר מוזן זיך וועגן דעם אַדורכשמועסן. וועגן מײַן סכּנה רעדט נישט מער, איך האָב מורא פֿאַר דער סכּנה נאָר דאָרט, וווּ איך וויל פֿאַר איר מורא האָבן. קומט". זי האָט אָנגעוויזן אויף דעם פּאָדיום און האָט אים געבעטן זיך מיט איר אַוועקצוזעצן אויף די טרעפּ. „איר האָט שיינע, טונקעלע אויגן," האָט זי געזאָגט, באַלד ווי זיי האָבן זיך אַוועקגעזעצט, און האָט געקוקט — פֿון אונטן אַרויף אין ק.׳ס פּנים; „מע זאָגט מיר, אַז איך האָב אויך שיינע אויגן, אָבער אײַערע זענען אַ סך שענער. דער אמת איז, אַז זיי האָבן אויף מיר תּיכּף געמאַכט אַן אײַנדרוק, ווי נאָר איר

זענט דאָס ערשטע מאָל דאָ אַרײַנגעקומען. צוליב אײַך טאָקע בין איך דעמאָלט שפּעטער אַהער, אין פֿאַרזאַמלונגס־צימער, אַרײַנגעקומען; איך טו דאָס קיין מאָל נישט און ס׳איז מיר אַפֿילו אין אַ געװיסער מאָס פֿאַרװערט". „דאָס איז משמעות אַלץ", האָט ק. אַ טראַכט געטאָן, „זי באָט זיך מיר אָן, זי איז קאַליע װי אַלע דאָ אַרום און אַרום, זי איז שוין זאַט מיט די באַאַמטע פֿון געריכט, דאָס קען מען דאָך פֿאַרשטיין, און דערפֿאַר פֿאַרטשעפּעט זי מיט אַ קאָמפּלימענט װעגן די אויגן יעדן צופֿעליקן פֿרעמדן". און ק. איז שטיל־שװײַגנדיק אויפֿגעשטאַנען, אַט אַזוי װי ער װאָלט זײַנע געדאַנקען אַרויסגעזאָגט אין דער הייך און דערמיט דער פֿרוי קלאָר געמאַכט זײַן באַנעמונג. „איך גלייב נישט, אַז איר קענט מיר העלפֿן", האָט ער געזאָגט, „כּדי מיר אויף אַן אמת צו העלפֿן, װאָלט מען געמוזט האָבן פֿאַרבינדונג מיט הויכע באַאַמטע. איר אָבער קענט נאָר די נידעריקע אָנגעשטעלטע, װאָס שלאָנדערן זיך דאָ אַרום אין גרויסע מאָסן. אָט אָ די קענט איר אַװדאי זייער גוט און בײַ זיי װאָלט איר געקענט נישט איין זאַך אויספּועלן, איך ספֿק נישט אין דעם. אָבער דאָס גרעסטע אַפֿילו װאָס מע װאָלט שוין געקענט בײַ זיי אויספּועלן, װאָלט געװען אָן שום באַטײַט פֿאַרן לעצטגילטיקן אויסגאַנג פֿון פּראָצעס. איר אָבער װאָלט צוליב דעם פֿאַרט עטלעכע פֿרײַנד צעפּטרט. דאָס װיל איך נישט. האַלט װײַטער אָן אײַערע באַציִונגען מיט די דאָזיקע לײַט, איך מיין אַפֿילו, אַז איר קענט זיך נישט אָן דעם באַגיין. איך זאָג עס נישט אָן באַדויערן, װײַל כּדי צוריקצוצאָלן כאָטש אויף װאָס פֿאַר אַ נישט איז אופֿן פֿאַר אײַער קאָמפּלימענט, אויך איר געפֿעלט מיר גאַנץ פֿײַן, דער עיקר װען איר קוקט מיך אָן װי איצט מיט אַזױפֿל טרויער, װאָס צו דעם האָט איר גאָר קיין סיבה נישט. איר געהערט צו דער געזעלשאַפֿט, װאָס איך מוז זי באַקעמפֿן; איר אָבער פֿילט זיך אין איר זייער גוט, איר האָט אַפֿילו ליב דעם סטודענט, און אויב איר האָט אים נישט ליב, האָט איר אים לכל־הפּחות ליבער װי אײַער מאַן. דאָס האָט מען גרינג געקענט דערקענען פֿון אײַערע װערטער". „ניין!" האָט זי אויסגערופֿן. זי איז געבליבן זיצן און האָט אָנגעכאַפּט ק.׳ס האַנט. ק. האָט די האַנט נישט אַזוי גיך אַרויסגעצויגן. „איר טאָרט איצט נישט אַװעקגיין, איר טאָרט נישט אַװעקגיין מיט אַ פֿאַלשן אײַנדרוק װעגן מיר! קענט איר עס אויף אַן אמת בײַ זיך פּועלן און איצט אַװעקגיין? בין איך אויף אַן אמת אַזוי װײַט גאָרנישט װערט, אַז איר קענט מיר אַפֿילו נישט טאָן די טובֿה נאָך אַ רגע׳לע דאָ צו בלײַבן?" „איר פֿאַרשטייט מיך שלעכט", האָט ק. געזאָגט און האָט זיך אַװעקגעזעצט, „אויב עס גייט אײַך אויף אַן אמת אין דעם, אַז איך זאָל דאָ נאָך בלײַבן, װעל איך עס גערן טאָן, איך האָב דאָך צײַט, איך בין דאָך אַהער געקומען דערװאַרטנדיק, אַז הײַנט װעט דאָ פֿאָרקומען אַ געריכט־פֿאַרהאַנדלונג. מיט דעם, װאָס איך האָב פֿריִער געזאָגט, האָב איך אײַך נאָר געװאָלט בעטן, גאָרנישט צו טאָן אין שײַכות מיט מײַן פּראָצעס. אָבער דאָס מוז אײַך נישט װיי טאָן, אויב איר װעט נעמען אין אַכט, אַז מיך גייט אייגנטלעך גאָרנישט אָן דער אויסגאַנג פֿון מײַן פּראָצעס; און אויב איך װעל פֿאַרמשפּט װערן, װעל איך מיך נאָר אויסלאַכן

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

פֿון דעם. אָנגעמענדיק, אַז עס וועט בכלל קומען צו אַן אמתן סוף פֿון פּראָצעס, ווײַל איך האָב ספֿקות וועגן דעם. גיכער גלייב איך, אַז די פֿאַרהאַנדלונגען זענען צוליב פֿוילקייט אָדער פֿאַרגעסערישקייט, אָדער גאָר צוליב מורא מצד די באַאַמטע שוין איבערגעריסן, אָדער זיי וועלן אין דער נאָענטסטער צײַט איבערגעריסן ווערן. אמת איז, אַז עס איז אויך מעגלעך, אַז אין דער האָפֿענונג צו באַקומען עפּעס אַ גרעסערע סומע אַלס שוחד, וועט מען דעם פּראָצעס מכּלומרשט ווײַטער פֿירן, אָבער עס איז סײַ ווי אומזיסט, ווי איך קען שוין הײַנט אויף זיכער זאָגן, ווײַל איך קויף קיינעם נישט אונטער. ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, וואָלט איר מיר פֿאָרט געקענט די טובֿה טאָן, אויב איר וואָלט דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער, אָדער עמעצן, וואָס האָט ליב צו פֿאַרשפּרייטן וויכטיקע ידיעות, מיטגעטיילט, אַז זיי וועלן מיך קיין מאָל נישט און מיט קיין שום קונצשטיקלעך — און די פֿאַרשווינגען קענען דאָך אַ סך אַזעלכע זאַכעלעך — דערצו דערברענגען, אַז איך זאָל אונטער־קויפֿן. עס איז נישטאָ קיין ברעקל אויסזען, איר קענט זיי דאָס גאַנץ אָפֿן זאָגן. איבעריקנס האָבן זיי עס שוין אפֿשר אַליין באַמערקט; און אויב דאָס וואָלט אַזוי נישט געווען, גייט עס מיר נישט אַזוי שטאַרק אין לעבן, אַז מע זאָל שוין איצט דערפֿון געוואָר ווערן. אויף דעם אופֿן וואָלט מען דאָך נאָר די דאָזיקע הערן פֿאַרשפּאָרט אַרבעט. אמת, אַז אויך מיר — עטלעכע אומאַנגענעמלעכקייטן, אָבער איך נעם זיי אָן פֿאַר ליב, ווייסנדיק, אַז יעדע אומאַנגענעמלעכקייט איז אין דער אייגענער צײַט אַ קלאַפּ פֿאַר יענע לײַט. און — אַז עס זאָל טאַקע אַזוי זײַן — פֿאַרלאָזט זיך שוין אויף מיר. קענט איר דען אייגנטלעך דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער?" „אַוודאי", האָט געזאָגט די פֿרוי, „וועגן אים האָט איך טאַקע קודם־כּל געקלערט, בשעת איך האָב אײַך אָנגעבאָטן הילף. איך האָב נישט געוווּסט, אַז ער איז נאָר אַ נידעריקער באַאַמטער, אָבער אַז איר זאָגט עס, מסתּמא איז עס אַזוי. פֿונדעסטוועגן מיין איך, אַז די באַריכטן, וואָס ער דערלאַנגט זיי כּסדר העכער אַרויף, האָבן פֿאָרט אַ שטיקל השפּעה. און ער שרײַבט אָן אַ שיִער באַריכטן. איר זאָגט, אַז די באַאַמטע זענען פֿויל; אַלע זענען עס זיכער נישט, דער עיקר אָט דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער, ער שרײַבט זייער אַ סך. פֿאַר אַכט טאָגן זונטיק, למשל, האָט די זיצונג געדויערט כּמעט ביז צום אָוונט. אַלע לײַט זענען שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען, דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער איז אָבער גע־בליבן אין זאַל; איך האָב אים געמוזט ברענגען אַ לאָמפּ און איך האָב נאָר געהאַט אַ קליין קיכלעמפּל, ער איז אָבער צופֿרידן געווען דערמיט און האָט תּיכּף אָנגעהויבן צו שרײַבן. דערווײַל איז אויך מײַן מאַן געקומען; יענעם זונטיק איז ער פּונקט געווען פֿרײַ פֿון זײַן אַרבעט; מיר האָבן געבראַכט די מעבל, האָבן ווידער אײַנגעשטעלט אונדזער צימער, שכנים זענען נאָך שפּעטער אַרײַנגעקומען, מיר האָבן זיך נאָך אַ ביסל פֿאַרווײַלט מיט זיי בײַ אַ ליכט, הקיצור, מיר האָבן פֿאַרגעסן דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער און זענען געגאַנגען שלאָפֿן. פּלוצלינג אין מיטן דער נאַכט, עס האָט שוין געמוזט זײַן טאַקע טיף אין דער נאַכט, כאַפּ איך מיך אויף, לעבן דעם בעט שטייט דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער און פֿאַר־

שטעלט די שײַן פֿון לאָמפּ מיט דער האַנט, אַזױ אַז אױף מײַן מאַן זאָל קײן ליכט נישט פֿאַלן; עס איז אָבער געװען אַ נישט־נײטיקע פֿאָרזיכטיקײט; מײַן מאַן האָט אַזאַ שלאָף, אַז דאָס ליכט װאָלט אים נישט אױפֿגעװעקט. איך האָב זיך אַזױ דערשראָקן, אַז איך האָב שיִער נישט געשריגן, אָבער דער אױספֿאָרשונגס־ריכטער איז געװען זײער פֿרײַנדלעך, ער האָט געװאָרנט, אַז איך זאָל זײַן פֿאָרזיכטיק, ער האָט געשעפּטשעט, אַז ער האָט ביז איצט געשריבן, אַז ער ברענגט מיר איצט דעם לאָמפּ צוריק און אַז ער װעט קײן מאָל נישט פֿאַרגעסן דעם אָנבליק פֿון מיר װי אַזױ ער האָט מיך געפֿונען אַ שלאָפֿנדיקע. מיט דעם אַלעמען האָב איך אײַך נאָר געװאָלט זאָגן, אַז דער אױספֿאָרשונגס־ריכטער שרײַבט טאַקע זײער אַ סך רעפּאָרטן, דער עיקר װעגן אײַך, װײַל דאָס אױספֿרעגן אײַך איז זיכער געװען אײנער פֿון די װיכטיקסטע ענינים אױף דער זונטיקדיקער זיצונג. אַזעלכע לאַנגע באַריכטן קענען אָבער פֿאָרט נישט זײַן אָן קײן שום באַטײַט. אױסער דעם קענט איר דאָך אױך פֿון דער טרעפֿונג אַרױסזען, אַז דער אױספֿאָרשונגס־ריכטער האָט געװאָרפֿן אַן אױג אױף מיר, און אַז גראָד איצט אין דער ערשטער צײַט — ער האָט מיך, װײַזט אױס, בכלל ערשט איצט באַמערקט — קען איך האָבן אַ גרױסע השפּעה אױף אים. אַז עס איז אים שטאַרק נוגע צו האָבן מײַן פֿרײַנדשאַפֿט, דערױף האָב איך איצט אױך נאָך אַנדערע סימנים. ער האָט מיר נעכטן אױך געשיקט אַ מתּנה אַ פּאָר זײַדענע זאָקן, דורך דעם סטודענט, װאָס ער האָט צו אים זײער אַ סך פֿאַרטרױען און װאָס איז זײַן מיטאַרבעטער; מכּלומרשט האָט ער די מתּנה געשיקט מיט דעם אױסרײד דערפֿאַר װאָס איך רױם אױף דעם זיצונגס־צימער, אָבער דאָס איז נאָר אַן אױסרײד, װײַל די אַרבעט איז דאָך מײַן פֿליכט און פֿאַר איר װערט מײַן מאַן באַלױנט. דאָס זענען שײנע זאָקן, זעט איר" — זי האָט אױסגעשטרעקט די פֿיס, אַ הײב געטאָן די קלײדלעך ביז צו דער קני אַרױף און האָט אַלײן באַקוקט די זאָקן —, „עס זענען שײנע זאָקן, אָבער דאָך אײגנטלעך צו אײדל און פֿאַר מיר נישט צוגעפּאַסט".

פֿלוצלינג אָבער האָט זי זיך אַלײן איבערגעריסן די רײד, האָט אַרױפֿגעלײגט איר האַנט אױף ק.'ס האַנט, אַזױ װי זי װאָלט אים געװאָלט באַרויִקן, און האָט געשעפּטשעט: „שטיל, בערטאָלד קוקט זיך צו צו אונדז". ק. האָט פּאַװאָליע אױפֿגעהױבן דעם בליק. אין דער טיר פֿון זיצונגס־צימער איז געשטאַנען אַ יונגער מאַן, ער איז געװען קלײן, האָט נישט געהאַט קײן גאַנץ גלײַכע פֿיס און ס'איז געװען קלאָר, אַז מיט דער קורצער, שיטערער, רױטלעכער באָרד, װאָס ער פֿאָרעט זיך אין איר כּסדר אַרום מיט זײַנע פֿינגער, באַמיט ער זיך צוצוגעבן אַ ביסל חשיבֿות צו זײַן געשטאַלט. ק. האָט אים נײַגעריק אָנגעקוקט. דאָס איז דאָך געװען דער ערשטער סטודענט פֿון דער אומבאַקאַנטער יוריסטישער װיסנשאַפֿט, װאָס ער האָט אים — אין אַ געװיסער מאָס — אױף אַ מענטשלעכן אופֿן באַגעגנט, אַ מאַן װאָס מסתּמא װעט ער אױך אַ מאָל דערלאַנגען אַ העכערן שטאַפּל אױף דעם באַאַמטן־לײטער. דער סטודענט האָט זיך משמעות מיט ק.

לחלוטין נישט פֿאַראינטערעסירט, ער האָט נאָר אַ ווונק געטאָן מיט אַ פֿינגער, וואָס ער האָט אים אויף אַ רגע אַרויסגעצויגן פֿון דער באָרד, צו דער פֿרוי און איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער; די פֿרוי האָט זיך פֿאַרנייגט צו ק. און געשעפּטשעט: „זײַט נישט בייז אויף מיר, איך בעט אײַך זייער, טראַכט אויך נישט קיין שלעכטס וועגן מיר, איך מוז איצט גיין צו אים, צו אָט דעם אָפּשטויסנדיקן מענטש, קוקט נאָר אָן זײַנע קרומע פֿיס. אָבער איך קום באַלד צוריק, און דעמאָלט וועל איך גיין מיט אײַך, אויב איר וועט מיך מיטנעמען; איך וועל גיין, ווו איר וועט וועלן, איר קענט מיט מיר טאָן, וואָס נאָר איר ווילט, איך וועל גליקלעך זײַן, אַז איך וועל אַוועק פֿון דאַנעט אויף וואָס לענגער, און בעסער פֿון אַלץ, פֿאַרשטייט זיך, אויף אייביק". זי האָט נאָך אַ גלעט געטאָן די האַנט פֿון ק., האָט אַ שפּרונג אויף געטאָן און איז צוגעלאָפֿן צום פֿענצטער. נישט ווילנדיק האָט נאָך ק. ווי געוואָלט אַ כאַפּ טאָן אין דער ליידיקייט איר האַנט. די פֿרוי האָט אים אויף אַן אמת געלאָקט, ער האָט, נישט געקוקט אויף אַלע טראַכטענישן, נישט געקענט געפֿינען קיין וואָגיקע סיבה, פֿאַר וואָס ער זאָל אירע לאָקונגען נישט נאָכגעבן. דעם אויבנאויפֿיקן חשד, אַז די פֿרוי כאַפּט אים אפֿשר אַרײַן אין געריכט, האָט ער אָן שווערקייטן אָפּגעוואָרפֿן. אויף וואָס פֿאַר אַן אופֿן וואָלט זי אים געקענט כאַפּן אין אַ נעץ? איז ער דען נישט אַלע מאָל אַזוי פֿרײַ געבליבן, אַז ער וואָלט געקענט דאָס גאַנצע געריכט, לכל הפּחות וואָס שײַך צו אים, תּיכּף צעקלאַפּן? און איר אָנבאָט אים צו העלפֿן האָט געקלונגען אויפֿריכטיק און איז אפֿשר אויף אַן אמת עפּעס ווערט. און עס איז טאַקע אפֿשר נישטאָ קיין בעסערע נקמה אין דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער און זײַן גאַנצן אַרום און אַרום, ווי אַוועקצונעמען פֿון זיי די דאָזיקע פֿרוי און זי צוצונעמען פֿאַר זיך. עס וואָלט דאַן געקענט אַ מאָל געשען, אַז דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער זאָל, נאָך מי יודע וויפֿל אַרבעט איבער די ליגנערישע פּראָטאָקאָלן וועגן ק., שפּעט אין דער נאַכט געפֿינען דאָס בעט פֿון דער פֿרוי ליידיק. און ליידיק דערפֿאַר, ווײַל זי געהערט צו ק., ווײַל די דאָזיקע פֿרוי בײַם פֿענצטער, דער דאָזיקער פֿוללײַביקער, פֿול־גלידערדיקער וואַרעמער גוף אין טונקעלן קלייד פֿון שווערן, גראָבן שטאָף, געהערט לחלוטין נאָר צו ק.

ווי נאָר ער האָט אויף דעם אופֿן באַזײַטיקט די חשדים לגבי דער פֿרוי, איז אים דער שטילער שמועס בײַם פֿענצטער צו לאַנג אויסגעקומען; ער האָט גענומען קלאַפּן מיט די פֿינגער־ביינדלעך און שפּעטער מיט דער גאַנצער פֿויסט אויף דעם פּאָדיום. דער סטודענט האָט אַ קורצן קוק געטאָן צו ק., אַריבער דעם אַקסל פֿון דער פֿרוי, ער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט שטערן; ער האָט זיך אַפֿילו נאָך ענגער צוגערוקט צו דער פֿרוי און האָט זי אַרומגענומען. זי האָט אַראָפּגעלאָזט טיף דעם קאָפּ, אַזוי ווי זי וואָלט זיך שטאַרק אויפֿמערקזאַם צוגעהערט; ווי נאָר זי האָט זיך אָנגעבויגן, האָט ער זי הויך געקושט אין האַלדז, אָבער ער האָט דערבײַ נישט איבערגעריסן דעם שמועס. ק. האָט דערין געזען די טיראַנײַ פֿון דעם סטודענט איבער דער פֿרוי, איבער וואָס זי האָט זיך נאָר וואָס אַזוי געקלאָגט; ער איז אויפֿגעשטאַנען און איז געגאַנגען אַהין און צוריק איבערן

צימער. וואַרפֿנדיק זײַטיקע בליקן אויף דעם סטודענט, האָט ער זיך געיישובֿט, ווי אַזוי וואָס גיכער פּטור צו ווערן פֿון אים. עס איז אים דעריבער געווען צו דער האַנט וואָס דער סטודענט, ווי עס זעט אויס, געשטערט פֿון ק.׳ס אַרײַנגיין וואָס איז שוין פֿאַרוואַנדלט געוואָרן אין אַ מין טופּען מיט די פֿיס, האָט אַ זאָג געטאָן: „אויב איר זענט אומגעדולדיק, קענט איר אַוועקגיין. איר האָט אויך שוין פֿריִער געקענט אַוועקגיין, איר וואָלט קיינעם דאָ ניט אויסגעפֿעלט. יאָ, איר האָט, איינגנטלעך, געדאַרפֿט אַוועקגיין, און אַפֿילו תּיכּף, אַזוי גיך ווי איך בין נאָר אַרײַנגעקומען, און טאַקע גיך־גיך". אין די באַמערקונגען האָבן געקענט קומען צום אויסבראָך אַלערליי רציחות, אויף יעדער פֿאַל איז אָבער קלאָר, אַז עס איז אויך אין זיי געווען די גאווה פֿון אַ קומעדיקן באַאַמטן פֿון אַ געריכט, וואָס רעדט צו אַן אָנגעקלאָגטן, וואָס מע האָט אים פֿײַנט. ק. איז גאַנץ נאָענט לעבן אים שטיין געבליבן און האָט מיט אַ שמייכעלע אַ זאָג געטאָן: „איך בין אומגעדולדיק, דאָס איז אמת, אָבער צום גרינגסטן וואָלט מען זייער גיך געקענט באַזײַטיקן די דאָזיקע אומגעדולדיקייט, אַז איר וועט זיך גלײַך אָפּטראָגן פֿון דאַנען. און אויב איר זענט אַהערגעקומען צו שטודירן — איך האָב געהערט, אַז איר זענט אַ סטודענט — וועל איך אײַך גערן אָפּטרעטן דעם פּלאַץ און אַוועקגיין מיט דער פֿרוי. איר וועט נאָך אַ היפּש ביסל מוזן שטודירן, איידער איר וועט ווערן אַ ריכטער. אמת איז, אַז איך קען נאָך נישט גרינטלעך געננג אײַער יוריספּרודענץ איך בין מיך אָבער משער, אַז בלויז מיט גרוביאַנישע רעדעס, וואָס — מע מוז צוגעבן — איר באַהערשט שוין גאַנץ נישקשה און אומפֿאַרשעמט, וועט איר אײַער ציל אַזוי גיך נישט דערגרייכן". „מע וואָלט אים נישט געדאַרפֿט לאָזן אַרומלויפֿן אַזוי פֿראַנק און פֿרײַ", האָט געזאָגט דער סטודענט, אַזוי ווי וועלנדיק געבן אַן אויפֿקלערונג דער פֿרוי אין שײַכות מיט ק.׳ס באַליידיקנדיקער רעדע. „עס איז געווען אַ טעות. איך האָב עס דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער געזאָגט. מע וואָלט אים געדאַרפֿט לכל הפּחות האַלטן פֿאַרשפּאַרט אין זײַן צימער צווישן איין אויספֿאָרשונג און דער אַנדערער. אַ מאָל קען מען דעם אויספֿאָרשונגס־ריכטער אין גאַנצן נישט באַנעמען". „סתּם גערעדט", האָט ק. אַ זאָג געטאָן און אויסגעשטרעקט די האַנט נאָך דער פֿרוי, „קומט". „אָ, אַזוי", האָט געזאָגט דער סטודענט, „ניין, ניין, די דאָזיקע וועט איר נישט אָנקריגן", און מיט אַ כּוח, וואָס מע וואָלט אים בשום אופֿן נישט צוגעשריבן, האָט ער זי אַ הייב געטאָן מיט איין אָרעם, און מיט אַ געבויגענעם רוקן איז ער געלאָפֿן צו דער טיר — כּסדר צערטלעך צו איר אַרויפֿקוקנדיק. עס איז קלאָר געווען, אַז ער האָט אַ היפּש ביסל פּחד פֿאַר ק., פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך דערוועגט מיט ק. צו רייצן דורך צוטוליען און גלעטן דעם אָרעם פֿון דער פֿרוי מיט זײַן פֿרײַער האַנט. ק. איז מיטגעלאָפֿן לעבן אים אַ פּאָר שריט, גרייט אים אָנצוכאַפּן און אַפֿילו — אויב עס וואָלט נייטיק געווען — צו וואַרגן; דאָ האָט זיך אָבער די פֿרוי אָנגערופֿן: „עס העלפֿט גאָרנישט, דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער האָט געשיקט נאָך מיר. איך טאָר מיט אײַך נישט גיין, דאָס דאָזיקע קליינע אָפּשטויסנ־

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

דיקע בריה״, דערבײַ איז זי מיט דער האַנט אַרײַנגעפֿאָרן דעם סטודענט אין פּנים אַרײַן, „דאָס דאָזיקע באַשעפֿעניש לאָזט מיך נישט״. „און איר ווילט נישט באַפֿרײַט ווערן?״ האָט ק. געשריגן און אַ לייג געטאָן זײַן האַנט אויפֿן סטודענטס אַקסל. יענער האָט מיט די ציינער אַ כאַפּ געטאָן. „ניין״, האָט די פֿרוי געשריגן און מיט בײדע הענט ק. צוריקגעשטויסן, „ניין, ניין, נאָר דאָס נישט, וואָס מיינט איר זיך עפּעס! דאָס וואָלט געווען מײַן סוף! לאָזט אים אָפּ, אָ, איך בעט אײַך, לאָזט אים אָפּ! ער פֿאָלגט נאָר אויס דעם אָנזאָג פֿון אויספֿאָרשונגס־ריכטער און טראָגט מיך צו אים״. „אויב יאָ אַזוי, זאָל ער לויפֿן און אײַך וויל איך מער נישט זען״, האָט ק. רציחהדיק, אָן אַנטוישטער, אַ זאָג געטאָן און האָט געגעבן אַ זעץ דעם סטודענט אין רוקן אַרײַן, אַז ער האָט זיך אַזש אַ קורצן וואַקל געטאָן, אָבער נאָר כּדי תּיכּף, צוליבן נחת, וואָס ער איז נישט אומגעפֿאַלן, נאָך העכער צו שפּרינגען מיט זײַן לאַסט. ק. איז זיי פּאַוואָליע נאָכגעגאַנגען; ער האָט אײַנגעזען, אַז דאָס איז אָן שום ספֿק געווען די ערשטע מפּלה, וואָס ער האָט געכאַפּט בײַ די דאָזיקע לײַט. אַוודאי איז קיין סיבה נישט געווען צוליב דעם אַרײַנצופֿאַלן אין פּחדים, מחמת באַקומען האָט ער די מפּלה נאָר דערפֿאַר, ווײַל ער האָט אַליין זיך געריסן צו אַ קאַמף. וואָלט ער געבליבן אין דער היים און ווײַטער געפֿירט זײַן טעגלעך לעבן ווי שטענדיק, וואָלט ער מיט טויזנט קעפּ געשטאַנען העכער פֿון יעדן איינעם פֿון די דאָזיקע לײַט, און ער וואָלט יעדן פֿון זיי גרינג געקענט מיט אַן איינציקן קאָפּע פֿון זײַן פֿוס אָפּרוימען פֿון זײַן וועג. ער האָט זיך איצט פֿאָרגעשטעלט די סאַמע קאָמישסטע סצענע אין דער וועלט, וואָס וואָלט, למשל, פֿאָרגעקומען, ווען אָט דער קבצנישער סטודענט, אָט דאָס אויפֿגעבלאָזענע קינד, אָט דער קרומער באַבערדלטער חבֿרה־מאַן, וואָלט קניִענדיק געשטאַנען פֿאַר עלזעס בעט און געבעטן זיך רחמים מיט צונויפֿגעלייגטע הענט. ק. איז אָט די פֿאַנטאַזיע־פֿאָרשטעלונג אַזוי שטאַרק געפֿעלן געוואָרן, אַז ער האָט באַשלאָסן, בײַ דער סאַמע ערשטער געלעגנהייט, מיטצונעמען אַ מאָל טאַקע דעם סטודענט צו עלזען.

פֿון נײַגעריקייט האָט ק. זיך נאָך פֿונדעסטוועגן אַ יאָג געטאָן צו דער טיר; ער האָט פֿאָרט געוואָלט זען וווהין די פֿרוי ווערט אײגנטלעך געטראָגן; עס איז דאָך נישט מעגלעך, אַז דער סטודענט וועט זי אָט אַזוי אָ טראָגן איבער די גאַסן אויף זײַנע אָרעמס. עס האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דער וועג איז אַ סך קירצער געווען. תּיכּף אַנטקעגן איבער דער וווינונג זענען געווען שמאָלע הילצערנע טרעפּ, מסתּמא צום בוידעם אַרויף; אָט די טרעפּ האָבן זיך זייער באַלד אַ דריי געטאָן, און מע האָט נישט געקענט זען ווו זיי ענדיקן זיך. איבער אָט די טרעפּ האָט דער סטודענט די פֿרוי אַרויפֿגעטראָגן; געטראָגן פּאַמעלעך און האָט שוין אַפֿילו געסאַפּעט, ווײַל דאָס לויפֿן ביז איצט האָט אים אָפּגעשוואַכט. די פֿרוי האָט מיט דער האַנט אַראָפּגעפֿאָכעט אַ גרוס צו ק. און האָט זיך באַמיט דורך אַראָפּ־ און אַרויף־ציִען די אַקסלען אים קלאָר צו מאַכן, אַז זי איז נישט שולדיק אין דעם אָוועקכאַפּן און פֿאַרפֿירן זי; קיין סך צער איז פֿונדעסטוועגן אין דעם צוקן פֿון

די אַקסלען אירע נישט געווען. ק. האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ בליק אָן שום אויסדרוק ווי מע קוקט אויף אַ פֿרעמדער, ער האָט נישט געוואָלט אויסגעבן, אַז ער איז אַנטוישט; אָבער אויך נישט, אַז ער וועט די אַנטוישונג גרינג איבער־קומען.

ביידע זענען שוין נעלם געוואָרן, ק. איז אָבער נאָך אַלץ געשטאַנען אין דער טיר. ער האָט געמוזט באַנעמען, אַז די פֿרוי האָט אים נישט נאָר פֿאַרראַטן, נאָר אַז זי האָט אים אויך געזאָגט אַ שקר — אָנגעבנדיק, אַז מע טראָגט זי צום אויספֿאָרשונגס־ריכטער. דער אויספֿאָרשונגס־ריכטער וועט דאָך נישט זיצן אויפֿן בוידעם און וואַרטן. און די הילצערנע טרעפּ האָבן גאָר נישט קלאָר געמאַכט, ווי לאַנג מע זאָל אויף זיי נישט קוקן. דאָ האָט ק. באַמערקט אַ קליין צעטעלע לעבן דעם אַרויפֿגאַנג, ער איז אַריבערגעגאַנגען און האָט געלייענט די קינדערישע, נישט־אויסגעאַרבעטע שריפֿט: „אַרויפֿגאַנג צו די קאַנצעלאַריעס פֿון געריכט". הייסט עס, אַז דאָ אויף דעם בוידעם פֿון דעם דאָזיקן ביליקן וווינהויז זענען געווען די קאַנצעלאַריעס פֿון דעם געריכט? דאָס איז נישט געווען קיין סדר, וואָס קען דערוועקן אַ סך כּבֿוד־געפֿילן; און פֿאָרט איז געווען אין דעם אַ געוויסע באַרויִקונג פֿאַר אַן אָנגעקלאָגטן, ווען ער האָט זיך פֿאָרגעשטעלט, ווי ווייניק געלטמיטלען אַזאַ געריכט קען שוין האָבן צו זײַן דיספּאָזיציע, אויב ער מוז זײַנע קאַנצעלאַריעס דאָרט אײַנאָרדענען, ווו די שכנים פֿון דעם הויז, וואָס געהערן שוין אַליין צו די אָרעמסטע פֿון די אָרעמע, וואַרפֿן אַוועק זייערע אומ־נייטיקע זאַכענישן. אמת איז, און עס איז גאָר נישט אויסגעשלאָסן, אַז געלט האָט מען דווקא יאָ גענוג, אָבער די באַאַמטע כאַפּן זיך צו צו דעם, נאָך איידער מע קען עס פֿאַרווענדן פֿאַר די צוועקן פֿון געריכט. לויט די ביז־איצטיקע דערפֿאַרונגען פֿון ק. איז דאָס אַפֿילו גאַנץ זיכער טאַקע אַזוי געווען. אַזאַ דורכגעפֿוילטקייט פֿון געריכט איז טאַקע זייער דערנידעריקנדיק פֿאַר אַן אָנגעקלאָגטן, עס איז אָבער פֿאָרט דאָ אין דעם אַ ביסל מער באַרויִקונג, ווי ווען דאָס געריכט וואָלט געווען אין אַ פּשוטן דלותדיקן מצבֿ. איצט איז עס ק. אויך שוין קלאָר געוואָרן, אַז מע האָט זיך געשעמט בײַ דער סאַמע ערשטער אויספֿאָרשונג אַרויס־צופֿאָדערן אים אויף אַ בוידעם און מע האָט אים דעריבער שוין גיכער באַלעסטיקט אין זײַן וווינונג. וואָס פֿאַר אַ חילוק צווישן דער פּאָזיציע פֿון דעם ריכטער, וואָס זיצט אויף אַ בוידעם און זײַן אייגענער פּאָזיציע, וואָס ער האָט אין דער באַנק: אַ גרויס צימער מיט אַ פֿאָדערצימער און פֿון דאָרט קען מען דורך אַ ריזיקער פֿענצטער־שויב אַרונטערקוקן אויף דעם באַלעבטן שטאָטפּלאַץ! אמת איז, אַז ער האָט טאַקע נישט קיין זײַטיקע הכנסות פֿון אונטערקויפֿענישן און פֿון אַמט־גניבֿות און ער וואָלט זיך אויך נישט געקענט דערלויבן, אַז אַ דינער זאָל אים אין זײַן ביוראָ אַרײַנטראָגן אַ פֿרוי אויף אַן אַקסל. פֿון דעם אַלעמען וויל ער אָבער גערן זיך אָפּזאָגן, לכל הפּחות אין דעם דאָזיקן לעבן.

ק. איז נאָך געשטאַנען פֿאַרן אָנגעקלאַפּטן צעטל, און אָט זעט ער, קומט אַ מאַן אַרויף דורך די טרעפּ, קוקט דורך דער אָפֿענער טיר אין וווינצימער אַרײַן — וואָס

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

דורך דאָרט קען מען אויך זען דאָס זיצונגען־צימער, און סוף־כּל־סוף פֿרעגט ער בײַ ק., צי האָט ער אפֿשר דאָ מיט אַ קורצער צײַט צוריק געזען אַ פֿרוי. „זענט איר נישט אָפּט מאָל דער גערעכטס־דינער, נישט אַזוי?“ האָט ק. געפֿרעגט. „יאָ“, האָט געזאָגט דער מאַן, „אָ, אַזוי, און איר זענט דאָך דער אָנגעקלאָגטער ק., איצט דערקען איך אײַך אויך, זײַט באַגריסט“. און ער האָט ק., וואָס האָט זיך אין מינדסטן דערויף נישט געריכט, דערלאַנגט די האַנט. אַז ק. האָט געשוויגן, האָט דער גערעכטס־דינער אַ זאָג געטאָן: „אויף הײַנט איז אָבער קיין זיצונג נישט באַשטימט“. „איך ווייס“, האָט ק. זיך אָפּגערופֿן, און דערווײַל באַטראַכט די ציווילע מאַרינאַרקע פֿון דעם גערעכטס־דינער, וואָס ווי דער איינציקער סימן פֿון אַמטלעכקייט זענען אויף איר — אין איין שורה מיט עטלעכע פּשוטע קנעפּלעך — געווען צוויי גאָלד־געליישטע קנעפּ, וועלכע זענען קענטיק אַראָפּגעטרעטנט געוואָרן פֿון אַן אַלטן אָפֿיצירישן שינעל. „איך האָב מיט אַ רגע צוריק גערעדט מיט אײַער פֿרוי. זי איז דאָ מער נישטאָ. דער סטודענט האָט זי אַרויפֿגעטראָגן צום אויספֿאָרשונגס־ריכטער“. „זעט איר“, האָט געזאָגט דער גערעכטס־דינער, „כּסדר טראָגט מען זי מיר אַוועק. הײַנט איז דאָך זונטיק און איך בין צו קיין אַרבעט נישט מחויב. אָבער נאָר, כּדי מיך פֿון דאַנעט אַרויספּטרן, שיקט מען מיך כּסדר אַרום מיט עפּעס אַן אומנייטיקער שליחות; און שיקן שיקט מען מיך נישט־ווײַט אַוועק; אַזוי, אַז טאָמער וועל איך זיך שטאַרק צואײַלן, זאָל איך נאָך האָבן אַ האָפֿענונג, אַז איך וועל זײַן צוריק אין דער רעכטער צײַט. לויף איך דעריבער, אַזוי גיך ווי איך קען נאָר, קום צו צום אַמט, וווהין מע שיקט מיך און שרײַ אַרײַן די מעלדונג דורך דעם שפּאַלט פֿון דער טיר; איך טו עס ממש אָן אָטעם, מע קען מיך קוים פֿאַרשטיין; און לויף תּיכּף ווידער צוריק; אָבער דער סטודענט האָט זיך נאָך מער געאײַלט ווי איך. אמת איז, אַז ער האָט אַ סך אַ קירצערן וועג געהאַט, ער האָט נאָר געדאַרפֿט אַראָפּלויפֿן פֿון די בוידעמטרעפּ. וואָלט איך נישט אַזוי אָפּהענגיק געווען, וואָלט איך דעם סטודענט שוין לאַנג בײַ אָט דער וואַנט צעקוועטשט. אָט אַדאָ נעבן דעם דאָזיקן צוגעקלאַפּטן צעטעלע. פֿון דעם חלום איך אַלע מאָל. אָט אַדאָ אָ, אַ ביסל איבערן דיל, זע איך ווי ער איז פֿעסט צוגעדריקט, די אָרעמס אויסגעשטרעקט, די פֿינגער צעשפּרייט, די קרומע פֿיס אײַנגעדרייט אין אַ בייגל, און אַרום טראָפּנס פֿון געשפּריצטן בלוט. ביז איצט איז עס אָבער נאָר אַ חלום מײַנער געווען“. „איז דען קיין אַנדער הילף נישטאָ?“ האָט ק. מיט אַ שמייכל געפֿרעגט. „איך ווייס נישט פֿון קיין שום אַנדערער“, האָט געזאָגט דער גערעכטס־דינער. „און איצט ווערט עס נאָך ערגער; ביז אַצינד האָט ער זי נאָר צו זיך געטראָגן, איצט טראָגט ער זי, און איך מוז צוגעבן אַז איך האָב מיך שוין לאַנג געריכט דערויף אַז אַזוי וועט געשען, אויך צום אויספֿאָרשונגס־ריכטער“. „איז דען אײַער פֿרוי אין גאַנצן אומשולדיק דערבײַ?“ האָט ק. געפֿרעגט, און ער האָט זיך בײַ אָט דער פֿראַגע געמוזט אַ כּוח אָנטאָן; אַזוי שטאַרק האָט ער איצט געפֿילט די אייפֿערזוכט. „אַוודאי“, האָט געזאָגט דער גערעכטס־דינער, „דער גרעסטער טייל פֿון דער שולד איז אירער.

זי האָט זיך דאָך ממש אָנגעהאַנגען אָן אים. וואָס שייך אים — לויפֿט ער נאָך נאָך אַלע ווײַבער. אין דעם הויז אַליין האָט מען אים שוין פֿון פֿינף דירות — וואָס אין זיי האָט ער זיך אַרײַנגעשלײַכט — אַרויסגעשלײַדערט. אמת איז, אַז מײַן פֿרוי איז די שענסטע אין גאַנצן הויז, און פּונקט איך מוז האָבן אַזאַ מזל נישט צו טאָרן זיך אַנטקעגנשטעלן". „אויב עס איז יאָ אַזוי, איז טאַקע אויף אָן אמת קיין הילף נישטאָ", האָט ק. געזאָגט. „פֿאַר וואָס נישט?" האָט געפֿרעגט דער געריכטס־דינער. „מע וואָלט געדאַרפֿט דעם סטודענט, וואָס איז נאָך אַ פּחדן אויך, איין מאָל בשעת עס גלוסט זיך אים מײַן פֿרוי אָנצורירן, אַזוי דורכברעכן די ביינער, אַז ער זאָל זיך עס פֿון דעמאָלט אָן קיין מאָל מער נישט דערוועגן. אָבער איך טאָר עס נישט מאַכן, און קיינער וויל מיר די טובֿה נישט טאָן, ווײַל אַלע האָבן מורא פֿאַר זײַן מאַכט. נאָר איין מענטש, אָט אַזוי ווי איר, קענט עס טאָן". „וואָס עפּעס איך?" האָט ק. געפֿרעגט אַ פֿאַרוווּנדערטער. „איר זענט דאָך אָנגעקלאָגט", האָט געזאָגט דער געריכטס־דינער. „יאָ", האָט ק. געזאָגט, „דעריבער דאַרף איך דאָך טאַקע נאָך מער מורא האָבן, אַז ער — אויב ער קען אַפֿילו נישט האָבן קיין השפּעה אויפֿן לעצטן אויסגאַנג פֿון פּראָצעס — קען ער אָבער מסתמא פֿאָרט האָבן אָן אײַנפֿלוס אויף דער ערשטער אויספֿאָרשונג". „נו, יאָ, אַוודאי", האָט געזאָגט דער געריכטס־דינער, אַזוי ווי קלאָר צו מאַכן, אַז זײַן אייגענע מיינונג איז פּונקט די זעלבע ווי ק.׳ס. „עס ווערן אָבער בײַ אונדז בדרך־כּלל נישט געמאַכט קיין פּראָצעסן, וואָס פֿירן אין ערגעץ נישט". „איך בין נישט מסכּים מיט אײַך", האָט ק. געזאָגט, „דאָס זאָל און וועט מיך אָבער נישט אָפּהאַלטן פֿון אַרײַנצונעמען דעם דאָזיקן סטודענט אין מײַנע הענט, אויב עס וועט זיך נאָר מאַכן אַ פּאַסיקע געלעגנהייט". „איך וואָלט זייער דאַנקבאַר געווען", האָט געזאָגט דער געריכטס־דינער שוין אַ ביסעלע אָפֿיציעל. עס איז קלאָר געווען, אַז ער גלייבט נישט צו שטאַרק, אַז זײַן העכסטער ווונטש וועט ווערן אַ ווירקלעכקייט. „עס וואָלטן אפֿשר", האָט ק. ווײַטער גערעדט, „אויך נאָך אַנדערע פֿון אײַערע באַאַמטע — און אפֿשר גאָר אַלע — געדאַרפֿט די זעלבע באַהאַנדלונג באַקומען". „יאָ, יאָ", האָט געזאָגט דער געריכטס־דינער, אָט אַזוי ווי עס וואָלט געווען אַ זאַך, וואָס איז פֿאַרשטענדלעך פֿון זיך אַליין. איצט האָט ער אָנגעקוקט ק. מיט אַ בליק פֿול מיט אמונה, אַ זאַך, וואָס ער האָט עס ביז דער רגע נישט געטאָן, נישט געקוקט אויף דער גאַנצער פֿרײַנדלעכקייט; און ער האָט צוגעגעבן: „מע האַלט אין איין רעוואָלטירן, אַזוי איז עס שוין". אָבער דער שמועס איז אים פֿאָרט עפּעס אומבאַקוועם געוואָרן, אַ סימן — ער האָט אים איבערגעריסן מיט אָט אָ די ווערטער: „איצט מוז איך זיך שוין מעלדן אין דער קאַנצעלאַריע. ווילט איר אפֿשר מיט מיר מיטגיין?" „איך האָב דאָרט גאָר נישט וואָס צו טאָן", האָט ק. געזאָגט. „איר קענט אָנקוקן די קאַנצעלאַריעס. עס וועט זיך דאָרט קיינער אויף אײַך נישט אומקוקן". „לוינט זיך עס דען זיי אָנצוקוקן?" האָט ק. מיט אַ נישט־אַנטשלאָסנקייט געפֿרעגט; ער האָט אָבער געהאַט אַ גרויסן חשק מיטצוגיין. „נו", האָט געזאָגט דער געריכטס־דינער, „איך האָב געמיינט, אַז עס וואָלט אײַך געדאַרפֿט אינטע־

רעסירן". „גוט", האָט ק. סוף־כּל־סוף געזאָגט, „איך גיי מיט". און ער איז אַרויפֿגעלאָפֿן אויף די טרעפּ נאָך גיכער ווי דער געריכטס־דינער.

בײַם אַרײַנקומען איז ער שיִער־שיִער נישט אומגעפֿאַלן, ווײַל הינטער דער טיר איז געווען נאָך אַ טרעפּל. „דאָ שענקט מען נישט צו פֿיל אויפֿמערקזאַמקייט דעם פּובליקום", האָט ער אַ זאָג געטאָן. „דאָ שענקט מען בכלל נישט קיין שום אויפֿמערקזאַמקייט נישט", האָט געזאָגט דער געריכטס־דינער, „גיט נאָר אַ קוק — זײַט אַזוי גוט — אויף דעם וואַרטצימער". עס איז געווען אַ לאַנגער קאָרידאָר מיט אומגעהובלטע טירן, וואָס האָבן געפֿירט אין די באַזונדערע אָפּטיילונגען פֿון דער בוידעם־שטוב. קיין ליכט איז דאָ דירעקט פֿון ערגעץ נישט אַרײַנגעקומען, פֿונדעסטוועגן איז דאָ נישט גאַנץ טונקל געווען; עטלעכע פֿון די אָפּטיילונגען האָבן דאָ נישט געהאַט די געוויינטלעכע ברעטער־ווענטלעך, נאָר הויכע הילצערנע קראַטעס, הויכע ביז צו דער סטעליע; דורך אָט די קראַטעס איז דאָ אַרײַנגעקומען אַ ביסל ליכט און דורך זיי האָט מען געקענט זען די באַאַמטע, וואָס אייניקע פֿון זיי זענען געזעסן בײַ די טישן און געשריבן, און אַנדערע זענען פּונקט געשטאַנען בײַ די שטאַנגען און באַטראַכט די לײַט אין קאָרידאָר. מסתּמא זענען דערפֿאַר וויייניק לײַט געווען אין קאָרידאָר, מחמת עס איז געווען זונטיק. זיי האָבן אַלע געמאַכט זייער אַ באַשיידענעם רושם. גלײַך אָפּגערוקט איינער פֿון אַנדערן זענען זיי געזעסן אויף די צוויי שורות פֿון די לאַנגע האָלצערנע בענק, וואָס זענען געווען באַפֿעסטיקט בײַ ביידע זײַטן פֿון קאָרידאָר. אַלע זענען געווען אָפּגעלאָזן אין דער הלבשה, כאָטש אָן די מערסטע פֿון זיי האָט מען —לויט דעם אויסדרוק פֿון פּנים, דער באַנעמונג, דעם אופֿן פֿון שערן די באָרד און נאָך אַנדערע אַזעלכע קליינע סימנים, וואָס מע קען זיי געגעבן נישט באַצייכענען — לײַכט געקענט דערקענען, אַז זיי קערן זיך אָן צו די העכערע קלאַסן. אַזוי ווי עס זענען דאָ קיין קליידער־הענגערס אויף די ווענט נישט געווען, האָבן די לײַט געשטעלט די קאַפּעליושן זייערע, מסתּמא קוקנדיק איינער אויפֿן בײַשפּיל פֿון אַנדערן, אונטער די בענק אַרונטער. אַזוי גיך ווי די לײַט, וואָס זענען געזעסן די ערשטע בײַ דער טיר, האָבן דערזען ק. און דעם געריכטס־דינער, האָבן זיי זיך אויפֿגעשטעלט זיי צו באַגריסן; און אַזוי גיך ווי אַלע אַנדערע לײַט האָבן עס באַמערקט, האָבן זיי געמיינט, אַז אויך זיי מוזן די צוויי לײַט באַגריסן, און אַזוי האָבן זיך אַלע אויפֿגעהויבן בשעת ק. און דער געריכטס־דינער זענען פֿאַרבײַגעגאַנגען. זיי זענען אָבער קיין מאָל נישט געשטאַנען אין גאַנצן אויסגעגלײַכט; די רוקנס זענען בײַ זיי געווען אָנגעבויגן, די קניִען שלאַבעריק, זיי זענען געשטאַנען ווי גאַסן־בעטלערס. ק. האָט צוגעוואַרט אויף דעם געריכט־דינער, וואָס איז געגאַנגען אַ שריטעלע הינטער אים, און האָט געזאָגט: „ווי הכנעהדיק זיי מוזן מסתּמא זײַן" „יאָ", האָט געזאָגט דער געריכטס־דינער, „דאָס זענען אָנגעקלאָגטע; אַלע, וואָס איר זעט זיי דאָ, זענען אָנגעקלאָגטע". „אויף אַן אמת?!" האָט ק. געזאָגט, „אויב אַזוי, זענען זיי דאָך מײַנע קאָלעגן". און ער האָט זיך אַ קער געטאָן צו דעם ערשטן נאָענטסטן — אַ גרויסן,

אויסגעצויגענעם, שוין כמעט גרויהאָריקן מאַן. „אויף וואָס וואַרט איר דאָ?" האָט ק. איידל אַ פֿרעג געטאָן. די אומדערוואַרטעטע ווענדונג האָט אָבער דעם מאַן אַ ביסל צעטומלט; דאָס האָט נאָך פֿײַנלעכער אויסגעזען ווײַל עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס איז אַ מענטש מיט וועלט־דערפֿאַרונג, אַ מענטש, וואָס וואָלט ערגעץ אַנדערש אַוודאי פֿאַרשטאַנען ווי אַזוי זיך צו באַהערשן און ער וואָלט די העכערקייט זײַנע — דערוואָרבן איבער אַ סך, אַ סך מענטשן — נישט אַזוי גרינג אויפֿגעגעבן. דאָ האָט ער אָבער אַפֿילו אויף אַזאַ פּשוטער פֿראַגע נישט געקענט ענטפֿערן און ער האָט זיך אַרומגעקוקט אויף די אַנדערע לײַט לעבן אים, אָט אַזוי ווי זיי וואָלטן געווען מחויבֿ אים צו העלפֿן; און קיינער קען דאָך פֿון אים אַליין נישט פֿאַרלאַנגען קיין ענטפֿער, אויב די דאָזיקע הילף וועט פֿון ערגעץ נישט קומען. דאָ האָט דער געריכטס־דינער געגעבן אַ גיי צו און האָט געזאָגט — משמעות אויף צו באַרויִקן און אַ ביסל אויפֿצולעבן דעם מאַן: „דער דאָזיקער הער דאָ פֿרעגט דאָך נאָר, אויף וואָס איר וואַרט. גיט זשע אים אַן ענטפֿער". ווײַזט אויס, אַז די שטים פֿון דער געריכטס־דינער, וואָס איז דעם הער אַוודאי געווען באַקאַנט, האָט געהאַט אַ בעסערע ווירקונג: „איך וואַרט", האָט ער אָנגעהויבן און איז שטעקן געבליבן. עס איז קלאָר געווען, אַז ער האָט מיט אָט די ווערטער אָנגעהויבן, כּדי גאַנץ גענוי אויף דער פֿראַגע צו ענטפֿערן; ער האָט אָבער נישט געפֿונען קיין ווײַטערדיקע ווערטער. עטלעכע פֿון די וואַרטנדיקע זענען צוגעקומען נענטער און האָבן זיך אַרומגעשטעלט אין אַ רעדל אַרום דער גרופּע, און דער געריכטס־דינער האָט צו זיי געזאָגט: „אַוועק, אַוועק, מאַכט פֿרײַ דעם קאָרידאָר". זענען זיי אַ ביסל אָפּגעטראָטן, אָבער נישט ביז צו די פֿריִערדיקע פּלעצער זייערע. אין דער צווישנצײַט האָט זיך דער געפֿרעגטער דאָך אַ ביסל צונויפֿגענומען און האָט געענטפֿערט — מיט אַ קליין שמייכעלע אַפֿילו: „מיט אַ חודש צוריק האָב איך געמאַכט עטלעכע פֿאָרשלאָגן וועגן ווײַטערדיקע באַווײַזן אין מײַן ענין און איך וואַרט אויף דעם סך־הכּל". „עס איז קלאָר, אַז איר באַמיט זיך שטאַרק", האָט ק. געזאָגט. „נו, יאָ", האָט געזאָגט דער מאַן, „ס'איז דאָך מײַן ענין". „נישט יעדער טראַכט אַזוי ווי איר", האָט ק. געזאָגט, „איך, למשל, בין אויך פֿאַרקלאָגט, איך האָב אָבער, אָט אַזוי ווי איר זעט מיך דאָ אַ לעבעדיקן, נישט געמאַכט קיין שום פֿאָרשלאָגן וועגן באַווײַזן, און בכלל נישט אונטערגענומען קיין שום אַזעלכע זאַכן. האַלט איר דען בכלל, אַז דאָס אַלץ איז אַזוי נייטיק?" „איך ווייס נישט אויף גענוי", האָט געזאָגט דער מאַן — ווידער אין גאַנצן אין אַן אומזיכערקייט אַרײַנפֿאַלנדיק. עס איז קלאָר געווען, אַז ער מיינט, אַז ק. מאַכט זיך אַ שפּאַס מיט אים. בעסער פֿון אַלץ וואָלט ער איצט מסתמא — אויס מורא ווידער עפּעס אַ נײַעם טעות צו מאַכן — דעם פֿריִערדיקן ענטפֿער וואָרט אין וואָרט איבערגעחזרט. קוקנדיק אָבער אויף ק.'ס אומגעדולדיקן בליק האָט ער נאָר אַ זאָג געטאָן: „וואָס שייך צו מיר, האָב איך יאָ געמאַכט פֿאָרשלאָגן וועגן באַווײַזן". „ווײַזט אויס, אַז איר גלייבט זיך נישט, אַז איך בין דאָ פֿאַרקלאָגט?" האָט ק. געפֿרעגט. „אַ, איך בעט אײַך, אַוודאי", האָט געזאָגט

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

דער מאַן און איז אָפּגעטראָטן אַ שריט אָן אַ זײַט; אָבער אין זײַן ענטפֿער איז נישט געווען קיין גלייבן, נאָר פּחד. „הייסט עס, אַז איר גלייבט מיר נישט?“ האָט ק. געפֿרעגט און האָט אָנגעכאַפּט דעם מאַן בײַם אָרעם — אַליין נישט וויסנדיק אַז ער איז דערצו פּראָוואָצירט געוואָרן דורך דעם מאַנס הכנעהדיק באַנעמען זיך — אָט אַזוי ווי ער וואָלט אים ממש געוואָלט צווינגען צום גלייבן. דאָך האָט ער בשום אופֿן נישט געוואָלט ווייטאָן, און האָט אים נאָר גאַנץ גרינג אָנגעכאַפּט. פֿונדעסטוועגן האָט דער מאַן אַזאַ געשריי געטאָן, אָט אַזוי ווי ק. וואָלט אים נישט נאָר מיט איינציקע צוויי פֿינגער אָנגערירט, נײַערט אים אַ כאַפּ געטאָן מיט אַ גליִענדיקער צוואַנג. דאָס דאָזיקע לעכערלעכע געשריי האָט דעם מאַן אין ק.׳ס אויגן לחלוטין פֿאַרמיאוסט; אויב מע גלייבט אים נישט, אַז ער איז פֿאַרקלאָגט, איז דאָך אַוודאי גוט; אפֿשר האָט ער אים גאָר געהאַלטן פֿאַר אַ ריכטער. און ער האָט דעם מאַן, צום געזעגענען זיך, איצט טאַקע אַ ביסל שטאַרקער אָנגעכאַפּט; האָט אים אַ שטויס געטאָן צו דער באַנק צוריק און איז ווײַטער געגאַנגען. „די מיינסטע אָנגעקלאָגטע זענען אַזוי סענסיטיוו“, האָט געזאָגט דער געריכטס־דינער. הינטער זיי האָבן זיך אַצינד אַלע וואַרטנדיקע אָנגעהויבן צו זאַמלען אַרום דעם מאַן, וואָס האָט שוין אויפֿגעהערט צו שרײַען, און עס איז קלאָר געווען, אַז זיי פֿרעגן אים אויס גאַנץ גענוי וועגן דעם גאַנצן פֿאַרלויף. אַן אויפֿזעער איז איצט ק. אַנטקעגנגעקומען; אַז ער איז דאָס טאַקע, איז דער עיקר קענטיק געווען פֿון זײַן שווערט, וואָס איר שייד איז, משפּטנדיק לויט דעם קאָליר נאָך, געווען געמאַכט פֿון אַלומיניום. ק. האָט דאָס אויף אַזוי ווײַט דערשטוינט, אַז ער האָט זי אַזש אָנגעכאַפּט מיט דער האַנט. דער אויפֿזעער, וואָס איז אַרײַנגעקומען צוליב דעם געשריי, האָט גענומען אויספֿרעגן פּרטים וועגן דער געשעעניש. דער געריכטס־דינער האָט זיך באַמיט מיט עטלעכע ווערטער אים צו באַרויִקן, אָבער דער אויפֿזעער האָט פֿאָרט דערקלערט, אַז ער מוז פֿונדעסטוועגן אַליין אויסגעפֿינען; ער האָט סאַלוטירט און איז ווײַטער געגאַנגען מיט זייער אײַלנדיקע אָבער זייער קורצע שריטעלעך, מסתמא צוליב זײַן געלענקס־פּאָדאַגרע.

ק. האָט זיך לאַנג מיט אים נישט פֿאַרנומען און אויך נישט מיט דער גאַנצער חבֿרה אין קאָרידאָר; נאָך מער צוליב דעם, ווײַל אַן ערך אין דער העלפֿט פֿון קאָרידאָר האָט ער באַמערקט אַ מעגלעכקייט זיך אַרײַנצודרייען אין דער רעכטער זײַט דורך אַ וואַנט־עפֿענונג, וואָס האָט קיין טיר נישט געהאַט. ער איז בײַם געריכטס־דינער געוואָר געוואָרן צי דאָס איז טאַקע דער ריכטיקער וועג. דער געריכטס־דינער האָט צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ אויף יאָ, און ק. האָט זיך טאַקע אַרײַנגעדרייט אַהין. עס איז אים פֿריקרע געוואָרן, וואָס ער מוז כּסדר איין אָדער צוויי שריט גיין פֿאָרויס פֿאַרן געריכטס־דינער; אויף אָט דעם אָרט אַדאָ האָט דאָס געקענט אויסזען, ווי ער וואָלט אַרעסטירט געווען און מע פֿירט אים ערגעץ פֿאַר אַ ריכטער. האָט ער טאַקע אַלע מאָל אַ ביסל צוגעוואַרט אויפֿן געריכטס־דינער, אָבער יענער איז תּיכּף ווידער אַ מאָל געבליבן הינטערשטעליק הינטער

אים. סוף־כּל־סוף, און כּדי פּטור צו ווערן פֿון דעם נישט־גוטן טעם, האָט ק. אַ זאָג געטאָן: „נו, איך האָב שוין געזען ווי עס זעט דאָ אויס און איך וויל איצט אַוועקגיין". „איר האָט נאָך נישט אַלץ געזען", האָט געזאָגט דער געריכטס־דינער אָן שום הינטער־געדאַנקען. „איך וויל נישט אַלץ זען", האָט ק. געזאָגט, און ער האָט זיך טאַקע שוין געפֿילט אַ ביסל אויסגעמאַטערט, „איך וויל גיין; ווי אַזוי קומט מען צום אַרויסגאַנג?" „איר האָט זיך דאָך נאָך נישט פֿאַרבלאָנדזשעט!" האָט דער געריכטס־דינער, אַ דערשטוינטער אַ זאָג געטאָן, „איר דאַרפֿט גיין אָט אַדאָ אַרום ביז צום ווינקל, און שפּעטער רעכטס מיט דעם דורכגאַנג אַראָפּ, גלײַך־גלײַך ביז צו דער טיר". „קומט מיט מיט מיר", האָט ק. געזאָגט, „ווײַזט מיר דעם וועג, איך וועל אים אַליין גייענדיק אויסמײַדן, דאָ זענען עפּעס אַזויפֿל וועגן פֿאַראַן". „דאָס איז דער איינציקער וועג", האָט געזאָגט דער געריכטס־דינער, שוין אַ ביסל מיט אַ טענה, „איך קען מיט אײַך נישט ווידער צוריקגיין, איך מוז דאָך איבערגעבן מײַן שליחות און איך האָב שוין צוליב אײַך געצוג צײַט פֿאַרלוירן". „קומט מיט!" האָט ק. איבערגעחזרט, איצט שוין אַ ביסל שאַרפֿער, אָט אַזוי ווי ער וואָלט דעם געריכטס־דינער געכאַפּט בײַ אַ ליגן. „שרײַט נישט אַזוי", האָט דער געריכטס־דינער געשעפּטשעט, „דאָ זענען דאָך אומעטום קאַנצעלאַריעס. אויב איר ווילט אַליין נישט צוריקגיין, איז קומט נאָך אַ שטיקל וועגס מיט מיט, אָדער גאָר וואַרט דאָ צו אַ רגע'לע, ביז איך וועל פּטור ווערן פֿון מײַן מעלדונג, און דעמאָלט וועל איך גערן מיט אײַך צוריקגיין". ק. האָט זיך אײַגנטלעך נאָך גאָר נישט אַרומגעקוקט אין דעם אָרט ווו ער האָט זיך געפֿונען, און ערשט איצט, אַז איינע פֿון דער גרויסער צאָל האָלצטירן, וואָס זענען דאָ געווען, האָט זיך געעפֿנט, האָט ער אַהין אַ בליק געטאָן. אַ מיידל, וואָס ק.׳ס הויך רעדן האָט צוגעצויגן איר אויפֿמערקזאַמקייט, איז אַרויסגעקומען און האָט אַ פֿרעג געטאָן: „וואָס וויל דער הער?" הינטער איר, פֿון ווײַטן האַלב טונקל אַרויס האָט מען אויך געזען ווי אַ מאַן דערנענטערט זיך. ק. האָט אָנגעקוקט דעם געריכטס־דינער. דער געריכטס־דינער האָט אים דאָך געזאָגט, אַז קיינער וועט זיך דאָ אויף אים נישט אומקוקן און אָט אָ זענען עס שוין צוויי, וואָס קומען צו; נאָך אַ ביסל און די גאַנצע באַאַמטשאַפֿט פֿון געריכט וועט אים באַמערקן און וועט פֿאָדערן אַן אויפֿקלערונג וועגן דער סיבה פֿאַר וואָס ער דרייט זיך דאָ אַרום. די איינציקע אויפֿקלערונג, וואָס וואָלט געווען פֿאַרשטענדלעך און וואָלט זיך אויך געלייגט אויפֿן שׂכל — איז אַוודאי צו זאָגן, אַז ער איז אַן אָנגעקלאָגטער און ער וויל געוואָר ווערן די דאַטע פֿון דער נאָענטסטער אויספֿאָרשונג. אָבער פּונקט די אויפֿקלערונג האָט ער דווקא נישט געוואָלט געבן; נאָך מער צוליב דעם, ווײַל דאָס איז גאָר נישט געווען דער אמת. געקומען איז ער גאָר דאָ אַהער צוליב נײַגעריקייט און אויך צוליב דעם פֿאַרלאַנג זיך פֿעסט צו איבער־צײַגן, אַז דאָס אינעווייניקסטע פֿון דעם דאָזיקן יוסטיץ־וועזן איז פּונקט אַזוי אָפּשטויסנדיק ווי דאָס אויסנווייניקסטע — אָבער דאָס האָט ער דאָך אַוודאי נישט געקענט געבן ווי אַן אויפֿקלערונג. און עס איז שוין איצט געווען גאַנץ

קלאָר, אַז זײַן השערה איז טאַקע ריכטיק געווען; ער האָט אָבער נישט געוואָלט טיפֿער אין דעם אַרײַנדרינגען; עס איז אים גאַנץ גענוג ביטער געווען פֿון דעם, וואָס ער האָט שוין ביז אַהער געזען, און ער איז גאָר נישט געשטימט גראָד איצט אויפֿצוטרעטן פֿאַר אַ העכערן באַאַמטן; אָבער אַזאַ איינער האָט דאָך אַצינד פֿון יעדער טיר פּלוצלינג געקענט אַרויסשווימען. איינס האָט ער געוווּסט, אַז ער וויל אַוועקגיין, און דאָס תּיכּף — מיט דעם געריכטס־דינער, אָדער אַליין, אויב עס קען אַנדערש נישט זײַן.

אָבער דאָס שטומע אַרומשטיין זײַנס אַדאָ האָט זיך אַוודאי געמוזט וואַרפֿן אין די אויגן, און דאָס מיידל און דער געריכטס־דינער האָבן אים טאַקע אַזוי אָנגעקוקט, אַזוי ווי אין דער נאָענטסטער רגע וואָלט מיט אים געדאַרפֿט געשען עפּעס אויסערגעוויינטלעכס, עפּעס אַזאַ מין איבערבײַט, וואָס זיי ווילן עס נישט דורכלאָזן. און אין דער עפֿענונג פֿון דער טיר איז געשטאַנען דער מאַן, וואָס ק. האָט אים פֿריִער פֿון דער ווײַטנס באַמערקט; ער האָט זיך פֿעסט אָנגעהאַלטן אָן דעם איבערשטן באַלקן פֿון דער נידעריקער טיר און האָט זיך אַ ביסל צוגעשאָקלט אויף די שפּיצפֿינגער פֿון די פֿיס; אָט אַזוי אַן ערך ווי אַן אומגעדולדיקער צוקוקער. דאָס מיידל האָט אָבער פֿאָרט די ערשטע באַמערקט, אַז ק.׳ס באַנעמונג איז דערפֿאַר אַזוי מאָדנע, ווײַל ער פֿילט זיך אַ ביסל נישט מיט אַלעמען; זי האָט צוגעטראָגן אַ שטול און געפֿרעגט: „ווילט איר זיך נישט אַ ביסל אַוועקזעצן?” ק. האָט זיך תּיכּף אַנידערגעזעצט און האָט זיך מיט די עלנבויגנס אָנגעשפּאַרט אויף די אָנלענען פֿון שטול כּדי זיך צו פֿילן זיכערער. „איר האָט אַ קליינעם קאָפּשווינדל, נישט אַזוי?” האָט זי אים געפֿרעגט. ער האָט איצט גאַנץ נאָענט דערזען איר פּנים אַנטקעגן זיך; עס האָט געהאַט יענעם שטרענגן אויסדרוק, וואָס עס האָבן אים געוויסע פֿרויען דווקא אין זייער שענסטער יוגנט. „טראַכט גאָר נישט איבער וועגן דעם”, האָט זי געזאָגט, „דאָ איז עס נישט עפּעס אויסערגעוויינטלעכס; כּמעט יעדער, וואָס קומט אַהער צום ערשטן מאָל, באַקומט אַזאַ מין אָנפֿאַל. איר זענט דאָ צום ערשטן מאָל? נו, יאָ, עס איז שוין קלאָר, קיין שום אויסערגעוויינטלעכע זאַך. די זון ברענט דאָ אַזוי שטאַרק די בעלקעס פֿון דאַך, און דאָס הייסע האָלץ מאַכט די לופֿט אַזוי דעמפּיק און אַזוי שווער. דער פּלאַץ איז דעריבער פֿאַר קאַנצעלאַריעס נישט זייער צוגעפּאַסט, כאָטש ער האָט אין אַלגעמיין אַ סך גרויסע מעלות. אָבער וואָס אַנבאַלאַנגט די לופֿט, איז זי אין די טעג ווען עס איז דאָ אַ גרויסער אַרײַן און אַרויס פֿון קליענטן— און דאָס איז דאָך כּמעט יעדער טאָג — פּשוט נישט־מעגלעך צו אָטעמען. און אויב איר וועט נאָך דערצו נעמען אין אַכט, אַז מע הענגט דאָ אויך וועש צום טריקענען — און מע קען עס דאָך די שכנים פֿון הויז אין גאַנצן נישט פֿאַרביטן — וועט איר זיך שוין בשום אופֿן מער נישט וווּנדערן, וואָס עס איז אײַך אַ ביסל נישט־גוט געוואָרן. אָבער סוף־כּל־סוף געוויינט מען זיך זייער גוט צו צו אָט דער לופֿט. אַז איר וועט צום צווייטן, אָדער דריטן מאָל אַהערקומען, וועט איר שוין אַפֿילו קוים שפּירן דעם שווערן לופֿט־דרוק. פֿילט איר זיך שוין אַ ביסל בעסער?”

ק. האָט נישט געענטפֿערט, עס איז אים צו ביטער געווען דאָס געמיט, אַז צוליב זײַן פּלוצעמדיקן אָנפֿאַל פֿון שוואַכקייט איז ער ממש איבערגעענטפֿערט געוואָרן אין די הענט פֿון די דאָזיקע לײַט אַדאָ; חוץ דעם איז אים נישט בעסער געוואָרן, כאָטש ער האָט שוין געוווּסט די סיבה פֿון זײַן חולשות. נאָר דווקא איז אים אַפֿילו נאָך אַ ביסל ערגער געוואָרן. דאָס מיידל האָט עס תּיכּף באַמערקט, און כּדי ק. אַ קאַפּעטשקע צו דערפֿרישן, האָט זי אַ נעם געטאָן די האַקנשטאַנג מיט אַ האַטשיק, וואָס איז געשטאַנען אָנגעלענט אָן דער וואַנט, און האָט מיט איר געעפֿנט אַ קליינעם לופֿטשיק, וואָס איז גראָד געווען פּונקט איבער ק.׳ס קאָפּ און האָט געפֿירט צו דער פֿרײַ. עס איז אָבער אַזויפֿל סאַזשע אַרײַנגעפֿאַלן, אַז דאָס מיידל האָט תּיכּף דעם לופֿטשיק געמוזט צוריק צוציִען און נאָך דערצו מיט אַ טיכעלע אָפּרייניקן ק.׳ס הענט פֿון דער סאַזשע — ווײַל ק. איז צו מיד געווען, אַפֿילו בלויז די הענט זיך אַליין אָפּצורייניקן. ער וואָלט דאָ זייער גערן זיצן געבליבן, ביז ער וועט זיך פֿילן גענוג בײַ די כּוחות — אַוועקצוגיין; און וואָס ווייניקער מע וואָלט זיך דאָ מיט אים פֿאַרנומען, אַלץ גיכער וואָלט דאָס טאַקע געשען. אָבער גראָד איצט האָט דאָס מיידל אַ זאָג געטאָן: „דאָ קענט איר נישט בלײַבן, דאָ שטערן מיר די באַוועגונג —״ ק. האָט מיט זײַן בליק אַ פֿרעג געטאָן, וואָס פֿאַר אַ באַוועגונג ער שטערט דאָ. — „איך וועל אײַך, אויב איר ווילט נאָר, אַרײַנפֿירן אין קראַנקן־צימער. העלפֿט מיר, זײַט אַזוי גוט״, האָט זי אַ זאָג געטאָן צום מאַן, וואָס איז געשטאַנען אין דער טיר, און ער איז טאַקע תּיכּף צוגעקומען. אָבער ק. האָט נישט געוואָלט אַרײַן אין קראַנקן־צימער; טאַקע דאָס האָט ער געוואָלט אויסמײַדן, אַז מע זאָל אים ווײַטער פֿירן, ווײַל וואָס ווײַטער ער איז דאָ אַרײַן, אַלץ ערגער האָט עס געמוזט ווערן. „איך קען שוין גיין״, האָט ער דעריבער אַ זאָג געטאָן, און איז ציטערנדיק אויפֿגעשטאַנען, ווײַל דאָס באַקוועמע זיצן האָט אים אַ ביסל פֿויל געמאַכט. ערשט איצט האָט ער אָבער נישט געקענט אײַנשטיין אויף די פֿיס. „עס גייט פֿאָרט נישט״, האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ און זיך ווידער מיט אַ זיפֿץ אַוועקגעזעצט. ער האָט זיך דערמאָנט אָן דעם געריכטס־דינער, וואָס וואָלט אים דאָך גרינג, נישט געקוקט אויף גאָרנישט, געקענט אַרויספֿירן, אָבער יענער איז שוין, ווײַזט אויס, לאַנג געהאַט אַוועק; ק. האָט אַרײַנגעקוקט צווישן דעם מיידל און דעם מאַן, וואָס זענען פֿאַר אים געשטאַנען, ער האָט אָבער דעם געריכטס־דינער נישט געקענט געפֿינען.

„איך מיין״, האָט געזאָגט דער מאַן (ער איז געווען גאָר עלעגאַנט אָנגעטאָן, און גאַנץ באַזונדערס איז געווען אָנזעעוודיק זײַן גרוי וועסטל, וואָס האָט זיך אונטן פֿאַרענדיקט מיט צוויי לאַנגע שאַרף געשניטענע שפּיצן), „אַז די איבלקייט פֿון דעם הער האָט אַ שײַכות צו דער היגער אַטמאָספֿערע דאָ. עס וועט דעריבער פֿאַר אים צום בעסטן זײַן, אויב מיר וועלן אים דווקא נישט אַרײַננעמען אין קראַנקן־צימער און נאָר אים בעסער אין גאַנצן אַרויספֿירן פֿון די קאַנצעלאַריעס״. „דאָס איז עס״, האָט ק. אַ געשריי געטאָן, און פֿאַר גרויס פֿרייד איז ער ממש

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אַרײַנגעפֿאַלן דעם מאַן אין דער מיט פֿון זײַנע רייד, „מיר וועט בלי שום ספק תיכף בעסער ווערן; איך בין דאָך גאָר נישט אַזוי שוואַך, איך דאַרף נאָר מע זאָל מיך אַ ביסל אונטערהאַלטן אונטער די אָרעמס, קיין גרויסע טירחה וועל איך אײַך נישט מאַכן, עס איז דאָך נישט קיין לאַנגער גאַנג; פֿירט מיך נאָר צו צו דער טיר און איך וועל מיך דאָרט נאָר אויף אַ רגע׳לע אַוועקזעצן אויף די טרעפּלעך און וועל תיכף צו זיך קומען; איך לײַד דאָך גאָר נישט פֿון אַזעלכע איבלקייט־אָנפֿאַלן, איך וווּנדער מיך באמת אַליין. אַגבֿ, בין איך דאָך אויך אַ באַאַמטער און בין צוגעוווינט צו קאַנצעלאַריע־לופֿט; אָבער דאָ איז עס פֿאָרט אַ ביסל צו דעמפּיק, איר האָט דאָך אַליין געזאָגט. ווילט איר דעריבער זײַן אַזוי גוט און פֿרײַנדלעך און מיך נאָר צופֿירן אַ ביסל, עס דרייט זיך מיר טאַקע דער קאָפּ און עס הייבט אָן נודען ווי נאָר איך שטיי אויף אַליין“. און ער האָט אַ הייב געטאָן די אַקסלען, כּדי די צוויי זאָלן אים גרינגער קענען אַ כאַפּ טאָן אונטער די אָרעמס.

אָבער דער מאַן האָט זיך גאָרנישט צוגעהערט צו דער בקשה, נאָר ער האָט רויִק ווײַטער געהאַלטן בײדע הענט אין די הויזן־קעשענעס און האָט אַ הויכן לאַך געטאָן. „זעט איר“, האָט ער אַ זאָג געטאָן צום מיידל, „איך האָב דאָך פֿאָרט דעם אמת געטראָפֿן. דעם הער איבלט עס בלויז דאָ; בכלל אָבער איז ער נישט פֿאַרחלשט“. דאָס מיידל האָט אויך אונטערגעשמייכלט, זי האָט דעם מאַן געגעבן אַ פּאָר גרינגע פּעטשעלעך מיט די שפּיצן פֿון די פֿינגער, אָט אַזוי ווי אים צו זאָגן, אַז ער האָט שוין אַ ביסל צו פֿיל חוזק געמאַכט פֿון ק. „אָבער וואָס טראַכט איר זיך“, האָט געזאָגט דער מאַן, לאַכנדיק נאָך אַלץ, „איך וויל דאָך דעם הער אויף אַן אמת אַרויספֿירן“. „אויב אַזוי איז שוין גוט“, האָט געזאָגט דאָס מיידל, אָנבייגנדיק אויף אַ רגע׳לע דאָס שיינע קעפּעלע אירס. „גיט נישט צו קיין צו גרויסע באַדײַטונג דעם דאָזיקן געלעכטער“, האָט דאָס מיידל געזאָגט צו ק. ער אָבער איז שוין ווידער אומעטיק געוואָרן, האָט געגלאָצט פֿאַר זיך מיט די אויגן, און האָט, ווי עס זעט אויס, נישט געדאַרפֿט קיין שום אויפֿקלערונגען, „אָט אָ דער הער, מעג איך אײַך פֿאָרשטעלן?“ (דער הער האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט, ווי איינער זאָגט: פֿאַר וואָס נישט?) — „איז אָט דאָ דער הער, וואָס גיט בײַ אונדז אינפֿאָרמאַציעס. אַלע קליענטן, וואָס וואַרטן דאָ, גיט ער יעדע מעגלעכע אינפֿאָרמאַציע, וואָס זיי דאַרפֿן. און מחמת אונדזער געריכט איז בײַ דער באַפֿעלקערונג נישט זייער באַקאַנט — זענען דאָ אַ סך אָנפֿראַגעס, וואָס מע דאַרף אויף זיי ענטפֿערן. און אויף יעדער פֿראַגע האָט ער אַן ענטפֿער; איר קענט אים, אויב איר וועט אַ מאָל האָבן חשק דערצו, אויספּרובירן אויף דעם געביט. אָבער דאָס איז נישט דאָס איינציקע, מיט וואָס ער צייכנט זיך דאָ אויס, דאָס אַנדערע, מיט וואָס ער צייכנט זיך אויס, איז זײַן עלעגאַנטער אופֿן פֿון אָנטאָן זיך. מיר, דאָס הייסט די באַאַמטע פֿון דאַנעט, האָבן אַ מאָל באַשלאָסן, אַז דער וואָס גיט בײַ אונדז די אינפֿאָרמאַציעס, און וואָס צוליב דעם איז ער דער ערשטער, וואָס האָט דאָ צו טאָן מיט קליענטן, מוז זײַן עלעגאַנט אָנגעטאָן, כּדי דער

ערשטער רושם פֿון דאַנעט זאָל זײַן אַ װערדיקער. מיר, אַלע איבעריקע, און איר קענט עס תּיכּף אָן מיר אַליין דערקענען, זענען צום באַדױערן זייער שלעכט און אַלטמאָדיש געקלײדט; עס איז אױך נישטאָ קיין גרױסער שׂכל אין דעם — נישטאָ אױף מלבושים געלט אױסצוגעבן; מיר זיצן דאָ כּמעט אָן אַן איבער־רײַס אין די קאַנצעלאַריעס, מיר שלאָפֿן דאָך דאָ אַפֿילו. נאָר װי געזאָגט, װאָס שייך דעם, װאָס גיט די אינפֿאָרמאַציעס, האָבן מיר געהאַלטן, אַז ער מוז האָבן שיינע קלײדער. אָבער אונדזער פֿאַרװאַלטונג איז אַ ביסל מאָדנע אױף דעם געביט, און זי האָט נישט געװאָלט צושטעלן די קלײדער; האָבן מיר דעריבער געמאַכט אַ זאַמלונג צװישן זיך — און אַפֿילו די קליענטן דאָ האָבן צוגעטראָגן אַ חלק — און מיר האָבן אים געקױפֿט אָט דעם שיינעם אָנצוג און נאָך אַנדערע קלײדער. און אַזױ װאָלט דאָך שױן אַלץ געװען צוגעגרייט, דאַכט זיך, אַז ער זאָל מאַכן אַ גוטן רושם, אָבער מיט זײַן געלעכטער מאַכט ער װידער אַלץ קאַליע און װאַרפֿט אַרויף אַ פּחד אױף די מענטשן". „אָט אַזױ איז עס", האָט געזאָגט דער הער מיט אַ שפּאָט־שמייכעלע, „אָבער איך קען בשום אופֿן נישט פֿאַרשטיין, פֿאַרװאָס איר מוזט דעם דאָזיקן הער אַלע אונדזערע אינטימע מעשׂיות דערציילן, און נישט נאָר דערציילן, נאָר ממש אַרויפֿצװינגען; װײַל ער װיל דאָס אַלץ גאָר נישט געװאָר װערן. גיט נאָר אַ קוק אױף אים, װי אַזױ ער זיצט דאָ; עס איז דאָך קלאָר, אַז ער איז מער װי גענוג פֿאַרנומען מיט זײַנע אייגענע ענינים". ק. האָט אַפֿילו נישט געהאַט קיין חשק אָפּצוענטפֿערן; די כּוונה פֿון מײדל איז אַװדאי געװען אַ גוטע, זי האָט אים געװאָלט אַ ביסל אױפֿמונטערן, אָדער אים געבן די מעגלעכקייט צונױפֿצונעמען די מחשבֿות, אָבער װי אַזױ זי האָט עס געטאָן — דאָס האָט נישט געטױגט. „איך האָב אים געמוזט אױפֿקלערן דאָס געלעכטער אײַערס", האָט געזאָגט דאָס מײדל. „עס איז דאָך געװען באַליידיקנדיק". „איך מיין, אַז ער װאָלט נאָך ערגערע באַליידיקונגען מוחל געװען, אױב איך װאָלט אים נאָר סוף־כּל־סוף פֿון דאַנעט אַרױסגעפֿירט." ק. האָט גאָר־נישט געזאָגט, ער האָט אַפֿילו דעם בליק נישט אױפֿגעהױבן; ער האָט געדולדיק פֿאַרטראָגן, װאָס די צװיי חבֿרה פֿירן אַ שמועס װעגן אים, אָט אַזױ װי ער װאָלט געװען אַ זאַך; און זאָגן דעם אמת, איז עס אים אַפֿילו אַזױ געװען צום האַרצן. אָבער גאַנץ פּלוצעם האָט ער דערפֿילט די האַנט פֿון דעם אינפֿאָרמאַציע־געבער אױף איין אָרעם און די האַנט פֿון דעם מײדל אױפֿן אַנדערן אָרעם. „אַ סוף, הייבט זיך אױף, איר שװאַכער מאַן", האָט געזאָגט דער אינפֿאָרמאַציע־געבער. „איך דאַנק אײַך, דאַנק אײַך ביידע אַ סך מאָל", האָט ק. פֿריידיק איבערראַשט אַ זאָג געטאָן. ער האָט זיך פּאַװאָליע אױפֿגעהױבן און האָט אַפֿילו אַליין גענומען פֿירן די פֿרעמדע צװיי הענט צו יענע ערטער אין זײַן גוף, װאָס האָבן זיך צום מייסטן געניײטיקט אין אַן אָנשפּאַר. „עס קען אַזױ אױסזען", האָט דאָס מײדל שטילערהייט גערעדט אין ק.׳ס אױער — בשעת זײ האָבן זיך דערנענטערט צום קאָרידאָר, „אַז עס גייט מיר איר לעבן אױעקצושטעלן דעם אינפֿאָרמאַציע־געבער אין אַ גינציק

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

ליכט; אָבער מע מעג עס מיר גלייבן, אַז איך וויל דאָך זאָגן דעם אמת. ער האָט נישט קיין שטיינערן האַרץ. ער איז גאָר נישט מחויב קראַנקע קליענטן אַרויס־צופֿירן, און ער טוט עס פֿאָרט, איר זעט דאָך. אפֿשר האָבן מיר גאָר אַלע נישט קיין שטיינערנע הערצער, אפֿשר זענען מיר גאָר אַלע גרייט צו העלפֿן, אָבער אַזוי ווי מיר זענען געריכטס־באַאַמטע — באַקומט זיך גרינג דער רושם, אַז מיר האָבן האַרטע הערצער און ווילן קיינעם נישט העלפֿן. דאָס טוט מיר אויף אַן אמת זייער וויי". "ווילט איר זיך נישט אָט אָ דאָ אַ ביסל אָוועקזעצן", האָט געפֿרעגט דער אינפֿאָרמאַציע־געבער; זיי זענען שוין געווען אין קאָרידאָר און זענען פּונקט געשטאַנען פֿאַר יענעם אַנגעקלאָגטן, וואָס ק. האָט פֿריִער געהאַט צו אים גערעדט. ק. האָט זיך ממש געשעמט פֿאַר דעם מאַן; ערשט נאָר וואָס איז ער אַזאַ גלײַך אויסגעשטרעקטער פֿאַר אים געשטאַנען און איצט האָבן אים אַזש צוויי געמוזט אונטערהאַלטן; זײַן הוט האָט זיך געוויגט אויף די אויסגעשפּרייטע פֿינגער פֿון דעם אינפֿאָרמאַציע־געבער, זײַן פֿריזור איז געווען צעשויבערט, די האָר זענען אים אַראָפּגעהאַנגען אויף דעם שוויס באַדעקטן שטערן. אָבער דער אַנגעקלאָגטער האָט, ווי עס ווײַזט אויס, דאָס אַלץ נישט באַמערקט; הכנעהדיק איז ער געשטאַנען פֿאַרן אינפֿאָרמאַציע־באַאַמטן, וואָס האָט איבער אים אַריבער־געקוקט, און עס איז אים נאָר געגאַנגען אין איין זאַך, זיך צו אַנטשולדיקן וואָס ער געפֿינט זיך דאָ. "איך ווייס", האָט ער געזאָגט, "אַז מײַנע באַווײַז־פֿאָרשלאָגן קענען נאָך הײַנט נישט דורכגעפֿירט ווערן. איך בין אָבער פֿאָרט געקומען; איך האָב געטראַכט, אַז אַלץ איינס מוז איך דאָך וואַרטן, איז זונטיק וועל איך שוין דאָ וואַרטן; צײַט האָב איך דאָך און שטערן שטער איך דאָ קיינעם נישט". "איר מוזט זיך נישט אַזוי שטאַרק פֿאַרענטפֿערן", האָט געזאָגט דער אינפֿאָרמאַציע־באַאַמטער, "אײַער זאָרגעוודיקייט קען מען נאָר לויבן; עס איז אַפֿילו אמת, אַז איר פֿאַרנעמט דאָ אַ פּלאַץ אומזיסט און אומנישט, אָבער איך וויל אײַך אין דעם פֿונדעסטוועגן נישט שטערן, אויב איר ווילט גענוי פֿון דער נאָענט נאָכפֿאָלגן דעם גאַנג פֿון אײַער ענין; פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָר אַזוי לאַנג, ווי דאָס וועט מיך נישט באַלעסטיקן. אַז איינער זעט זיך אָן מיט אַזויפֿל לײַט, וואָס פֿאַרנאַכלעסיקן זייערע פֿליכטן ממש אויף אַ שענדלעכן אופֿן, לערנט מען זיך אויס צו האָבן געדולד און אײַנזעעניש מיט לײַט ווי איר זענט. זעצט זיך". "זעט, זעט ווי פֿײַן ער פֿאַרשטייט עס צו רעדן מיט די קליענטן", האָט דאָס מיידל געשעפּטשעט. ק. האָט אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ, איז אָבער באַלד אויפֿגעשפּרונגען, ווי נאָר דער אינפֿאָרמאַציע־באַאַמטער האָט אים ווידער אַ פֿרעג געטאָן: "ווילט איר זיך נישט דאָ אַנידערזעצן?" "ניין", האָט ק. געענטפֿערט, "איך וויל זיך נישט אויסרוען". ער האָט עס געזאָגט אַזוי פֿעסט און באַשטימט ווי נאָר מעגלעך. דער אמת אָבער איז, אַז ער וואָלט זייער צופֿרידן געווען, ווען ער וואָלט זיך יאָ אַנידער־געזעצט. ער האָט געהאַט אַ געפֿיל, אַז ער האָט די ים־קרענק. עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער איז אויף אַ שיף, וואָס טראָגט זיך אויף אַ שטורמישן ים. עס האָט

זיך אים אויסגעוויזן, אַז וואַסער זעצט מיט כּוח אין די הילצערנע ווענט, אַז אַ געברום קומט פֿון די ווײַטקייטן פֿון דעם קאָרידאָר, אַזוי ווי פֿון כוואַליעס, וואָס וואַרפֿן זיך איינע איבער דער אַנדערער, אַז דער גאַנצער קאָרידאָר שאָקלט זיך אין דער ברייט און אַז די לײַט, וואָס וואַרטן דאָ פֿון בײדע זײַטן — אָט אַ הייבן זיי זיך און אָט אָ זינקען זיי, אַ ריי אַראָפּ און אַ ריי אַרויף. איז טאַקע נאָך שווערער געווען צו באַנעמען די רו פֿון דעם מיידל און דעם מאַן, וואָס האָבן אים געפֿירט. ער איז געווען איבערגעענטפֿערט אין זייערע הענט; וואָלטן זיי אים אָפּגעלאָזט, וואָלט ער געמוזט אַוועקפֿאַלן אָט אַזוי ווי אַ ברעט. פֿון זייערע קליינע אייגעלעך אַפֿיר האָבן געבליצט שאַרפֿע בליקן אַהין און אַהער. ק. האָט געפֿילט זייערע רעגולערע שריט, ער האָט זיי אָבער נישט מיטגעמאַכט, ווײַל ער איז דאָך כּמעט — שריט־אײַן און שריט־אויס — געטראָגן געוואָרן. סוף־סוף האָט ער באַמערקט, אַז זיי רעדן צו אים עפּעס, אָבער ער האָט זיי בשום אופֿן נישט פֿאַרשטאַנען; ער האָט נאָר געהערט דעם ליאַרעם, וואָס האָט אַלץ מיט אַנאַנדער דאָ אויסגעפֿילט, און דורך אָט דעם ליאַרעם האָט ער געהערט אַ שאַרפֿן לאַנג אויסגעצויגענעם טאָן, אַזוי ווי ער וואָלט געקומען פֿון אַ סירענע. „העכער אַ ביסל", האָט ער געשעפּטשעט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ און האָט זיך געשעמט, ווײַל ער האָט דאָך געוווסט, אַז זיי רעדן הויך גענוג, כאָטש פֿאַר אים איז עס נישט פֿאַרשטענדלעך. און אָט אַזוי ווי אַ וואַנט וואָלט זיך פּלוצלינג אַ צעשפּאַלט געטאָן פֿאַר אים, אַזוי איז אים סוף־כּל־סוף אַ פֿרישער שטראָם לופֿט אַנטקעגנגעקומען; און געהערט האָט ער ווי לעבן אים זאָגט עמעץ: „צו ערשט וויל ער אַוועק, און אָט אַ זאָגט מען אים שוין הונדערט מאָל, אַז דאָ איז דער אַרויסגאַנג, און ער — נישט פֿון אָרט". ק. האָט באַמערקט, אַז ער שטייט פֿאַר דער אַרויסגאַנגס־טיר, וואָס דאָס מיידל האָט אויפֿגעעפֿנט. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז אַלע זײַנע כּוחות זענען אים מיט איין מאָל צוריקגעקומען, און כּדי ווידער צו געווינען אַ פֿאָרגעפֿיל פֿון דער פֿרײַהייט, איז ער תּיכּף אַרויף אַ טרעפּל און האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט זײַנע באַגלייטערס, וואָס האָבן זיך צו אים אַראָפּגעבויגן. „אַ שיינעם דאַנק", האָט ער עטלעכע מאָל איבערגעחזרט און נאָך אַ מאָל און נאָך אַ מאָל געדריקט ביידנס הענט; ער האָט צו ערשט אָפּגעלאָזן ווען עס האָט זיך אים געדאַכט, אַז ער זעט, אַז די צוויי לײַט קענען נישט פֿאַרטראָגן די מער־ווייניקער פֿרישערע לופֿט, וואָס קומט פֿון די טרעפּ — ווײַל אַזוי זענען זיי שוין צוגעוווינט צו דער דעמפּיקייט פֿון די קאַנצעלאַריעס. קוים וואָס זיי האָבן געקענט אים אָפּענטפֿערן, און דאָס מיידל וואָלט אפֿשר גאָר אַפֿילו אַ פֿאַל געטאָן, אויב ק. וואָלט נישט בליץ שנעל די טיר פֿאַרקלאַפּט. ק. איז דאַן נאָך אַ רגע שטיל געשטאַנען; מיט דער הילף פֿון קעשענע־שפּיגעלע האָט ער זיך אַ ביסל צו רעכט געמאַכט די האָר, האָט אויפֿגעהויבן דעם הוט, וואָס איז געלעגן אויף דעם טרעפּל פֿאַר אים — דער אינפֿאָרמאַציע־באַאַמטער האָט אים מסתּמא אַהין אַ וואַרף געטאָן — און האָט גענומען לויפֿן טרעפּ־אַראָפּ מיט אַזאַ פֿריש־פֿריילעכקייט און

פראַנץ
קאַפקא

מיט אַזעלכע לאַנגע שפרונגען, אַז ער האָט זיך אַזש אַליין דערשראָקן פאַר זײַן אייגענער ענדערונג אין אים. אַזעלכע איבעררעאַשונגען האָט אים זײַן, בדרך כּלל געזונטער, גוף נאָך קיין מאָל פריִער נישט צוגעגרייט. זאָל דאָס אפשר זײַן אַ סימן, אַז זײַן גוף וויל רעוואָלטירן און אַוועקשטעלן אים פאַר עפּעס אַ נײַעם פראָצעס, אַ נײַעם גאַנג, אפשר דערפאַר ווײַל ער האָט דעם ביז־איצטיקן אַזוי גרינג פאַרטראָגן? און ער האָט דעם געדאַנק נישט אין גאַנצן אָפּגעוואָרפן, אַז בײַ דער ערשטער, בעסטער געלעגנהייט זאָל ער צוגיין צו אַ דאָקטאָר; נאָר ווי די זאַך זאָל נישט זײַן — און צו דעם האָט ער קיין פרעמדע עצות נישט געדאַרפט — אַלע קומענדיקע זונטיק־פרימאָרגנס וועט ער שוין וויסן בעסער צו פאַר־ברענגען ווי דעם דאָזיקן.

4

פֿרײַלין בירסטנערס חבֿרטע

אין די קומעדיקע עטלעכע טעג האָט ק. בשום אופֿן נישט געקענט באַווײַזן כאָטש אַ פּאָר ווערטער אויסצורעדן מיט פֿרײַלין בירסטנער. אויף פֿאַרשיידענע אופֿנים האָט ער שוין פּרובירט זיך צו איר צו דערנענטערן, זי האָט אָבער אַלע מאָל געפֿונען אַן אויסוועג זיך אַרויסצודרייען. ער פֿלעגט אַהיימקומען תּיכּף נאָך די אַמט־שעהען, איז געבליבן אין זײַן צימער, האָט נישט אויפֿגעדרייט דאָס ליכט; ער איז געזעסן אויף דער קאַנאַפּע און האָט זיך פֿאַרנומען נאָר מיט איין זאַך — ער האָט כּסדר געקוקט אין דעם פֿאָדער־צימער. אַז דאָס דינסטמיידל איז פֿאַרבײַגעגאַנגען און צוגעמאַכט די טיר פֿון זײַן צימער, ווײַל עס האָט דאָך אויסגעזען, אַז עס איז ליידיק, איז ער אין אַ רגע אַרום אויפֿגעשטאַנען און ווידער די טיר געעפֿנט. אין די פֿרימאָרגנס איז ער אויפֿגעשטאַנען אַ גאַנצע שעה פֿריִער ווי געוויינטלעך, אפֿשר וועט ער אַזוי אַרום אָנטרעפֿן פֿרײַלין בירסטנער פּנים־אל־פּנים, בשעת זי גייט צו איר ביוראָ־אַרבעט. אָבער אַלע די קונצן זענען נישט געלונגען. האָט ער איר געשריבן אַ בריוו, איינעם אויפֿן אַדרעס פֿון ביוראָ, און דעם אַנדערן אַהיים; אינעם בריוו האָט ער נאָך אַ מאָל פּרובירט צו פֿאַרענטפֿערן זײַן באַנעמען זיך. ער האָט אָנגעבאָטן יעדע פֿאַרגיטיקונג און צוגעזאָגט קיין מאָל מער נישט אַריבער איבער די גרענעצן, לויט ווי זי אַליין וועט באַשטימען; ער האָט נאָר געבעטן צו געבן אים די געלעגנהייט און די מעגלעכקייט נאָך איין מאָל מיט איר צו רעדן — דער עיקר אויך צוליב דעם, ווײַל ער קען דאָך וועגן גאָרנישט אָפּרעדן מיט דער פֿרוי גרובאַך, אײדער ער וועט זיך מיט איר נישט מיישבֿ זײַן. ענדלעך האָט ער אויך מיטגעטיילט, אַז קומעדיקן זונטיק וועט ער דעם גאַנצן טאָג לאַנג וואַרטן אין זײַן צימער אויף אַ סימן פֿון איר, אַז זי איז גרייט צו באַוויליקן זײַן בקשה; און אויב נישט — זאָל זי אים כאָטש דערקלערן פֿאַר וואָס זי קען זײַן ביטע נישט דערפֿילן, כאָטש ער האָט איר צוגעזאָגט, אַז ער וועט איר דורכויס אין אַלץ נאָכגעבן. די בריוו זענען נישט צוריקגעקומען, אָבער קיין ענטפֿער אויך נישט. דאַקעגן איז זונטיק געקומען אַ סימן, וואָס איז געווען גענוג דײַטלעך. תּיכּף אין דער פֿרי האָט ק. דורכן שליסללאָך באַמערקט עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעכע באַוועגונג אין פֿאָדער־צימער, אַ באַוועגונג, וואָס

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

האָט זיך גאָר באַלד אויפֿגעקלערט. אַ פֿראַנצייזיש־לערערין, וואָס איז איבעריקנס געווען אַ דײַטשקע, געהייסן האָט זי מאָנטאַג, אַ שוואַך, בלאַס, אַ ביסל אַ הינקעדיק מיידל, און וואָס האָט ביז איצט געווינט אין אַ באַזונדער צימער, האָט זיך אַריבער־געצויגן אין צימער פֿון פֿרײַלין בירסטנער. שעהען נאָך אַנאַנד האָט זי זיך געשלעפּט דורך דעם פֿאָדער־צימער. אָן אַ סוף איז כּסדר אַלץ נאָך עפּעס און נאָך עפּעס פֿאַרגעסן געוואָרן — דאָ אַ שטיקל וועש, דאָ אַ דעקעלע, דאָ אַ בוך; און מע האָט געמוזט אַלץ איינציקווײַז נעמען און אַריבערטראָגן אין דער נײַער וווינונג.

אַז די פֿרוי גרובאַך האָט אַרײַנגעטראָגן דאָס אָנבײַסן צו ק. — זינט ק. האָט זי אין יענעם טאָג אַזוי דערצערנט, האָט זי דאָס באַדינען אים אין גאַנצן, אָבער טאַקע ביז צו דער קלענסטער קליינִיקייט אַפֿילו, אַוועקגענומען פֿון די הענט פֿון דינסטמיידל — האָט ער זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן, צום ערשטן מאָל זינט פֿינף טעג צו איר אַ וואָרט צו רעדן. „וואָס איז די סיבה, וואָס עס רודערט זיך הײַנט אַזוי אין פֿאָדער־צימער?" האָט ער געפֿרעגט, אַרײַנגיסנדיק די קאַווע, „קען מען דאָס נישט אָפּשטעלן? מוז מען דען פּונקט אין אַ זונטיק אויפֿרוימען?" כאָטש ק. האָט נישט אַרויפֿגעקוקט צו פֿרוי גרובאַך, האָט ער דאָך באַמערקט, אַז זי האָט אַזש אָפּגעזיפֿצט, אַזוי איז איר עפּעס גרינגער געוואָרן. אַפֿילו די דאָזיקע שטרענגע קשיות פֿון ק. האָט זי שוין אָנגענומען ווי אַ סימן פֿון מחילה אָדער כאָטש אַ סימן פֿון אַן אָנהייב פֿון איר מוחל זײַן. „מע רוימט נישט אויף, הער ק.", האָט זי געזאָגט, „פֿרײַלין מאָנטאַג ציט זיך אַריבער צום פֿרײַלין בירסטנער און דאָס טראָגט זי אַריבער די זאַכן אירע". זי האָט מער גאָרנישט געזאָגט, נאָר זי האָט געוואַרט, צו זען ווי אַזוי ק. וועט די ווערטער אירע אויפֿ־נעמען און צי וועט ער איר דערלויבן ווײַטער צו רעדן. ק. האָט זי אָבער געוואָלט אויספּרובירן, ער האָט — פֿאַרטראַכטערהייט — געמישט מיטן לעפֿעלע די קאַווע און האָט געשוויגן. נאָך דעם האָט ער אַ קוק אַרויף געטאָן צו איר און געזאָגט: „האָט איר שוין אײַער פֿריִערדיקן חשד וועגן פֿרײַלין בירסטנער אויפֿגעגעבן?" „הער ק.", האָט די פֿרוי גרובאַך אַזש אַ געשריי געטאָן; טאַקע אויף דער פֿראַגע האָט זי דאָך געוואַרט. זי האָט אויסגעשטרעקט צו ק. אירע צונויפֿגעפּרעסטע הענט. „אַזוי ערנצט האָט איר גענומען מײַנע אַ פֿאַרבײַגייענדיקע באַמערקונג פֿון דאָ אַנומלט? איך האָב דאָך בשום אופֿן קיין שאָטן פֿון אַ געדאַנק נישט געהאַט — נישט אײַך און נישט וועמען עס איז צו קרענקען. קענט איר מיך דען נישט שוין לאַנג גענוג, הער ק., אַז איך זאָל אײַך דאַרפֿן ערשט איבערצײַגן דערין? איר ווייסט גאָרנישט ווי אַזוי איך האָב אין די לעצטע טעג צוליב דעם געליטן! איך — און רעדן רכילות אויף מײַנע קוואַרטיראַנטן! און איר, הער ק., האָט עס געגלייבט! און איר האָט געזאָגט, אַז איך זאָל אײַך קינדיקן! אײַך קינדיקן די דירה!" דער לעצטער אויסגעשריי איז שוין דערשטיקט געווען פֿון טרערן; זי האָט אויפֿגעהויבן איר שערצל צום פּנים און האָט אַ העשע געטאָן אויף אַ קול.

„הערט דאָך אויף צו וויינען, פֿרוי גרובאַך“, האָט ק. געזאָגט, אַרויסקוקנדיק דורך דעם פֿענצטער; ער האָט געהאַט נאָר איין געדאַנק — פֿרײַלין בירסטנער — און, דאָס וואָס זי האָט אַרײַנגענומען אַ פֿרעמד מיידל אין איר צימער אַרײַן. „הערט דאָך אויף צו וויינען“, האָט ער נאָך אַ מאָל אַ זאָג געטאָן, אויסדרייענדיק זיך צוריק אין צימער אַרײַן און זעענדיק, אַז די פֿרוי גרובאַך וויינט נאָך אַלץ. „איך האָב דאָך דעמאָלט גאָר קיין שלעכטס נישט אין זינען געהאַט. מיר האָבן זיך גאַנץ פּשוט קעגנזײַטיק שלעכט פֿאַרשטאַנען. אַפֿילו צווישן אַלטע פֿרײַנד קען עס אויך אַ מאָל פֿאָרקומען“. פֿרוי גרובאַך האָט אַראָפּגערוקט דאָס שערצל ביז אונטער די אויגן, כּדי צו זען, צי ק. איז שוין אויף אַן אמת אַן איבערגעבעטענער. „נו, יאָ, אַזוי איז עס“, האָט ק. געזאָגט, און האָט אַצינד באַקומען מוט נאָך עפּעס צוצוגעבן; ווײַל ער האָט, לויט דער באַנעמונג פֿון דער פֿרוי גרובאַך געדרונגען, אַז דער קאַפּיטאַן האָט גאָרנישט אויסגעגעבן: „מיינט איר דען אויף אַן אמת, אַז צוליב אַ פֿרעמד מיידל וועלן מיר בײדע ווערן שׂונאים?“ „דאָס איז עס דאָך טאַקע, הער ק.“, האָט געזאָגט די פֿרוי גרובאַך; עס איז געווען איר אומגליק, וואָס אַזוי גיך ווי זי האָט זיך נאָר אַ ביסל פֿרײַער דערפֿילט, האָט זי זיך תּיכּף אַרויסגעכאַפּט מיט אַן אומגעלומפּערטקייט. „איך האָב זיך אַלע מאָל אַליין געפֿרעגט: וואָס איז די סיבה, וואָס הער ק. נעמט זיך אַזוי כּסדר אָן פֿאַרן פֿרײַלין בירסטנער? פֿאַר וואָס קריגט ער זיך צוליב איר מיט מיר, ווויסנדיק ווייל, אַז יעדעס בייז וואָרט זײַנס נעמט מיר צו דעם שלאָף פֿון די אויגן? איך האָב דאָך וועגן דעם פֿרײַלין קיין וואָרט מער נישט געזאָגט, ווי נאָר דאָס וואָס מײַנע אייגענע אויגן האָבן געזען“. ק. האָט אויף דעם גאָרנישט געענטפֿערט, ער וואָלט דאָך זי בײַם סאַמע ערשטן וואָרט געדאַרפֿט פֿון צימער אַרויסיאָגן, אָבער דאָס האָט ער נישט געוואָלט. ער האָט זיך צופֿרידנגעשטעלט מיט דעם, וואָס ער האָט ווײַטער געטרונקען די קאַווע און געלאָזט די פֿרוי גרובאַך פֿילן איר איבעריקייט אין צימער. פֿון יענער זײַט טיר האָט מען ווידער געהערט די שלעפּנדיקע טריט פֿון דעם פֿרײַלין מאָנטאַג דורך דעם גאַנצן פֿאָדער־צימער. „הערט איר עס?“ האָט ק. אַ פֿרעג געטאָן און געוויזן מיט דער האַנט צו דער טיר. „יאָ“, האָט געזאָגט די פֿרוי גרובאַך און געזיפֿצט, „איך האָב איר געוואָלט העלפֿן און אויך דעם דינסטמיידל באַפֿוילן, אַז זי זאָל איר העלפֿן, אָבער זי איז אַן אײַנגעשפּאַרטע, נאָר איינע אַליין וויל זי אַלץ אַריבערטראָגן. עס וווּנדערט מיך אויפֿן פֿרײַלין בירסטנער. מיר איז עס אָפֿט אַפֿילו אַ ביסל לעסטיק, וואָס פֿרײַלין מאָנטאַג וווינט בכלל בײַ מיר, אָבער פֿרײַלין בירסטנער נעמט זי גאָר צו זיך אין צימער אַרײַן“. „דאָס מוז אײַך אין דער אמתן גאָרנישט אָנגיין“, האָט ק. געזאָגט און צעדריקט די רעשטלעך פֿון צוקער אין זײַן קאַווע־טעפּעלע. „לײַדט איר דען צוליב דעם אַ שאָדן?“ „ניין“, האָט געזאָגט די פֿרוי גרובאַך, „דער ריינסטער אמת איז, אַז עס איז מיר גאָר צו דער האַנט; עס ווערט מיר צוליב דעם אַ צימער פֿרײַ און איך קען דאָרט אײַנקוואַרטירן מײַן פּלימעניק, דעם קאַפּיטאַן. איך האָב

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

מיך שוין לאַנג פֿאַר דעם געשראָקן, אַז ער האָט אײַך אפֿשר געשטערט אין די לעצטע פּאָר טעג, ווען איך האָב אים געמוזט לאָזן וווינען אין דעם דערבײַיִקן צימער. ער איז נישט אַזאַ מענטש, וואָס רעכנט זיך מיט אַנדערע". „וואָס פֿאַר אַן אײַנפֿאַלן!" האָט ק. געזאָגט און איז אויפֿגעשטאַנען, „פֿון דעם איז גאָר קיין רייד נישט. איר מיינט, אַוודאי, אַז איך בין שוין אַ ביסל צו פֿילבאַר נאָר דערפֿאַר ווײַל איך קען נישט פֿאַרטראָגן דאָס דאָזיקע אַרומשפּרײַזן פֿון דעם פֿרײַלין מאָנטאַג — און אָט איצט גייט זי שוין ווידער צוריק". פֿרוי גרובאַך האָט זיך דערפֿילט עפּעס נישט אַהין און נישט אַהער. „זאָל איך, הער ק., באַפֿעלן, אַז מע זאָל דעם רעשט פֿון דעם דאָזיקן אַריבערצי:ען זיך איבערלאָזן אויף שפּעטער? אויב איר ווילט נאָר — טו איך עס תּיכּף". „אָבער זי דאַרף זיך דאָך אַריבערצי:ען אין צימער פֿון פֿרײַלין בירסטנער!" האָט ק. אַ זאָג געטאָן. „יאָ", האָט געזאָגט פֿרוי גרובאַך; זי האָט געגנוי נישט פֿאַרשטאַנען, וואָס ק. האָט אין זינען. „נו, אויב אַזוי", האָט ק. געזאָגט, „דעמאָלט מוז זי דאָך אירע זאַכן אַריבערטראָגן." פֿרוי גרובאַך האָט נאָר אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ. די דאָזיקע שטומע אומ־באַהאָלפֿנקייט, וואָס האָט לפֿנים אָבער אויסגעזען נישט אַנדערש ווי עפּעס אַ קידער־ווידער, האָט ק. נאָך מער צערייצט. ער האָט אָנגעהויבן שפּאַנען אַהין און אַהער איבערן צימער, פֿון פֿענצטער צו דער טיר, און פֿרוי גרובאַך האָט מחמת דעם זיך נישט געקענט אָפּטראָגן, ווי זי וואָלט עס אַוודאי געטאָן.

פּונקט איז ק. ווידער אַ מאָל צוגעקומען צו דער טיר, ווען עס האָט זיך דער־הערט אַ קלאַפּ. געווען איז עס דאָס דינסטמיידל, זי האָט געמאָלדן, אַז פֿרײַלין מאָנטאַג וואָלט גערן געוואָלט אַ פּאָר ווערטער רעדן מיט הער ק. און זי בעט אים דעריבער אַרײַנצוקומען אין עסצימער; זי וואַרט דאָרט אויף אים. ק. האָט אַ פֿאַרטראַכטער זיך צוגעהערט צום דינסטמיידל, נאָך דעם האָט ער זיך אַ קער געטאָן צו דער דערשראָקענער פֿרוי גרובאַך און האָט זי אָנגעקוקט מיט אַ כּמעט שפּאָטישן בליק. דער דאָזיקער בליק האָט ווי געזאָגט, אַז ק. האָט שוין לאַנג פֿאָרויסגעזען אָט אָ די פֿאַרבעטונג פֿון פֿרײַלין מאָנטאַג, און אַז דאָס אַלץ מיט אַנאַנדער פּאַסט זיך זייער גוט אַרײַן אין דעם גאַנצן מאַטערניש, וואָס ער האָט געמוזט דעם הײַנטיקן זונטיק־פֿרימאָרגן אויסשטיין מצד די קוואַרטיראַנטן פֿון דער פֿרוי גרובאַך. ער האָט געענטפֿערט דורכן דינסטמיידל, אַז ער קומט גלײַך. ער איז צוגעגאַנגען צו דער קליידער־שאַפֿע איבערצובײַטן דאָס רעקל; און דאָס אײַנציקע, וואָס ער האָט געהאַט צו ענטפֿערן דער פֿרוי גרובאַך, וואָס האָט זיך שטילערהייט געקלאָגט אויף דער צודרינגלעכער פֿאַרשווינטע, איז געווען נאָר די ביטע, אַז זי זאָל תּיכּף אַרויסטראָגן דאָס געפֿעס פֿונעם אָנבײַסן. „איר האָט דאָך כּמעט גאָרנישט אָנגערירט", האָט געזאָגט די פֿרוי גרובאַך. „אָך, טראָגט עס שוין אַוועק!" האָט ק. אַ געשריי געטאָן. עס האָט זיך אים אויסגעוויזן, אַז פֿרײַלין מאָנטאַג איז אין דעם אַלעמען אַרײַנגעמישט און דאָס מאַכט אַלץ אָפּשטויסנדיק. גייענדיק דורך דעם פֿאָדער־צימער, האָט ער געקוקט אויף דער געשלאָסענער

טיר פֿון פֿרײַלין בירסטנערס צימער. אָבער אַהין האָט מען אים נישט פֿאַרבעטן, און נאָר אין עסצימער אַרײַן; האָט ער דעריבער — נישט אָנקלאַפּנדיק — אַ ריס אויף געטאָן די טיר.

עס איז געווען אַ זייער לאַנג, און זייער שמאָל, איינפֿענצטערדיק צימער. עס איז דאָרט אַזוי ווייניק פּלאַץ געווען, אַז מע האָט דאָרט געקענט נאָר דאָרט ווו די טיר איז געווען צוויי שאַפֿקעלעך אויפֿשטעלן, און דאָס נאָר אין דער קרום. דער גאַנצער איבעריקער פּלאַץ איז געווען אין גאַנצן פֿאַרנומען מיט דעם לאַנגן עסטיש, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן באַלד בײַ דער טיר און האָט זיך געענדיקט כּמעט בײַם פֿענצטער; פֿון ענגשאַפֿט איז דאָס צוגיין צום פֿענצטער אוממעגלעך געווען. דער טיש איז שוין געווען געגרייט; געגרייט פֿאַר אַ סך מענטשן, ווײַל אין די זונטיקן האָבן כּמעט אַלע קוואַרטיראַנטן דאָ געגעסן.

ווען ק. איז אַרײַנגעקומען, איז אים פֿרײַלין מאָנטאַג אַנטקעגנגעגאַנגען פֿונעם פֿענצטער, לענג־אויס פֿון איין זײַט פֿון טיש. זיי האָבן זיך שטומערהייט באַגריסט. דאַן האָט פֿרײַלין מאָנטאַג אַ זאָג געטאָן, האַלטנדיק, ווי אַלע מאָל, דעם קאָפּ אומגעוויינטלעך הויך: „איך ווייס נישט, צי איר קענט מיך". ק. האָט זי אָנגעקוקט מיט צונויפֿגעצויגענע אויגן. „אַוודאי", האָט ער געזאָגט, „איר וווינט דאָך שוין אַ לענגערע צײַט בײַ דער פֿרוי גרובאַך". „ווי איך פֿאַרשטיי, פֿאַרנעמט איר זיך אָבער נישט קיין סך מיט דעם גאַנצן פּאַנסיאָן", האָט געזאָגט פֿרײַלין מאָנטאַג. „ניין", האָט ק. געענטפֿערט. „ווילט איר זיך אפֿשר אַנידערזעצן?" האָט געזאָגט פֿרײַלין מאָנטאַג. שווײַגנדיק האָבן זיי בײדע אַרויסגעצויגן צוויי בענקלעך בײַם סאַמע ווײַטסטן עק פֿון טיש און האָבן זיך אַוועקגעזעצט איינער אַנטקעגן דעם אַנדערן. אָבער פֿרײַלין מאָנטאַג איז תּיכּף צוריק אויפֿגעשטאַנען, ווײַל זי האָט דאָס האַנטטעשל אירס פֿאַרגעסן אויפֿן פּאַראַפּעט פֿון פֿענצטער, און איז אַוועק עס נעמען. זי איז פּאַוואָליע געגאַנגען, טריטל בײַ טריטל לענג־אויס פֿון גאַנצן צימער. אַז זי איז ווידער צוריקגעקומען, האָט זי גרינג צוגעשאָקלט מיט דעם האַנטבײַטעלע און געזאָגט: „לויטן אָנזאָג פֿון מײַן פֿרײַנדין וואָלט איך וועלן נאָר אַ פּאָר איינציקע ווערטער מיט אײַך איבערשמועסן. געוואָלט האָט זי אַפֿילו קומען אַליין, אָבער זי פֿילט זיך עפּעס הײַנט נישט מיט אַלעמען. איז דעריבער זײַט איר מוחל און הערט מיך אויס שטאָט איר. זי וואָלט אײַך אַליין אויך מער נישט געקענט זאָגן, ווי דאָס וואָס איך וועל אײַך זאָגן. אַדרבא, איך גלייב, אַז איך קען אײַך אַפֿילו זאָגן מער, ווײַל איך בין דאָך לפֿי ערך פּערזענלעך נישט פֿאַראינטערעסירט. מיינט איר נישט אויך אַזוי?"

„וואָס וואָלט דען דאָ געווען צו זאָגן?" האָט ק. געענטפֿערט. וואָס איז שוין מיד געווען פֿון זען כּסדר ווי די אויגן פֿון פֿרײַלין מאָנטאַג זענען אָנגעהאַנגען אָן זײַנע ליפּן. מיט אָט דער גלאָצעניש האָט זי לכתּחילה שוין געהאַט די איבערהאַנט איבער דעם וואָס ער האָט ערשט געוואָלט זאָגן. „עס ווײַזט אויס, אַז פֿרײַלין בירסטנער וויל מיר נישט באַוויליקן דעם פּנים־אל־פּנים־שמועס, וואָס איך האָב בײַ איר געבעטן". „דאָס איז עס", האָט געזאָגט פֿרײַלין מאָנטאַג, „אָדער

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אייגנטלעך, אַזוי ווײַט גייט עס גאָרנישט, נאָר איר ברענגט עס אַרויס מיט אַזאַ מאָדנער שאַרפֿקייט. בכלל ווערן אַזעלכע דורכשמועסן נישט באַווויליקט און אויך נישט — פֿאַרקערט. אָבער עס קען געשען, אַז מע האַלט אַזאַ דורכשמועס פֿאַר איבעריק, און דאָס איז עס טאַקע אין דעם פֿאַל. אַצינד — נאָך אײַער באַמערקונג, קען איך דאָך שוין רעדן גאַנץ אָפֿן. איר האָט מײַן פֿריינדין געבעטן וועגן אַדורכ־רעדן זיך — מעג זײַן אַפֿילו שריפֿטלעך, אויב נישט פּערזענלעך. נו, ווייסט אָבער מײַן פֿרײַנדין, אַזוי שטויס איך מיך צום ווינציקסטן אָן, וועגן וואָס איר ווילט זיך דורכריידן. מײַן פֿרײַנדין איז דעריבער, צוליב סיבות, וואָס זענען מיר נישט באַקאַנט, זיכער, אַז דער שמועס וועט קיינעם קיין נוצן נישט ברענגען, אויב ער וועט אַפֿילו יאָ פֿאָרקומען. איבעריקנס, האָט זי מיר ערשט נעכטן, און נאָר אַגבֿ־אורחאדיק, וועגן דעם גאַנצן ענין דערציילט. דערבײַ האָט זי געזאָגט, אַז אויך אײַך קען נישט צו שטאַרק אָנגיין אָט אָ דער דורכשמועס, ווײַל נאָר דורך אַ צופֿאַל איז אײַך אַזאַ מין געדאַנק אײַנגעפֿאַלן, און עס קען זײַן, אַז איר אַליין האָט שוין אַפֿילו איצט, אָן שום ספּעציעלע אויפֿקלערונגען, אײַנגעזען דעם אומזין פֿון דער גאַנצער זאַך. איך האָב איר דערויף געענטפֿערט, אַז דאָס איז אפֿשר ריכטיק, אָבער איך האַלט, אַז עס וואָלט געווען געוווּנטשן, צוליב דורכויסיקער קלאָרקייט, אײַך פֿאָרט אַבסאָלוט דײַטלעך צו ענטפֿערן. איך האָב מיך אָנגעבאָטן, די דאָזיקע שליחות צו נעמען אויף זיך; מײַן פֿרײַנדין האָט זיך אַ ביסל געיִישובֿט, אָבער צום סוף האָט זי מיר געגעבן גערעכט. איך האָף, אַז דערמיט האָב איך אויך געהאַנדלט לטובֿת אײַך. ווײַל די קלענסטע אומזיכערקייט אין די סאַמע אומבאַדײַטיקסטע ענינים קען איינעם פֿאַרשאַפֿן עגמת נפֿש; און אויב נאָר מען קען אַזאַ צושטאַנד — ווי אין דעם דאָזיקן פֿאַל — לײַכט באַזײַטיקן, טאָ זאָל עס צום בעסטן תיכף געשען״.

„איך דאַנק אײַך,״ האָט ק. מאָמענטאַן אַ זאָג געטאָן, ער איז פּאַוואָליע אויפֿגע־שטאַנען, האָט אָנגעקוקט פֿרײַלין מאָנטאַג, דערנאָך האָט ער געקוקט איבערן טיש אַריבער, און דערנאָך האָט ער אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער — דאָס הויז אַנטקעגן איז געווען באַגאָסן מיט זון — און איז אַוועק צו דער טיר. פֿרײַלין מאָנטאַג איז אים נאָכגעגאַנגען אין אַ שטח פֿון עטלעכע טריט, אָט אַזוי ווי זי וואָלט אים נישט געקענט אין גאַנצן געטרויען. אָבער פֿאַר דער טיר האָבן זיי בײדע געמוזט מאַכן אַ שריט צוריק, ווײַל די טיר האָט זיך אַן עפֿן געטאָן, און דער קאַפּיטאַן לאַנץ האָט אַרײַנמאַרשירט. ק. האָט אים דאָס ערשטע מאָל געזען פֿון דער נאָענט. ער איז געווען גרויס געוואַקסן, אַן ערך פֿערציק יאָר אַלט, מיט אַן אָפּגעברענט, פֿאַרברוינט און פֿליישיק פּנים. ער האָט זיך קוים־קוים אַ בייג געטאָן און האָט שוין אויך אײַנגעשלאָסן אַ באַגריסונג פֿאַר ק. ער איז צוגע־גאַנגען צו פֿרײַלין מאָנטאַג און האָט איר מיט גרויס כּבֿוד אַ קוש געטאָן די האַנט. ער איז געווען זייער געשיקט אין זײַנע באַוועגונגען. זײַן העפֿלעכקייט לגבי דעם פֿרײַלין מאָנטאַג איז געווען אין אַ שאַרפֿער סתירה צו דער באַהאַנדלונג, וואָס זי האָט נאָר וואָס באַקומען פֿון ק. פֿונדעסטוועגן האָט עס אויסגעזען, אַז פֿרײַלין מאָנטאַג איז נישט ברוגז ווײַל זי האָט אַפֿילו בדעה געהאַט, ווי עס האָט זיך ק.

אויסגעוויזן, אים פֿאַרצושטעלן פֿאַרן קאַפּיטאַן. אָבער ק. האָט נישט געהאַט קיין חשק, אַז מען זאָל אים פֿאָרשטעלן; ער וואָלט איצט נישט אין שטאַנד געווען אַרויסצוווײַזן, קיין שום העפֿלעכקייט, נישט דעם קאַפּיטאַן און נאָך וויניקער דעם פֿרײַלין מאָנטאַג. דער קוש אין האַנט האָט זיי בײדע וואָס שייך אים אַוועקגעשטעלט אין אַ גרופּע, וואָס וויל אים האַלטן פֿון ווײַטנס פֿון פֿרײַלין בירסטנער, און דאָס אַלץ אַנטקעגן אָנשטעל פֿון אַבסאָלוטער גוטמוטיקייט און ווײַט פֿון יעדן מין עגאָיזם. ק. איז געווען זיכער, אַז ער האָט נישט נאָר דאָס אויפֿגעכאַפּט, נאָר אַז ער האָט אויך פֿאַרשטאַנען, אַז פֿרײַלין מאָנטאַג האָט אויסגעקליבן אַ גוט מיטל, אָבער אַ טאָפּל שנײַדנדיקס. זי האָט איבערגעטריבן די וויכטיקייט פֿון די באַציִונגען צווישן דעם פֿרײַלין בירסטנער און ק. קודם־כּל האָט זי איבערגעטריבן די באַדײַטונג פֿון דעם שמועס, וואָס ק. האָט געבעטן בײַם פֿרײַלין בירסטנער; פֿון דער אַנדערער זײַט האָט זי אָבער פּרובירט צו קירעווען דעם ענין אַזוי, אַז עס זאָל אויסזען, אַז ער, ק., איז דער, וואָס איז אַלץ מגזם. זי וועט זיך אָפּנאַרן; ק. האָט גאָרנישט געוואָלט איבערטרײַבן, ער האָט געוווּסט, אַז פֿרײַלין בירסטנער איז אַן אומבאַדײַטנדיק שרײַבמאַשין־מיידל, וואָס וועט זיך אים לאַנג נישט אַנטקעגנשטעלן. דערבײַ האָט ער בכּיוון לחלוטין זיך נישט גערעכנט מיט דעם, וואָס ער איז נישט לאַנג צוריק געוואָר געוואָרן פֿון פֿרוי גרובאַך וועגן פֿרײַלין בירסטנער. וועגן דעם אַלעם האָט ער געטראַכט בשעת ער האָט, קוים־קוים גריסנדיק, פֿאַרלאָזט דאָס צימער. ער האָט אַפֿילו געוואָלט תּיכּף אַרײַנגיין צו זיך, אָבער דאָ האָט ער דערהערט פֿון עסצימער אַ קליין געלעכטערל פֿון פֿרײַלין מאָנטאַג. דאָס האָט אים געבראַכט אויפֿן געדאַנק, אַז ער קען זיי בײדע, אי דעם קאַפּיטאַן און אי דעם פֿרײַלין מאָנטאַג, אָפּטאָן אַ קליין שפּיצל. ער האָט זיך אַרומגעקוקט און זיך אײַנגעהערט, צי קען מען נישט אפֿשר דערוואַרטן עפּעס אַ שטערונג פֿון אײנעם פֿון די אַרומיקע צימערן; עס איז אָבער אומעטום געווען שטיל, געהערט האָט זיך נאָר דער שמועס אין עסצימער — און פֿון קאָרידאָר, וואָס פֿירט צו דער קיך, די שטימע פֿון דער פֿרוי גרובאַך. עס האָט אויסגעזען, אַז די געלעגנהייט איז אַ גינציקע. ק. איז צוגעגאַנגען צו דער טיר פֿון פֿרײַלין בירסטנערס צימער און האָט שטיל אָנגעקלאַפּט. אַזוי ווי קיין זאַך האָט זיך הינטער דער טיר נישט קיין ריר געטאָן, האָט ער נאָך אַ מאָל אָנגעקלאַפּט, אָבער ווידער איז קיין שום ענטפֿער נישט געקומען. איז זי געשלאָפֿן? אָדער איז זי אויף אַן אמת נישט־געזונט? אָדער זי מאַכט אַן אָנשטעל, אַז קיינער איז אין צימער נישטאָ, און דאָס דערפֿאַר, ווײַל זי אַנט, אַז עס קען זײַן נאָר ק., וואָס קלאַפּט אַזוי שטיל? ק. האָט אָנגענומען, אַז זי מאַכט אַן אָנשטעל; ער האָט אַ שטאַרקערן קלאַפּ געטאָן און סוף־כּל־סוף האָט ער אַן עפֿן געטאָן די טיר, ווײַל פֿון קלאַפּן איז דאָך גאָרנישט אַרויסגעקומען; ער האָט עס געטאָן זייער פֿאָרזיכטיק און נישט אָן דעם געפֿיל, אַז ער טוט עפּעס, וואָס איז נישט־רעכט און דערצו נוצלאָז. אין צימער איז קיינער נישט געווען. סײַ ווי האָט עס קוים דערמאָנט דאָס צימער, ווי ק. האָט עס געקענט. בײַ דער וואַנט זענען אין דער לענג געשטאַנען צוויי בעטן, דרײַ שטולן נאָענט לעבן דער טיר

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

זענען געווען פֿאַרוואָרפֿן מיט מלבושים און מיט וועש, אַ שאַפֿע איז געשטאַנען אָפֿן. פֿרײַלין בירסטנער איז מסתמא אַוועקגעגאַנגען, בשעת פֿרײַלין מאָנטאַג האָט אַרײַנגערעדט אין ק. בײַ זייער שמועס אין עסצימער. ק. האָט זיך נישט צו פֿיל געגומען צום האַרצן דערפֿון, ער האָט זיך סײַ ווי קוים פֿאָרגעשטעלט, אַז עס וועט אים אַזוי גרינג אָנקומען צו טרעפֿן פֿרײַלין בירסטנער; ער האָט זײַן איצטיקן פּרוּוו אײַנגעשטעלט סתם, מער צוליב קידער־ווידער קעגן פֿרײַלין מאָנטאַג. דעריבער האָט אים טאַקע נאָך מער געאַרט, ווען ער האָט, פֿאַרמאַכנדיק די טיר פֿון פֿרײַלין בירסטנערס צימער, געזען דורך דער אָפֿענער טיר פֿון עסצימער ווי פֿרײַלין מאָנטאַג און דער קאַפּיטאַן זײַנען פֿאַרטיפֿט אין אַ שמועס. זיי זענען שוין דאָרט אפֿשר אַזוי געשטאַנען פֿון זינט יענער רגע אָן ווען ק. האָט די טיר געעפֿנט; זיי האָבן אָבער אויסגעמיטן יעדן אָנדײַט, אַז זיי אָבסערווירן ק., זיי האָבן גערעדט שטילערהייט און האָבן טאַקע נאָכגעפֿאָלגט יעדן קער און ווענד פֿון ק., אָט אַזוי ווי מען קוקט סתם אַזוי, אַ ביסל צעטראָגן אַרום זיך בשעת אַ שמועס. אָבער אויף ק. האָבן זיך די דאָזיקע בליקן געלייגט היפּשלעך שווער; ער האָט זיך באַמיט, רוקנדיק זיך בײַ דער וואַנט, וואָס גיכער שוין צו זײַן בײַ זיך אין צימער.

5

דער שלעגער

אַז ק. איז אין איינעם פֿון די נאָענטסטע אָוונטן פֿאַרבײַגעגאַנגען דעם קאָרידאָר, וואָס האָט אָפּגעטיילט זײַן קאַנצעלאַריע פֿון די הויפּטטרעפּ — ער איז גראָד געווען כּמעט דער לעצטער וואָס איז אַהיימגעגאַנגען, נאָר נאָך צוויי באַנקדינערס האָבן געאַרבעט אין אַ קליינעם ליכטקרײַז פֿון אַן עלעקטריש לעמפּל אין דער עקספּעדיציע־אָפּטיילונג — האָט ער פֿון הינטער אַ טיר אַרויס, וואָס ער האָט אַלע מאָל געמיינט, אַז דאָרט הינטער איר איז נאָר אַן אַלטוואַרג־קעמערל (אַליין דאָרט אַרײַנגעקוקט האָט ער קיין מאָל נישט), געהערט שווערע זיפֿצן. אַ דערשטוינטער איז ער שטיין געבליבן און האָט זיך נאָך אַ מאָל אײַנגעהערט, כּדי זיכער צו מאַכן, צי איז ער זיך נישט טועה — אַ רגעלע איז געווען שטיל, אָבער באַלד האָבן זיך ווידער געהערט זיפֿצן. — קודם־כּל האָט ער געוואָלט אַ רוף טאָן אַ באַנקדינער, עס קען דאָך זײַן, אַז מען וועט דאַרפֿן אַן עדות; פּלוצלינג אָבער האָט אים אָנגעכאַפּט אַזאַ נישט־קאָנטראָלירטע נײַגעריקייט, אַז ער האָט די טיר ממש אויפֿגעריסן. געווען איז עס טאַקע, ווי ער האָט ריכטיק אָנגענומען, אַן אַלטוואַרג־קעמערל. אומניצלעכע אַלטע צירקולאַרן, ליידיקע ערדענע טינטפֿלעשער האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט הינטער דער שוועל. אָבער אין דער קאַמער גופֿא, אונטער דעם נידעריקן סופֿיט, זענען געשטאַנען דרײַ אײַנגעבויגענע מענער. אַ חלבֿן ליכטל איז געווען צוגעשמאָלצן צו אַ פּאָליצע און האָט באַלויכטן דעם קליינעם חלל. „וואָס טוט זיך דאָ?" האָט ק., אַן אויפֿגעציטערטער פֿון אויפֿרעגונג, אָבער נישט אויף אַ הויך קול, אַ פֿרעג געטאָן. איינער פֿון די דרײַ מענער, און עס איז געווען קלאָר, אַז ער איז אָנגעשטעלט איבער די אַנדערע צוויי (און דער בליק איז טאַקע קודם־כּל געפֿאַלן אויף אים), האָט געהאַט אויף זיך עפּעס אַ מין טונקעלן לעדער־זשאַקעט, וואָס האָט אָבער געלאָזט אין גאַנצן נאַקעט, אי זײַן האַלדז ביז צו דער ברוסט אַראָפּ, און אי זײַנע בײדע הענט ביז צו די אַקסלען אַרויף. ער האָט גאָרנישט געענטפֿערט. דערפֿאַר אָבער האָבן די אַנדערע צוויי אויסגעשריגן: „הער, מיר דאַרפֿן געשמיסן און געשלאָגן ווערן, ווײַל דו האָסט זיך בײַם אויספֿאָרשונגס־ריכטער אויף אונדז באַקלאָגט." און ערשט אַצינד האָט ק. דערקענט, אַז די צוויי זענען טאַקע געווען די וועכטערס פֿראַנץ און ווילעם, און אַז דער דריטער האָט אין דער האַנט געהאַלטן אַ נאַהײַקע זיי צו שלאָגן. „אָבער", האָט ק. געזאָגט, „איך

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

האָב זיך נישט באַקלאָגט, איך האָב נאָר דערציילט ווי אַזוי עס איז צוגעגאַנגען בײַ מיר אין דער דירה. און איר האָט זיך דאָך טאַקע נישט באַנומען ווי עס געהער צו זײַן." „הער," האָט ווילעם געזאָגט, בשעת פֿראַנץ האָט הינטער אים, אָן שום אָנשטעל, געזוכט אַ באַהעלטעניש פֿאַרן דריטן, „ווען איר וואָלט געוווּסט, ווי קליין עס איז אונדזער לוין, וואָלט איר מיט מער אײַנזעעניש איבער אונדז געמשפּט. איך, למשל, האָב אַ משפּחה מפֿרנס צו זײַן און דער אָ פֿראַנץ האָט געוואָלט חתונה האָבן; מע זוכט צו פֿאַרדינען אַן איבעריקן גראָשן, ווי נאָר עס לאָזט זיך, פֿון דער הוילער אַרבעט קען מען נישט־גענוג פֿאַרדינען, אַפֿילו פֿון דער שווערסטער אַרבעט — נישט. אײַער פֿײַנע וועש האָט מיר דעם קאָפּ פֿאַרדרייט, עס איז, פֿאַרשטייט זיך, פֿאַרבאָטן, אַז די וועכטערס זאָלן אַזוי האַנדלען, עס איז נישט געווען יושרדיק, אָבער עס איז שוין אַזאַ טראַדיציע, אַז די וועש געהערט צו די וועכטערס, עס איז אַלע מאָל אַזוי געווען, איר מעגט עס מיר גלייבן; און מע קען עס אויך פֿאַרשטיין; וואָס באַטײַטן שוין אַזעלכע זאַכעלעך פֿאַר איינעם, וואָס זײַן פֿינצטער מזל איז צו ווערן אַרעסטירט? טאָמער אָבער רעדט יענער אַרויס אין דער אָפֿן וועגן דעם, מוז קומען די שטראָף." „דאָס וואָס איר זאָגט איצט, דאָס האָב איך פּשוט נישט געוווּסט, איך האָב אויך בשום אופֿן נישט פֿאַרלאַנגט, אַז איר זאָלט באַשטראָפֿט ווערן, מיר איז נאָר געגאַנגען אין דעם, אַז דער פּרינציפּ זאָל אײַנגעהאַלטן ווערן." „פֿראַנץ," האָט זיך ווילעם אַ קער געטאָן צום אַנדערן וועכטער, „האָב איך דיר נישט געזאָגט, אַז דער הער פֿאָדערט נישט, אַז מיר זאָלן באַשטראָפֿט ווערן? איצט הערסטו שוין, אַז ער האָט אַפֿילו נישט געוווּסט, אַז מיר מוזן באַקומען אַ שטראָף." „לאָז זיך נישט נעמען אויף זיכער מיט אַזעלכע רייד," האָט דער דריטער געזאָגט צו ק., „די שטראָף איז פּונקט אַזוי גערעכט ווי אומפֿאַרמײַדלעך." „הער זיך נישט צו צו אים," האָט ווילעם געזאָגט און האָט זיך נאָר אויף אַ רגע אָפּגעהאַלטן, כּדי די האַנט, וואָס האָט נאָר וואָס אַ פּעסטן שמיץ באַקומען, אַ כאַפּ צו טאָן צום מויל, „מיר ווערן נאָר דערפֿאַר געשטראָפֿט, ווײַל דו האָסט אונדז געמסרט. אָן דעם וואָלט אונדז גאָרנישט געשען, אַפֿילו ווען מען וואָלט געוואָר געוואָרן, וואָס מיר האָבן געטאָן. קען מען דען דאָס אָנרופֿן גערעכטיקייט? מיר צוויי, דער עיקר אָבער איך, האָבן זיך זייער אויסגעצייכנט ווי וועכטערס שוין אַ לאַנגע צײַט. דו אַליין מוזסט צוגעבן, אַז פֿון שטאַנדפּונקט פֿון אַמט האָבן מיר גוט געוואַכט. מיר האָבן געהאַט גוטע מעגלעכקייטן ווײַטער צו קומען אויף די פּאָסטנס, און מיר וואָלטן זיכער גאָר באַלד אויך אַזעלכע שלעגערס געוואָרן ווי דער דאָ, וואָס האָט צופֿעליק געהאַט מזל און קיינער האָט אויף אים נישט אָנגעמסרט; ווײַל וויסן מוזסטו, אַז אַזאַ מין מסירה קומט אויף אַן אמת פֿאַר זייער זעלטן. און אַצינד, הער, איז אַלץ פֿאַרלוירן, אונדזערע קאַריערעס זענען געענדיקט; איצט וועלן מיר טאָן אַרבעטן פֿון אַ נאָך מער נידעריקערער מדרגה, ווי עס איז געווען די אַרבעט פֿון וועכטערס, און חוץ דעם באַקומען מיר נאָך די דאָזיקע מוראדיקע שמיץ." „קענען דען די שמיץ פֿון אָט אָ דער נאַהײַקע אָנטאָן אַזעלכע יסורים?" האָט ק. געפֿרעגט און האָט אַ טאַפּ געטאָן די בײַטש, וואָס דער שלעגער

האָט מיט איר געפֿאָכעט פֿאַר זײַן פּנים. „מיר וועלן זיך דאָ מוזן אויסטאָן אָדם־נאַקעט,“ האָט געזאָגט ווילעם. „אָ, אַזוי,“ האָט ק. געזאָגט, און האָט גאַנץ גענוי אָנגעקוקט דעם שלעגער; ער איז געווען ברוין־אָפּגעברענט ווי אַ מאַטראָס און האָט געהאַט אַ פֿריש און ווילד פּנים. „איז נישטאָ קיין אויסוועג, אַז זיי, די דאָזיקע צוויי לײַט, זאָלן די שמיץ פֿאַרמיטן ווערן?“ האָט אים ק. געפֿרעגט. „ניין,“ האָט געזאָגט דער שלעגער, און האָט מיט אַ שמייכל געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט. „טוט זיך אויס!“ האָט ער באַפֿוילן די וועכטערס. און צו ק. האָט ער געזאָגט: „דו מוזסט זיי נישט אַליין גלייבן; די שרעק פֿאַר די שמיץ האָט זיי שוין אַ ביסל פֿאַרנאַרישט. וואָס דער דאָזיקער דאָ, למשל“ — ער האָט געוויזן אויף ווילעם — „האָט אָנדערציילט וועגן דער מעגלעכקייט פֿון זײַן קאַריערע, איז לכל הפּחות צום לאַכן. גיב נאָר אַ קוק ווי פֿעט ער איז — די ערשטע נאַהײַקע־שמיץ וועלן בכלל אין זײַן פֿעטס פֿאַרזינקען. — און ווייסטו פֿון וואָס ער איז אַזוי פֿעט געוואָרן? ער האָט אַ טבֿע בײַ אַלע אַרעסטירטע אויפֿצופֿרעסן דעם אָנבײַסן. האָט ער דען נישט אויך דײַן אָנבײַסן אויפֿגעגעסן? נו, איך האָב עס דאָך געזאָגט. אָבער אַ מאַן מיט אַזאַ מין בויך קען קיין מאָל נישט ווערן קיין שלעגער, דאָס איז אויסגעשלאָסן.“ „פֿאַראַנען אויך אַזעלכע שלעגערס,“ האָט ווילעם זיך אַרײַנגעמישט, לויזער מאַכנדיק דעם הויזן־פּאַסיק. „ניין,“ האָט אַ זאָג געטאָן דער שלעגער, און האָט אים מיט דער נאַהײַקע אַזאַ מין שמיץ געגעבן איבערן האַלדז, אַז יענער איז אַזש אָפּגעשפּרונגען אָן אַ זײַט. „דו זאָלסט זיך נישט אונטערהערן, נאָר זיך אויסטאָן.“ „איך וואָלט דיך גוט באַלוינט, אויב דו וואָלסט אים אָפּגעלאָזט,“ האָט ק. אַ זאָג געטאָן, און האָט, נישט וואַרפֿנדיק מער קיין צווייטן בליק אויפֿן שלעגער, אַרויסגעצויגן זײַן געלטטעשל פֿון דער קעשענע; אַזעלכע עסקים ווערן צום בעסטן אַזוי אָפּגעמאַכט, אַז בײדע צדדים קוקן זיך נישט גלײַך אין די אויגן. „דו ווילסט מסתּמא אויך מיך נאָך דעם פֿאַרמסרן,“ האָט געזאָגט דער שלעגער, „און איך זאָל נאָך אויך באַקומען שמיץ. ניין און ניין!“ „האָב זשע שׂכל,“ האָט ק. געזאָגט, „ווען איך וואָלט געוואָלט, אַז די דאָזיקע צוויי זאָלן באַשטראָפֿט ווערן, וואָלט איך דאָך זיי נישט געוואָלט איצטער אויסקויפֿן. איך וואָלט דאָך גאַנץ פּשוט געקענט פֿאַרקלאַפּן דאָ די טיר, גאָרנישט מער זען און גאָרנישט מער הערן און פּשוט אַהיימגיין. נו טו איך עס אָבער נישט, און דווקא גייט עס מיר ערנצט אין דעם, זיי צו באַפֿרײַען; וואָלט עס מיר אויפֿן געדאַנק געקומען, אַז זיי וועלן טאַקע באַשטראָפֿט ווערן, אָדער קענען בלויז באַשטראָפֿט ווערן, וואָלט איך זייערע נעמען בשום־אופֿן נישט געווען אָנגערופֿן. דעם אמת געזאָגט, האַלט איך זיי גאָרנישט פֿאַר שולדיק, שולדיק איז די אָרגאַניזאַציע, שולדיק זענען די הויכע באַאַמטע.“ „אַזוי איז עס!“ האָבן אויסגערופֿן בײדע וועכטערס און האָבן תּיכּף באַקומען שמיץ איבער זייערע שוין נאַקעטע פּלייצעס. „וואָלסטו דאָ אונטער דײַן נאַהײַקע געהאַט אַ הויכן ריכטער,“ האָט ק. געזאָגט און האָט, רעדנדיק, אַראָפּגעדריקט די נאַהײַקע, „וואָס האָט זיך שוין ווידער געוואָלט אַ הייב טאָן, „איך שווער דיר, אַז איך וואָלט דיך נישט צוריקגעהאַלטן — שמײַס וויפֿל דו ווילסט — אַדרבא, איך וואָלט דיר נאָך

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

געלט געגעבן, אַז דו זאָלסט אין דיר פֿילן מער כּוחות פֿאַר דעם גוטן אויפֿטו.״ „דאָס וואָס דו זאָגסט, קלינגט ווי אַן אמת,״ האָט געזאָגט דער שלעגער, „אָבער איך וועל זיך' נישט לאָזן אונטערקויפֿן. איך בין אָנגעשטעלט צום שמײַסן, ובכן שלאָג איך.״ דער וועכטער פֿראַנץ, וואָס האָט זיך ביז אַצינד באַנומען זייער צוריקהאַלטעוודיק, האָפֿנדיק מסתּמא אויף אַ גוטן סוף צוליב דעם אַרײַנמישן זיך פֿון ק., איז איצט צוגעגאַנגען צו דער טיר; בלויז די הויזן האָט ער אויפֿן לײַב געהאַט. ער האָט אַנידערגעקניט און האָט זיך אָנגעהאַנגען אָן דער האַנט פֿון ק. און האָט גענומען שעפּטשען: „אויב דו קענסט שוין נישט אויספֿועלן, אַז מען זאָל אונדז ביידע צו רו לאָזן און נישט שלאָגן, איז אפֿשר וועט דיר געלינגען כאָטש מיך צו באַפֿרײַען. ווילעם איז עלטער פֿון מיר, ער איז אויך אין יעדן פּרט ווייניקער פֿילבאַר ווי איך; ער האָט אויך שוין מיט אַ פּאָר יאָר צוריק באַקומען אַ גרינגע פּאָרציע שמיץ; איך אָבער האָב נאָך אַזאַ בושה נישט איבערגעלעבט. און חוץ דעם — ווילעם האָט מיך דערפֿירט צו דער מעשׂה, וואָס איך האָב אָפּגעטאָן; סײַ צום גוטנס, סײַ צום שלעכטנס איז ער מײַן לערער. און אונטן פֿאַר דעם בנין פֿון דער באַנק וואַרט מײַן אָרעמע כּלה אויפֿן סוף פֿון דער מעשׂה, און איך שעם זיך פּשוט, אוי, ווי איך שעם זיך.״ מיט די פּאָלעס פֿון ק.׳ס רעקל האָט ער געווישט זײַן פּנים, וואָס איז אין גאַנצן פֿאַרלאָפֿן געווען פֿון טרערן. „איך וואַרט נישט מער,״ האָט געזאָגט דער שלעגער, ער האָט אַ כאַפּ געטאָן די נאַהײַקע אין ביידע הענט און האָט אַרײַנגעשמיסן אין פֿראַנצן. בשעת־מעשׂה איז ווילעם געזעסן אײַנגעקאָרטשעט אין זײַן ווינקל און האָט זיך זײַטיק צוגעקוקט, נישט האָבנדיק דעם מוט אַוועקצודרייען דעם קאָפּ. אין אָט דער רגע האָט זיך דערהערט דער קוויטש, וואָס פֿראַנץ האָט אַרויסגעלאָזט פֿון האַלדז, אַ קול אָן אַן אָפּשטעל און אין איין טאָן, עפּעס גאָרנישט ווי אַ מענטשלעך קול, נײַערט פֿון עפּעס אַ געמוטשעטער מאַשין; דער קוויטש האָט אַרויסגערופֿן אַן עכאָ אין גאַנצן קאָרידאָר; דאָס גאַנצע הויז האָט אים געמוזט הערן. „שרײַ נישט,״ האָט ק. אויסגערופֿן, ער האָט זיך נישט געקענט אײַנהאַלטן, און בעת ער האָט שטאַרק געקוקט אין דער זײַט, פֿון וואַנען עס האָבן געדאַרפֿט אַרײַנקומען די באַנקדינערס, האָט ער פֿראַנצן אַ שטופּ געטאָן, אמת נישט צו שטאַרק, און פֿאָרט שטאַרק גענוג, אַז יענער איז, שוין אַ האַלב פֿאַרחלשטער, אַנידערגעפֿאַלן און האָט אין קראַמפֿן אַרומגעטאַפּט דעם דיל מיט ביידע הענט. דאָס האָט אים אָבער נישט געראַטעוועט פֿון די שמיץ; די נאַהײַקע האָט אים אויף דער בריק אויך געפֿונען; בשעת ער האָט זיך אונטער איר שמיץ געקאָרטשעט, האָט איר שפּיץ רעגולער, אַרויף און אַראָפּ, איבער אים געפֿאָכעט. און אָט זעט זיך שוין פֿון דער ווײַטן איין באַנקדינער און אַ פּאָר שריט הינטער אים נאָך איינער. ק. האָט בליץ שנעל צוגעקלאַפּט די טיר, איז צוגעלאָפֿן צו איינעם פֿון די פֿענצטער, וואָס גייען צום הויף צו, און האָט עס אַן עפֿן געטאָן. דער קוויטש האָט לחלוטין זיך אָפּגעשטעלט. כּדי אויסצומײַדן, אַז די דינערס זאָלן נענטער ניט צוקומען, האָט ער אַ רוף געטאָן פֿון דער ווײַטן: „דאָס בין איך!״ „אַ גוטן אָונט, הער פּראָקוריסט!״ איז געקומען אַן ענטפֿער. „איז עפּעס געשען?״

„בייך־בייך,“ האָט ק. זיך אָפּגערופֿן, „נאָר עפּעס אַ הונט האָט זיך צעבילט אויפֿן הויף.“ אַז די דינער האָבן זיך אַלץ נישט גערירט פֿון אָרט, האָט ער צוגעגעבן: „איר קענט רויִק ווײַטער בלײַבן בײַ אײַער אַרבעט.“ און כּדי נישט צו דאַרפֿן זיך אַרײַנלאָזן אין אַ שמועס מיט די דינער, האָט ער זיך שטאַרקער אַרויסגעבויגן פֿון פֿענצטער. אַז ער האָט אַ רגע׳לע שפּעטער ווידער אַ קוק געטאָן אין קאָרידאָר, זענען די צוויי שוין געהאַט אַוועקגעגאַנגען. ק. איז אָבער געבליבן בײַם פֿענצטער, צוצוגיין נאָך אַמאָל צו דער אַלטוואַרג־קאַמער האָט ער זיך נישט דערוועגט, און אַהיימגיין איצט האָט ער אויך נישט געוואָלט. דער הויף, אין וועלכן ער האָט אַראָפּגעקוקט, איז געווען אַ קליינער און אַ פֿירעקעכדיקער, אַרום און אַרום זענען געווען קאַנצעלאַריעס; אַלע פֿענצטער זענען איצט שוין פֿינצטער געווען, און נאָר די אונטערשטע שויבן האָבן אָפּגעשפּיגלט אַן אָפּשײַן פֿון דער לבֿנה. ק. האָט זיך באַמיט מיט די בליקן דורכצודרינגען די פֿינצטערניש פֿון איינעם פֿון די ווינקלען פֿון הויף, ווו עס זענען געשטאַנען עטלעכע האַנט־וועגעלעך צונויפֿגעפֿירטע איינס אין אַנדערן מיט די דישלעס. סע האָט אים געפּײַניקט די מחשבֿה, פֿאַר וואָס עס איז אים נישט געלונגען אָפּצושטעלן די שמײַסערײַ; אָבער עס איז נישט געווען זײַן שולד, וואָס עס איז אים נישט געלונגען. וואָלט פֿראַנץ נישט געגוואַלדעוועט — נו, אַוודאי עס האָט אים מסתּמא זייער וויי געטאָן, אָבער אין אַנטשיידנדיקע רגעס מוז מען זיך באַהערשן — יאָ, וואָלט ער נישט געמאַכט די געוואַלדן, וואָלט ק. — לכּל־הפּחות איז עס זייער מעגלעך, אַז עס וואָלט טאַקע אַזוי געווען — שוין געפֿונען אַ פֿאָרטל איבערצורעדן דעם שלעגער. אויב די גאַנצע אונטערשטע שיכט פֿון יענער געריכטס־באַאַמטנשאַפֿט איז איין באַנדע, פֿאַר וואָס זשע זאָל פּונקט דער שלעגער, וואָס פֿאַרנעמט נאָך דערצו דעם אומטענטשלעכסטן אַמט, זײַן אַן אויסנאַם. אַגבֿ האָט ק. גאַנץ גוט באַמערקט, ווי די אייגעלעך האָבן אים אַ בליץ געטאָן בײַם אָנבליק פֿון דער פּאַפּיר־מטבע; ער האָט משמעות דאָס געבן די שמיץ אַזוי ערנצט באַהאַנדלט, כּדי די סומע פֿון שוחד־געלט אַ ביסל אויפֿצוהייבן. און ק. וואָלט נישט געשפּאָרט, עס איז אים אין דער אמתן געגאַנגען אין באַפֿרײַען די וועכטערס; קוים האָט ער שוין אָנגעהויבן צו באַקעמפֿן די פֿאַרדאָרבנקייט פֿון דעם דאָזיקן גאַנצן געריכטס־וועזן, איז עס פּשוט געווען נאַטירלעך, אַז ער זאָל אויך פֿון דער דאָזיקער זײַט זיך אַרײַנמישן. אָבער אין דער רגע, ווען פֿראַנץ האָט אָנגעהויבן צו גוואַלדעווען, האָט צו אַלץ, פֿאַרשטייט זיך, געקומען אַ סוף. ק. האָט נישט געקענט צולאָזן, אַז די באַנקדינערס — און ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ נאָך פֿאַרשוינען — זאָלן צוקומען און זאָלן אים כאַפּן בעת ער האָט מחזקות מיט יענע לײַט אין דער אַלטוואַרג־קאַמער. אַזאַ מין קרבן האָט באמת קיין מענטש נישט געקענט פֿאָדערן פֿון ק. וואָלט ער אויף אַן אמת אין זינען געהאַט אַ קרבן צו ברענגען, וואָלט די זאַך געקענט צוגיין אַ סך פּשוטער; ק. וואָלט זיך געקענט פּשוט אויסטאָן און אָנבאָטן דעם שלעגער אים צו שמײַסן אויפֿן אָרט פֿון די וועכטערס. אַגבֿ, וואָלט דער שלעגער אָט אָ דאָס פֿאַרטרעטן זײַנס די וועכטערס אַוודאי אויך נישט אָנגענומען. יענער וואָלט דאָך דורך דעם — נישט געווינענדיק דערבײַ

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

גאַרנישט — שווער עובֿר געווען אויף זײַנע פֿליכטן. ער וואָלט אין דעם פֿאַל אַפֿילו טאָפּלט עובֿר געווען, ווײַל כּל־זמן ק. איז אַליין געשטאַנען אין מיטן פֿון אַן אויספֿאָרשונג, האָט ער דאָך אַוודאי און אַוודאי נישט געטאָרט באַלעסטיקט ווערן דורך די באַאַמטע פֿון דעם געריכט. אמת איז, אַז דאָ אַ האָבן אפֿשר גאָר געגאָלטן אַנדערע מיני געזעץ־כּללים. אויף יעדן פֿאַל האָט ק. נישט געקענט טאָן עפּעס אַנדערש, ווי נאָר פֿאַרקלאַפּן די טיר, כאָטש עס איז דערמיט נאָך אַלץ נישט באַזײַטיקט יעדע סכּנה וואָס שייך אים אַליין. און דאָס וואָס ער האָט נאָך צום סאַמע סוף פֿראַנצן אַ שטופּ געטאָן, איז צום באַדויערן, אָבער אויך צום מוחל זײַן אין זײַן אויפֿגערעגטן מצבֿ.

פֿון דער ווײַטנס האָט ער געהערט די שריט פֿון די באַנקדינערס: בכּדי ניט צו צ׳יען קיין חשד ביי זיי, האָט ער צוגעמאַכט דאָס פֿענצטער און איז אַוועק אין דער ריכטונג פֿון די הויפּטטרעפּ. בײַ דער טיר פֿון דער אַלטוואַרג־קאַמער איז ער אַ רגע׳לע שטיין געבליבן און האָט זיך אײַנגעהערט. עס איז דאָרט געווען אין גאַנצן שטיל. קען זײַן, אַז דער מאַן האָט די וועכטערס דאָרט דערשלאָגן צום טויט, זיי זענען דאָך אין גאַנצן איבערגעענטפֿערט געווען אין זײַנע הענט. שוין האָט ק. די האַנט זײַנע אויסגעשטרעקט צו דער קליאַמקע, ער האָט זי אָבער פֿאָרט צוריק־געצויגן. העלפֿן האָט ער דאָך קיינעם מער נישט געקענט, און אַ ליאַדע רגע וועלן די באַנקדינער אָנקומען; ער האָט זיך אָבער געגעבן אַ נדר, דעם ענין נאָך אַ מאָל אויפֿצומישן, און די באמת שולדיקע, די הויכע באַאַמטע — אָט אַ די, וואָס קיינער פֿון זיי האָט זיך דערוויַיל נאָך נישט דערוועגט דאָס פּנים פֿאַר אים צו באַווײַזן — לויט זײַנע כּוחות און מעגלעכקייטן צו באַשטראָפֿן, און טאַקע אַזוי ווי עס קומט זיי. אַראָפּגייענדיק פֿון די טויערטרעפּלעך פֿון דער באַנק, האָט ער זייער גענוי אָבסערווירט די פֿאַרבײַגייערס, אָבער אַפֿילו אין ווײַטסטן שטח — ווי נאָר זײַן בליק האָט געקענט גרייכן — איז נישט געווען צו זען אַ מיידל, וואָס זאָל דאָ אויף ווען עס איז וואַרטן. פֿראַנצס מעשׂה, אַז זײַן כּלה וואַרט אונטן אויף אים, האָט זיך אַרויסגעוויזן, איז שקר; אמת, אַזאַ שקר קען מען מוחל זײַן, ווײַל ער האָט דאָך נאָר איין צוועק געהאַט, מער רחמנות אַרויסצורופֿן.

אויך אויף צו מאָרגנס האָט ק. נישט געקענט פֿאַרגעסן די וועכטערס; ער איז געווען צערודערט בײַ דער אַרבעט, און געצוווּנגען הײַנט נאָך אַפֿילו לענגער ווי נעכטן צו בלײַבן אין ביוראָ. אַנדערש וואָלט ער נישט פֿאַרטיק געוואָרן מיט זײַנע פֿליכטן. אַהיימגייענדיק איז ער ווידער פֿאַרבײַגעגאַנגען פֿאַר דער אַלטוואַרג־קאַמער און — ער האָט זי אַן עפֿן געטאָן, אָט אַזוי ווי פֿון אַלטער געוווינשאַפֿט. דאָס וואָס זײַנע אויגן האָבן דאָ דערזען, שטאָט דער פֿינצטערניש וואָס ער האָט זיך אויף איר גערעכנט, האָט אים אין גאַנצן צעמישט. אַלץ איז געווען פּונקט אַזוי, ווי ער האָט עס נעכטן אין אָוונט דערזען, בשעת ער האָט אַן עפֿן געטאָן די אייגענע טיר. די אַלטע דרוקזאַכן און די טינטפֿלעשער האָבן זיך אַרומגעוואַלגערט גלײַך לעבן דער שוועל, דער שלעגער מיט דער נאַהײַקע, די וועכטערס — ביידע נאָך אין גאַנצן אויסגעטאָן, דאָס ליכטל אויף דער פּאָליצע ברענט, און די וועכ־

טערס האָבן אָנגעהויבן צו יאָמערן: „הערו!“ תּיכּף האָט ק. די טיר פֿאַרקלאַפּט און האָט זי נאָך מיט די פֿויסטן צוגעהאַמערט, עפּעס אַזוי ווי זי בעסער צו פֿאַרמאַכן. כּמעט ווייִנענדיק איז ער אַוועקגעלאָפֿן צו די באַנקדינערס, וואָס האָבן רויִק געאַר־בעט בײַ די קאָפּיר־מאַשינען; דערשטוינטע זענען זיי פּלוצלינג שטיל געבליבן. „ווען וועט איר שוין אַ מאָל אויסרוימען די אַלטוואַרג־קאַמער?“ האָט ער אויס־גערופֿן. „מיר וועלן דאָך אײַנגעזונקען אין מיסט!“ די באַנקדינערס זענען גרייט געווען עס צו טאָן, אָבער ערשט אויף צומאָרגנס; מיט אַ שאָקל פֿון קאָפּ האָט ק. מסכּים געווען; איצט, שפּעט אין אָוונט, האָט ער זיי נישט געקענט צווינגען צו טאָן אַרבעט ווי ער האָט עס מכוון געווען. ער האָט זיך צוגעזעצט אויף אַ מינוט, כּדי צו האָבן די דינערס אַ קורצע ווײַל נאָענט אַרום זיך; ער האָט אַ צעוואָרף געטאָן עטלעכע קאָפּירטע בריוו, מיינענדיק, אַז דערמיט מאַכט ער דעם אָנשטעל, אַז ער קאָנטראָלירט דאָ עפּעס. פֿאַרשטייענדיק, אַז די דינערס וועלן זיך ניט דערוועגן גלײַכצײַטיק מיט אים אַוועקצוגיין, האָט ער זיך אויפֿגעהויבן און איז אַוועק אַהיים אַ מידער און אָן אײַנציקן געדאַנק אין קאָפּ.

6

דער פֿעטער. לעני.

אין איין שיינעם נאָכמיטאָג — ק. איז פּונקט געווען זייער פֿאַרנומען, ווײַל גראָד אַט־אָט פֿאַרן שליסן די באַנקפֿאָסט — האָט זיך צווישן צוויי באַנקדינערס, וואָס האָבן אַרײַנגעטראָגן דאָקומענטן, דורכגעשלײַכט אין צימער אַרײַן ק.׳ס פֿעטער קאַרל, אַ קליינער דאָרפֿישער ערד־באַזיצער. ק. האָט זיך בײַ דעם אָנבליק פֿון זײַן פֿעטער ווייניקער דערשראָקן, ווי ער האָט זיך שוין פֿריִער מיט אַ צײַט צוריק דערשראָקן פֿון דעם בלויזן פֿאָרשטעלן זיך דאָס דאָזיקע קומען זײַנס. דער פֿעטער האָט געמוזט קומען, שוין אַ חודש אַן ערך ווי ק. איז געווען איבערצײַגט אין דעם. נאָך פֿריִער, בײַם בלויזן פֿאָרשטעלן זיך, האָט אים ממש געזען; געזען ווי ער קומט אַרײַן, אַ ביסל געבויגן, דער צונויפֿגעדריקטער פּאַנאַמאַ־הוט אין דער לינקער האַנט, די רעכטע שטרעקט ער שוין פֿון גאַנץ ווײַט פֿאָרויס; מיט אומברחמנותדיקער אײַלעניש דערלאַנגט ער זי צו ק. איבערן שרײַבטיש אַריבער און וואַרפֿט דערבײַ אַלץ אום, וואָס עס שטעלט זיך אים נאָר אין וועג. דער פֿעטער האָט זיך אַלע מאָל געאײַלט; אַן אומגליקלעכער געדאַנק האָט אים פֿאַרפֿאָלגט, אַז ער קען בשעת זײַן — תּמיד נאָר איינטאָגיקן באַזוך אין דער הויפּטשטאָט — אַלץ אויפֿטאָן, וואָס נאָר ער האָט זיך פֿירגענומען. חוץ דעם טאָר ער אויך נישט פֿאַרפֿעלן בײַ דער געלעגנהייט עפּעס אַ שמועס, אויך אַ געשעפֿט, וואָס קומט אונטער דער האַנט, אָדער אַפֿילו אַ פֿאַרגעניגן. דערבײַ האָט אים ק. געמוזט אין אַלע זאַכן אַרויסהעלפֿן, און עס איז געווען אַ באַזונדערע סיבה דערצו; דער פֿעטער איז ק.׳ס געוועזענער אַפּוטרופּוס. און דערצו נאָך מוז אים ק. אַלע מאָל לאָזן איבער־נעכטיקן בײַ זיך. „דער דיבוק פֿון דאָרף“, האָט ער אים אַ צונאָמען געגעבן.

תּיכּף נאָך דער באַגריסונג — ק. האָט דעם פֿעטער פֿאַרבעטן אַרײַנצוזעצן זיך אין פֿאָטעל, אָבער יענער האָט קיין צײַט נישט געהאַט צו זיצן — האָט ער אויפֿ־געפֿאָדערט ק. צו האָבן מיט אים אַ קורצן שמועס אונטער פֿיר אויגן. „עס איז זייער נייטיק,“ האָט ער געזאָגט און שווער געסאָפּעט, „פֿאַר מײַן באַרויִקונג איז עס נייטיק.“ ק. האָט מאָמענטאַן די באַנקדינערס אַרויסגעשיקט פֿון צימער, און האָט זיי אָנגעזאָגט קיינעם נישט אַרײַנצולאָזן. „וואָס האָב איך געהערט, יאָזעף?“ האָט דער פֿעטער תּיכּף אַ זאָג געטאָן, אַזוי גיך ווי זיי זענען נאָר אַליין געבליבן. ער האָט זיך אַ זעץ געטאָן אויפֿן טיש אַרויף און האָט, נישט קוקנדיק, גערוקט

אַלערלײ פּאַפּירן אונטער זיך כּדי בעסער צו זיצן. ק. האָט געשוויגן, ער האָט געוווּסט, וואָס עס גרייט זיך דאָ. אָבער פּלוצלינג האָט ער זיך אויסגעשפּאַנט אויף אַ רגע פֿון דער אָנגעשטרענגטער אַרבעט, האָט זיך אַריינגעלעבט אין אַן אָנגענעמער שטימונג פֿון זאָרגלאָזיקייט. ער האָט אַרויסגעקוקט דורך דעם פֿענצטער אויף צו דער צווייטער זײַט גאַס; פֿון זײַן זיצאָרט האָט מען נאָר געקענט באַמערקן אַ קליינעם דרײַ־עקעכדיקן גאַס־אויסשניט, אַ שטיק פּוסטע געמויערטע וואַנט פֿון אַ הויז צווישן צוויי שויפֿענצטער פֿון קראָמען. „דו קוקסט אַרויס דורכן פֿענצטער!“ האָט דער פֿעטער כּמעט געשריגן און אויפֿגעהויבן ביידע הענט, „ווי גאָט איז דיר ליב, יאָזעף, ענטפֿער מיר. איז עס אמת, קען עס אמת זײַן?“ „מײַן ליבער פֿעטער,“ האָט ק. געענטפֿערט, ווי אויפֿגעוועקט פֿון זײַן פֿאַרחלומטקייט, „איך ווייס דאָך גאָרנישט וואָס דו ווילסט פֿון מיר.“ „יאָזעף,“ האָט געזאָגט דער פֿעטער מיט אַ וואָרענענדיק קול, „דעם אמת האָסטו אַלע מאָל געזאָגט, אויף וויפֿל איך ווייס, זאָל איך דײַנע לעצטע ווערטער אָננעמען ווי אַ בייזן סימן?“ „איך הייב אָן צו טרעפֿן וואָס דו ווילסט,“ האָט איצט ק. געזאָגט, ווי איינער וואָס וויל יענעם צוליב טאָן, „מסתמא האָסטו געהערט וועגן מײַן פּראָצעס.“ „אָט דאָס איז עס טאַקע,“ האָט געענטפֿערט דער פֿעטער, און פּאַוואָליע צוגעשאָקלט מיט דעם קאָפּ, „איך האָב געהערט וועגן דײַן פּראָצעס.“ „אָבער פֿון וועמען?“ האָט ק. געפֿרעגט. „ערנאַ האָט עס מיר געשריבן,“ האָט געזאָגט דער פֿעטער, „עס איז אמת, אַז זי האָט אַ קנאַפּע פֿאַרבינדונג מיט דיר, דו פֿאַרנעמסט דיך, ליידער, מיט איר גאַנץ ווייניק, פֿונדעסטוועגן איז זי געוואָר געוואָרן. הײַנט האָב איך אָט דעם בריוו באַקומען און איך בין, פֿאַרשטייט זיך, תּיכּף אַהער געקומען. עס איז קיין שום אַנדערע סיבה נישט געווען; אָבער איך מיין, אַז דאָס איז גאַנץ גענוג אַ סיבה. איך קען דיר יענע שורות אין בריוו, וואָס האָט אַ שײַכות צו דיר, פֿירלייענען.“ ער האָט אַרויסגעצויגן דעם בריוו פֿון דער בוזעם־קעשענע. „אָט דאָ איז עס. זי שרײַבט: ‚יאָזעפֿן האָב איך שוין לאַנג נישט געזען, יענע וואָך בין איך איין מאָל אין באַנק געווען, אָבער געטראָפֿן אים אַזאַ פֿאַרנומענעם, אַז מען האָט מיך צו אים נישט צוגעלאָזן; איך האָב געוואַרט אַ גאַנצע שעה, סוף־כּל־סוף האָב איך אָבער געמוזט אַוועק אַהיים מיט גאָרנישט, ווײַל איך האָב געהאַט אַ קלאַוויר־לעקציע. איך וואָלט זיך גערן מיט אים דורכגעשמועסט; אפֿשר וועט זיך בקרובֿ מאַכן אַ געלעגנהייט. צו מײַן געבוירן־טאָג האָט ער מיר געשיקט אַ גרויסע שאַכטל מיט שאָקאָלאַד, מיר איז זייער ליב געווען זײַן אויפֿמערקזאַמקייט. דעמאָלט האָב איך אין גאַנצן פֿאַרגעסן עס אײַך מיטצוטיילן, ערשט איצט, און נאָר ווײַל איר פֿרעגט, דערמאַן איך זיך. שאָקאָלאַד האָט שוין אַזאַ טבֿע, מוזט איר וויסן, דער עיקר אין אַ פּאַנסיאָן, אַז זי ווערט תּיכּף פֿאַרשוווּנדן. נאָך איידער דו אַליין באַנעמסט עס, אַז מע האָט דיר געגעבן אַ מתּנה אין דער פֿאָרעם פֿון שאָקאָלאַד, איז זי שוין לאַנג נישטאָ. אָבער וואָס אָנבאַלאַנגט יאָזעפֿן, וויל איך אײַך נאָך עפּעס זאָגן. ווי שוין דערמאָנט, האָט מען מיך אין דער באַנק צו אים נישט צוגעלאָזן, ווײַל ער האָט פּונקט קאָנפֿערירט מיט עפּעס אַ הער. אָבער אַזוי ווי איך האָב שוין אַ גאַנץ

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

לאַנגע צײַט רויִק געוואָרט, האָב איך ענדלעך בײַ אַ באַנקדינער געפֿרעגט, צי די קאָנפֿערענץ וועט נאָך לאַנג דויערן. ער האָט געזאָגט, אַז אַזוי ווי עס זײַן, ווײַל עס האַנדלט זיך, מסתּמא, וועגן דעם פּראָצעס, וואָס ווערט געפֿירט קעגן דעם הער פּראָקוריסט. איך האָב געפֿרעגט, וואָס פֿאַר אַ פּראָצעס דאָס איז אייגנטלעך, און צי האָט ער נישט אפֿשר אַ טעות; דער דינער האָט אָבער געזאָגט, אַז ער האָט נישט קיין שום טעות; עס איז אַ פּראָצעס, און אַפֿילו אַ שווערער פּראָצעס; מער אָבער ווייסט ער נישט. ער אַליין וואָלט גערן דעם הער פּראָקוריסט געוואָלט העלפֿן, ווײַל דער הער איז אַ גוטער און אַ גערעכטער, אָבער ער ווייסט נישט ווי אַזוי זיך צו נעמען דערצו. ער ווינטשט זיך נאָר, אַז לײַט וואָס האָבן אַ השפּעה זאָלן זיך אָננעמען פֿאַר אים. דאָס וועט זיכער אַזוי זײַן, און סוף־כּל־סוף וועט זיך דער פּראָצעס גוט פֿאַרענדיקן; דערווײַל אָבער איז נישט־גוט, גאָר נישט־גוט, וועדליג דער הער פּראָקוריסט איז לעצטנס שלעכט אויפֿגעלייגט. איך האָב, פֿאַרשטייט זיך, נישט שטאַרק ערנצט גענומען דאָס דאָזיקע גערעדערײַ. איך האָב זיך באַמיט צו באַרויִקן דעם נאַיִוון באַנקדינער, איך האָב אים פֿאַרבאָטן מיט וועמען עס איז וועגן דעם צו רעדן, און איך האַלט בכלל דאָס גאַנצע פֿאַר אַ פּליאָטקע. פֿונדעסטוועגן וואָלט עס נישט געשאַדט, טײַערער פֿאָטער, אַז דו זאָלסט, בשעת דײַן נאָענטסטן באַזוך, דעם ענין אויספֿאָרשן. עס וועט דיר נישט שווער אָנקומען געניוערע דעטאַלן געוואָר צו ווערן, און אויב עס וועט אויף אַן אמת נייטיק זײַן, חעסטו דאָך, דורך דײַנע אײַנפֿלוסרײַכע באַקאַנטע, זיך לײַכט קענען אַרײַנמישן צום גוטן אין דעם ענין. און אויב עס וועט זיך אַרויסווײַזן, אַז עס איז נישט נייטיק, און דאָס איז דאָך כּמעט ווי זיכער, וועט דאָס לכל־לפּחות געבן דײַן טאָכטער די גוטע געלעגנהייט, דיך האַרציק אַרומצונעמען, און דאָס וועט זי זייער דערפֿרייען.׳ אַ גוט קינד," האָט געזאָגט דער פֿעטער, פֿאַרענדיקנדיק דאָס לייענען, און האָט אַ וויש געטאָן עטלעכע טרערן פֿון די אויגן. ק. האָט אַ שאָקל געטאָן מיט דעם קאָפּ, ער האָט צוליב אַלערליי סיבות און איבערשלאָגן אין דער לעצטער צײַט אָן ערנאַ לחלוטין פֿאַרגעסן. ער האָט אַפֿילו איר געבוירן־טאָג אויך פֿאַרגעסן, און די מעשׂה מיט דער שאָקאָלאַד האָט זי משמעות נאָר צו דעם צוועק אַליין אויסגעטראַכט, כּדי אים פֿאַרן פֿעטער און פֿאַר דער מומע אין פֿאָרויס צו באַשיצן. עס איז געווען אויף אַן אמת זייער רירנדיק, און ער האָט באַשלאָסן, אַז ער וועט ערנאַן פֿון איצט אָן רעגולער שיקן טעאַטער־בילעטן; אָבער דאָס וועט דאָך נישט גענוגנדיק באַלוינען איר באַנעמונג. נאָר צו רעגולערע באַזוכן אין אַ פּאַנסיאָן, און צו שמועסן מיט אַן אַכצן־יעריקער קליינער גימנאַזיסטקע, האָט ער געפֿילט, איז ער איצט נישט דער ריכטיקער מענטש. „און וואָס זאָגסטו אַצינד?" האָט געפֿרעגט דער פֿעטער, וואָס האָט צוליב דעם בריוו פֿאַרגעסן סײַ אין זײַן אײַלעניש און סײַ אין זײַן אויפֿרעגונג, און עס האָט אַפֿילו אויסגעזען, אַז ער לייענט דעם בריוו נאָך אַ מאָל. „יאָ, אָנקל," האָט ק. געזאָגט, „עס איז אמת." „אמת?" האָט דער פֿעטער אויסגערופֿן. „וואָס איז אמת? ווי קען עס דען זײַן אמת? וואָס פֿאַר אַ פּראָצעס? און אפֿשר אַ קרימינעלער פּראָצעס אויך נאָך דערצו?"

„אַ קרימינעלער פּראָצעס,“ האָט געענטפֿערט ק. „און דו זיצסט רויִק אָט אָ דאָ, און האָסט אויף זיך אַ קרימינעלן פּראָצעס?“ האָט געשריגן דער פֿעטער, און אַלע מאָל העכער און העכער. „וואָס מער רויִק איך בין, אַלץ בעסער איז עס פֿאַרן אויסגאַנג פֿון פּראָצעס,“ האָט ק. מידערהייט אַ זאָג געטאָן, „האָב גאָר נישט קיין מורא.“ „דאָס קען מיך נישט באַרויִקן!“ האָט דער פֿעטער געשריגן, „יאָזעף, ליבער יאָזעף, געדענק אָן דיר, געדענק אָן דײַנע קרובֿים, געדענק אָן דײַן גוטן נאָמען! דו ביסט ביז איצט געווען אונדזער שטאָלץ, דו דאַרפֿסט נישט ווערן אונדזער שאַנד. דײַן באַנעמונג,“ ער האָט אַ קוק געטאָן אויף ק. מיט אַ קרומלעך געבויגענעם קאָפּ, „געפֿעלט מיר נישט, אַזוי באַנעמט זיך נישט אײנער, וואָס איז אַן אומשולדיק פֿאַרקלאָגטער, און וואָס איז נאָך דערווײַל בײַ זײַנע כּוחות. זאָג מיר אויף גיך, אין וואָס גייט עס אייגנטלעך, כּדי איך זאָל דיר קענען העלפֿן. עס האָט אַוודאַי אַ שײַכות צו דער באַנק?“ „ניין,“ האָט ק. געזאָגט און איז אויפֿגעשטאַנען, „אָבער דו רעדסט צו הויך, ליבער אָנקל, דער דינער שטייט אַוודאַי הינטער דער טיר און הערט אונטער. דאָס איז מיר זייער נישט צום האַרצן. לאָמיר בעסער אַוועקגיין. איך וועל דיר נאָך דעם ענטפֿערן אויף אַלע דײַנע פֿראַגעס ווי ווײַט נאָר מעגלעך. איך ווייס עס צו גוט, אַז איך בין שולדיק אַ דין־וחשבון דער משפּחה.“ „שטימט!“ האָט דער פֿעטער געשריגן, „אַזוי איז עס, אײַל זיך אַ ביסל צו, יאָזעף, אײַל זיך צו!“ „איך מוז אָבער נאָך אָנזאָגן אַ פּאָר זאַכן,“ האָט ק. געענטפֿערט און האָט טעלעפֿאָניש אויפֿגעפֿאָדערט זײַן פֿאַרטרעטער צו אים אַרײַנצוקומען; עס האָט געדויערט אַ פּאָר רגעס, און ער איז באַלד אַרײַנגעקומען. אין זײַן צערודערונג האָט דער פֿעטער געוויזן מיט דער האַנט, אַז דאָס איז ק. געווען, וואָס האָט אים צו זיך גערופֿן; עס איז אויך סײַ ווי אָן שום ספֿק קלאָר געווען, אַז אַזוי איז דאָס. ק. איז געשטאַנען פֿאַרן שרײַבטיש און האָט אָנגעזאָגט דעם יונגנמאַן, וואָס האָט זיך קיל, אָבער אויפֿמערקזאַם צוגעהערט, וואָס ער דאַרף אַלץ נאָך הײַנט אין זײַן אָפּוועזנהייט אויפֿטאָן. ער האָט גערעדט מיט אַ שטילער שטים און האָט זיך אַלע מאָל אַרויסגעהאָלפֿן מיט עפּעס אַן אַנדערן דאָקומענט אויפֿן טיש. דער פֿעטער האָט צו ערשט געשטערט מיט זײַן גלאָצן מיט גרויסע אויגן און נערוועזן בײַסן די ליפּן. אמת, אַז ער האָט זיך נישט צוגעהערט, אָבער עס האָט געמאַכט אַזאַ אײַנדרוק, און דאָס האָט שוין גאַנץ גענוג געשטערט. שפּעטער האָט דער פֿעטער נאָך דערצו אָנגעהויבן אויף און אָפּ צו שפּאַנען אין צימער. פֿון צײַט צו צײַט איז ער שטיין געבליבן בײַם פֿענצטער, אָדער בײַ עפּעס אַ בילד, און דערבײַ יעדע רגע עפּעס אַרויסגערופֿן, ווי למשל: „איך קען דאָס בשום אופֿן נישט פֿאַרשטיין!“ אָדער „איצט זאָג מיר נאָר, וואָס קען פֿון דעם אַלעמען אַרויסקומען!“ דער יונגערמאַן האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַמערקט גאָרנישט; ער האָט זיך רויִק ביזן סוף צוגעהערט צו ק.׳ס אינסטרוקציעס, אַ פּאָר זאַכן האָט ער זיך פֿאַרנאָטירט און איז אַוועק; אָבער אַוועקגייענדיק האָט ער זיך פֿאַרנייגט אי פֿאַר ק., אי פֿאַרן פֿעטער, וואָס האָט זיך פּונקט אין דער רגע אויסגעדרייט צו אים מיט דעם רוקן, אַרויסגעקוקט דורכן פֿענצטער און אָנגעכאַפּט די פֿאָרהאַנגען מיט

אויסגעשטרעקטע הענט. ווי נאָר די טיר האָט זיך פֿאַרמאַכט, האָט דער פֿעטער אויסגעשריגן: „ענדלעך איז דער פּיפּערנאָטער אַוועקגעגאַנגען, איצט קענען אויך מיר גיין. ענדלעך". און עס איז קיין עצה דערויף נישט געווען צו ווירקן אויף דעם פֿעטער, אַז ער זאָל אינעם פֿאָדער־צימער נישט רעדן וועגן דעם פּראָצעס. דערצו זענען פּונקט דאָרט אַרומגעשטאַנען עטלעכע באַנקדינערס און באַאַמטע, און גראָד איז אַפֿילו דער וויצע־דירעקטאָר דאָרט דורכגעגאַנגען. „הייסט עס, יאָזעף," האָט דער פֿעטער אָנגעהויבן, ענטפֿערנדיק גלײַכצײַטיק אויף די פֿאַרבייגונגען פֿון די אַרומשטייענדיקע מיט אַ מין גרינג סאַלוטירן מיט אַן אייניציקן פֿינגער, „איצט זאָג מיר אָפֿן אַרויס, וואָס פֿאַר אַ מין פּראָצעס איז עס." ק. האָט געמאַכט עטלעכע גאָרנישט זאָגנדיקע באַמערקונגען, אַ ביסל האָט ער אונטערגעלאַכט, און ערשט אויף די טרעפּ האָט ער אויפֿגעקלערט דעם פֿעטער, אַז פֿאַר אַלעמענס אויגן און אויערן האָט ער נישט געוואָלט רעדן אָפֿן. „גערעכט," האָט געזאָגט דער פֿעטער, „אָבער איצט רעד." מיט אַן אײַנגעבויגענעם קאָפּ, רייכערנדיק אַ ציגאַר און פֿאַרציִענדיק קורץ און אײַליק, האָט ער זיך צוגעהערט. „קודם־כּל פֿעטער, האַנדלט זיך עס דאָ נישט אין אַ פּראָצעס פֿאַר דעם פּשוטן געריכט." „דאָס איז נישט־גוט," האָט זיך אָנגערופֿן דער פֿעטער. „האַ?" האָט ק. אַ זאָג געטאָן און האָט אָנגעקוקט דעם פֿעטער. „אַז דאָס טויג נישט, מיין איך," האָט דער פֿעטער איבערגעחזרט נאָך אַ מאָל. זיי זענען געשטאַנען אויף די טויער־טרעפּלעך, וואָס פֿירן צו דער גאַס צו; אַזוי ווי עס האָט אויסגעזען, אַז דער פּאָרטיער הערט זיך אונטער, האָט ק. דעם פֿעטער אַ צי געטאָן אַראָפּ; דער הו־האַ פֿון דער גאַס האָט זיי פֿאַרשלונגען. דער פֿעטער, וואָס האָט באַלד אַ נעם געטאָן ק. אונטערן אָרעם, האָט מער נישט אַזוי דרינגענדיק געפֿרעגט וועגן דעם פּראָצעס; אַ שטיקל צײַט זענען זיי אַפֿילו געגאַנגען און געשוויגן. „ווי אַזוי איז עס אָבער דערצו געקומען?" האָט ענדלעך דער פֿעטער אַ פֿרעג געטאָן, און האָט זיך דערבײַ אַזוי פּלוצלינג אָפּגעשטעלט, אַז די מענטשן, וואָס זענען געגאַנגען הינטער אים, האָבן אים ממש מיט שרעק אויסגעמיטן. „אַזעלכע זאַכן קומען דאָך נישט פּלוצלינג, זיי גרייטן זיך צו פֿון אַ לאַנגער האַנט; עס האָבן געמוזט זײַן סימנים, אַז עפּעס רוקט זיך אָן; פֿאַר וואָס האָסטו מיר נישט געשריבן? דו ווייסט דאָך, אַז איך טו פֿאַר דיר אַלצדינג; אין אַ געוויסן זינען בין איך נאָך אַלץ דײַן אַפּוטרופּוס, און ביז הײַנט בין איך שטאָלץ געווען דערמיט. עס איז קלאָר, אַז איך וועל דיר איצט אויך נאָך העלפֿן, אָבער אַצינד, אַז דער פּראָצעס איז שוין אין גאַנג, איז עס נישט אַזוי גרינג. צום בעסטן וואָלט עס אויף יעדן פֿאַל געווען, אַז דו זאָלסט זיך אַצינדער נעמען אַ קליינע וואַקאַציע און זאָלסט אַרויסקומען צו אונדז אויפֿן דאָרף. אויך ביסטו אַ ביסל אויסגעמאָגערט, ערשט אָ באַמערק איך עס. אויפֿן דאָרף וועסטו קומען צו די כּוחות, דאָס קען קיינעם קיין מאָל נישט שאַטן, זיכער דאַרפֿסטו דאָך בקרובֿ אַ סך אָנשטרענגונגען דורכמאַכן אין שײַכות מיטן פּראָצעס. חוץ דעם וועסטו, זײַענדיק פֿון דער ווײַטן, אין אַ געוויסער מאָס, זײַן אַ ביסל פֿרײַער פֿון די בינדשטריק פֿון דעם געריכט. דאָ אויפֿן אָרט האָבן זיי אַלע מעגלעכע מיטלען פֿון זייער

מאַכט, און עס איז קלאָר, אַז אויטאָמאַטיש ווערן זיי אויף דיר אָנגעווענדט; אָבער אַז דו וועסט זײַן אויפֿן דאָרף, וועלן זיי מוזן ערשט אַלערליי שליחים דעלעגירן צו דיר, אָדער גאָר באַמיען זיך צו באַווירקן אויף אַנדערע אופֿנים; און אין דעם פֿאַל נאָר דורך בריוו, דעפּעשן, טעלעפֿאָנען. דאָס שוואַכט אָפּ די השפּעה; אמת, אַז עס באַפֿרײַט דיך נישט, נאָר דערווײַל קענסטו דעם אָטעם אָפּכאַפּן." „אָבער די וואָלטן מיר דאָך געקענט פֿאַרביטן, אַז איך זאָל אַוועקפֿאָרן," האָט ק. געזאָגט; די רייד פֿונעם פֿעטער האָבן אים שוין אַ ביסל אַרײַנגעצויגן אין יענעמס גדאַנקען־גאַנג. „איך גלייב נישט, אַז זיי וועלן עס טאָן," האָט דער פֿעטער, אַ טיף פֿאַרטראַכ־טער, געזאָגט, „אַזאַ שאָדן וועט זייער כּוח צוליב דײַן אַוועקפֿאָרן נישט לײַדן." „איך האָב געמיינט," האָט ק. געזאָגט, און האָט אַ נעם געטאָן דעם פֿעטער אונטערן אָרעם, כּדי יענער זאָל זיך נישט קענען אָפּשטעלן, „אַז דו וועסט דעם גאַנצן ענין נאָך ווייניקער ערנצט נעמען, ווי איך; דערווײַל אָבער נעמסטו עס גאָר אַזוי שווער." „יאָזעף," האָט דער פֿעטער אַ געשריי געטאָן און האָט זיך געוואָלט אַרויסדרייען פֿון ק.׳ס אָרעם, כּדי פֿאָרט צו קענען שטיין בלײַבן, נאָר ק. האָט אים בשום אופֿן נישט געלאָזט, „דו ביסט אַן איבערגעביטענער, דו האָסט אַלע מאָל אַזאַ קלאָרן קאָפּ געהאַט, און פּונקט איצט האָסטו אים פֿאַרלאָרן. ווילסטו פֿאַרלירן דעם פּראָצעס? צי ווייסטו, וואָס דאָס באַטײַט? דאָס באַטײַט, אַז דו וועסט גאַנץ פּשוט ווי אַ מענטש אויסגעשטראָכן ווערן. און דײַן גאַנצע משפּחה וועט דערצו, אָדער אויך אין גאַנצן מיטגעריסן ווערן, אָדער זי וועט לכל הפּחות אַראָפּגעדריקט ווערן ביז צו דער ערד. יאָזעף — נעם זיך צונויף. דײַן גלײַכגילטיקייט מאַכט מיך פּשוט משוגע. אַז מען קוקט דיך אָן, קען מען שוין גרינג גלייבן דאָס ווערטל: ׳אַזעלכע פּראָצעסן קען מען נאָך פֿאַרלירן׳."

„ליבער אָנקל," האָט ק. געזאָגט, „די אויפֿרעגונג ברענגט דאָך גאָר קיין נוצן נישט; נישט דיר, ווען דו רעגסט זיך אויף, און וואָלט אויך מיר קיין שום נוצן נישט געבראַכט. מיט אויפֿרעגונגען געווינט מען נישט קיין פּראָצעסן; דערלויב מיר צו גלייבן, אַז מײַנע פּראַקטישע דערפֿאַרונגען האָבן אויך אַ שטיקל באַטײַט; איך רעספּעקטיר דאָך דײַנע פּראַקטישע דערפֿאַרונגען, אַלע מאָל און אויך איצט, אַפֿילו דעמאָלט, ווען זיי איבערראַשן מיך. אָבער אַזוי ווי דו זאָגסט, אַז די פֿאַמיליע וועט צוליב דעם פּראָצעס שווער לײַדן, קען איך דאָס אַבסאָלוט נישט באַנעמען; נאָר לאָמיר דאָס איצט לאָזן אָן אַ זײַט — ווײַל איך דיך גערן און אין אַלץ פֿאָלגן. נאָר וואָס שייך דעם פּלאַן פֿון דער רײַזע אויפֿן דאָרף אַרויס, האַלט איך, אַז אַפֿילו לויט דײַן שׂכל, וועט עס קיין שום נוצן נישט ברענגען, מחמת דאָס וואָלט באַטײַט אַנטרינונג פֿון איין זײַט און צוגעבן מײַן שולד פֿון דער אַנדערער זײַט. חוץ דעם: אמת איז, אַז זײַענדיק אויפֿן אָרט ווער איך טאַקע פֿון איין זײַט מער פֿאַרפֿאָלגט, פֿון דער אַנדערער זײַט קען איך אָבער מער זיך פֿאַרנעמען מיט דעם גאַנצן ענין". „גערעכט," האָט דער פֿעטער אַ זאָג געטאָן אין אַזאַ טאָן, ווי איינער רעדט: ענדלעך קומען מיר זיך אַ ביסל נענטער צוזאַמען, „איך האָב נאָר די זאַך פֿאָרגע־

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

שלאָגן, ווײַל דײַן גלײַכגילטיקייט, בײַ דײַן דאָ בלײַבן אויפֿן אָרט, האָט מיר אויסגעזען געפֿערלעך פֿאַר דײַן פּראָצעס, און איך האָב געהאַלטן, אַז עס וועט בעסער זײַן פֿאַר דיר, אַז איך וועל דעם ענין אַרײַננעמען אין מײַנע הענט, שטאָט אים צו לאָזן אין דײַנע. אויב אָבער דו ווילסט אַליין צוזען צום ענין — און מיט אַלע דײַנע כּוחות — איז עס, פֿאַרשטייט זיך, אַ סך בעסער.״ „אין איין זאַך זענען מיר שוין, הייסט עס, ביידע מסכּים,״ האָט געזאָגט ק. „און איצט האָסטו אפֿשר עפּעס אַן עצה, וואָס איך זאָל אַצינד קודם־כּל טאָן?״ „איך מוז, פֿאַרשטייט זיך, איבער דעם ענין זיך פֿאַרטראַכטן,״ האָט געזאָגט דער פֿעטער, „דו מוזסט געדענקען, אַז שוין צוואַנציק יאָר אָן אַן איבעררײַס ווױן איך אויפֿן דאָרף, נו איז שוין מײַן קוק צו די דאָזיקע זאַכן אַ ביסל שטומפּיק געוואָרן. אַלערליי וויכטיקע פֿאַרבינדונגען מיט פּערזענלעכקייטן, וואָס קענען זיך אפֿשר בעסער אויס אין די ענינים, זענען פֿון זיך אַליין אָפּגעשוואַכט געוואָרן. אויפֿן דאָרף בין איך אַ ביסל פֿאַראיינזאַמט, דאָס דאַרף איך דיר נישט זאָגן. מען באַמערקט עס ערשט אַליין טאַקע בײַ אַזעלכע געלעגנהייטן. אַגבֿ, איז מיר טיילווײַז דײַן זאַך געקומען אין גאַנצן אומגעריכט. כאָטש דעם אמת געזאָגט, האָב איך נאָך ערנאַס בריוו שוין עפּעס אַזוינס פֿאָרויסגעפֿילט; און אַז איך האָב הײַנט דעם ערשטן קוק געטאָן אויף דיר, בין איך שוין זיכער געווען, אַז טאַקע דאָס איז עס. אָבער דאָס אַלץ קען אונדז אַצינד נישט אָנגיין, די סאַמע וויכטיקסטע זאַך, אין איצטיקן מאָמענט, איז נישט צו פֿאַרלירן קיין צײַט.״ און שוין אין מיטן פֿון זײַנע רייד, האָט ער, שטייענדיק אויף די שפּיץ־פֿינגער, אַ ווונק געטאָן צו אַן אויטאָמאָביל, און געבנדיק גלײַכצײַטיק דעם שאָפֿער אַן אַדרעס, האָט ער הינטער זיך נאָכגעצויגן ק. אין אויטאָמאָביל אַרײַן. „מיר פֿאָרן איצט צום אַדוואָקאַט הולד,״ האָט ער געזאָגט, „ער איז מײַן שול־חבֿר געווען. זיכער קענסטו אים אויך. ניין? דאָס איז מאָדנע. ער האָט דאָך, ווי אַ פֿאַרטיידיקער בכלל און אַדוואָקאַט פֿון די אָרעמע לײַט בפֿרט, אַ גאַנץ היפּשן נאָמען. איך אָבער האָב צו אים גאָר באַזונדערס אַ גרויס פֿאַרטרויען ווי צו אַ מענטש.״ „וואָס דו זאָלסט נישט טאָן, איז מיר אַלץ רעכט,״ האָט ק. געזאָגט, כאָטש דער צודרינגלעכער און אײַליקער אופֿן, ווי אַזוי דער פֿעטער האָט דעם ענין באַהאַנדלט, איז אים שוין גאָר נישט צום האַרצן געווען. עס איז נישט געווען פֿון די סאַמע אָנגענעמסטע זאַכן צו פֿאָרן ווי אַן אָנגעקלאָגטער, צו אַן אַדוואָקאַט פֿאַר אָרעמע־לײַט. „איך האָב נישט געוווסט,״ האָט ער געזאָגט, „אַז מען קען אין אַזאַ מין ענין נעמען אַן אַדוואָקאַט.״ „אַוודאי,״ האָט געזאָגט דער פֿעטער, „דאָס איז דאָך זייער פֿאַרשטענדלעך. און פֿאַר וואָס נישט? און איצט דערצייל מיר אַלץ, כּדי איך זאָל זײַן גענוי אינפֿאָרמירט, וועגן דעם גאַנג פֿון גאַנצן ענין; אַלץ וואָס עס איז ביז איצט געשען.״ ק. האָט תּיכּף אָנגעהויבן אַלץ צו דערציילן, נישט פֿאַרשווײַגנדיק קיין איין פּרט; זײַן פֿולשטענדיקע אָפֿנהאַרציקייט איז געווען דער איינציקער פּראָטעסט, וואָס ער האָט זיך געקענט פֿאַרגינען קעגן דעם פֿעטערס מיינונג, אַז דער פּראָצעס איז אַ גרויסע בושה. דעם נאָמען פֿון פֿרײַלין בירסטנער האָט ער נאָר איין מאָל, און

נאָר אויבנאויפֿיק, דערמאָנט, אָבער דאָס האָט נישט משפּיע געווען די אָפֿנהאַרציקייט, ווײַל פֿרײַלין בירסטנער האָט דאָך אין דער אמתן נישט געהאַט קיין שום שײַכות צום פּראָצעס. דערצייל̄נדיק האָט ער געקוקט דורכן פֿענצטערל און האָט באַמערקט, אַז זיי דערנענטערן זיך פּונקט צו יענער פֿאָרשטאָט, וווּ עס זענען די קאַנצעלאַריעס פֿון געריכט; ער האָט דעם פֿעטער דערויף אויפֿמערקזאַם געמאַכט. יענער האָט אָבער פֿון דעם צופֿעלן נישט געמאַכט קיין ווּזן. דער אויטאָמאָביל האָט זיך פֿאַרהאַלטן פֿאַר אַ טונקל̄ הויז. דער פֿעטער האָט תּיכּף אַ צי געטאָן אַ גלעקל בײַ דער ערשטער פּאַרטער־טיר; בשעת זיי האָבן געוואַרט, האָט ער שמייכלענדיק באַוויזן זײַנע גרויסע ציין און געשעפּטשעט: „אַכט אַ זייגער, אַ מאָדנע צײַט אַ ביסל פֿאַר באַזוכן פֿון קליענטן. הולד וועט אָבער נישט האָבן קיין פֿאַראיבל̄ אויף מיר.“ אין קוקערל̄ פֿון דער טיר האָבן זיך באַוויזן צוויי גרויסע, שוואַרצע אויגן, האָבן געקוקט אַ רגע לאַנג אויף די צוויי געסט און זענען נעלם געוואָרן; די טיר האָט זיך אָבער נישט געעפֿנט. דער פֿעטער און ק. האָבן איינער דעם אַנדערן פֿאַרזיכערט, אַז זיי האָבן די צוויי אויגן געזען. „אַ נײַ דינסט־מיידל, וואָס האָט מורא פֿאַר פֿרעמדע,“ האָט געזאָגט דער פֿעטער און האָט נאָך אַ מאָל אַ קלאַפּ געטאָן. נאָך אַ מאָל האָבן זיך די אויגן באַוויזן, איצט האָט מען זיי כמעט געקענט אָננעמען פֿאַר טרויעריקע; און אפֿשר האָט מען זיך נאָר אַזוי גענאַרט, צוליבן אָפֿענעם גאַזפֿלעמל̄, וואָס האָט נאָענט איבער די קעפּ, צישענדיק שטאַרק, געברענט, אָבער געגעבן זייער ווייניק ליכט. „עפֿנט אויף“ האָט דער פֿעטער אויסגעשריגן און מיטן פֿויסט אַ קלאַפּ געטאָן אין דער טיר, „עס זענען פֿרײַנד פֿון דעם הער אַדוואָקאַט!“ „דער הער אַדוואָקאַט איז קראַנק,“ איז געקומען אַ שעפּטשענדיקער ענטפֿער, און געקומען פֿון הינטער זיי. אין אַ טיר, אין אַנדערן עק פֿון קליינעם קאָרידאָר, איז געשטאַנען אַ הער אין אַ שלאָפֿראָק און האָט מיט אַן אויסערגעוויינטלעך שטילער שטים דאָס געמאָלדן. דער פֿעטער, וואָס איז שוין געווען מלא רציחה צוליב דעם לאַנגן וואַרטן, האָט זיך מיט איין קער אַ ווענד געטאָן און האָט געשריגן: „קראַנק? איר זאָגט, ער איז קראַנק?“ און כמעט דראָענדיק האָט ער אָנגעהויבן צו גיין צו דעם הער, אַזוי ווי יענער וואָלט דאָס געווען די קרענק אַליין. „מען האָט שוין געעפֿנט,“ האָט דער הער אַ זאָג געטאָן, האָט אַ ווײַז געטאָן אויף דער טיר פֿון אַדוואָקאַט, האָט פֿאַרנומען אַרום זיך דעם שלאָפֿראָק און איז נעלם געוואָרן. די טיר האָט זיך אויף אַן אמת געעפֿנט, אַ יונג מיידל — ק. האָט דערקענט די טונקעלע, אַ ביסל אַרויסגעשטאַרצטע אויגן — איז געשטאַנען אין אַ לאַנגן ווײַסן פֿאַרטעך אין פֿאָדער־צימער און האָט געהאַלטן אַ ליכט אין דער האַנט. „אַ צווייט מאָל זאָלט איר אַ ביסל גיכער עפֿענען!“ האָט דער פֿעטער, שטאָט אַ גוטן אָוונט, אַ זאָג געטאָן בשעת דאָס מיידל האָט געמאַכט אַ קליינעם קניקס. „קום, יאָזעף,“ האָט ער באַלד געזאָגט צו ק., וואָס האָט זיך פּאַוואָליע פֿאַרבײַגעגערוקט פֿאַרן מיידל. „דער הער אַדוואָקאַט איז קראַנק,“ האָט דאָס מיידל געזאָגט, בעת דער פֿעטער האָט זיך אויף קיין רגע נישט פֿאַרהאַלטן, נאָר זיך געלאָזט גלײַך צו

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אַ טיר. ק. האָט נאָך אַלץ געגלאָצט אויפֿן מיידל, בשעת יענע האָט זיך שוין אויסגעדרייט און איז אַוועק צו דער וווינונגס־טיר כּדי זי ווידער צו פֿאַרשליסן; דאָס מיידל האָט געהאַט אַן אויסגעקװײַלעכדיקט ליאַלקע־פּנים, נישט נאָר די בלייכע באַקן און די גאָמבע זענען געווען קײַלעכדיק, נײַערט אויך די שלייפֿן און די שטערן־ווינקלען. „יאָזעף!" האָט דער פֿעטער ווידער אַ רוף געטאָן, און דאָס מיידל האָט ער געפֿרעגט: „איז עס דאָס האַרץ?" „איך מיין אַזוי," האָט געזאָגט דאָס מיידל, וואָס האָט פֿונדעסטוועגן נאָך באַוויזן פֿאַרויסצוגיין מיטן ליכט און צו עפֿענען די צימערטיר. אין אַ ווינקל פֿון יענעם צימער, וווּ די שײַן פֿונעם ליכט איז נאָך נישט אָנגעקומען, האָט זיך אין בעט אַ הייב געטאָן אַ פּנים מיט אַ לאַנגער באָרד. „לעני, ווער איז עס דאָרט?" האָט געפֿרעגט דער אַדוואָקאַט, וואָס האָט נישט דערקענט די געסט צוליב דעם בלענד פֿונעם ליכט. „אַלבערט, דאָס בין איך, דײַן אַלטער פֿרײַנד", האָט געזאָגט דער פֿעטער. „אַך, אַלבערט," האָט געענטפֿערט דער אַדוואָקאַט און האָט זיך צוריק אַראָפּגעלאָזט אויף די קישנס, ווי איינער זאָגט: בײַ דעם וויזיט דאַרף איך נישט מאַכן קיין אָנשטעל. „איז עס אויף אַן אמת אַזוי ביטער?" האָט דער פֿעטער געפֿרעגט און האָט זיך געזעצט אויפֿן ראַנד פֿון בעט. „איך גלייב עס נישט. עס איז נישט מער ווי נאָך אַן אָנפֿאַל פֿון דײַן האַרץ־קרענק און וועט אַריבערגיין פּונקט ווי די פֿריִערדיקע." „קען זײַן," האָט דער אַדוואָקאַט געשעפּטשעט, „עס איז אָבער ערגער ווי עס איז ווען נישט איז פֿריִער געווען. איך אָטעם קוים, איך שלאָף אין גאַנצן נישט און טאָג־אײַן טאָג־אויס פֿאַרליר איך מער כּוחות." „אַזוי," האָט געזאָגט דער פֿעטער, און האָט מיט זײַן גרויסער האַנט פֿעסט געדריקט דעם פּאַנאַמאַ־הוט אויף זײַנע קני. „דאָס זענען שלעכטע נײַס. אַגבֿ, זעט מען דיך צו ווי ס'געהער צו זײַן? ס'איז דאָ עפּעס אַזוי אומעטיק בײַ דיר, אַזוי טונקל. אמת, אַז עס איז שוין אַ שטיקל צײַט אַוועק זינט איך בין דאָ דאָס לעצטע מאָל געווען; דעמאָלט האָט זיך מיר אויסגעדאַכט, אַז עס איז דאָ אַ ביסל היימישער. אויך דאָס קליינע פֿרײַלין דײַנס זעט נישט אויס אַזוי פֿריילעך, אָדער זי מאַכט זיך נאָר אַזוי." דאָס מיידל איז נאָך אַלץ געשטאַנען מיט דעם ליכט האַרט בײַ דער טיר; אויף ווי ווײַט מען האָט געקענט דערקענען פֿון איר אומבאַשטימטן בליק, האָט זי גיכער געקוקט אויף ק. ווי אויפֿן פֿעטער; אַפֿילו איצט, ווען ער האָט גערעדט וועגן איר. ק. האָט זיך אָנגעשפּאַרט אָן אַ שטול, וואָס ער האָט צוגערוקט נאָענט צום מיידל. „אַז מען איז אַזוי קראַנק ווי איך," האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, „מוז מען קודם־כּל האָבן רו. מיר איז נישט אומעטיק." אין אַ רגע אַרום האָט ער צוגעגעבן: „און לעני גיט אויף מיר גוט אַכטונג, אַ וווילע מיידל." דעם פֿעטער האָט דאָס אָבער נאָך אַלץ נישט געקענט איבערצײַגן; עס איז געווען קלאָר, אַז ער האָט עפּעס אַ בייז האַרץ אויף דער קראַנקן־שוועסטער, און כאָטש ער האָט אַפֿילו דעם קראַנקן גאָרנישט געענטפֿערט, האָט ער פֿונדעסטוועגן מיט שטרענגע בליקן נאָכגעקוקט דער שוועסטער, ווי אַזוי זי גייט צו צום בעט, ווי אַזוי זי שטעלט דאָס ליכט אויפֿן נאַכטטישל, ווי אַזוי זי בייגט זיך איבער איבערן קראַנקן און ווי אַזוי זי

שעפּטשעט עפּעס אין אים אַרײַן, בשעת זי מאַכט צו רעכט די קישנס. ער האָט כמעט פֿאַרגעסן אינעם קראַנקן, איז אויפֿגעשטאַנען, נאָכגעגאַנגען דער שוועסטער שריט בײַ שריט, אַהין און אַהער; און ק. וואָלט זיך אַפֿילו נישט פֿאַרחידושט, ווען דער פֿעטער וואָלט זי פֿון הינטן אָנגעכאַפּט בײַ די קליידער און אַוועקגעשלעפּט פֿון בעט. ק., אָבער, האָט זיך צו דעם אַלעמען רויִק צוגעקוקט ווי אַ זײַטיקער. און מען קען נישט זאָגן, אַז די קרענק פֿונעם אַדוואָקאַט איז אים אין גאַנצן נישט געווען צום האַרצן. אמת איז, אַז ער האָט זיך נישט געקענט נאַטירלעך אַנטקעגנ־שטעלן דעם אימפּעט, מיט וועלכן דער פֿעטער האָט זיך פֿאַראינטערעסירט מיט זײַן ענין; דערפֿאַר אָבער האָט ער איצט גערן פֿאַר ליב אָנגענומען אָט דעם שטער, וואָס האָט אָן זײַן אַרײַנמישונג זיך אַנטקעגנגעשטעלט דעם אימפּעט פֿון זײַן פֿעטער. דאָ האָט דער פֿעטער אַ זאָג געטאָן; און קען זײַן, אַז אויסשליסלעך מיט דער כּוונה צו באַליידיקן די קראַנקן־שוועסטער: „פֿרײַלין, זײַט אַזוי גוט און לאָזט אונדז איבער אַליין אויף אַ רגעלע, איך דאַרף מיט מײַן פֿרײַנד אַרומרעדן עפּעס אַ פּריוואַטן ענין.“ די שוועסטער, וואָס איז נאָך געווען טיף איבערגעבויגן איבערן קראַנקן, און האָט פּונקט אויסגעגלעט דאָס לײַלעך בײַ דער וואַנט, האָט נאָר אויסגעדרייט דעם קאָפּ און זייער רויִק געזאָגט: „איר זעט דאָך, דער הער איז קראַנק, ער קען נישט אַרומרעדן קיין שום פּריוואַטע ענינים.“ אירע רויִקע ווערטער זענען געווען אין אַ גרויסן קאָנטראַסט צו די רייד פֿון פֿעטער, רייד מיט כּעס און רציחה. זי האָט די ווערטער פֿון פֿעטער מסתּמא נאָר צוליב פּשוטער באַקוועמלעכקייט איבערגע־חזרט, פֿונדעסטוועגן האָט עס אַפֿילו אַ זײַטיקער געקענט אויפֿנעמען ווי אַ ביסל אַ חוזק; דער פֿעטער איז, פֿאַרשטייט זיך, תּיכּף אויפֿגעשפּרונגען ווי אַ געביסענער. „דו אויסוואורף,“ האָט ער אַרויסגעשיפּעט. צוליב זײַן גרויסן כּעס איז זײַן זאָג געווען היפּשלעך אומפֿאַרשטענדלעך. ק.׳ן איז באַפֿאַלן אַ פּחד, כאָטש ער האָט דערוואַרט עפּעס אַן ענלעכן אויסברוך; ער איז צוגעלאָפֿן צום פֿעטער מיט דער פֿעסטער כּוונה, מיט בײדע הענט אים צו פֿאַרשטאָפּן דאָס מויל. צום גליק האָט זיך דער קראַנקער פּונקט אַ הייב געטאָן הינטער דעם מיידל; דער פֿעטער האָט פֿאַרצויגן דאָס פּנים מיט אַ פֿינצטערער מינע, ווי איינער וואָס שלינגט אַראָפּ אַ שרעקלעכן שרעק, און האָט געזאָגט שוין אַ ביסל רויִקער: „מיר האָבן אַליין, פֿאַרשטייט זיך, אויך נאָך נישט פֿאַרלוירן דעם שׂכל אונדזערן; וואָלט דאָס, וואָס איך פֿאָדער, נישט מעגלעך געווען, וואָלט איך עס אַוודאי נישט געפֿאָדערט. זײַט אַזוי גוט און גייט איצט אַוועק!“ די קראַנקן־שוועסטער איז געשטאַנען אויסגעשטרעקט בײַם בעט, פּנים־אל־פּנים צום פֿעטער, מיט איין האַנט האָט זי געגלעט די האַנט פֿון אַדוואָ־קאַט; לכל־הפּחות האָט זיך עס ק. געדאַכט, אַז ער באַמערקט עס. „דו קענסט אין לעניס אַנוועזנהייט אַלץ דערציילן,“ האָט געזאָגט דער קראַנקער; און עס איז קיין ספק נישט געווען, אַז דאָס איז אַפֿילו זײַן דרינגענדיקע בקשה. „עס האָט נישט קיין שײַכות צו מיר,“ האָט געענטפֿערט דער פֿעטער, „עס איז נישט מײַן סוד.“ און ער האָט זיך אַ דריי געטאָן, ווי איינער רעדט: קיין וואָרט מער; אָבער

פֿונדעסטוועגן גיט ער נאָך פֿאָרט איין איינציקן שאַנס. „אין ווען זשע גייט עס,״ האָט געפֿרעגט דער אַדוואָקאַט מיט אַ שטים ווי אַ גוסס, און האָט זיך צוריקגעלייגט. „מײַן פּלימעניק,״ האָט געזאָגט דער פֿעטער, „אָט איז ער, איך האָב אים מיטגעבראַכט.״ און ער האָט פֿאָרגעשטעלט: „פּראָקוריסט יאָזעף ק.״ „אָ,״ האָט געזאָגט דער קראַנקער, אַ ביסל אויפֿגעלעבט, און האָט אויסגעשטרעקט די האַנט צו ק. „אַנטשולדיקט, איך האָב אײַך אין גאַנצן נישט באַמערקט. גיי, לעני,״ האָט ער באַלד געזאָגט צו דער קראַנקן־שוועסטער; וועלכע האָט זיך לחלוטין נישט געווערט; ער האָט איר דערלאַנגט די האַנט, וואָס דאָס האָט געדאַרפֿט מיינען, אַז ער געזעגנט זיך אויף אַ שטיקל צײַט. „דו ביסט, הייסט עס,״ האָט ער ענדלעך געזאָגט צום פֿעטער, וואָס איז, אַן איבערגעבעטענער, אַ ביסל נעענטער צוגעקומען, „נישט געקומען כּדי מיר צו מאַכן אַ קראַנקן־באַזוך, נאָר גאָר צוליב געשעפֿטן.״ ס'איז אויסגעקומען, אַז דער געדאַנק פֿון אַ קראַנקן־באַזוך האָט דעם אַדוואָקאַט ביז איצט ממש געליימט געמאַכט; אַזוי שטאַרק בײַ די כּוחות האָט ער איצט אויסגעזען; ער איז געבליבן כּסדר אָנגעשפּאַרט אויף אַן עלנבויגן, וואָס דאָס איז אים, משמעות, נישט גאַנץ גרינג אָנגעקומען; דערצו האָט ער כּסדר געצויגן אַ פּאַסמע האָר פֿון דער סאַמע מיט פֿון זײַן באָרד. „דו זעסט שוין אַ סך בעסער אויס,״ האָט געזאָגט דער פֿעטער, „זינט די דאָזיקע מכשפֿה איז אַרויסגעגאַנגען.״ און ער האָט זיך אַליין איבערגעשלאָגן די רייד און אַ שעפּטשע געטאָן: „איך גיי אין אַ געוועט, אַז זי הערט זיך אונטער!״ און ער האָט געגעבן אַ שפּרונג צו דער טיר. אָבער הינטער דער טיר איז נישט געווען קיין נפֿש. דער פֿעטער איז צוריקגעקומען לחלוטין נישט אַנטוישט, ווײַל איר נישט־אונטערהערן זיך איז אים פֿאָרגעקומען ווי אַ נאָך גרעסערע רשעות. פֿאַרביטערט איז ער אָבער יאָ געווען. „דו קענסט זי פּשוט נישט,״ האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, און קיין וואָרט מער נישט צוגעגעבן די שוועסטער צו פֿאַרטיידיקן. אפֿשר האָט ער דערמיט געוואָלט אַרויסברענגען, אַז זי נייטיקט זיך נישט מען זאָל זי באַשיצן. און מיט מער פֿרײַנדלעכקייט אין טאָן האָט ער איצט ווײַטער גערעדט: „וואָס שייך דעם ענין פֿון דײַן פּלימעניק, וועל איך אויף אַן אמת גליקלעך זײַן, אויב מײַנע כּוחות וועלן מיר דינען אַזוי ווײַט, אַז איך זאָל זיך מיט דער דאָזיקער אויסערגעוויינטלעך שווערער אויפֿגאַבע פֿאַרנעמען; איך האָב אָבער מורא, אַז זיי זענען נישט־גרויס גענוג, מײַנע כּוחות; נאָר ווי די זאַך זאָל נישט זײַן וועל איך טאָן אַלץ; און אויב איך וועל אַליין נישט זײַן בכּוח קען מען נאָך עמעצן אַנדערש צוציִען. זאָגן דיר דעם אמת, אינטערעסירט מיך דער ענין צו שטאַרק, אַז איך זאָל מיר קענען פֿאַרגינען אין גאַנצן זיך אָפּצוזאָגן פֿון וועלכער נישט איז באַטייליקונג אין אים. ווערט עס מײַן האַרץ נישט אויסהאַלטן — ווערט דאָס כאָטש זײַן אַ ווערדיקע געלעגנהייט אין גאַנצן זיך אָפּצושטעלן.״ ק. איז געווען זיכער, אַז ער פֿאַרשטייט נישט קיין איינציק וואָרט פֿון דער גאַנצער דרשה. ער האָט אָנגעקוקט דעם פֿעטער, ווי איינער רעדט: גיב מיר צו פֿאַרשטיין — אָבער דער פֿעטער איז רויִק געזעסן; עפּעס האָט ער דאָס ליכט, וואָס איז

געשטאַנען אויפֿן נאַכטטישל, צוגעהאַלטן מיט דער האַנט און פֿונעם נאַכטטישל האָט זיך שוין איין מעדיצין־פֿלעשל אַראָפּגעקוילערט אויפֿן טעפּעכל; דער פֿעטער שווײַגט און שאָקלט צו מיטן קאָפּ צו אַלץ, וואָס דער אַדוואָקאַט זאָגט; נישט נאָר איז ער, הייסט עס, אַליין מסכּים צו אַלץ, נאָר ער קוקט פֿון צײַט צו צײַט אויף ק. ווי מיט אַ פֿאַרלאַנג, אַז אויך ער זאָל מסכּים זײַן. צי האָט נישט אפֿשר דער פֿעטער שוין פֿריִער דערציילט דעם אַדוואָקאַט וועגן דעם פּראָצעס? אָבער דאָס איז דאָך אוממעגלעך; אַלץ, וואָס איז ביז איצט געשען, האָט גערעדט קעגן דעם. „איך פֿאַרשטיי נישט —“, האָט ער דעריבער געזאָגט. „יאָ, האָב איך אײַך אפֿשר שלעכט פֿאַרשטאַנען?“ האָט דער אַדוואָקאַט אַ פֿרעג געטאָן מיט דער זעלבער שטוינונג און פֿאַרלעגנהייט ווי ק. „אפֿשר האָב איך זיך צוגעאײַלט. וועגן וואָס האָט איר געוואָלט רעדן מיט מיר? איך האָב געמיינט, אַז עס האַנדלט זיך אין אײַער פּראָצעס?“ „אַוודאי,“ האָט געזאָגט דער פֿעטער און האָט געשטעלט ק. אַ פֿראַגע: „וואָס ווילסטו אייגנטלעך?“ „יאָ, אָבער פֿון וואַנעט ווייסט איר דען בכלל עפּעס וועגן מיר און וועגן מײַן פּראָצעס?“ האָט ק. געפֿרעגט. „אָ, אַזוי,“ האָט דער אַדוואָקאַט אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל, „איך בין דאָך אַן אַדוואָקאַט, איך דריי זיך אַרום צווישן די געריכטן; מען דערציילט זיך וועגן אַלערליי פּראָצעסן, און די מער אויפֿפֿאַלנדיקע, דער עיקר ווען עס האַנדלט זיך וועגן אַ פּלימעניק פֿון אַ פֿרײַנד, בלײַבן שטעקן אין זכּרון. דאָס איז דאָך נישט קיין אויסערגעוויינטלעכע זאַך.“ „וואָס ווילסטו אייגנטלעך?“ האָט דער פֿעטער נאָך אַ מאָל אַ פֿרעג געטאָן. „דו ביסט אַזוי אומרויִק.“ „איר דרייט זיך אַרום אין די דאָזיקע געריכטסקרײַזן?“ האָט ק. געפֿרעגט. „יאָ,“ האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט. „דו פֿרעגסט ווי אַ קינד,“ האָט געזאָגט דער פֿעטער. „מיט וועמען דען זאָל איך זיך חבֿרן, אויב נישט מיט מענטשן פֿון מײַן פֿאַך?“ האָט צוגעגעבן דער אַדוואָקאַט. עס האָט געקלונגען אַזוי נאַטירלעך, אַז ק. האָט זיך מיט קיין וואָרט מער נישט אָנגערופֿן. איר אַרבעט דאָך בײַם געריכט אין יוסטיץ־פּאַלאַץ, און נישט דאָרט אין יענעם, אויפֿן בוידעם,“ האָט זיך אים געגלוסט צו זאָגן; ער האָט זיך אָבער נישט געקענט גובֿר זײַן עס אויף אַן אמת אַרויסצוברענגען. „איר דאַרפֿט אויך נעמען אין אַכט,“ האָט דער אַדוואָקאַט ווײַטער געצויגן אין אַ טאָן, ווי מען קלערט עפּעס אויף, וואָס מען קען פֿאַרשטיין פֿון זיך אַליין און וואָס עס איז איבעריק אויפֿצוקלערן און מען זאָגט עס נאָר אַזוי זיך, כּלאַחר־יד; „איר דאַרפֿט דאָך אויך נעמען אין אַכט, אַז פֿון אַזאַ חבֿרן זיך קומט נישט איין מאָל אַרויס אַ גרויסע טובֿה פֿאַר מײַנע קליענטן, און דאָס אַפֿילו אויף גאָר פֿאַרשיידענערליי אופֿנים און — נישט נייטיק אין דער אמתן אַ סך וועגן דעם צו רעדן. אַוודאי בין איך איצט צוליב מײַן קרענק אַ ביסל הינטערשטעליק, פֿונדעסטוועגן קומט מען צו מיר אַהיים, בעיקר גוטע פֿרײַנד פֿון געריכט, און מען ווערט שוין געוואָר וואָס מען דאַרף, דאָ אַ ביסל, דאָרט אַ ביסל. מען ווערט אַפֿילו געוואָר מער ווי אַנדערע, וואָס זענען בײַם בעסטן געזונט און ליגן אָפּ גאַנצענע טעג אין געריכט. אָט האָב איך, למשל, פּונקט איצט אַ ליבן באַזוך.“ און ער האָט אַ ווײַז געטאָן אין דער ריכטונג פֿון אַ פֿינצטער ווינקעלע

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אין צימער. „ווו איז עס?“ האָט ק. אין דער ערשטער איבערראַשונג, כּמעט גראָב אַ פֿרעג געטאָן. ער האָט זיך נערוועז אַרומגעקוקט; דאָס ליכט פֿון דעם קליינעם לײַכטערל איז אָבער בשום אופֿן נישט אַרײַנגעדרונגען אַזוי ווײַט, אַזש ביז צו דער אַנטקעגנדיקער וואַנט. און אויף אַן אמת האָט זיך דאָרט אין ווינקל תּיכּף עפּעס אָנגעהויבן צו רירן. אינעם שײַן פֿון דעם ליכט, וואָס דער פֿעטער האָט איצט שטאַרק אויפֿגעהויבן, האָט מען דאָרט בײַ אַ קליין טישעלע, געזען זיצן אַן עלטערן מאַן. עס האָט אויסגעוויזן ווי ער וואָלט לחלוטין ביז איצט נישט געאָטעמט, אויב מען האָט אים אַזוי לאַנג געקענט נישט באַמערקן. איצט איז ער אָבער זייער פֿאַרנעמיק אויפֿגעשטאַנען פֿון אָרט, און עס איז געווען קלאָר, אַז ער איז זייער נישט־צופֿרידן דערמיט, וואָס מען האָט אויף אים אָנגעוויזן. עס האָט אויסגעזען, ווי ער וואָרט שוין תּיכּף אָפּ מיט די הענט אַלע מעגלעכע באַגריסעכצער און פֿאַרשטעלעכצער, ווײַל ער וויל בשום אופֿן נישט ווען עס איז שטערן מיט זײַן אָנוועזנהייט, און בכּלל בעט ער און פֿאָדערט, אַז מען זאָל אים ווידער לאָזן זיך אַרײַנזעצן אין זײַן פֿינצטער ווינקעלע און מען זאָל פֿאַרגעסן, אַז ער איז דאָ גאָר פֿאַראַן. אָבער דאָס האָט מען אים איצט נישט געקענט נאָכגעבן. „איר האָט אונדז — ווייסט איר — איבערראַשט,“ האָט אויפֿקלערנדיק געזאָגט דער אַדוואָקאַט און האָט צוגעווונקען צו דעם הער אין ווינקל, כּדי אים אַ ביסל צו קוראַזשירן צוצוקומען נענטער; יענער האָט עס געטאָן, אָבער זייער פּאַוואָליע, טריט בײַ טריט; ער האָט זיך כּסדר אַרומגעקוקט און דאָך נישט פֿאַרלוירן זײַן חשיבֿות. „דאָס איז דער הער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר. אוי, אַנטשולדיקט, איך האָב דאָך פֿאַרגעסן פֿאָרצושטעלן: דאָס איז מײַן פֿרײַנד אַלבערט ק., דאָס איז זײַן פּלימעניק, דער פּראָקוריסט יאָזעף ק. און דאָס איז דער הער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר — דער הער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר — יאָ, ער איז געווען אַזוי פֿרײַנדלעך און האָט מיר אָפּגעשטאַט אַ וויזיט. און וואָס עס מיינט אַזאַ באַזוך, דאָס קען נאָר דער אָפּשאַצן, וואָס איז אַן אײַנגעווייניקסטיקער מענטש, און ווייסט ווי אַזוי דער הער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר איז איבערגעלאָדן מיט אַרבעט. און דאָך איז ער געקומען מיך באַזוכן און מיר האָבן געהאַט אַ שטיל־רויִקן שמועס, אויף ווי ווײַט מײַן שוואַכער געזונט האָט עס נאָר צוגעלאָזן. אמת איז, אַז מיר האָבן לעניִן נישט פֿאַרבאָטן אַרײַנצולאָזן באַזוכער, ווײַל מיר האָבן, גאַנץ פּשוט, קיינעם נישט דער־וואַרט; פֿונדעסטוועגן האָבן מיר פֿאָרט געטראַכט, אַז מיר דאַרפֿן בלײַבן אונטער פֿיר אויגן; און דאָ זענען געקומען דײַנע קלעפּ מיט די פֿויסטן, אַלבערט, דער הער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר האָט אַ רוק געטאָן די שטול מיטן טישעלע אין ווינקל אַרײַן. איצט אָבער ווײַזט זיך אַרויס, אַז עס איז פֿאַראַנען אַ מעגלעכקייט — דאָס הייסט, אויב עס איז פֿאַראַנען אַזאַ ווונטש — אַז מיר זאָלן האָבן אַ שותּפֿותדיקן עניִין אַרומצורעדן, און ממילא קענען מיר זייער גוט זיך ווידער צוזאַמענרוקן נענטער. — הער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר,“ האָט ער געזאָגט מיט אַ שאָקל פֿון קאָפּ און מיט אַ הכנעהדיק שמייכעלע און האָט אָנגעוויזן אויף אַ פֿאָטערשטול נאָענט פֿון בעט. „צום באַדויערן קען איך נאָר עטלעכע געציילטע

מינוטן נאָך דאָ בלײַבן," האָט פֿרײַנדלעך געזאָגט דער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר. ער האָט זיך ברייט אַוועקגעזעצט אין דער פֿאָטערשטול און האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן זייגער, „די עסקים רופֿן מיך. נאָר ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, וויל איך נישט דורכלאָזן די געלעגנהייט צו באַקענען זיך מיט אַ פֿרײַנד פֿון מײַן פֿרײַנד." ער האָט אַ גרינגן נייג געטאָן דעם קאָפּ אין דעם פֿעטערס זײַט; יענער איז, ווי עס ווײַזט אויס, זייער צופֿרידן געווען פֿון דער נײַער באַקאַנטשאַפֿט; דאָך האָט ער, צוליב זײַן נאַטור, קיין מאָל נישט געקענט אויסדריקן קיין געפֿילן פֿון איבערגעגעבנקייט; האָט ער דעריבער גאָר באַגלייט די ווערטער פֿון קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר מיט אַן אַ ביסל פֿאַרלוירענעם און דאָך העלן געלעכטער. אַ שווידערלעך בילד! ק. האָט רויִק אַלץ געקענט אָבסערווירן, ווײַל קיינער האָט זיך מיט אים נישט פֿאַרנומען. דער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר האָט תּיכּף באַהערשט דעם שמועס — סײַ ווי האָט מען אים דאָך שוין אַרויסגעצויגן פֿון באַהעלטעניש — און עס איז, ווײַזט אויס, אַלע מאָל זײַן טבֿע געווען אַזוי זיך צו באַנעמען אין אַ געזעלשאַפֿט. דער אַדוואָקאַט, ווידער, וואָס זײַן פֿריִערדיקער אָנפֿאַל פֿון שוואַכקייט האָט משמעות נאָר געדאַרפֿט זײַן אַן אויסרייד צו פֿאַרטרײַבן די נײַע געסט, האָט איצט געהאַלטן די האַנט בײַם אויער און האָט זיך זייער אויפֿמערקזאַם צוגעהערט. און דער פֿעטער, וואָס האָט געהאַלטן דעם לײַכטער, האָט זיך כּסדר געשפּילט מיטן ליכט, וואָס האָט זיך אַהין און אַהער געשאָקלט אויף זײַן פֿוס, העכער פֿון קני (דער אַדוואָקאַט האָט טאַקע פֿול מיט שרעק און זאָרג אַלע מאָל אַהין געקוקט). יאָ, דער פֿעטער האָט זיך באַלד באַפֿרײַט פֿון זײַן פֿאַרלעגנהייט און איז געווען פֿול מיט התלהבֿות, סײַ פֿון דעם אופֿן ווי אַזוי דער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר האָט גערעדט, און סײַ פֿון זײַנע ווייכע, כוואַליעדיקע האַנט־באַוועגונגען בײַם אַרויסברענגען זײַנע ווערטער. ק., וואָס איז געשטאַנען אַן אָנגעשפּאַרטער אָן בעטווענטל, און ווי עס ווײַזט אויס, האָט אים דער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר בכּוונה אין גאַנצן אַזוי פֿאַרזען — האָט דעריבער געהאַט נאָר איין זאַך צו טאָן: צו זײַן דער צוהערער פֿון די בײדע אַלטע הערן. אַגבֿ האָט ער קוים געקענט כאַפּן וועגן וואָס מען רעדט דאָ; איז ער געשטאַנען און געטראַכט — דאָ וועגן דער קראַנקן־שוועסטער און וועגן דעם ווי אַזוי דער פֿעטער האָט זי שלעכט באַהאַנדלט, און דאָ וועגן דעם, צי האָט ער נישט אפֿשר דעם קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר שוין אַ מאָל געזען, אפֿשר גאָר צווישן עולם פֿון דער פֿאַרזאַמלונג בײַ זײַן ערשטער אויספֿאָרשונג. און אויב עס איז אַפֿילו אַ טעות פֿון זײַן זײַט און עס דאַכט זיך אים נאָר אַזוי, וואָלט זיך דער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר סײַ ווי אויסגעצייכנט אַרײַנגעפּאַסט אין דער ערשטער ריי פֿון די אָנטיילנעמערס פֿון יענער אסיפֿה, בעיקר צווישן די אַלטע הערן מיט די שיטערע בערדלעך.

פֿלוצלינג האָט זיך דערהערט פֿון פֿאָדער־צימער אַ ליאַרעם ווי מע וואָלט דאָרט געבראָכן פּאָרצעלײַן־געשיר; אַלע האָבן אָנגעשפּיצט די אויערן. „איך וועל נאָכקוקן, וואָס עס איז דאָרט געשען," האָט ק. אַ זאָג געטאָן און איז פּאַוואָליע אַרויס, אָבער אַזוי ווי איינער וואָס וויל עמעצן געבן אַ געלעגנהייט, אַז מען זאָל

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אים צוריקהאַלטן. אין דער רגע, ווי נאָר ער איז אין פֿאָדער־צימער אַרײַן און זיך געוואָלט אַ ביסל אָריענטירן אין דער פֿינצטערניש, האָט זיך אויף דער האַנט פֿון ק., מיט וועלכער ער האָט צוגעהאַלטן די טיר, אַרויפֿגעלייגט אַ קליינע האַנט, אַ סך קלענער ווי זײַנע, און האָט שטילערהייט פֿאַרשלאָסן די קליאַמקע. עס איז געווען די האַנט פֿון דער שוועסטער, וואָס האָט דאָ געוואַרט. „עס איז גאָרנישט געשען," האָט זי געשעפּטשעט, „דאָס האָב איך נאָר אַ טעלער אויף דער וואַנט אַ שמיץ געטאָן, כּדי אײַך אַרויסצובאַקומען." אין זײַן פֿאַרלעגנהייט האָט ק. אַ זאָג געטאָן: „אויך איך האָב וועגן אײַך געטראַכט." „איז נאָך בעסער," האָט געענטפֿערט די קראַנקן־שוועסטער, „איז קומט." אָפּגעגאַנגען אַ פּאָר שריט, זענען זיי צוגעקומען צו אַ טיר מיט אַ שויב פֿון מאַטן גלאָז, און די שוועסטער האָט די טיר געעפֿנט. גיט נאָר אַ גיי אַרײַן," האָט זי געזאָגט. עס איז קלאָר געווען, אַז דאָס איז דאָס אַרבעט־צימער פֿון אַדוואָקאַט; ווי ווײַט עס איז מעגלעך געווען אין לבֿנה־שײַן צו זען — און דאָס ווײַסע ליכט איז געפֿאַלן אין דרײַ קליינע פֿירעקעכ־דיקע שטיקלעך אויף דער בריק, בײַ יעדן פֿון די דרײַ גרויסע פֿענצטער — איז דאָס צימער געווען אויסגעשטאַפּירט מיט אַלטע, שווערע מעבלשטיקער. „דאָ אַהער," האָט די שוועסטער געזאָגט און האָט אָנגעוויזן אויף אַ טונקעלן קופּערט מיט אַן אָנלען פֿון האָלץ־שניצערײַען. שוין זעצנדיק זיך, האָט זיך ק. אַרומגעקוקט אין צימער. עס איז געווען אַ הויך, גרויס צימער; די קליענטן פֿון דעם אַדוואָקאַט פֿון אָרעמע לײַט מוזן זיך דאָ אין גאַנצן פֿילן פֿאַרלוירן. ק.׳ן האָט זיך אַפֿילו געדאַכט, אַז ער זעט די קליינע אָרעמע שריטעלעך זייערע, מיט וועלכע זיי דער־גענטערן זיך פּאַוואָליע צו דעם ריזיקן שרײַבטיש. אָבער באַלד האָבן אים די דאָזיקע געדאַנקען פֿאַרלאָזט און זײַנע אויגן זענען נאָר געווען געווענדט צו דער קראַנקן־שוועסטער, וואָס איז געזעסן גאַנץ נאָענט נעבן אים, אַזוי נאָענט, אַז שטויסנדיק אים כּמעט צו דער צווייטער זײַט פֿון אָנלען. „איך האָב געטראַכט," האָט זי געזאָגט, „אַז איר וועט פֿון זיך אַליין צו מיר אַרויסקומען, און נישט, אַז איך וועל אײַך ערשט דאַרפֿן רופֿן. עס איז דאָך מאָדנע געווען. קודם־כּל האָט איר מיך כּסדר אָנגעקוקט, ממש פֿון דער רגע אָן ווי איר זענט נאָר אַרײַנגעקומען, און שפּעטער האָט איר מיך געלאָזט וואַרטן. איבעריקנס — רופֿט מיך לעני," האָט זי גיך און גלײַך צוגעגעבן, ווי אײנער רעדט — לאָמיר נישט פֿאַרלירן קיין איין רגע פֿון אונדזער דורכשמועס. „פֿאַר וואָס נישט?" האָט ק. געזאָגט, „און דאָס וואָס עס איז אײַך אַזוי מאָדנע פֿאָרגעקומען, לעני, דאָס לאָזט זיך גאַנץ גרינג דערקלערן. ערשטנס, האָב איך זיך דאָך געמוזט צוהערן צום געפּלאַפּל פֿון די אַלטע הערן; אָן אַ סיבה האָב איך נישט געקענט אַוועקלויפֿן; צווייטנס, בין איך נישט קיין עזות־פּנים, גיכער בין איך אַ ביסל אַ שעמעוודיקער, און אויך איר, לעני, האָט בשום אופֿן נישט אויסגעזען ווי אַזאַ, וואָס מען קען כאַפּן מיט איין שפּרונג." „נישט דאָס מיין איך," האָט לעני געזאָגט. זי האָט אַרויפֿגעלייגט די האַנט אויפֿן אָנלען און האָט געקוקט אויף ק., „אָבער איך בין אײַך נישט געפֿעלן און געפֿעל אײַך מסתמא אויך איצט נישט." „געפֿעלן, דאָס אין גאַנצן," האָט ק.

אויסמײַדנדיק געזאָגט. „אָ!" האָט זי מיט אַ שמייכעלע אַ זאָג געטאָן, און האָט, סײַ דורך דער באַמערקונג פֿון ק. און סײַ דורך דעם קליינעם אויסרוף, געוווּנען צו ביסלעך די איבערהאַנט. דעריבער טאַקע איז ק. אויף אַ רגע אַנטשוויגן געוואָרן. אַזוי ווי ער האָט זיך דערוויַל צוגעוווינט צו דער טונקלקייט פֿון צימער, האָט ער איצט שוין גרינג געקענט געניויער דערקענען געוויסע אײנצלהייטן פֿון דער מעבלירונג. בעיקר איז אים אויפֿגעפֿאַלן אַ גרויס בילד, וואָס איז געהאַנגען אין דער רעכטער זײַט פֿון דער טיר; ער האָט זיך אַ שטרעק געטאָן פֿאָרויס, כּדי עס בעסער צו זען. עס איז געווען אַ בילד פֿון אַ מאַן אין אַ טאָגע פֿון אַ ריכטער. ער איז געזעסן אויף אַ הויכן טראָנשטול, וואָס האָט דײַטלעך געשימערט מיט אַן אַ שיעור גאָלד. ביז גאָר מאָדנע איז געווען דאָס, וואָס אָט דער ריכטער איז אין אָט דעם בילד דווקא נישט געזעסן ווי געווייַנטלעך אין בכּבֿודיקער רו; מיט דעם לינקן אָרעם האָט ער פֿעסט געדריקט די הינטערשטע און אויך די זײַטיקע אָנלענען פֿון שטול; זײַן רעכטער אָרעם איז געווען אין גאַנצן פֿרײַ און נאָר מיט דער האַנטפֿלאַך האָט ער ווי אָנגעכאַפּט דעם זײַטיקן אָנלען, און עס האָט אויסגעזען ווי אָט־אָט וועט ער מיט אַ האַסטיקן, און אפֿשר כּעסדיקן קער און ווענד אַ שפּרונג טאָן, כּדי צו זאָגן עפּעס אַ וואָרט אַזאַ, וואָס פֿון אים איז אָפּהענגיק אַ סך, אָדער אפֿשר וועט ער גאָר אָנזאָגן דעם אורטייל. מען האָט זיך אַפֿילו גרינגלעך געקענט פֿאָרשטעלן, אַז דער באַשולדיטער ליגט דאָרט ערגעץ צופֿוסנס פֿון די דאָזיקע טרעפּ, וואָס די איבערשטע פֿון זיי — באַדעקט מיט אַ געלן טעפּעך — זעט מען נאָך פּונקט אויף דעם בילד. „אפֿשר איז דאָס מײַן ריכטער," האָט ק. אַ זאָג געטאָן און געוויזן מיטן פֿינגער אויפֿן בילד. „איך קען אים," האָט לעני געזאָגט און האָט אויך אַ קוק אַרויף געטאָן צום בילד, „ער קומט גאַנץ אָפֿט אַהער. דאָס בילד איז נאָך פֿון זײַנע יונגע יאָרן, עס איז אָבער נישט־מעגלעך, אַז ער איז ווען עס איז אַפֿילו ענלעך געווען צו אָט דער געשטאַלט, ער איז בפֿירוש אַ פּיצינקער. פֿונדעסטוועגן האָט ער זיך אויף אָט דעם בילד געלאָזט אַזוי אויסציִען אין דער לענג; ער איז נאַריש אײַנגעגלייבט אין זיך, איבעריקנס זענען זיי דאָ אַלע אַזוי. אָבער אויך איך האָב אײַנרעדעניש און בין זייער נישט־צופֿרידן דערמיט, וואָס איך געפֿעל אײַך נישט." אויף אָט דער לעצטער באַמערקונג האָט ק. געענטפֿערט אויף דעם אופֿן, וואָס ער האָט לענין אַרומגענומען און זי אַ צי געטאָן צו זיך; זי האָט שטילערהייט אַרויפֿגעלייגט דעם קאָפּ אויף זײַן אַקסל. אָבער וואָס שייך אירע אַנדערע באַמערקונגען, האָט ער געזאָגט: „וואָס פֿאַר אַ ראַנג האָט ער?" „ער איז אַן אויספֿאָרשונגס־ריכטער," האָט זי געזאָגט, האָט אָנגענומען די האַנט פֿון ק., וואָס האָט זי געהאַלטן אַרומגענומען, און האָט זיך געשפּילט מיט זײַנע פֿינגער. „ווידער אַ מאָל בלויז אַן אויספֿאָרשונגס־ריכטער," האָט ק. געזאָגט אַן אַנטוישטער, „די הויכע באַאַמטע באַהאַלטן זיך. אָבער ער זיצט דאָך פֿאָרט אויף אַ טראָנשטול." „דאָס איז אַלץ אַן אויסדוכטעניש," האָט לעני געזאָגט, אײַנבייגנדיק איר פּנים צו דער האַנט פֿון ק. „אין דער אמתן זיצט ער אויף אַ קיכבענקל, באַדעקט מיט אַן אַלטער, צוזאַמענגעלייגטער פֿערדן־דעקע. אָבער איר מוזט דען אַלע מאָל

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

נאָר קלערן וועגן אײַער פּראָצעס?" האָט זי פֿאַוואָליע צוגעגעבן. „ניין, בשום אופֿן נישט," האָט ק. געזאָגט, „אין דער אמתן קלער איך מסתמא אַפֿילו צו ווייניק וועגן אים." „דאָס איז נישט דער טעות, וואָס איר מאַכט," האָט לעני געזאָגט, „איר זענט צו אײַנגעשפּאַרט און נישט נאָכגעביק, אַזוי האָב איך געהערט." „ווער האָט עס געזאָגט?" האָט ק. געפֿרעגט; ער האָט איצט געפֿילט איר גוף בײַ זײַן האַרץ און האָט אַראָפּגעקוקט אויף אירע געדיכטע, טונקעלע, פֿעסט געקניפּטע האָר. „איך וואָלט שוין צו פֿיל פֿאַרראַטן, ווען איך וואָלט אײַך דאָס געזאָגט," האָט לעני געענטפֿערט. „פֿרעגט בעסער נישט אויף נעמען און מאַכט נישט דעם טעות, זײַט נישט מער אַזוי אײַנגעשפּאַרט; קעגן אָט דעם געריכט קען מען זיך נישט פֿאַר־טיידיקן, מען מוז זיך מודה זײַן. די בעסטע זאַך: זײַט זיך מודה בײַ דער סאַמע ערשטער געלעגנהייט. און ערשט דעמאָלט וועט איר באַקומען די מעגלעכקייט זיך אַרויסצודרייען — ערשט דעמאָלט. אָבער אַפֿילו דאָס איז נישט מעגלעך אָן פֿרעמדער הילף, נאָר וואָס שייך אָט דעם, דאַרפֿט איר נישט מורא האָבן; איך וועל אײַך געבן אָט די הילף". „איר פֿאַרשטייט אַ סך וועגן דעם דאָזיקן געריכט, און וועגן די אָפּנאַרערײַען, וואָס מען קען זיך דאָ אָן זיי נישט באַגיין," האָט ק. געזאָגט, און אַזוי ווי זי האָט זיך שוין צו שטאַרק צו אים געטוליעט, האָט ער זי אויפֿגע־הויבן און אַרויפֿגעזעצט אויף זײַנע קני. „אַזוי איז בעסער," האָט זי געזאָגט און האָט זיך באַקוועם געמאַכט אויף זײַן שויס, האָט אויסגעגלעט איר קליידל און אויסגעצויגן די בלוזקע. מיט ביידע הענט האָט זי זיך אַצינד אַרומגעהאָנגען אַרום זײַן האַלדז; אַוועקגעלענט זיך וואָס ווײַטער פֿון אים, נישט אָפּלאָזנדיק די הענט און האָט אים לאַנג אַרײַנגעקוקט אין די אויגן. „און אויב איך וועל זיך נישט מודה זײַן, קענט איר מיר נישט העלפֿן?" האָט ער, אויספּרוּוונדיק, געפֿרעגט. איך געווין מיר העלפֿערינס, האָט ק. געטראַכט, און זיך אַליין געוווּנדערט. קודם־כּל פֿרײַלין בירסטנער, שפּעטער די פֿרוי פֿונעם געריכטס־דינער, און צום סוף אָט אָ די קליינינקע קראַנקן־שוועסטער, וואָס האָט עפּעס אַ מין תּאווה צו מיר — אוממעגלעך צו באַנעמען. ווי זי זיצט דאָס אויף מײַנע קני, ווי דאָס וואָלט געווען דער איינציקער ריכטיקער פּלאַץ פֿאַר איר! „ניין," האָט לעני געענטפֿערט, און האָט פֿאַוואָליע געשאָקלט דעם קאָפּ אין דער ברייט, „דאַן קען איך אײַך נישט העלפֿן. אָבער איר ווילט דאָך גאָרנישט מײַן הילף. עס גייט אײַך גאָרנישט אין דעם, איר זענט אַן אײַנגעשפּאַרטער און איר לאָזט זיך נישט איבערצײַגן." „האָט איר אַ געליבטע?" האָט זי אַ רגע שפּעטער אַ פֿרעג געטאָן. „ניין," האָט ק. געזאָגט. „אָ, פֿאָרט!" האָט זי געזאָגט. „יאָ, אמת," האָט ק. געענטפֿערט. „שטעלט זיך פֿאָר, איך האָב זי פֿאַרלייקנט און איך טראָג דאָך אַפֿילו איר פֿאָטאָגראַפֿיע מיט זיך." זי האָט נישט אָפּגעלאָזט, און ער האָט איר געוויזן עלזאַס בילד. אײַנגעטוליעט אויף די קני פֿון ק. האָט זי זיך אײַנגעקוקט אין דער פֿאָטאָ. עס איז געווען אַ מאָמענט־אויפֿנאַמע; עלזאַ איז דאָ פֿאָטאָגראַפֿירט געוואָרן בײַם פֿאַרענדיקן אַ ווילדן דריי־טאַנץ; זי האָט אַזעלכע טענץ גערן געהאַט צו טאַנצן אין די ווײַנלאָקאַלן. די פֿאַלבן פֿון עלזאַס קלייד זענען נאָך פֿון לעצטן שנעלן דריי געווען פֿאַרוואָרפֿן אַרום איר,

אירע הענט האָט זי געהאַלטן אויף אירע היפּשע קליבעס; מיט אַן אויסגעשטרעקטן האַלדז האָט זי לאַכנדיק געקוקט אָן אַ זײַט צו עמעצן — ווער — איז נישט גרינג געווען צו דערקענען פֿון דעם בילד. „זי איז שטאַרק געשנורעוועט," האָט לעני געזאָגט און האָט אָנגעוויזן אויף יענעם אָרט, ווו דאָס האָט זיך, לויט איר מיינונג, שטאַרק אָנגעזען. „זי געפֿעלט מיר נישט, זי איז אַ בלײַערנער פֿויגל און זי איז אַ גראָבער נפֿש. קען זײַן, אַז צו אײַך איז זי מילד און פֿרײַנדלעך; דאָס זעט זיך אַפֿילו אַרויס פֿון בילד. אַזעלכע גרויסע, שטאַרקע מיידלעך ווייסן אָפֿט נישט פֿון עפּעס בעסערס ווי נאָר צו זײַן פֿרײַנדלעך און מילד. וואָלט זי זיך אָבער געקענט מקריבֿ זײַן צוליב אײַך?" „ניין," האָט ק. געזאָגט. „זי איז נישט מילד, נאָך ווייניקער איז זי פֿרײַנדלעך, און פֿון מקריבֿ זײַן זיך פֿאַר מיר קען בכלל קיין רייד נישט זײַן. איך האָב אויך ביז איצט נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס אַנדערע פֿון איר פֿאַרלאַנגט. יאָ, איך האָב אַפֿילו דאָס בילד קיין מאָל נישט אַזוי גענוי ווי איר אָנגעקוקט." „הייסט עס, אַז זי גייט אײַך קיין סך נישט אָן," האָט לעני געזאָגט, „און דאָס הייסט, אַז זי איז גאָרנישט אײַער געליבטע." „אָ, יאָ," האָט ק. געזאָגט, „איך נעם מײַן וואָרט נישט צוריק." „נו, זאָל זײַן אַז זי איז אײַער געליבטע," האָט לעני געזאָגט, „זי וואָלט אײַך פֿונדעסטוועגן שטאַרק נישט אָפּגעגאַנגען אויב איר וואָלט זי פֿאַרלוירן, אָדער איר וואָלט זי גאָר פֿאַרביטן אויף עמעץ אַנדערש, למשל אויף מיר." „אַוודאי," האָט ק. אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל, „עס איז מעגלעך, אָבער זי פֿאַרמאָגט עפּעס וויכטיקס, עפּעס אַזוינס, וואָס איר פֿאַרמאָגט נישט; זי ווייסט גאָרנישט וועגן מײַן פּראָצעס, און אַפֿילו ווען זי וואָלט יאָ עפּעס געוווסט, וואָלט זי וועגן דעם קיין רגע נישט געטראַכט. זי וואָלט מיך אויך נישט צוגערעדט, אַז איך זאָל זיך אונטערגעבן." „דאָס איז נישט אַזאַ מציאה," האָט לעני געזאָגט. „אויב זי פֿאַרמאָגט נישט נאָך עפּעס חוץ דעם, פֿאַרליר איך נישט דעם מוט. האָט זי נישט עפּעס אַ מום?" „אַ מום?" האָט ק. געפֿרעגט. „יאָ," האָט לעני געזאָגט, „איך, זעט איר, האָב יאָ אַזאַ קליינעם מום. זי האָט פֿונאַנדערשפּרייט דעם מיטלפֿינגער און דעם רינגפֿינגער פֿון איר רעכטער האַנט און באַוויזן, אַז דאָס פֿאַרבינדונגס־הײַטל דאָרט גרייכט כמעט אַזש ביז צום אייבערשטן געלענק פֿון די קורצע פֿינגער. ק. האָט אין דער פֿינצטער נישט באַלד באַנומען, וואָס אייגנטלעך זי וויל אים ווײַזן; האָט זי דעריבער אָנגענומען זײַן האַנט און זי צוגעלייגט צו יענעם אָרט, אַז ער זאָל עס אַליין אָנטאַפּן. „וואָס פֿאַר אַ נאַטור־שפּילערײַ," האָט ק. געזאָגט, און, באַקוקנדיק די האַנט, האָט ער צוגעגעבן: „וואָס פֿאַר אַ שיינע לאַפּע!" נישט אָן שטאָלץ האָט זיך לעני צוגעקוקט ווי ק. וווּנדערט זיך ווידער און אָבער אַ מאָל, ווי ער ציט צונויף און לאָזט פֿונאַנדער אירע צוויי פֿינגער, ביז ער האָט זיי סוף־כּל־סוף אַ כאַפּנדיקן קוש געטאָן און — אָפּגעלאָזט. „אָ!" האָט זי אָבער תּיכּף אַ לײַכטן קוויטש געגעבן, „איר האָט מיך געקושט!" גיך־גיך, מיט אַן אָפֿן מויל, האָט זי זיך אַרויפֿגעדראַפּעט מיט די קני אויף זײַן שויס אַרויף. ק. האָט אַ פֿאַרבליפֿטער כמעט צו איר אַרויפֿגעקוקט; איצט, אַז זי איז געווען אַזוי נאָענט צו אים, האָט ער דערשפּירט אַ ביטערן, אויפֿרייצנדיקן ריח,

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

וואָס זי האָט אַרויסגעגעבן פֿון זיך, אַ ריח ווי פֿון פֿעפֿער; זי האָט אַ שלעפּ געטאָן זײַן קאָפּ צו זיך, האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער אים, געביסן און געקושט זײַן האַלדז, אַפֿילו אין זײַנע האָר האָט זי אַרײַנגעביסן. „איר האָט זי פֿאַרביטן אויף מיר!“ האָט זי אויסגערופֿן איין מאָל און ווידער אַ מאָל. „נו זעט איר, איצט האָט איר זי פֿאַרביטן!“ און דאָ האָט זיך איר קני אַ גליטש אויס געטאָן, און מיט אַ קלײנעם קוויטש איז זי כּמעט אַראָפּגעפֿאַלן אויפֿן טעפּעך; ק. האָט זי אַרומגענומען, כּדי זי נאָך צוצוהאַלטן, ער איז אָבער מיטגעצויגן געוואָרן מיט איר. „איצט באַלאַנגסטו צו מיר,“ האָט זי געזאָגט.

„אָט אַדאָ האָסטו דעם הויזשליסל, קום, ווען עס גלוסט זיך דיר,“ זענען געווען אירע לעצטע ווערטער, און אַ קוש אָן אַ ציל האָט דעם אַוועקגײענדיקן געטראָפֿן אין דער פּלייצע. אַז ער איז אַרויס פֿונעם טויער פֿון הויז, איז געפֿאַלן אַ לײַכטער רעגן; ער האָט געוואָלט אַראָפּגיין פֿון טראָטואַר און אַרײַן אין דער מיט פֿון דער גאַס, כּדי אפֿשר פֿון דאָרט אויס נאָך איין מאָל לענין בײַם פֿענצטער זען; דאָ האָט פּלוצלינג פֿון אַן אויטאָמאָביל, וואָס האָט געוואַרט פֿאַרן הויז, און וואָס ק. האָט אין זײַן צעטרודערונג גאָר נישט באַמערקט, אַ שפּרונג אַרויס געטאָן דער פֿעטער — ער האָט אים אַ כאַפּ געטאָן בײַ בײדע הענט און אים מיט אַזאַ כּוח געשטופּט צום טויער צו, אָט אַזוי ווי ער וואָלט אים דאָרט געוואָלט צושלאָגן מיט טשוועקעס. „דו יונג, דו,“ האָט ער געשריגן, „ווי האָסטו גאָר געקאָנט אַזוינס אָפּטאָן! דו האָסט דײַן ענין, וואָס איז שוין געווען אויף אַ שטיקל וועג, אַ מוראדיקן שאָדן אָפּגעטאָן. גײסט און פֿאַרקריכסט ערגעץ מיט אַ קלײנער פּאַסקודסטווע; וואָס צו די אַלע צרות איז נאָך קלאָר, אַז זי איז די געליבטע פֿון אַדוואָקאַט; און שעהען לאַנג זעט מען דיך נישט. דו זוכסט אַפֿילו נישט קיין אויסרייד, באַהאַלטסט גאָרנישט, ניין, ביסט אין גאַנצן אָפֿנהאַרציק, דו לויפֿסט צו איר און דו בלײַבסט בײַ איר. און פּונקט דעמאָלט זיצן מיר צוזאַמען, דער פֿעטער, וואָס לייגט אויף דײַן זײַט, און קודם־כּל דער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר; אָט דער גרויסער הער, וואָס באַהערשט ממש דײַן ענין אין דײַן איצטיקער סטאַדיע. מיר ווילן זיך דאָ אַן עצה האַלטן, ווי אַזוי מע קען דיר העלפֿן. איך מוז דעם אַדוואָקאַט באַהאַנדלען זייער פֿאָרזיכטיק. ער ווידער, פֿון זײַן זײַט, דאָס גלײַכן דער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר, און דו — על־כּל־פּנים האָסטו דאָך געבנוג סיבות מיך כאָטש צו אונטערשטיצן. שטאָט דעם אָבער ווערסטו נעלם. סוף־כּל־סוף לאָזן זיך אַזעלכע זאַכן נישט באַהאַלטן; נו, עס זענען טאַקע העפֿלעכע, אָבער דאָך געבילדעטע מענער; זיי רעדן נישט דערפֿון, זיי שוינען מיך, סוף־כּל־סוף קענען אָבער אויך זיי זיך נישט מער באַהערשן; און אַזוי ווי רעדן וועגן דער זאַך קענען זיי נישט, ווערן זיי אין גאַנצן אַנטשטומט. מינוטן לאַנג זענען מיר געזעסן און געשוויגן און זיך אײַנגעהערט, אפֿשר וועסטו פֿאָרט ענדלעך אַרײַנקומען. אַלץ אומזיסט. סוף־סוף שטייט דער קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר אויף, סײַ ווי סײַ איז ער שוין לענגער געבליבן, ווי ער האָט לכתּחילה בדעה געהאַט; ער געזעגנט זיך; מע זעט ממש אויף זײַן פּנים, אַז ער פֿילט מיט מיט מיר, אָבער העלפֿן קען ער מיר נישט; מיט אַ פֿרײַנדלעכקייט,

וואָס איז באמת נישט צו באַנעמען, וואַרט ער נאָך אַ שטיקל צײַט אין דער טיר און גייט נאָך דעם אַוועק. פֿאַרשטייט זיך, אַז אין אַזאַ פֿאַל בין איך שוין פּשוט גליקלעך געווען, וואָס ער איז אַוועק. מיר האָט שוין פֿאַרפֿעלט לופֿט צום אָטעמען. אָבער נאָך אַ שטאַרקערן רושם האָט דאָס אַלץ געמאַכט אויף דעם קראַנקן אַדוואָקאַט; דער דאָזיקער גוטער מענטש האָט קיין וואָרט מער נישט געקענט אַרויסברענגען, אַז איך האָב זיך מיט אים געזעגנט. האָסט מסתמא דײַן חלק צוגעטראָגן, אַז דער מאַן זאָל שוין אין גאַנצן צוזאַמענברעכן; האָסט אונטערגעאײַלט דעם טויט פֿון איינעם, וואָס דײַן גורל איז אין זײַנע הענט. און מיך, דײַן פֿעטער, לאָזסט דו אָט אַדאָ אין רעגן — גיב נאָר אַ טאַפּ, ווי פּיטש־נאַס איך בין — שעהען לאַנג לאָזסטו מיך דאָ וואַרטן אין פּײַן און אין זאָרג.״

7

אַדוואָקאַט. פֿאַבריקאַנט. מאָלער.

אין איין שיינעם ווינטער־פֿאַרמיטאָג — אין דרויסן איז אין אומעטיקן ליכט געגאַנגען אַ שניי — איז ק. געזעסן אין זײַן ביוראָ אַ מוראַדיק מידער, נישט געקוקט אויף דער פֿרי־ער שעה. כּדי די נידעריקערע באַאַמטע זאָלן אים לאָזן געמאַך, האָט ער אָנגעזאָגט דעם באַדינער זײַנעם קיינעם צו אים נישט אַרײַנצולאָזן, ווײַל ער איז פֿאַרנומען מיט אַ גרעסערער אַרבעט. אָבער שטאָט צו אַרבעטן, האָט ער זיך געדרייט אין זײַן שטול, אַהין און אַהער, געררוקט אַלערליי זאַכן אויפֿן טיש; פּלוצלינג האָט ער — נישט וויסנדיק אַליין וואָס ער טוט — אויסגעשטרעקט דעם גאַנצן אָרעם אויף דער פֿלאַך פֿון טיש, האָט אַרונטערגעלאָזט דעם קאָפּ און אַזוי געבליבן זיצן — נישט־באַוועגלעך.

דער געדאַנק וועגן דעם פּראָצעס האָט אים לעצטנס מער נישט אָפּגעלאָזט. שוין נישט איין מאָל האָט ער געטראַכט אויסצואַרבעטן אַ פֿאַרטיידיקונגס־שריפֿט און דערלאַנגען אין געריכט. ער האָט בדעה געהאַט אין אָט דער שריפֿט אײַנצושליסן אַ קורצע לעבנס־באַשרײַבונג זײַנע; בײַ יעדער מער־וויכטיקער געשעעניש האָט ער דאָרט געוואָלט אויפֿקלערן פֿאַר וואָס ער האָט אַזוי און נישט אַנדערש געהאַנדלט, און אויב ער פֿאַרוואַרפֿט, אָדער הייסט גוט, לויט זײַן איצטיקער השערה, די דאָזיקע טאַטן זײַנע, און וואָס פֿאַר אַן אַרגומענטן ער האָט אַצינד פֿאַר דער, אָדער יענער האַנדלונג פֿון יעמאָלט. די פּלוסן פֿון אַזאַ מין פֿאַרטיידיקונגס־שריפֿט לגבי דער בלויזער פֿאַרטיידיקונג דורך אַן אַדוואָקאַט, וואָס איז, אַגבֿ, נישט געווען ריין פֿון זינד, האָבן נישט געלאָזן קיין שום ספֿק, אויך האָט ק. לחלוטין נישט געוווּסט וואָס דער אַדוואָקאַט זײַנער טוט אייגנטלעך אין זײַן ענין; קיין סך האָט עס אַוודאי סײַ ווי סײַ נישט געמוזט זײַן; שוין אַ חודש צײַט ווי ער האָט אים צו זיך נישט גערופֿן, אויך האָט ער בײַ די פֿרי־ערדיקע שמועסן מיט אים נישט געהאַט דעם אײַנדרוק, אַז אָט דער מאַן קען פֿאַר אים אַ סך אויפֿטאָן. קודם־כּל האָט ער אים כּמעט נישט אויסגעפֿרעגט. און דאָ איז דאָך אַזוי פֿיל געווען צום פֿרעגן. פֿרעגן, פֿרעגן איז געווען דער עיקר. ק. האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ער אַליין וואָלט די אַלע נייטיקע פֿראַגעס געקענט שטעלן. אַקעגן האָט דער אַדוואָקאַט — שטאָט צו פֿרעגן, גאָר אָפֿט אַליין דערציילט, אָדער שטומערהייט אויף אים געגלאָצט, אַ ביסל אַריבערגעבויגן איבערן טיש, מסתּמא צוליב דעם שוואַכן געהער זײַנעם; אַן אַנדערש מאָל האָט ער סתּם געצויגן און געצויגן אַ פּאַסמע האָר פֿון דער מיטן באָרד, געקוקט אויפֿן טעפּעך, אפֿשר פּונקט



. . . פֿאַרטשעפּעט, איז זײַן פֿוס געבליבן הענגען

זע זײַט 120

אויף יענעם אָרט, װוּ ק. איז געהאַט געלעגן מיט לעניין. דאָ און דאָרט האָט ער ק.׳ן געגעבן אַ פּאָר פּוסטע װאָרענונגען, אָט אַזוי װי מע װאָרנט קינדער. אויך אומנײַטיקע און לאַנגװײַליקע דרשות, פֿאַר װעלכע ק. האָט באַשלאָסן בײַם לעצטן חשבון קיין צעבראָכענעם העלער פֿאַר זיי נישט צו באַצאָלן. און אַז דער אַדװאָקאַט האָט בײַ די באַזוכן געהאַלטן, אַז ער האָט אים שוין גענוג דערנידעריקט, האָט ער געװײנטלעך װידער אָנגעהויבן אַ ביסל אים אויפֿצוהײַטערן. ער האָט שוין, פֿלעגט ער דעמאָלט זאָגן, אַ סך אַזעלכע ענלעכע פּראָצעסן — גאַנץ, אָדער טיילװײַז — געװוּנען. פּראָצעסן, האָט ער צוגעגעבן, װאָס אין דער אמתן זענען זיי טאַקע נישט אַזוי שװער געװען װי דער דאָזיקער, װאָס זענען אָבער פֿון אויבן אויף געװען נאָך האָפֿענונגסלאָזער. אַ רשימה און נאָטיצן פֿון די אַלע פּראָצעסן האָט ער אַדאָ אָ אין אָט אָ דעם שופֿלאָד — בײַ די װערטער האָט ער אַ קלאַפּ געטאָן אין װעלכער נישט איז פֿון די טישקעסטלעך — די דאָקומענטן קען ער אָבער צום באַדויערן נישט װײַזן, מחמת עס האַנדלט זיך דאָ אין אַמטלעכע סודות. פֿונדעסטװעגן קומט אים, פֿאַרשטייט זיך, אַציננד שוין גאָר און גאָר צו נוץ די גרויסע פּראַקטיק, װאָס ער האָט זיך דערװאָרבן אין יענע פּראָצעסן. אַװדאי האָט ער תּיכּף אָנגעהויבן בײַם פּראָצעס צו אַרבעטן, און די ערשטע אַפּעלאַציע איז שוין כּמעט פֿאַרטיק. אָט אָ די שריפֿט איז זייער װיכטיק, מחמת דער ערשטער רושם, װאָס עס מאַכט די פֿאַרטיידיקונג, גיט אָפֿט די ריכטונג דעם גאַנצן װײַטערדיקן גאַנג פֿון פּראָצעס. צום טיפֿן באַדויערן, און דערויף מוז ער פֿונדעסטװעגן ק. אויפֿמערקזאַם מאַכן, געשעט עס אַ מאָל, אַז די ערשטע אַפּעלאַציעס צו אַ געריכט װערן דאָרט לחלוטין נישט געלייענט. מען לייגט זיי גאַנץ פּשוט צו צו די אַקטן און מען װײַזט אָן דערויף, אַז לעת־עתּה איז דאָס אויספֿרעגן און דאָס אָבסערװירן פֿון דעם פֿאַרקלאָגטן אַ סך װיכטיקער װי אַלע שרײַבענישן. מע גיט צו — אויב נאָר דער בקשה־שרײַבער באַשטייט דערויף — װעט מען בײַ צײַטנס פֿאַר דער לעצטער אַנטשיידונג, און אַזוי גיך װי אַלע מאַטעריאַלן װעלן זײַן אָנגעזאַמלט, און עס װעט זיך אַרויסװײַזן אַ פּאַסיקע שײַכות דערצו, איבערקוקן אַלע אַקטן און ממילא אויך די דאָזיקע ערשטע פּעטיציע. צום באַדויערן געשעט עס נישט אַזוי אין רובֿ פֿאַלן; די ערשטע צושריפֿט װערט געװײנטלעך ערגעץ װוּ פֿאַרלייגט, אָדער לחלוטין פֿאַרלוירן; און אויב זי װאָלט זיך אַפֿילו דורך אַ נס דערהאַלטן ביזן סוף, װערט זי שוין דעמאָלט זעלטן־זעלטן געלייענט; אָבער דאָס אַלץ איז דער אַדװאָקאַט דערגאַנגען נאָך דורך ליידער נישט־זיכערע קלאַנגען. אַװדאי איז דאָס אַלץ זייער צום באַדויערן, אָבער עס האָט אַ געװיסע באַרעכטיקונג. ק. דאַרף נעמען אין אַכט, אַז די פֿאַרהאַנדלונג איז נישט קיין עפֿנטלעכע; זי קען דאָך פֿאָרט, אויב דאָס געריכט האַלט עס פֿאַר נייטיק, יאָ װערן עפֿנטלעך; דאָס געזעץ צװינגט אָבער די עפֿנטלעכקייט נישט אַרויף. צוליב אָט דער סיבה זענען אויך די שריפֿטן פֿון געריכט, און קודם־כּל די באַשולדיקונגס־שריפֿט, נישט דערגרייכבאַר — נישט פֿאַרן אָנגעקלאָגטן און נישט פֿאַרן פֿאַרטיידיקער זײַנעם; און אין אַזאַ פֿאַל קען מען דאָך בכלל נישט װיסן קעגן װאָס אייגנטלעך צו ציילן די ערשטע פּעטיציע; פֿון װיסן

עפּעס בפֿרט איז שוין אָפּגערעדט; די דאָזיקע ערשטע פּעטיציע קען נאָר בדרך צופֿאַל האָבן אין זיך אַ וואָרט, אַ פּרט, וואָס האָט אַ שייכות און אַ באַטײַט פֿאַרן ענין. אמת, צילבאַוווסטע און אַרגומענטירטע פּעטיציעס קען מען אויסאַרבעטן ערשט אַ סך שפּעטער; ערשט דעמאָלט, ווען עס ווערן קלערער, אין לויף פֿון די אויספֿאָרשונגען פֿון אָנגעקלאָגטן, איינצלנע פּונקטן פֿון דער באַשולדיקונג; און אויך פֿון דער באַגרינדונג פֿון די דאָזיקע פּונקטן קען מען שוין עפּעס וואָס דײַטלעכער זיך משער זײַן. אונטער אַזעלכע אומשטאַנדן געפֿינט זיך, פֿאַרשטייט זיך, די פֿאַרטיידיקונג אין זייער אַן אומגינציקער און שווערער סיטואַציע. אָבער אויך דאָס געשעט מיט אַ כּוונה. אייגנטלעך איז דאָך די פֿאַרטיידיקונג בכלל דורך אָט דעם געזעץ נישט דערלויבט; נאָר וואָס דען — זי איז טאָלערירט, זי ווערט געדולדעט; נאָר אַפֿילו דאָס אַליין איז נישט קלאָר פֿון דעם באַטרעפֿנדיקן געזעץ, און עס גייט אָן אַן אַלטער וויכּוח צי קען מען יענע שטעלע אין פּאַראַגראַף טײַטשן אַזוי, אָדער אַזוי. בעמענדיק די ענינים פּינקטלעך אין אַכט, זענען גאָר נישטאָ קיין אַדוואָקאַטן, וואָס זאָלן זײַן פֿון דעם געריכט אָנערקענט; אַלע וואָס טרעטן דאָרט אויף די מכּלומרשט־אַדוואָקאַטן, זענען בײַ אָט דעם געריכט אין תּוך נישט מער ווי ווינקל־אַדוואָקאַטן. די גאַנצע אַדוואָקאַטן־פּראָפֿעסיע ווערט דורך די אַלע זאַכן זייער דערנידעריקט, און אַז ק. וועט ווידער אַ מאָל בקרובֿ זײַן אין די געריכטס־קאַנצעלאַריעס, זאָל ער זיך פֿאַר אַ טשיקאַוועס — עס וועט אים גאָר נישט שאַטן — אָנקוקן דעם אַדוואָקאַטן־צימער אין יענעם געריכט. ער וועט זיך מסתּמא פּשוט דערשרעקן פֿאַר דער געזעלשאַפֿט, וואָס ער וועט דאָרטן אָנטרעפֿן. שוין דאָס אַליין, וואָס מען האָט פֿאַר די אַדוואָקאַטן באַשטימט אַזאַ נידעריקע און ענגע קאַמער, ווײַזט ווי אַזוי מע האַלט זיי דאָרט בכּבֿוד. דאָס ליכט קומט אין יענעם קעמערל אַרײַן נאָר דורך איין שפּאַרונע, וואָס שטעקט ערגעץ גאַנץ הויך, אויבן. אַז מען וויל אַ ביסל כאַפּטש אַרויסקוקן, מוז מען קודם־כּל געפֿינען אַ קאָלעגע־אַדוואָקאַט, וואָס זאָל איינעם לאָזן אַרויפֿזעצן זיך אויף זײַן פּלייצע; און ערשט דעמאָלט, אַז דו קוקסט שוין אַרויס, גיט דיר אַ זעץ אין דער נאָז דער רויך פֿון אַ קוימען, וואָס שטייט פּונקט אַנטקעגן דער שפּאַרונע, און דײַן פּנים ווערט שוואַרץ פֿון סאַזשע. אין דער בריק פֿון יענעם קעמערל — כּדי נאָך איין משל צו געבן ווי אַזוי עס זעט דאָרט אויס — איז שוין זינט מער ווי אַ גאַנץ יאָר דאָ אַ לאָך; אמת, אַז עס איז נישט אַזוי גרויס, אַז אַ מענטש זאָל דורך אים קענען דורכפֿאַלן, אָבער אַ פֿוס ווערט דאָרט גאַנץ גרינג פֿאַרזונקען ביז צו דער קני. דאָס אַדוואָקאַטן־צימער שטעקט דערצו ערגעץ אין צווייטן, דעם העכסטן בוידעם, און ווערט איינעם אַ פֿוס אײַנגעזונקען, הענגט ער באַלד אַרויס אין סופֿיט פֿון ערשטן בוידעם אַרונטער — און דערצו פּונקט אין יענעם קאָרידאָר, וווּ עס וואַרטן די אינטערעסאַנטן. און אַז מע רופֿט אין די אַדוואָקאַטן־קרײַזן אַזעלכע באַדינגונגען „שענדלעך!" האָט מען אויף אַן אמת נישט צו פֿיל מגזם געווען. דאָס באַקלאָגן זיך בײַ דער פֿאַרוואַלטונג האָט קיין מאָל קיין מינדסטן רעזולטאַט נישט געגעבן; און איז דאָס נאָך ווייניק, האָט מען אַרויסגעגעבן דעם שטרענגסטן פֿאַרבאָט, אַז די

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אַדוואָקאַטן זאָלן כאָטש אַפֿילו אויף זייער אייגענעם חשבון קענען עפּעס פֿאַרענדערן אין זייער צימער. אָבער אויך אָט אַזאַ באַנעמען זיך לגבי די אַדוואָקאַטן האָט זײַנע סיבות. מען וויל, ווי ווײַט מעגלעך, די פֿאַרטיידיקונג עלימינירן; אַלץ זאָל אַרויפֿגעלייגט ווערן אויפֿן אָנגעקלאָגטן אַליין. אין תוך איז דאָס נישט קיין שלעכטער שטאַנדפּונקט; פֿונדעסטוועגן, אויב מען וואָלט געוואָלט פֿון דעם דרינגען, אַז דער באַשולדיקטער קען זיך בײַ דעם דאָזיקן געריכט באַגיין אָן אַן אַדוואָקאַט, וואָלט דאָס געווען אַ גרויסער טעות. אַדרבא — בײַ קיין שום אַנדער געריכט זענען די אַדוואָקאַטן נישט אַזוי נייטיק, ווי דווקא בײַ אָט דעם געריכט. נישט נאָר האַלט מען אין דעם געריכט בכלל דעם גאַנג פֿון די פּראָצעסן בסוד פֿאַר דער עפֿנטלעכקייט, נאָר מען האַלט אָט דעם גאַנג בסוד אַפֿילו פֿאַר דעם, וואָס ווערט געמשפּט. עס פֿאַרשטייט זיך, אַז נאָר אויף אַזוי ווײַט, אויף ווי ווײַט עס איז בכלל מעגלעך, דאָך אָט די מעגלעכקייט קען גיין זייער ווײַט. אָבער אויך דער אָנגעקלאָגטער קען נישט אַרײַנקוקן אין די געריכטס־דאָקומענטן, און עס איז זייער שווער זיך אָנצושטויסן פֿון די אויספֿאָרשונגען אויף די דאָקומענטן, וואָס אויף זייער יסוד ווערן די אויספֿאָרשונגען דורכגעפֿירט; דער עיקר באַשטייט אָט די שוועריקייט פֿאַרן באַשולדיקטן אַליין, וואָס איז דאָך אַ נוגע־בדבֿר, האָט אַלערלייַ זאָרגן, וואָס טראָגן צו צו זײַן צעררודערונג. אָט אָ דאָ, זעט איר, קומט אַרײַן די פֿאַרטיידיקונג. בדרך כּלל דאַרפֿן דערצו די פֿאַרטיידיקער נישט בײַזײַן בײַ די אויספֿאָרשונגען; מוזן זיי דעריבער תּיכּף נאָך די אויספֿאָרשונגען אַפֿילו שוין בײַ דער טיר פֿון אויספֿאָרשונגס־צימער, אָפּפֿרעגן דעם אָנגעקלאָגטן און אים אויף דער שטעל אויספֿרעגן וועגן דער אויספֿאָרשונג; און פֿון די באַריכטן זײַנע, וואָס זענען אָפֿט זייער מטושטש, מוזן זיי אַרויסבאַקומען יענעם פּרטים, וואָס קענען ווי נישט איז טויגן דער פֿאַרטיידיקונג. דאָס סאַמע וויכטיקסטע איז עס אָבער נישט, מחמת צו פֿיל קען מען אויף דעם אופֿן נישט דערגיין; כאָטש עס איז קלאָר, אַז דער מער פֿעיִקער מענטש ווערט אויך דאָ, ווי אומעטום, מער געוואָר ווי אַן אַנדערער. דאָס סאַמע וויכטיקסטע זענען דערפֿאַר און דעריבער די פּערזענלעכע באַציִונגען פֿון די אַדוואָקאַטן; אָט אין דעם איז דער עיקרדיקער ווערט פֿון דער פֿאַרטיידיקונג. נו, ק. האָט דאָך שוין פֿון זײַנע אייגענע איבערלעבענישן אַוודאי לאַנג זיך אָנגעשטויסן, אַז די סאַמע אונטערשטע שיכטן פֿון דער אָרגאַניזאַציע פֿון דעם דאָזיקן געריכט זענען נישט זייער פֿעסט און פּערפֿעקט; דאָרט שווייבלט און גריבלט מיט אָנגעשטעלטע, וואָס מען קען אונטערקויפֿן, און דורך דעם באַקומען זיך שפּאַלטן און לעכער אין דער שטרענגער אָפּגעשלאָסנקייט פֿון דעם געריכט. אין אָט אָ די שפּאַלטן און לעכער שטופּן זיך אַרײַן די מייסטע אַדוואָקאַטן, דאָ ווערט עס אונטערגעקויפֿט און גערכילותט; און עס זענען אַפֿילו מיט אַ צײַט צוריק פֿאָרגעקומען פֿאַלן פֿון אַרויסגנבֿענען געריכטס־אַקטן. מען קען נישט לייקענען, אַז אויף דעם אופֿן דערגרייכט מען, לפֿי שעה, שטוינענדיק גינציקע רעזולטאַטן פֿאַרן באַשולדיקטן, און מיט דעם שטאָלצירן טאַקע די דאָזיקע קליינע אַדוואָקאַט־לעך; אויף דעם אופֿן ציִען זיי צו נײַע קליענטן פֿאַר זיך, אָבער דער סך־הכּל

פֿאַרן ווײַטערדיקן גאַנג פֿון דעם פּראָצעס איז אָדער נול, אָדער נישט קיין גוטער. אַן אמתן ווערט האָבן נאָר ערלעכע, דירעקטע פּערזענלעכע באַציִונגען, און דאָס — נאָר מיט העכערע באַאַמטע פֿון נידעריקערן ראַנג. נאָר אויף דעם אופֿן קען דער גאַנג פֿון פּראָצעס באַאײַנפֿלוסט ווערן; אין אָנהייב זעט זיך עס אַפֿילו קוים אָן, דערפֿאַר אָבער וואָס ווײַטער אין גאַנג, אַלץ מער און מער. דאָס דאָזיקע קענען, פֿאַרשטייט זיך, נאָר יחידי־סגולה צווישן די אַדוואָקאַטן באַווײַזן, און אין דעם זינען האָט ק. זייער גינציק אויסגעקליבן. העכסטנס, איינער, אָדער צוויי אַדוואָקאַטן קענען אפֿשר זיך באַרימען מיט אַזעלכע באַקאַנטשאַפֿטן ווי ד״ר הולד. אָט אָ די יחידים פֿאַרנעמען זיך גאַנץ ווייניק מיט דער חבֿרה אין אַדוואָקאַטן־צימער, זיי האָבן נישט קיין מגע־ומשא מיט זיי. וואָס לויזער די פֿאַרבינדונג מיט זיי, אַלץ ענגער איז די פֿאַרבינדונג מיט די באַאַמטע פֿון געריכט. עס איז אַפֿילו נישט־נייטיק, אַז ד״ד הולד זאָל אַרײַנקומען אין געריכט, ער זאָל דאָרט אַרומשטיין וואַרטנדיק אין די פֿאָדער־צימערן פֿון די אויספֿאָרשונגס־ריכטערס, אַז זיי זאָלן זיך אַ מאָל צופֿעליק באַווײַזן, און אַז ער, ד״ר הולד, זאָל, אָפּהענגיק פֿון דער אויפֿגעלייגטקייט פֿון די ריכטערס, האָבן עפּעס אַ שטיקל דערפֿאָלג; לרובֿ נאָר לפֿנים, און אַ מאָל דאָס אויך נישט. נײן, די געריכטס־וויזיטן זענען נישט־נייטיק. ק. האָט עס דאָך אַליין געזען מיט די אייגענע אויגן, ווי די באַאַמטע, און צווישן זיי אַפֿילו גאַנץ הויך שטייענדיקע, קומען צו גיין, גיבן גערנוויליק אינפֿאָרמאַציע, אַ מאָל אָפֿענע און אַ מאָל מיט רמזים; זיי רעדן אַרום די נאָענטסטע שריט אין גאַנג פֿון די פּראָצעסן. און נישט נאָר דאָס, אין געוויסע פֿאַלן לאָזן זיי זיך אַפֿילו איבעררײדן, און נעמען גערן אָן יענעמס אַ מיינונג. דער אמת איז אָבער, אַז מען דאַרף, גראָד אין דעם לעצטן פּרט, נישט זייער שטאַרק זיך פֿאַרלאָזן אויף זיי; מחמת ווי דעפֿיניטיוו זיי ברענגען אַרויס זייער נײַע אײַנשטעלונג, וואָס איז מכּלומרשט גינציק פֿאַר דער פֿאַרטיידיקונג, קען אַ מאָל פּאַסירן, אַז זיי גייען תּיכּף און גלײַך אַוועק אין זייערע קאַנצעלאַריעס און גיבן דאָרט איבער באַשלוסן פֿאַרן מאָרגנדיקן טאָג אין געריכט, וואָס אַנטהאַלטן פּונקט דעם היפּך אין שייכות מיט דעם אָנגעקלאָגטן, עפּעס, וואָס איז נאָך שטרענגער ווי זייער סאַמע ערשטע מיינונג, וואָס זיי האָבן פֿאַרזיכערט, אַז זיי האָבן זי לחלוטין אויפֿגעגעבן. קעגן דעם קען מען, פֿאַרשטייט זיך, גאָרנישט טאָן, מחמת דאָס, וואָס זיי האָבן אונטער פֿיר אויגן געזאָגט איז טאַקע נאָר אונטער פֿיר אויגן געזאָגט, און עפֿנטלעכע רעזולטאַטן קען די פֿאַרטיידיקונג פֿון דעם נישט פֿאָדערן, אַפֿילו ווען זי וואָלט נישט כּסדר געמוזט אין זינען האָבן נישט צו פֿאַרלירן איר חן אין די אויגן פֿון די דאָזיקע הערן. פֿון דער אַנדערער זײַט שטימט עס אָבער אויך, אַז נישט נאָר צוליב מענטשן־ליבע און נישט נאָר צוליב פֿרײַנדשאַפֿטלעכע געפֿילן קניפּן די דאָזיקע הערן אָן פֿאַרבינדונגען מיט דער פֿאַרטיידיקונג — און איבעריקע צוצוגעבן, אַז עס מוז זײַן אַ פֿאַכמענישע און דערפֿאַרענע פֿאַרטיידיקונג — נײן; אויך זיי זענען אין אַ געוויסער מאָס אָפּהענגיק פֿון דער פֿאַרטיידיקונג. אָט אָ דאָ זעט מען די פֿעלערהאַפֿטיקייט פֿון אַ געריכטס־אָרגאַניזאַציע, וואָס איידער וואָס און ווען

באַשטימט זי שוין די געהיימע געריכטס־פּראָצעדור. די דאָזיקע געריכטס־באַאַמטע פֿעלט די שייכות מיט דער באַפֿעלקערונג; פֿאַר די געוויינטלעכע, מיטל וויכטיקע, פּראָצעסן זענען זיי גוט צוגעגרייט; אַזאַ מין פּראָצעס וויקלט זיך אָפּ אויף זײַנע באַשטימטע רעלסן כּמעט ווי פֿון זיך אַליין, און מען דאַרף אים נאָר דאָ, אָדער דאָרט, אַ קליינעם שטופּ טאָן; דערפֿאַר אָבער זענען זיי סײַ לגבי די סאַמע פּשוטסטע געריכטס־ענינים, און אויך לגבי די באַזונדערס שווערע, אין גאַנצן נישט צוגעגרייט, קענען זיך מיט זיי פּשוט קיין עצה נישט געבן; און דאָס איז צוליב דעם, ווײַל אָן אַן איבעררײַס, טאָג און נאַכט, שטעקן זיי אין די צוואַנגען פֿון זייער געזעץ; און אַז מען איז אַזוי אײַנגעקלעמט, פֿאַרלירט מען שוין דעם זינען פֿאַר מענטשלעכע באַציִונגען — און דאָס פֿעלט איינעם אין אַזעלכע פֿאַלן זייער שטאַרק. און אַז עס פֿעלט, דעמאָלט קומען זיי זוכן אַן עצה בײַם אַדוואָקאַט; און אַז זיי קומען, טראָגט הינטער זיי אַ געריכטס־דינער די אַקטן, וואָס זענען אַלע מאָל אַזוי געהיים אָפּגעהיט. אָט בײַ דעם פֿענצטער האָט מען שוין נישט איינעם פֿון די הערן געזען, און דווקא אָפּט אַזעלכע, פֿון וועלכן מע וואָלט עס צום ווינציקסטן געקענט דערוואַרטן, ווי אַזוי ער קוקט אַ פֿאַרצווייפֿלטער אַרויס אויף דער גאַס, בשעת דער אַדוואָקאַט זיצט בײַם טיש און שטודירט די אַקטן און זוכט אַן עצה פֿאַר אים. אַגבֿ, קען מען גראָד בײַ אַזעלכע געלעגנהייטן אָבסערווירן, ווי מוראדיק ערנצט די דאָזיקע הערן באַציִען זיך צו זייער פּראָפֿעסיע, און ווי אַזוי עס באַפֿאַלט זיי יאוש, אויב זיי טרעפֿן זיך אָן אויף מכשולים, וואָס זיי קענען איבער זיי צוליב זייער נאַטור נישט אַריבער. סײַ ווי סײַ איז זייער פּאָזיציע נישט קיין גרינגע; עס איז נישט יושרדיק, אַז מען נעמט אָן, אַז זייער פּאָזיציע איז אַ גרינגע. דער סדר פֿון די געריכטס־ראַנגען און דער ענין פֿון אַוואַנסירן אין די אַמטן האָט גאָר קיין שיעור נישט און אַפֿילו אַן אינעווייניקסטיקער געפֿינט דאָ נישט אײַן און נישט אויס. דער גאַנג פֿון די געריכטס־אינסטאַנצן איז בדרך־כּלל פֿאַר די אונטערשטע באַאַמטע געהיים; קענען זיי דעריבער די ענינים, וואָס זיי אַליין באַאַרבעטן, נישט באַכשפּירן אין זייער ווײַטערדיקן גאַנג; פֿון באַכשפּירן אַן ענין ביזן סוף איז בכלל קיין רייד נישט; אַן ענין באַווײַזט זיך פֿאַר זייערע אויגן — און זיי ווייסן נישט פֿון וואַנען ער קומט און זיי ווייסן נישט וווּאַהין ער וועט דאַרפֿן גיין; און ער גייט טאַקע ווײַטער און זיי ווערן קיין מאָל נישט געוואָר ווו ער איז נעלם געוואָרן. קענען דעריבער די דאָזיקע באַאַמטע, פֿון בלויזן שטודירן די איינצלנע עטאַפּן פֿון פּראָצעס, קיין מאָל נישט דערגיין די אַרגומענטן און יסודות פֿון דעם ענדגילטיקן משפּט. זיי מעגן זיך נאָר מיט יענעם טייל פֿון אַ געגעבענעם פּראָצעס פֿאַרנעמען, וואָס דאָס געזעץ האָט פֿאַר זיי אָפּגעגרענעצט; וואָס ווײַטער — פֿון דעם ווייסן זיי אָפֿט מאָל אַ סך ווייניקער ווי די פֿאַרטיידיקונג; וואָרעם די פֿאַרטיידיקונג בלײַבט דאָך בדרך־כּלל ביזן סוף פֿון פּראָצעס אין קאָנטאַקט מיט דעם באַשולדיקטן. אויך אין דער דאָזיקער ריכטונג קענט איר פֿון דער פֿאַרטיידיקונג נישט איין ווערטפֿולע זאַך געוואָר ווערן. נו וווּנדערט זיך ק., אויב ער נעמט דאָס אַלץ אין אַכט, וואָס די באַאַמטע זענען אַזוי גערייצט לגבי די קליענטן, וואָס זיי

דריקן זיך אָפּט אויס אויף אַזאַ באַליידיקנדיקן אופֿן, און טרעפֿן טרעפֿט עס יעדן איינעם, וואָס האָט נאָר צו טאָן מיט זיי. אַפֿילו אַז זיי זעען אויס רויִק — זענען זיי אויך געררייצט; און דאָס איז חל אויף אַלע באַאַמטע. פֿאַרשטייט זיך, אַז צוליב דעם לײַדן די קליינע אַדוואָקאַטן גאָר אָן אַ שיעור. מען דערציילט, למשל, אַזאַ מין מעשׂה, און עס זעט אויס, אַז עס איז אַן אמתע מעשׂה. אַן אַלטער באַאַמטער, אַ גוטינקער און אַ שטילער אַלטער הער, האָט אַ מאָל געהאַט צו טאָן מיט אַ פֿאַרוויקלטן געריכטס־ענין, וואָס איז נאָך מער פֿאַרוויקלט געוואָרן צוליב די אַפּעלאַציעס פֿון אַדוואָקאַט; ער האָט שוין אַ טאָג מיט אַ נאַכט אָן אַן איבעררײַס שטודירט די אַקטן — און מען מוז צוגעבן, אַז די דאָזיקע באַאַמטע זענען ביז גאָר פֿלײַסיק, ממש אָן אַ פֿאַרגלײַך. — הקיצור, אַנטקעגן טאָג, אַז ער האָט זיך שוין פֿיר און צוואַנציק שעה אָפּגעמאַטערט בײַ די דאָזיקע אַקטן און דערצו נאָך מסתּמא אָן שום רעזולטאַטן, איז ער צוגעגאַנגען צו דער אַרײַנגאַנג־טיר, האָט זיך דאָרטן ערגעץ פֿאַרבאַהאַלטן, און אַזוי גיך ווי נאָר אַן אַדוואָקאַט איז צוגעקומען און געוואָלט אַרײַנגיין, האָט ער אים אַרונטערגעוואָרפֿן פֿון אַלע טרעפּ. האָבן זיך די אַדוואָקאַטן, איינער נאָכן אַנדערן, דאָרט אונטן אַלע צונויפֿגעקליבן בײַם געלענדער פֿון די טרעפּ, און האָבן זיך מיישב געווען, וואָס זיי זאָלן איצט טאָן; פֿון איין זײַט, האָבן זיי דאָך גאָר קיין רעכט נישט צו פֿאָדערן, אַז מען זאָל זיי בכלל אַרײַנלאָזן; קען דעריבער קיין רייד דערפֿון נישט זײַן, אַז זיי זאָלן, ווי יורידיש אַרויסטרעטן קעגן דעם באַאַמטן, פֿון דער אַנדערער זײַט, מוזן זיי זיך היטן — איך האָב עס שוין אַ מאָל דערמאָנט — אײַנצורײַסן מיט דער באַאַמטנשאַפֿט. און נאָך אַ זאַך: נישט צו זײַן אַ טאָג אין געריכט הייסט אין גאַנצן פֿאַרלירן אַ טײַערן טאָג; איז זיי דעריבער ממש אין לעבן געגאַנגען פֿאָרט אַרײַנצודרינגען אין געריכט אַרײַן. זענען זיי סוף־כּל־סוף געקומען צו דער מסקנא — גאַנץ פּשוט מיד צו מאַכן דעם אַלטן הער. פֿון מאָל צו מאָל האָט מען דעריבער אַרויסגעשיקט אַן אַדוואָקאַט. ער האָט געטאָן אַ לויף אַרויף אויף די טרעפּ — אָנגעקומען אויבן, האָט ער גע־שטעלט ווי ווײַט מעגלעך נאָר אַ פּאַסיוון ווידערשטאַנד און האָט זיך געלאָזט אַראָפּוואַרפֿן; אונטן האָבן אים, פֿאַרשטייט זיך, די קאָלעגן אונטערגעכאַפּט. דאָס אַלץ האָט געדויערט אַזוי לאַנג ווי אַ שעה צײַט; און דעמאָלט איז דער אַלטער הער, וואָס איז שוין סײַ ווי אַרויסגעשלאָגן געווען פֿון זײַנע כּוחות נאָך אַ נאַכט אַרבעט, טאַקע אויף אַן אמת מיד געוואָרן און איז צוריקגעגאַנגען אין זײַן קאַנצעלאַריע. די אַדוואָקאַטן אונטן האָבן זיך עס קודם־כּל פּשוט נישט געוואָלט גלייבן און האָבן צום אַלעם ערשטן אַרויסגעשיקט איינעם פֿון זיי נאָכצוקוקן הינ־טער דער טיר, צי איז דאָרט טאַקע ליידיק. דעמאָלט ערשט זענען זיי אַלע אַרײַן, און האָבן מסתּמא נישט געוואַגט קיין פּיפּס צו טאָן. מחמת די אַדוואָקאַטן — און אַפֿילו דער קלענסטער צווישן זיי קען דאָך די באַדינגונגען, אויב נישט דורכויס, איז כאָטש טיילווײַז — האָבן נישט דעם מינדסטן חשק דורכצופֿירן אַ וועלכע נישט איז פֿאַרבעסערונג בײַ דעם געריכט. אַנטקעגן אָבער — און דאָס איז זייער כאַראַקטעריסטיש — הייבט אָן כּמעט יעדער אָנגעקלאָגטער, אַפֿילו דער סאַמע

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

פּשוטסטער, תּיכּף בײַם ערשטן שריט אין זײַן פּראָצעס, מיט מחשבֿות און פֿאַרשלאָגן װעגן אײַנפֿירן פֿאַרבעסערונגען; דערבײַ פֿאַרלירט ער און פֿאַרשװענדט אָפּט אַ סך צײַט און כּוחות, װאָס װאָלטן געקענט בעסער אױסגענוצט װערן אױף אַלערלײי אַנדערע אופֿנים. דער אײנציקער און ריכטיקסטער אױסװעג איז — שלום צו מאַכן מיט די עקסיסטירנדיקע פֿאַרהעלטענישן. און אַפֿילו אױב עס װאָלט שױן יאָ מעגלעך געװען דאָ און דאָרט אַ פּרט צו פֿאַרבעסערן — װאָס דאָס איז אַ נאַרישער איבערגלױבן און נישט מער — װאָלט מען אין בעסטן פֿאַל נאָר פֿאַר די קומענדיקע פּראָצעסן עפּעס דערגרײכט; זיך אַלײן װאָלט מען אָבער געבראַכט אַ מוראדיקן שאָדן, שױן מיט דעם אַלײן, װאָס מען װאָלט געצױגן אױף זיך די גרעסטע אױפֿמערקזאַמקײט פֿון דער — אַלע מאָל נקמה־דאָרשטיקער — באַאַמטנשאַפֿט. נאָר נישט װענדן די אױפֿמערקזאַמקײט אױף זיך! רויִק זיך באַנעמען, אַפֿילו װען דער מוח דרײט זיך אין דיר איבער! מען מוז זיך אַרײַנלעבן אין דעם געדאַנק, אַז דער דאָזיקער גרױסער אָרגאַניזירטער געריכטס־גוף איז, אין אַ געװיסער מאָס, אײביק אין אַ שװעבנדיקן צושטאַנד. ענדערסטו עפּעס אַרום זיך אױף אַ זעלבשטענדיקן אופֿן, נעמסטו אַװעק די ערד פֿון אונטער דײַנע אײגענע פֿיס און קענסט נאָך אַלײן אַראָפּפֿאַלן אין תּהום. דער גרױסער אָרגאַניזם װעט אָבער גאַנץ גיך זיך קאָמפּענסירן אױף אַן אַנדער אָרט פֿאַר דער קלײנער שטערונג און ענדערונג — אַלץ איז דאָך דאָ געקנופּט און געבונדן — און ער װעט װײַטער בלײַבן אַזױ װי ער איז געװען; נײן; עס קען אױך טרעפֿן, און דאָס איז אַפֿילו צו דערװאַרטן, אַז ער װעט אַרױסקומען אַ נאָך מער צונױפֿגעקנופּטער, אַ נאָך מער אױפֿמערקזאַמער, אַ נאָך מער שטרענגער און אַ נאָך מער בײזער. בעסער שױן זיך צו פֿאַרלאָזן אױפֿן אַדװאָקאַט מיט דער דאָזיקער אַרבעט, אײדער צו שטערן. מוסר האָט, דעם אמת געזאָגט, נישט קײן גרױסע פּעולה; דער עיקר אַז מען קען זײַנע סיבות אײנעם נישט אױפֿקלערן אַזױ װי עס געהער צו זײַן; אָבער זאָגן עס מוז מען, אַז ק. װײסט גאָר אַלײן נישט, װיפֿל שאָדן ער האָט זיך געבראַכט מיט זײַן באַנעמונג לגבי דעם קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר. אָט אָ די דאָזיקע אײַנפֿלוסרײַכע פּערזענלעכקײט, װאָס בײַ איר האָט מען גרינגלעך געקענט עפּעס פּועלן אין ענין פֿון ק., מוז מען איצט שױן כּמעט אין גאַנצן אױסשטרײַכן פֿון אָט אָ דעם צעטל. אַפֿילו צו דער װײַטסטער אָנצוהערעניש װעגן דעם פּראָצעס, מאַכט ער זיך איצט נישט מער װױסנדיק, און ער טוט עס מיט אַ גאַנץ דײַטלעכער כּװנה. אין אַ סך זאַכן באַנעמען זיך די דאָזיקע באַאַמטע ממש װי קינדער. אָפֿט װערן זײ צוליב אומבאַדײַטנדיקע נישטיקײטן, װאָס דעם אמת זאָגנדיק, ק.׳ס באַנעמונג געהערט לײדער נישט צו זײ, אַזױ באַלײדיקט, אַז אַפֿילו מיט די בעסטע פֿרײַנד הערן זײ אױף צוליב דעם צו רעדן, קערן זיך אָפּ אַװו נאָר זײ באַגעגענען זיך מיט זײ, און טוען זײ דערצו נאָך אָן אַלע מעגלעכע צרות. און פּונדעסטװעגן, פּלוצלינג, גאָר אָן שום צוגרײטונג און ספּעציעלער סיבה, הײבן זײ אָן צו לאַכן צוליב עפּעס אַ שפּאַס, װאָס דו דערװעגסט זיך צו מאַכן מיט זײ נאָר צוליב דעם, װײַל עס דאַכט זיך דיר, אַז אַלץ איז שױן סײַ װי פֿאַרלױרן; און אָט האָבן זײ זיך שױן איבערגע־

בעטן. אַזוי זענען זיי, עס איז אין דער זעלבער צײַט שווער און לײַכט מיט זיי אויסצוקומען; קיין פּרינציפּן אין דעם געביט זענען נישטאָ. אַ מאָל איז מען אַליין פֿאַרחידושט, וואָס איין מיטלמעסיק מענטשלעך לעבן סטײַעט אַזוי פֿיל צו באַנעמען, אַז מען זאָל קענען מיט דערפֿאָלג אַרבעטן און דערגרייכן רעזולטאַטן. ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, קומען נישט איין מאָל פֿינצטערע שעהען איבער איינעם, ווער האָט זיי דען נישט? שעהען, וואָס דו מיינסט, אַז דו האָסט נישט קיין פּינטל אַפֿילו דערגרייכט, שעהען, ווען דו מיינסט, אַז נאָך די — לכתחילה צו אַ גוטן סוף באַשטימטע פּראָצעסן — האָבן זיך גוט געענדיקט; אַז דאָס וואָלט סײַ ווי סײַ אַזוי געשען אָן שום אַדוואָקאַטישער הילף, בשעת אַלע אַנדערע פּראָצעסן זענען פֿאַרשפּילט געוואָרן, נישט געקוקט אויף אַלע אַרומלויפֿערײַען אַרום זיי, אַלע באַמיִונגען, אַלע קליינע אויסדוכטעכישן פֿון מכלומרשטן דערפֿאָלג, וואָס האָבן איינעם אַזוי אומזיסט דאָס האַרץ דערפֿרייט. דעמאָלט פֿאַרלירט מען יעדער לעצט ברעקעלע זיכערקייט. און אויב עמעץ וואָלט איינעם אין אַזעלכע שעהען אַ דירעקטן פֿרעג געטאָן, וואָלט מען זיך נישט דערוועגט צו פֿאַרלייקענען, אַז אַפֿילו פּראָצעסן, וואָס וואָלטן פֿון זיך אַליין אַוועק אויף אַ גוטן גאַנג, האָט מען, דווקא דורך אָט דער מיטהילף, פֿאַרשלעפּט אין כּף־הקלע. אויך דאָס איז אַזאַ מין פֿאַרטרויען אין זיך, אָבער עס איז דאָס איינציקע, וואָס בלײַבט איינעם נאָך איבער. אַזעלכע שטימונגען — עס זענען נאַטירלעך נאָר אָנפֿאַלן, און קיין זאַך מער — טשעפּען זיך גאַנץ באַזונדערס צו יענע אַדוואָקאַטן, וואָס עס ווערט בײַ זיי פּלוצלינג אַ פּראָצעס פֿון די הענט אַרויסגעכאַפּט, אַ פּראָצעס, וואָס זיי האָבן אים שוין היפּשלעך ווײַט און צופֿרידנשטעלנדיק געפֿירט. דאָס איז שוין באמת דאָס סאַמע ערגסטע, וואָס עס קען אונדזער איינעם געשען. און, נעמט אין אַכט, נישט דורך דעם באַשולדיקטן ווערט פֿון איינעם פֿון אונדז דער פּראָצעס צוריקגעצויגן, אַזאַ זאַך פּאַסירט קיין מאָל נישט; אָן אָנגעקלאָגטער, וואָס האָט זײַן פּראָצעס איבערגעגעבן אַ געוויסן אַדוואָקאַט, מוז שוין בײַ אים בלײַבן, זאָל אַפֿילו דונערן און בליצן. ווי אַזוי וואָלט ער זיך בכלל גאָר געקענט אָן עצה געבן, אויב ער האָט זיך שוין איין מאָל פֿאַרלאָזט אויף יענעמס הילף? פֿון דעם איז אָפּגערעדט, אַזאַ פֿאַל געשעט נישט; געשען געשעט אָבער יאָ אַ מאָל, אַז אַ פּראָצעס נעמט אָן אַזאַ מין ווענדונג, אַז דער אַדוואָקאַט קען און טאָר מער דאָ נישט ווײַטער מיטגיין. אין אַזאַ פֿאַל ווערט פֿונעם אַדוואָקאַט אַלץ צוריקגעצויגן — אי דער פּראָצעס, אי דער באַשולדיקטער און פּשוט אַלץ מיט אַנאַנדער; און דעמאָלט קענען אַפֿילו די בעסטע באַציִונגען מיט די באַאַמטע מער גאָרנישט העלפֿן, ווײַל זיי אַליין ווייסן דעמאָלט אויך גאָרנישט. אַזאַ פּראָצעס גייט דעמאָלט אַרײַן אין אַזאַ מין מצב, ווו קיין שום הילף טאָר מער נישט געגעבן ווערן; אַזאַ פּראָצעס ווערט דעמאָלט באַאַרבעט דורך אַזעלכע געריכטס־אינסטאַנצן, וואָס מען קען בשום אופֿן בכלל צו זיי מער נישט צוקומען; וואָס דאַרף מען מער — אַז דער אַדוואָקאַט אַפֿילו קען אין אַזאַ פֿאַל מער נישט צוקומען צו קיינעם; אַפֿילו נישט צום באַשולדיקטן. קומסט, אַז אַזאַ זאַך פּאַסירט, אין איין שיינעם טאָג, אַהיים און געפֿינסט אויף דײַן טיש דעם גאַנצן

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

פּאַק אַפּעלאַציעס און פּעטיציעס, וואָס דו האָסט זיי צונויפֿגעשטעלט און אַרײַנגעטראָגן אין געריכט מיט אַזוי פֿיל מי און מאַטער און מיט די שענסטע האָפֿענונגען אין דעם באַטרעפֿנדיקן ענין; מען האָט זיי דיר אומגעקערט, מחמת אין דער נײַער מדרגה פֿון פּראָצעס דאַרף מען זיי מער נישט אַריבערנעמען; זיי זענען געוואָרן פּאַפּירענע שמאַטעס. דערבײַ אָבער איז לאו דווקא, אַז דער פּראָצעס איז שוין פֿאַרלוירן, בשום אופֿן נישט, עס איז לכל הפּחות נישטאָ קיין דעפֿיניטיווע סיבה אַזוי צו טראַכטן; נאָר וואָס דען — מען ווייסט פֿון איצט אָן גאָרנישט מער וועגן דעם פּראָצעס און מען וועט וועגן אים מער גאָרנישט געוואָר ווערן. זענען אָבער צום גליק אַזעלכע פֿאַלן — אויסנאַמען, און אויב אַפֿילו דער פּראָצעס פֿון ק. זאָל אויך באַלאַנגען צו זיי, איז ער נאָך דערווײַל זייער ווײַט פֿון אָט אָ דער מדרגה. אין זײַן פֿאַל איז נאָך דאָ היפּשלעך אַ סך מעגלעכקייטן פֿאַר אַן אַדוואָקאַט עפּעס אויפֿצוטאָן, און זאָל ק. גאַנץ רויִק זײַן; די געלעגנהייט וועט ווי געהעריק אויסגענוצט ווערן. די פּעטיציע איז טאַקע נאָך נישט דערלאַנגט, וועגן דעם האָט מען שוין פֿריִער דערמאַנט, נישטאָ זיך אָבער וואָס צו אײַלן; אַ סך וויכטיקער זענען די אַרײַנפֿיר־שמועסן מיט די מאָסגעבנדיקע באַאַמטע, און אָט אָ די שמועסן זענען שוין געפֿירט געוואָרן. דער דערפֿאָלג איז געווען אַ מאָל אַזוי און אַ מאָל אַנדערש — דאָס מוז מען אָפֿן צוגעבן. עס איז אַ סך בעסער, לעת־עתּה, נישט צו פֿיל אויסצוזאָגן פֿון חדר קיינע פּרטים; דאָס וואָלט ק. נאָר אומגינציק משפּיע געווען; איין פּרט וואָלט אים צו פֿיל האָפֿערדיק געמאַכט און דער אַנדערער ווידער וואָלט אים צו פֿיל פּחד פֿאַרשאַפֿט; אַזויפֿל מעג פֿאָרט געזאָגט ווערן, אַז איינצלנע באַאַמטע האָבן זיך זייער גינציק אַרויסגעזאָגט און זענען אויך זייער גערן גרייט געווען צו העלפֿן, בשעת אַנדערע האָבן זיך ווייניקער גינציק אויסגעדריקט, אָבער פֿאָרט האָבן אויך זיי זיך אין גאַנצן נישט אָפּגעזאָגט פֿון מיטהילף, בשום אופֿן נישט. דער סך־הכּל איז דעריבער דווקא זייער האָפֿערדיק; אָבער פֿאָרט דאַרף מען זיך נישט צו שטאַרק דערמיט איבערנעמען, מחמת אַלע אַרײַנפֿירנדיקע פֿאַרהאַנדלונגען הייבן זיך ענלעך אָן — און ערשט די ווײַטערדיקע פֿונאַנדערוויקלונג באַווײַזט זייער אמתן באַטייט. ווי די זאַך זאָל נישט זײַן — דערווײַל איז נאָך גאָרנישט פֿאַרלוירן געוואָרן, און אויב עס וועט נאָר געראָטן, נישט געקוקט אויף אַלץ, דעם קאַנצעלאַריע־דירעקטאָר דאָך צו געווינען — אַ סך איז שוין צו דעם דאָזיקן לעצטן צוועק אײַנגעפֿעדעמט געוואָרן — דעמאָלט, יאָ, דעמאָלט איז דאָס גאַנצע, לויט ווי די כירורגן דריקן זיך אויס, אַ ריינע וווּנד, און מען קען מיט גוטער האָפֿענונג דעם מאָרגן דערוואַרטן.

אַזעלכע און ענלעכע רייד האָבן זיך בײַם אַדוואָקאַט גאָרנישט אויסגעשעפּט. זיי האָבן זיך איבערגעחזרט רעגולער בײַ יעדער וויזיט. אַלע מאָל האָט זיך עס געפֿעדט וועגן געוויסע דערגרייכונגען, אָבער פֿון וואָס פֿאַר אַ מין עס זענען די דערגרייכונגען, דאָס האָט מען קיין מאָל נישט מיטגעטיילט. אָן אַ סוף און אָן עק איז געאַרבעט געוואָרן אַרום דער ערשטער פּעטיציע, דאָך איז זי קיין מאָל נישט פֿאַרטיק געוואָרן; אָבער בײַם נאָענטסטן מאָל האָט זיך אַרויסגעשטעלט, אַז דווקא

דאָס איז גאָר די גרעסטע טובֿה, מחמת די לעצטע צײַט איז בײַם געריכט זייער אומגינציק געווען פֿאַרן איבערגעבן אַזעלכע מיני פּעטיציעס; און ווער האָט דאָס געקענט פֿאָרויסזען! און אַז ק. האָט — אַן אויסגעמוטשעטער פֿון די דרשות — אַ מאָל באַמערקט, אַז אַפֿילו ווען מען נעמט אין אַכט אַלע שווערקייטן, גייט דער ענין פֿאָרט אַ ביסל צו פּאַוואָליע פֿאָרויס, האָט מען אים געענטפֿערט, אַז ערשטנס, גייט עס גאָר נישט פּאַוואָליע פֿאָרויס; צווייטנס וואָלט עס אָבער מסתּמא שוין אַ סך ווײַטער געווען, אויב ק. וואָלט זיך אין דער רעכטער צײַט געווענדט צום אַדוואָקאַט. צום טיפֿן באַדויערן האָט ער דאָס אָבער פֿאַרזוימט, און אָט אָ די פֿאַר־שפּעטיקונג וועט נאָך אַנדערע שאָדנס אָנטאָן, נישט נאָר וואָס שייך צײַט.

דער איינציקער מחיהדיקער איבעררײַס אין די דאָזיקע וויזיטן איז געווען לעני, וואָס האָט שוין אַלע מאָל אַזוי אויסשפּעקולירט, אַז זי זאָל אַרײַנברענגען אַ גלעזל טיי צום אַדוואָקאַט פּונקט דעמאָלט ווען ק. איז דאָרט געווען. און נאָך דעם איז זי געשטאַנען הינטער ק., האָט זיך מכּלומרשט צוגעקוקט ווי אַזוי דער אַדוואָ־קאַט בייגט זיך אײַן מיט עפּעס אַ מין תּאווה צום שעלעכל, ווי ער גיסט אַרײַן די טיי, ווי ער טרינקט זי; דערווײַל האָט זי בסוד־סודות געלאָזט, אַז ק. זאָל זי אָנכאַפּן בײַ דער האַנט. און דערבײַ איז געווען שטיל; אַן אַבסאָלוט שטילשווײַגן. דער אַדוואָקאַט האָט געטרונקען, ק. האָט געדריקט לענים האַנט, און לעני האָט זיך ווען נישט ווען אַפֿילו דערוועקט אַ מילדן גלעט צו טאָן די האָר פֿון ק. „דו ביסט נאָך דאָ?" האָט דער אַדוואָקאַט געפֿרעגט, פֿאַרטיק ווערנדיק מיט דער טיי. „איך האָב געוואָלט אַוועקנעמען דאָס געשיר," האָט לעני געזאָגט; און נאָך אַ לעצטער דריק פֿון די הענט; דער אַדוואָקאַט האָט זיך געווישט די ליפּן און האָט מיט באַנײַטע כּוחות אָנגעהויבן אַרײַנצורעדן אין ק.

איז עס געווען טרייסטונג אָדער יאוש, וואָס דער אַדוואָקאַט האָט געוואָלט דערגרייכן? ק. האָט עס קיין מאָל נישט געקענט דערגיין; וואָס ער איז אָבער יאָ דערגאַנגען אויף זיכער איז — אַז זײַן פֿאַרטיידיקונג איז נישט אין די ריכטיקע הענט. קען זײַן, אַז אַלץ, וואָס דער אַדוואָקאַט דערשײַט איז טאַקע ריכטיק, עס איז אָבער אויך צו דורכזיכטיק, אַז ער טוט אַלץ מעגלעכע, כּדי זיך אַליין כּסדר אַרויסצושטעלן; און מסתּמא האָט ער נאָך קיין מאָל נישט געפֿירט אַזאַ גרויסן פּראָצעס, ווי עס איז דער פּראָצעס פֿון ק., לויט זײַן דעה. אונטער אַ חשד זענען אָבער געבליבן די כּסדר און אָן אַן אויפֿהער אונטערגעשטראָכענע פּערזענלעכע באַציִונגען פֿון דעם אַדוואָקאַט צו די באַאַמטע. האָט מען דען זיי געמוזט נאָר אויסשליסלעך לטובֿת ק. עקספּלואַטירן? דער אַדוואָקאַט האָט קיין איין מאָל נישט פֿאַרגעסן צו באַמערקן, אַז עס האַנדלט זיך דאָ אין באַאַמטע פֿון נידעריקע מדרגות, ובכן אין אָפּהענגיקע אָנגעשטעלטע, וואָס געוויסע ווענדונגען פֿון די פּראָצעסן האָבן זיך געקענט אָפּרופֿן אויף זייערע אַוואַנסן אין די אַמטן. באַנוצן זיי נישט אַפֿילו טאַקע דעם אַדוואָקאַט דערצו, כּדי צו דערגרייכן אָט אָ די ווענדונגען, וואָס זענען, פֿאַרשטייט זיך, אַלע מאָל אומגינציק לגבי דעם געמשפּטן? אפֿשר פֿירן זיי זיך נישט אין יעדן פּראָצעס אַזוי. אַוודאי, דאָס איז מעגלעך. עס זענען מסתּמא

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

געװען פּראָצעסן, װאָס אין זײער פֿאַרלױף האָבן זײ דעם אַדװאָקאַט צוגעשאַנצט זײערע געװיסע טובֿות פֿאַר זײַנע טובֿות, װײַל זײ האָבן דאָך געמוזט זײַן פֿאַראינטערעסירט אין אױסהאַלטן זײַן גוטן שם; ער זאָל נישט געשעדיקט װערן. און אױב עס איז טאַקע אױף אַן אמת אַזױ; פֿרעגט זיך עס — אױף װעלכן אופֿן װעלן זײ זיך אַרײַנמישן אין פּראָצעס פֿון ק., װאָס, לױט דער דעה פֿון אַדװאָקאַט, איז ער זײער אַ שװערער, ובכן װיכטיקער פּראָצעס, און ער האָט שױן בײַם סאַמע אָנהײב אַרױסגערופֿן אַ גרױסע אױפֿמערקזאַמקײט בײַם געריכט? עס האָט נישט געקענט זײַן קײן גרױסער ספֿק אין דעם, װי אַזױ זײ װעלן זיך באַנעמען. סימנים דערפֿון האָט מען שױן אין דעם אַלײן געקענט זען, װאָס די ערשטע פּעטיציע איז נאָך אַלץ נישט דערלאַנגט געװאָרן, כאָטש דער פּראָצעס געדױערט שױן חדשים — און אַז אַלץ געפֿינט זיך, לױט װי עס דרשנט דער אַדװאָקאַט, אין די סאַמע אָנהײבן; און דאָס איז, פֿאַרשטײט זיך, זײער צוגעפּאַסט דערצו, אַז מען זאָל אײַנשלעפֿן דעם אָנגעקלאָגטן און אים כּסדר האַלטן אין אַ צושטאַנד פֿון הילפֿלאָזיקײט; און דאָס אַלץ נאָר כּדי אים גרינגער, און פּלוצלינג, צו קענען באַפֿאַלן מיט דער אַנטשײדונג, אָדער לכל־הפּחות מיט דער ידיעה, אַז די אױספֿאָרשונג, װאָס איז אױסגעפֿאַלן אים לרעה, איז שױן איבערגעגעבן געװאָרן צו די העכערע געריכטס־אינסטאַנצן. עס איז דורכױס נײטיק געװען, אַז ק. זאָל זיך אַלײן אָנהײבן אַרײַנמישן. דווקא בשעת דער גרױסער אױסגעמאַטערטקײט, װי אין דעם דאָזיקן װינטער־פֿאַרמיטאָג, װען אַלץ האָט זיך אים אָן שום חשק אין קאָפּ געמישט, האָט ער דערפֿילט, אַז אַזױ און נישט אַנדערש מוז עס זײַן. פֿריִער האָט ער געהאַט אַ פּשוטע פֿאַראַכטונג צום גאַנצן פּראָצעס; אָבער דאָס האָט מער נישט געגאָלטן. װאָלט ער אַלײן אין דער װעלט געװען, װאָלט ער לײַכט געקענט גאַנץ פּשוט גרינגשאַצן דעם גאַנצן פּראָצעס; אַגבֿ, האָט ער אױך מיט זיכערקײט געפֿילט, אַז אין אַזאַ פֿאַל װאָלט דער פּראָצעס בכלל נישט געבױרן געװאָרן. איצט אָבער האָט אים שױן דער פֿעטער פֿאַרשלעפּט צום אַדװאָקאַט, ער האָט זיך שױן געמוזט רעכענען מיט משפּחה; זײַן פּאָזיציע איז נישט מער לחלוטין אומאָפּהענגיק געװען פֿונעם גאַנג פֿון פּראָצעס; ער אַלײן האָט שױן, מיט אַ געװיסער סאַטיספֿאַקציע, װאָס ער קען זי אַלײן נישט פֿאַרשטײן, אומפֿאָרזיכטיקערהײט דערמאָנט דעם פּראָצעס אין אַ שמועס מיט באַקאַנטע; אַנדערע װידער זענען אַלײן געװאָר געװאָרן, און ער װײסט בשום אופֿן נישט װי אַזױ; די באַציִונגען מיט דעם פֿרײַלין בירסטנער װאַקלען זיך, װײַזט אױס, צוזאַמען מיט די װאַקלונגען פֿון פּראָצעס — מיט אײן װאָרט, די ברירה איז שױן נישט מער געװען זײַנע, אָנצונעמען, אָדער אָפּצוװאַרפֿן דעם פּראָצעס. ער איז געשטאַנען אין מיטן דערינען און ער האָט זיך געמוזט פֿאַרטײדיקן. און אױב ער װעט אַרױסװײַזן סימנים פֿון מידקײט — איז ביטער.

דערװײַל איז נאָך קײן סיבה צו איבערגעטריבענע זאָרגן נישט געװען. האָט ער דאָך גענוג שׂכל געהאַט, אין אַ לפֿי ערך קורצער צײַט, זיך אַרױפֿצואַרבעטן אין דער באַנק, און דאָס צו אַ גאַנץ הױכער פּאָזיציע, װאָס אַלע אַנערקענען עס; און ער האָט אױך גענוג שׂכל זיך צו האַלטן אין זײַן מדרגה; מוז ער דעריבער איצט

די זעלבע פֿעיִקייטן, וואָס האָבן אים געפֿירט צו זײַנע דערגרייכונגען אין דער באַנק, כאָטש צו ביסלעך אָנווענדן אין זײַן פּראָצעס; און דעמאָלט איז קיין ספֿק נישט, אַז דער סוף וועט זײַן אַ גוטער. קודם־כּל איז, כּדי עפּעס צו דערגרייכן, אומבאַדינגט נייטיק מלכתּחילה אָפּצוואַרפֿן יעדן אײנציקן געדאַנק פֿון וועלכער נישט איז מעגלעכער שולד. נישטאָ קיין שום פֿאַרשולדיקונג! דער פּראָצעס איז נישט עפּעס אַנדערש ווי אַ גרויס געשעפֿט, וואָס אַזעלכע האָט ער שוין נישט איין מאָל אָפּגעשלאָסן אין זײַן באַנק, און דערצו מיט גרויסע רווחים פֿאַר איר; און עס איז שוין אַזוי, אַז אין יעדן געשעפֿט לאָקערן בדרך כּלל אַלערליי סכּנות; און קעגן סכּנות איז דאָ איין וועג: מע מוז זיך פּשוט אַנטקעגנשטעלן. נאָר כּדי דאָס אַלץ צו דערגרייכן דאַרף מען זיך נישט אַרומשפּילן מיט דעם שולד־געדאַנק. פֿאַרקערט — מען דאַרף זיך פֿעסט אָנהאַלטן אָן דעם געדאַנק פֿון אַן אייגענעם נוצן. פֿון דעם דאָזיקן שטאַנדפּונקט איז אָבער נישט אויסצומײַדן דאָס אַרויסנעמען די פֿאַרטיידיקונג פֿון די הענט פֿון דעם אַדוואָקאַט; און טאָן דאַרף מען עס תּיכּף, צום בעסטן טאַקע הײַנט אָוונט. אמת איז, אַז לויט זײַנע מעשׂיות וואָלט דאָס געווען אַן אומדערהערטע זאַך און דערצו מסתּמא, ווער ווייסט וואָס פֿאַר אַ באַליידיקונג; אָבער ק. האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן דעם געדאַנק, אַז זײַנע באַמיִונגען אין פּראָצעס זאָלן זיך אָנשטויסן אויף מכשולים, וואָס זענען גאָר אפֿשר אויפֿגעשטעלט געוואָרן פֿון זײַן אייגענעם אַדוואָקאַט. האָט מען זיך אָבער איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל אָפּגעשאָקלט פֿונעם דאָזיקן אַדוואָקאַט, מוז מען אין אַזאַ פֿאַל די פּעטיציע תּיכּף דערלאַנגען; און טאָג־אײַן און טאָג־אויס דרינגען, אַז מען זאָל זי טאַקע נעמען אין אַכט. און כּדי דאָס צו דערגרייכן, איז, פֿאַרשטייט זיך, נישט גענוג, אַז ק. זאָל, ווי אַלע אַנדערע פֿאַרקלאָגטע, זיצן אין קאָרידאָר אַרונטערשטעלנדיק דעם הוט אונטער דער באַנק. ער אַליין אָדער די פֿרויען אָדער אַנדערע שליחים מוזן טאָג אין טאָג לויפֿן צו די באַאַמטע און זיי ממש צווינגען, שטאָט צו גלאָצן דורך די קראַטעס אויפֿן קאָרידאָר אַרויס, בעסער צו זיצן בײַ זייערע טישן און צו שטודירן ק.׳ס פּעטיציע. פֿון די דאָזיקע באַמיִונגען טאָר מען אַ רגע נישט אָפּלאָזן, אַלץ מוז אָרגאַניזירט ווערן און ווי געהעריק איבערוואַכט; און זאָל דאָס געריכט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל זיך אָנשטויסן אויף אַן אָנגעקלאָגטן, וואָס פֿאַרשטייט ווי אַזוי צו היטן זײַן רעכט.

כאָטש ק. האָט אין זיך גענוג אמונה געהאַט דאָס אַלץ דורכצופֿירן, זענען אָבער די שוועריקייטן צונויפֿצושטעלן די פּעטיציע געווען אָן אַ שיעור. פֿריִער, מיט אַן ערך אַ וואָך צוריק, האָט ער נאָר מיט אַ געפֿיל פֿון בושה געקענט וועגן דעם טראַכטן, אַז ער וועט אַ מאָל זײַן געצוווּנגען אַזאַ מין פּעטיציע אַליין צו פֿאַרפֿאַסן; אָבער אַז דאָס איז אַזוי שווער, דאָס איז אים גאָר קיין מאָל נישט אײַנגעפֿאַלן. עס האָט זיך אים דערמאָנט, ווי אַזוי ער האָט האָט איין איין שיינעם פֿאַרמיטאָג, אַן איבערגעלאָדענער מיט אַרבעט, פּלוצלינג אַלע פּאַפּירן אַ רוק געטאָן אויף אַ זײַט, צוגערוקט דעם גרויסן שרײַב־פּאַפּיר־בלאָק, כּדי סתּם אויף אַ פּראָבע אָנצוהייבן צו פֿאַרצייכענען דעם מעגלעכן געדאַנקען־גאַנג פֿון אַזאַ מין פּעטיציע, וואָס

ער וועט עס אפֿשר שטעלן צו דער דיספּאָזיציע פֿונעם אומגעלומפּערטן אַדוואָקאַט; און — ווי אַזוי עס האָט זיך פּונקט אין יענעם מאָמענט אַן עפֿן געטאָן די טיר פֿונעם דירעקציע־צימער און עס איז — מיט אַ הילכיק געלעכטער — דורך איר אַרײַנגעפֿאַלן דער דירעקטאָר־אַסיסטענט. אַ מוראדיק פֿײַנלעכער מאָמענט פֿאַר ק., כאָטש דער דירעקטאָר־אַסיסטענט האָט דאָך, פֿאַרשטייט זיך, נישט חוזק געמאַכט פֿון דער פּעטיציע, ער האָט דאָך פֿון איר גאָרנישט געוווּסט; געלאַכט האָט ער גאָר איבער אַ פֿרישן וויץ פֿון דער בערזע, וואָס ער האָט אים נאָר וואָס געהערט; אָבער כּדי קלאָר צו מאַכן דעם דאָזיקן וויץ, האָט מען געמוזט עפּעס אָנצייכענען; און נישט געטראַכט אַ רגע, האָט זיך דער דירעקטאָר־אַסיסטענט אַריבערגעבויגן איבערן טיש פֿון ק., האָט אַרויסגענומען די בלײַ פֿון זײַן האַנט, און אויף דעם זעלבן פּאַפּיר־בלאָק, וואָס איז באַשטימט געווען פֿאַר די פּונקטן פֿון דער פּעטיציע, האָט ער אָנגעוואָרפֿן די צייכענונג, און מיט איר קלאָר געמאַכט דעם פֿרישן בערזע־וויץ.

הײַנט האָט ק. מער נישט געוווּסט פֿון קיין בושה, די פּעטיציע מוז געמאַכט ווערן. און אויב ער קען נישט געפֿינען די נייטיקע צײַט אין דער קאַנצעלאַריע, און דאָס איז טאַקע אַוודאי אַזוי געווען, מוז ער די געהעריקע צײַט געפֿינען אין די נעכט, אין דער היים. און אויב די נעכט וועלן נישט זײַן גענוג, וועט ער דעמאָלט אויף אַ צײַט באַפֿרײַען זיך פֿון דער אַרבעט. נאָר נישט שטיין בלײַבן אין מיטן וועג; נישט נאָר אין געשעפֿטן, נײַערט תּמיד און אומעטום איז אָט אָ דאָס בלײַבן שטיין אין מיטן דאָס גרעסטע טיפּשות. מאַכן אַזאַ פּעטיציע איז גרײַלעך געווען אַן אַרבעט ממש אָן אַ סוף. אַפֿילו אויב איינער האָט נישט קיין זייער שרעקעוודיקן כאַראַקטער, האָט ער גרינג געקענט אָנהייבן גלייבן, אַז עס איז פּשוט איבער דער מענטשלעכער מעגלעכקייט אַזאַ פּעטיציע ווען עס איז פֿאַרטיק צו מאַכן. נישט צוליב פֿוילקייט אָדער בייזע כּוונות, וואָס נאָר דעם אַדוואָקאַט האָבן זיי געקענט זיך שטעלן ווי אַן אָבן־נגף אין וועג אויף נישט פֿאַרטיק צו מאַכן די פּעטיציע, נאָר ווײַל נישט קענענדיק די פֿאַראַנענע באַשולדיקונג, און דערצו נאָך די מעגלעכע אויסברייטערונגען, האָט מען געמוזט דאָס גאַנצע לעבן ביז צו די קלענסטע טועכצן און אַלערליי געשעענישן צוריקברענגען אין זכּרון; באַשרײַבן זיי פֿון אַלע מעגלעכע זײַטן און דערצו נאָך גרינטלעך קאָנטראָלירן זייער ריכטיקייט. און חוץ אַלץ דאָס, ווי אומעטיק עס איז אַזאַ מין אַרבעט. זי איז אין בעסטן פֿאַל צוגעפּאַסט, אַ מאָל, אַ מאָל, אַז מען איז שוין פּענסיאָנירט, צו פֿאַרנעמען מיט איר דעם ווידער פֿאַר־קינדישט געוואָרענעם קאָפּ, אַבי אָפּצושטופּן ווי נישט איז די לאַנגע טעג. אָבער איצט, בשעת ער דאַרף אַלע זײַנע געדאַנקען צו זײַן אַרבעט, בשעת ער שטײַגט אַלץ העכער און העכער און איז שוין אַפֿילו פֿאַרן דירעקטאָר־אַסיסטענט אַ סכּנה אין דער באַנק־קאַריערע, איצט, ווען יעדע שעה פֿליט אַוועק ווי אַ פֿײַל פֿון בויגן, איצט, ווען די קורצע אָוונטן און נעכט דאַרפֿן פֿול אויסגענוצט און גענאָסן ווערן דורך אַ יונגן מענטש; פּונקט איצט זאָל ער אָנהייבן זיך פֿאַרנעמען מיט אָ דער אָ פּעטיציע. ווידער האָבן זײַנע מחשבֿות גענומען קלאָגן אויף זײַנע יאָרן. און כּמעט

ווי נישט־ווילנדיק, און נאָר כּדי אַ סוף צו מאַכן צו דעם אַלעמען, האָט ער מיט דער האַנט אַ טאַפּ געטאָן דאָס קנעפּל פֿון דעם עלעקטרישן גלעקל, וואָס האָט געפֿירט אין פֿאָדער־צימער אַרײַן. קוועטשנדיק דאָס קנעפּל האָט ער אַרויפֿגעקוקט צום זייגער. עס איז שוין זייגער עלף, צוויי שעה; אַ לאַנגע, טײַערע צײַט; ער האָט זי פֿאַרפֿטרט חלומנדיק און — עס פֿאַרשטייט זיך פֿון זיך אַליין — אַז ער איז איצט געווען נאָך מער אויסגעמאַטערט ווי פֿריִער. ווי די זאַך זאָל אָבער נישט זײַן, די צײַט איז פֿאָרט נישט געגאַנגען אין גאַנצן לאיבוד; ער האָט אָנגענומען באַשלוסן, וואָס האָבן געקענט זײַן ווערטפֿול. די באַנקדינערס האָבן אַרײַנגעטראָגן, חוץ די פֿאַרשידענע פּאָסט־שיקונגען, אויך צוויי וויזיטקאַרטן פֿון הערן, וואָס האָבן אין דרויסן שוין אַ לענגערע צײַט אויף ק. געוואַרט, און דווקא זענען עס פּונקט געווען זייער וויכטיקע קליענטן פֿון דער באַנק, וואָס מען האָט זיי אין דער אמתן בשום אופֿן נישט געטאָרט לאָזן וואַרטן. פֿאַר וואָס זענען זיי געקומען אין אַזאַ נישט־צוגעפּאַסטער צײַט; און פֿאַר וואָס, אַזוי האָט זיך עס געדאַכט, אַז די הערן פֿרעגן הינטער דער געשלאָסענער טיר, פֿאַרטאַכלעוועט דער אַלע מאָל פֿלײַסיקער ק. די בעסטע געשעפֿטס־צײַט אויף פּריוואַט־ענינים? מיד פֿון דעם, וואָס איז נאָר וואָס פֿאָרגעקומען און מיט מידקייט דערוואַרטנדיק דאָס, וואָס דאַרף איצט קומען, איז ק. אויפֿגעשטאַנען, כּדי דעם ערשטן פֿון די קליענטן אויפֿצונעמען.

עס איז געווען אַ קלײנער, רירעוודיקער הער, אַ פֿאַבריקאַנט, וואָס ק. האָט אים גוט געקענט. ער האָט באַדויערט, וואָס ער האָט געשטערט ק. אין זײַן וויכטיקער אַרבעט, און ק., פֿון זײַן זײַט, האָט אויסגעדריקט עגמת־נפֿש, וואָס ער האָט דעם פֿאַבריקאַנט געלאָזט וואַרטן אַזוי לאַנג. שוין דעם דאָזיקן עגמת־נפֿש האָט ק. אַרויסגעבראַכט אויף אַזאַ מעכאַנישן אופֿן — און כּמעט מיט אַזאַ פֿאַלשן טאָן — אַז וואָלט דער פֿאַבריקאַנט נישט געווען אַזוי דורכויס פֿאַרנומען מיט דעם געשעפֿטס־ענין, וואָלט ער עס, פֿאַרשטייט זיך, באַמערקט. שטאָט דעם האָט ער אָבער אין אײַלעניש געשלעפּט פֿון אַלע קעשענעס חשבונות און טאַבעלעס, האָט זיי אויסגעשפּרייט פֿאַר ק. אויפֿן טיש, האָט פֿאַרריכט אַ קלײנעם טעות אין חשבון, וואָס ער האָט, אַפֿילו בײַ דעם כאַפּנדיקן איבערבליק, באַמערקט; האָט צוריקגעברענגט אין זכּרון פֿון ק. אַן ענלעך געשעפֿט, וואָס ער האָט מיט אים מיט אַן ערך אַ יאָר צוריק אָפּגעשלאָסן; דערבײַ האָט ער דרך אגבֿ באַמערקט, אַז דאָס מאָל באַמיט זיך אויך אַן אַנדערע באַנק — ברענגענדיק די גרעסטע קרבנות — דאָס דאָזיקע געשעפֿט אין אירע הענט אַרײַנצוקריגן; סוף־כּל־סוף איז ער אַנטשטומט געוואָרן און געוואַרט אויף דער מיינונג און באַשלוס פֿון ק. אין אָנהייב האָט ק. טאַקע גוט נאָכגעפֿאָלגט די רייד פֿון דעם פֿאַבריקאַנט, דער געדאַנק וועגן דעם וויכטיקן געשעפֿט האָט אויך אים אַרומגעכאַפּט, צום באַדויערן אָבער נישט אויף לאַנג; גאָר גיך האָט דאָס צוהערן זיך נאָכגעלאָזט; פֿונדעסטוועגן האָט ער נאָך אַלץ דאָ און דאָרט אַ רגע לאַנג צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ צו די העכערע אויסגעשרייען פֿון דעם פֿאַבריקאַנט; נאָר סוף־כּל־סוף האָט ער דאָס אויך אויפֿגעגעבן, און זיך בלויז קאָנצענטרירט אויף באַטראַכטן דעם ליסע קאָפּ פֿון דעם פֿאַבריקאַנט,

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

וואָס איז געוועזן איבערגעבויגן איבער די פּאַפּירן; און אויך אויף כּסדר זיך אַליין פֿרעגן אין געדאַנק, ווען וועט שוין דער דאָזיקער פֿאַבריקאַנט צון אַל די גוטע יאָר אײַנזען, אַז זײַן גאַנצע רעדע וועט קיין שום נוצן נישט ברענגען. אַז דער פֿאַבריקאַנט איז ענדלעך טאַקע אַנטשוויגן געוואָרן, האָט ק. אין דער ערשטער רגע אויף אַן אמת געגלייבט, אַז עס איז געשען נאָר צוליב דעם, אַז ער זאָל האָבן אַ מעגלעכקייט זיך מודה צו זײַן, אַז ער איז פּשוט נישט פֿעיִק מער זיך אײַנצוהערן. נאָר מיט באַדויערן האָט ער אין געשפּאַנטן בליק פֿון פֿאַבריקאַנט דערקענט, אַז ער איז איצט גרייט אויף אַלערליי תּשובֿות פֿון ק., און אַז דער געשעפֿטלעכער שמועס מוז ווײַטער געפֿירט ווערן. ק. האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ, ווי איינער, וואָס האָט נאָר וואָס אויסגעהערט אַ באַפֿעל, און האָט פּאַוואָליע אָנגעהויבן אַרומצופֿאָרן מיט דער בלײַ איבער די פּאַפּירן; דאָ און דאָרט האָט ער זיך פּלוצלינג אַ שטעל אָפּגעטאָן און געגלאָצט אויף איינער פֿון די ציפֿערן. דער פֿאַבריקאַנט האָט זיך אַוודאי געריכט אויף באַמערקונגען, אפֿשר זענען די ציפֿערן טאַקע נישט געווען ריכטיק גענוג, אפֿשר זענען זיי בכלל נישט געווען דאָס סאַמע לעצטע, דאָס אַנטשיידנדיקע; ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, האָט דער פֿאַבריקאַנט אויף יעדן פֿאַל פֿאַרדעקט די פּאַפּירן מיט דער האַנט, האָט זיך גאַנץ נאָענט צוגערוקט צו ק., און האָט פֿון דאָס נײַ אָנגעהויבן פֿונאַנדערצולייגן דעם גאַנצן ענין פֿון דעם געשעפֿט. „עס איז נישט גרינג,“ האָט ק. געזאָגט, האָט צונויפֿגעצויגן די ליפּן און אַזוי ווי די פּאַפּירן, דאָס איינציקע, אָן וואָס ער האָט זיך געקענט אָנכאַפּן, זענען געווען פֿאַרדעקט — האָט ער אַ זינק געטאָן, ווי איינער וואָס האָט קיין אָנהאַלט נישט, קעגן דעם זײַטיקן אָנלען פֿון שטול. ער האָט נאָר אַ שוואַכן הייב געטאָן דעם בליק בשעת די טיר פֿון דירעקטאָרן־צימער האָט זיך אַן עפֿן געטאָן און ער האָט זיך דאָרט, נישט גאַנץ דײַטלעך, אַן ערך ווי הינטער אַ שלייער פֿון גאַזע, באַוויזן דער דירעקטאָר־אַסיסטענט. ק. האָט אָן געדאַנקען אויפֿגענומען דאָס אַרײַנקומען; פֿאַרנומען האָט אים די דירעקטע ווירקונג פֿון דער דאָזיקער דערשײַנונג, און אָט די ווירקונג איז געווען זייער דערפֿרייענדיק. ווײַל תּיכּף האָט דער פֿאַבריקאַנט אַ שפּרונג געטאָן פֿון זײַן שטול און האָט אַנטקעגנגעטאַנצט דעם דירעקטאָר־אַסיסטענט; אָבער ק. האָט זיך איצט געווונטשן, אַז ער זאָל עס נאָר צען מאָל פֿלינקער מאַכן, ווײַל ער האָט מורא געהאַט, אַז דער דירעקטאָר־אַסיסטענט זאָל נישט ווידער נעלם ווערן. עס איז אָבער געווען אַ מורא אָן אַ סיבה, ווײַל די צוויי הערן האָבן זיך באַגריסט, האָבן זיך דערלאַנגט די הענט, און זענען בײדע צוזאַמען צוגעגאַנגען צו ק.׳ס שרײַבטיש. דער פֿאַבריקאַנט האָט זיך תּיכּף באַקלאָגט, אַז ער האָט בײַם פּראָקוריסט גאָר קיין פֿאַרשטענדעניש נישט אַרויסגערופֿן צום געשעפֿט, און האָט מיטן פֿינגער געטײַט אויף ק.; דער ווידער האָט זיך, אונטערן בליק פֿון דירעקטאָר־אַסיסטענט, זיך אַ בייג געטאָן איבער די פּאַפּירן. און אַז בײדע האָבן זיך באַלד אָנגעלענט אָן דעם שרײַבטיש, און דער פֿאַבריקאַנט האָט זיך גענומען גרייטן צו געווינען דעם דירעקטאָר־אַסיסטענט אויף זײַן זײַט, איז עס ק.׳ן פֿאָרגעקומען, אַז צוויי מענער — וואָס זייער גרייס איז אים איצט אויסגעקומען מוראדיק ביז גאָר

— פֿאַרהאַנדלען אי איבער זײַן קאָפּ אַריבער און טאַקע וועגן אים אַליין. פֿאַוואָליע האָט ער זיך איצט באַמיט — ווענדנדיק פֿאַרזיכטיק די אויגן אַרויף — געוואָר צו ווערן, וואָס אייגנטלעך קומט דאָרט אויבן פֿאָר; ער האָט אַ נעם געטאָן איינס פֿון די פּאַפּירן, האָט עס, נישט קוקנדיק דערויף, אַרויפֿגעלייגט אויף זײַן פֿלאַכער האַנט, האָט עס פּאַמעלעך — אַליין אויפֿשטייענדיק — אויפֿגעהויבן צו די צוויי הערן. טוענדיק, וואָס ער האָט געטאָן, האָט ער קיין שום פֿעסטע מחשבֿות אין קאָפּ נישט געהאַט, נאָר געטאָן האָט ער עס מיט אַ געפֿיל, אַז אַזוי וועט ער זיך באַנעמען, בשעת ער וועט אַ מאָל פֿאַרטיק ווערן מיט דער גרויסער פּעטיציע, וואָס וועט אים לחלוטין באַפֿרײַען פֿון יעדן ברעקל שולד. דער דירעקטאָר־אַסיסטענט, וואָס האָט זיך מיט דער גרעסטער אויפֿמערקזאַמקייט אין שמועס באַטייליקט, האָט נאָר אַ כאַפּנדיקן בליק געטאָן אויפֿן פּאַפּיר, ער האָט אין גאַנצן ניט געלייענט, וואָס דאָרט איז געשטאַנען, ווײַל וואָס דער פּראָקוריסט האָט באַטראַכט פֿאַר וויכטיק, האָט ער סײַ ווי סײַ וועגן דעם געהאַט אַ פֿאַרקערטע מיינונג; ער האָט עס אַרויסגענומען פֿון דער האַנט פֿון ק. און געזאָגט: „אַ דאַנק, איך ווייס שוין אַלץ" און האָט עס רויק צוריק אַנידערגעלייגט אויפֿן טיש. ק. האָט מיט ביטערניש אויף אים געקוקט פֿון אַ זײַט. דער דירעקטאָר־אַסיסטענט האָט עס אָבער אַבסאָלוט נישט באַמערקט, און אויב ער האָט עס יאָ באַמערקט, האָט עס אים נאָר אויפֿגעהײַטערט; ער האָט גאַנץ אָפֿט אַ הויכן לאַך געטאָן, איין מאָל האָט ער אַפֿילו דעם פֿאַבריקאַנט מיט אַ שאַרפֿער, כיטרער באַמערקונג אַרײַנגעפֿירט אין אַ פֿאַרלעגנהייט; ער האָט אים אָבער תּיכּף־ומיד פֿון דער דאָזיקער פֿאַרלעגנהייט אַרויסגעפֿירט און דורך דעם געשאַפֿן אַן אַרגומענט קעגן זיך אַליין; צום סוף האָט ער פֿאַרבעטן דעם פֿאַבריקאַנט אין זײַן קאַנצעלאַריע, כּדי דאָרט דעם ענין ענדגילטיק דורכצופֿירן. „עס איז זייער אַ וויכטיקער ענין," האָט ער געזאָגט דעם פֿאַבריקאַנט, „איך בין פֿולשטענדיק מסכּים. און וואָס שייך דעם הער פּראָקוריסט," — אַפֿילו בײַ אָט דער באַמערקונג האָט ער, אייגנטלעך, נאָר צום פֿאַבריקאַנט גערעדט — „וועט ער עס זיכער פֿאַר ליב נעמען, אויב מיר וועלן אים פֿון דעם ענין באַפֿרײַען. די זאַך פֿאָדערט אַ רויִקן יישובֿ־הדעת. ער אָבער איז, ווײַזט אויס, הײַנט זייער איבערגעלאָדן מיט אַרבעט, אויך וואַרטן שוין עטלעכע קליענטן שעהען לאַנג אין פֿאָדער־צימער אויף אים.". ק. האָט נאָר נאָך אויף אַזויפֿל זיך געקענט צוזאַמענגענעמען, אַז ער זאָל זיך פֿון דירעקטאָר־אַסיסטענט אָווועקדרייען און ווענדן דאָס גאַנצע פֿרײַנדלעכע, פֿאַרשטאַרטע שמייכעלע זײַנס צום פֿאַבריקאַנט; חוץ דעם האָט ער זיך מיט אַ וואָרט אַפֿילו מער נישט אַרײַנגעמישט; ער האָט זיך אָנגעשפּאַרט, פֿאָרויסגעבויגן אַ ביסל, מיט ביידע הענט אָן דעם שרײַבטיש, ווי אַ פּריקאַשטשיק הינטער אַ געשעפֿטס־לאָדן, און האָט צוגעזען ווי די צוויי הערן שמועסן געשמאַק, און שמועסנדיק נעמען זיי די פּאַפּירן אַוועק פֿון טיש און פֿאַרשווינדן אין דירעקציע־צימער. שוין שטייענדיק אין דער טיר, האָט זיך דער פֿאַבריקאַנט אומגעדרייט; געזאָגט, אַז ער געזעגנט זיך נאָך נישט, אַז ער וועט,

קאַפֿקאַ
פֿראַנץ

פֿאַרשטייט זיך, דעם הער פּראָקוריסט תּיכּף מיטטיילן וועגן דעם אויסגאַנג פֿון שמועס; אַגבֿ האָט ער אויך נאָך אַן אַנדערן קליינעם ענין צום פּראָקוריסט.

ענדלעך איז ק. געוועזן אַליין. ער האָט אַפֿילו נישט בדעה געהאַט אַנדערע קליענטן איצט אַרײַנצולאָזן; גאַנץ מטושטש איז אים אײַנגעפֿאַלן דער געדאַנק, ווי גוט עס איז, אַז די לײַט דאָרט אין דרויסן מיינען, אַז ער פֿירט נאָך אַלץ אונטערהאַנדלונגען מיט דעם פֿאַבריקאַנט, און אַז צוליב דעם וועט קיינער זיך נישט דערוועגן צו אים אַרײַנצוקומען, אַפֿילו נישט דער דינער. ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער, האָט זיך אַרויפֿגעזעצט אויפֿן פּאַראַפּעט, מיט זײַן האַנט זיך אָנגעהאַלטן אָן דער פֿענצטער־קליאַמקע און אַרויסגעקוקט אויפֿן פּלאַץ. דער שניי איז אַלץ געפֿאַלן און געפֿאַלן, די טונקלקייט אין דרויסן איז נישט ליכטיקער געוואָרן.

לאַנג איז ער אַזוי געזעסן, נישט ווויסנדיק, וואָס איז עס אייגנטלעך, וואָס פֿאַרשאַפֿט אים אַזעלכע זאָרגן; פֿון מאָל צו מאָל האָט ער מיט אַ ביסל פּחד אַ בליק געטאָן, איבערן אייגענעם אַקסל אַריבער, צום פֿאָדער־צימער; עס האָט זיך אים אַפֿילו טעותדיק איין מאָל אויסגעוויזן, אַז ער הערט דאָרט אַ טומל. אַזוי ווי עס איז אָבער קיינער נישט אַרײַנגעקומען, איז ער רויִקער געוואָרן, איז צוגעגאַנגען צום וואַשטישל, האָט זיך אַ ביסל אַרומגעוואַשן מיט קאַלט וואַסער, און מיט אַ פֿרישערן קאָפּ איז ער איצט ווידער צוריקגעגאַנגען צום פֿריִערדיקן פּלאַץ בײַם פֿענצטער. דער באַשלוס אַרײַנצונעמען די פֿאַרטיידיקונג אין זײַנע אייגענע הענט האָט זיך אים אַצינד אויסגעוויזן אַ סך, אַ סך שווערער ווי ער האָט לכתּחילה געמיינט. אַזוי לאַנג ווי ער האָט די שווערקייט פֿון דער פֿאַרטיידיקונג געהאַט איבערגעגעבן דעם אַדוואָקאַט איז ער דאָך, אין תּוך, פֿון דעם פּראָצעס ווייניק אָנגערירט געווען; ער האָט אים אָבסערווירט פֿון דער ווײַטנס, און דער פּראָצעס האָט אים נישט געקענט דירעקט אַרײַנציִען; ער האָט געקענט צו יעדער צײַט, ווען עס האָט זיך אים נאָר געגלוסט, נאָכקוקן ווי עס האַלט, און ווען עס וואָלט אים נאָר אײַנגעפֿאַלן, האָט ער זיך באַלד געקענט ווידער צוריקציִען. דאַקעגן אָבער איצט, אַז ער וועט זײַן פֿאַרטיידיקונג אַליין פֿירן, מוז ער זיך דאָך — לכל הפּחות דערווײַל — אין גאַנצן עקספּאָנירן צום געריכט; אַוודאי וועט דער סך־הכּל פֿון דעם אַלעמען זײַן די אַבסאָלוטע און באַשטימטע באַפֿרײַונג; אָבער כּדי דאָס צו דערגרייכן, מוז ער זיך לפֿי שעה אין אַ סך גרעסערע סכּנות אַרײַנלאָזן ווי ביז אַצינד. און אויב ער האָט נאָך ספֿקות אין דעם, זאָל ער זיך נאָר דערמאָנען די הײַנטיקע באַגעגענישט זײַנע מיט דעם דירעקטאָר־אַסיסטענט און דעם פֿאַבריקאַנט; דאָס אַליין איז אַ גענוגנדיקער באַווײַז, אַז עס איז טאַקע אַזוי. ווײ, ווי האָט אויסגעזען שוין דאָס זיצן זײַנס; און דאָס נאָר בלויז נאָך דעם באַשלוס זיך אַליין צו פֿאַרטיידיקן; ער איז דאָך פּשוט נישט ער געווען? און אויב עס הייבט זיך אַזוי אָן — ווי זשע וועט עס ערשט שפּעטער אויסזען? וואָס פֿאַר אַ טעג וואַרטן דאָס אויף אים! וועט ער אַליין קענען געפֿינען די אַלע שטעגן און וועגן, וואָס וועלן אים פֿירן צו אַ גוטן סוף? מיינט און באַטײַט דען נישט אַ זאָרגעוודיק פּינקטלעכע

פֿאַרטיידיקונג — און אַלץ אַנדערע איז דאָך טיפּשות — באַטײַט און מיינט נישט אַ זאָרגעוודיק פּינקטלעכע פֿאַרטיידיקונג אין דער זעלבער צײַט אויך די נויטווענדיקייט אָפּצושליסן זיך, לויט מעגלעכקייט, פֿון אַלץ, באמת פֿון אַלץ אַרום? וועט ער בשלום דאָ אַריבער? און ווי זשע קען אים בכלל דאָס אַלץ געלינגען אַרבעטנדיק גלײַכצײַטיק אין דער באַנק? עס גייט דאָך נישט נאָר אין אַ פּעטיציע, וואָס אויסאַרבעטן זי קען מען סוף־כּל־סוף אין דער צײַט פֿון אַן אורלויב; כאָטש אויך אַן אורלויב איצט צו בעטן איז אַ גרויסע אײַנשטעלעניש; און דאָ האַנדלט זיך עס וועגן אַ גאַנצן פּראָצעס, וואָס — ווער קען דען וויסן ווי לאַנג ער קען געדויערן. וואָס פֿאַר אַ מכשול איז דאָס פּלוצלינג אויסגעוואָקסן אינעם גלײַכן וועג פֿון ק.׳ס קאַריערע!

און פֿון דער אַנדערער זײַט — ווי קען ער אַלץ נאָך איצט אין דער באַנק ווײַטער רויִק אַרבעטן? — ער האָט אַ קוק געטאָן אויפֿן שרײַבטיש. איצט זאָל ער אַרײַנלאָזן קליענטן און זיי אויפֿנעמען? איצט — בשעת דער פּראָצעס קוילערט זיך דאָרט ערגעץ ווײַטער, דאָרט ערגעץ אויבן אויפֿן בוידעם, ווו עס זיצן די באַאַמטע פֿון געריכט און שטודירן די דאָקומענטן פֿון זײַן פּראָצעס, זאָל ער רויִק זיצן און זיך פֿאַרנעמען מיט די באַנקגעשעפֿטן? האָט דען דאָס אַלץ נישט אויסגעזען ווי אַ פּײַניקונג, וואָס איז אָפֿיציעל אָנערקענט דורך דעם געריכט, און וואָס האָט אַ נאָענטע שײַכות צום פּראָצעס און גייט אים כּסדר נאָך? און וועלן זיי דען אין דער באַנק בײַם אָפּשאַצן זײַן אַרבעט, אין אַכט נעמען זײַן אויסערגעוויינטלעכע סיטואַציע? קיינער נישט און קיין מאָל נישט. אין גאַנצן אומבאַקאַנט איז דאָך זײַן פּראָצעס אין דער באַנק נישט, כאָטש עס איז נישט אין גאַנצן קלאָר ווער עס ווייסט יאָ עפּעס וועגן דעם און וויפֿל לײַט וויסן. ביזן דירעקטאָר־אַסיסטענט איז נאָך די מעשׂה, ווײַזט אויס, נישט דערגאַנגען; אַזיסט וואָלט מען עס שוין זיכער גאַנץ דײַטלעך דערקענט אָן זײַן אויסניצן די רכילות קעגן ק., אָן יעדער קאָלעגיאַליטעט און אָן יעדער מענטשלעכקייט. און דער דירעקטאָר? אַוודאי, ער איז פֿרײַנדלעך לגבי ק., און ער וואָלט מסתּמא — אויב ער וואָלט וועגן פּראָצעס עפּעס געוואָר געוואָרן — לויט זײַנע מעגלעכקייטן, אויסגעפֿועלט געוויסע פֿאַרלײַכטערונגען פֿאַר ק. אין דער אַרבעט; אָבער צו פֿיל וואָלט ער דערמיט סײַ ווי נישט דערגרייכט, ווײַל ער איז איצט אַלע מאָל שטאַרקער און שטאַרקער אַרונטערגעפֿאַלן אונטער דער השפּעה פֿון דעם דירעקטאָר־אַסיסטענט. און געשען איז עס דער עיקר צוליב דעם, ווײַל דאָס ביז־איצטיקע קעגנגעוויכט פֿון ק. האָט אָנגעהויבן שוואַכער צו ווערן, און דער דירעקטאָר־אַסיסטענט האָט נאָך דערצו אויסגענוצט די קרענקלעכקייט פֿון דעם דירעקטאָר כּדי זײַן אייגענע מאַכט צו פֿאַרשטאַרקן. אויף וואָס זשע האָט דאָ ק. געהאַט צו האָפֿן? עס קען אַפֿילו זײַן, אַז מיט אַזעלכע גריבלערײַען שוואַכט ער אַליין אָפּ דעם כּוח פֿון זײַן ווידערשטאַנד; אמת, אָבער פֿון דער אַנדערער זײַט איז עס אויך שוין גאָר און גאָר נייטיק זיך אַליין נישט צו נאַרן, און אַלץ צו זען אַזוי קלאָר ווי נאָר מעגלעך אין דער געגעבענער רגע.

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אָן אַ באַזונדערער סיבה, און נאָר כּדי לעת־עתּה נאָך נישט צו מוחן זיך צוריקקערן צום שרײַבטיש, האָט ער אַן עפֿן געטאָן דאָס פֿענצטער. די פֿענצטער־קליאַמקע האָט נישט־גרינג נאָכגעגעבן, ער האָט זי געמוזט דרייען מיט בײדע הענט. אַזוי גיך ווי דאָס פֿענצטער איז אָבער אָפֿן געווען, האָט פֿון זײַן פֿולער ברייט און הייך אַ שפּאַר געטאָן אַ נעפּל געמישט מיט רויך און האָט אָנגעפֿילט דאָס גאַנצע צימער מיט אַ לײַכטן ריח פֿון אַ שׂריפֿה. אויך עטלעכע שניי־פֿליטערלעך זענען אַרײַנגעבלאָזן געוואָרן. „אַן עקלהאַפֿטיקער האַרבסט,” האָט דער פֿאַבריקאַנט, שטייענדיק הינטער ק., אַ זאָג געטאָן; ער איז אומבאַמערקטערהייט אַרײַנגעקומען אין צימער אַזוי גיך ווי ער האָט נאָך פֿאַרענדיקט דעם שמועס מיטן דירעקטאָר־אַסיסטענט. ק. האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט אַן אומרויִקן בליק געוואָרפֿן אויף דער אַקטן־טעקע פֿונעם פֿאַבריקאַנט, וואָס אָט־אָט וועט ער פֿון איר אַרויסציִען אַלערליי פּאַפּירן, כּדי ק.׳ן צו אינפֿאָרמירן וועגן די רעזולטאַטן פֿון זײַנע פֿאַרהאַנדלונגען מיט דעם דירעקטאָר־אַסיסטענט. האָט אָבער דער פֿאַבריקאַנט אויסגעפֿאָלגט דעם בליק פֿון ק., האָט נאָר אַ קלאַפּ געטאָן אויף דער טאַש, און — נישט עפֿענענדיק זי — האָט ער געזאָגט: „איר ווילט הערן, ווי אַזוי עס האָט זיך געענדיקט. איך טראָג שוין כּמעט דאָס אָפּגעשלאָסענע מסחר אין דער טאַש. אַ מחיהדיקער מענטש, אײַער דירעקטאָר־אַסיסטענט, אָבער אין גאַנצן אומגעפֿערלעך איז ער נישט.” ער האָט געלאַכט, שטאַרק געטרייסלט די האַנט פֿון ק. און האָט געוואָלט, אַז אויך ער זאָל אַ לאַך טאָן. אָבער ק. איז באַפֿאַלן אַ חשד למאי דער פֿאַבריקאַנט וויל אים נישט ווײַזן די פּאַפּירן; און וואָס שייך דער באַמערקונג פֿון דעם פֿאַבריקאַנט — וואָס איז דאָ געווען צום לאַכן? „הער פּראָקוריסט,” האָט געזאָגט דער פֿאַבריקאַנט, „איר קענט משמעות נישט פֿאַרטראָגן דעם וועטער? איר זעט אויס, ווי עפּעס וואָלט אײַך געדריקט אויף דער נשמה.” יאָ,” האָט ק. געזאָגט, און האָט זיך מיט דער האַנט אַ כאַפּ געטאָן בײַ די שלייפֿן, „קאָפּווייטיקן, משפּחה־זאָרגן.”. „אַזוי איז עס,” האָט געזאָגט דער פֿאַבריקאַנט; ער איז געווען אַ מענטש, וואָס האָט זיך שטענדיק געאײַלט און האָט קיין מאָל קיינעם נישט געקענט רויִק אויסהערן, „יעדער מענטש האָט זיך זײַן פּעקל צרות צום טראָגן.” נישט־ווילנדיק האָט ק. מיט איין שריט זיך אַ לאָז געטאָן צו דער טיר, אָט אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט אַרויסבאַגלייטן דעם פֿאַבריקאַנט; דער האָט אָבער פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן: „אייגנטלעך, האָב איך, הער פּראָקוריסט, נאָך איין קלייניקייט אײַך מיטצוטיילן. איך האָב שטאַרק מורא, אַז פּונקט הײַנט וועל איך אײַך אפֿשר דערמיט אַ ביסל באַלעסטיקן, אָבער איך בין לעצטנס שוין צוויי מאָל בײַ אײַך געווען און יעדעס מאָל האָב איך אָט דעם ענין פֿאַרגעסן. טאָמער וועל איך אָבער דעם ענין נאָך איין מאָל אָפּציִען, וועט ער אין גאַנצן מסתּמא פֿאַרלירן זײַן צוועק און זינען. נאָר עס וואָלט אַ שאָד געווען, ווײַל אין תּוך איז מײַן מיטטיילונג אפֿשר פֿאָרט נישט אין גאַנצן מיט דער האַנט אַוועקצומאַכן.” און נאָך איידער ק. האָט צײַט געהאַט צו ענטפֿערן, איז דער פֿאַבריקאַנט גאַנץ נאָענט צו אים צוגעשטאַנען, האָט אַ לײַכטן קלאַפּ געטאָן מיט אַ פֿינגער אויף ק.׳ס ברוסט און האָט

שטיל אַ זאָג געטאָן: „איר זענט פֿאַרוויקלט אין אַ פּראָצעס, נישט אמת?‟ ק. האָט געמאַכט אַ שריט אויף צוריק און האָט תּיכּף אַ געשריי געטאָן: „דאָס האָט אײַך דער דירעקטאָר־אַסיסטענט געזאָגט?‟ „גאָט באַהיט,‟ האָט געענטפֿערט דער פֿאַבריקאַנט, „פֿון וואַנעט זאָל עס דער דירעקטאָר־אַסיסטענט וויסן?‟ „און איר?‟ האָט ק. געפֿרעגט, קומענדיק שוין אַ ביסל צו זיך. „פֿון צײַט צו צײַט ווער איך עפּעס געוואָר פֿון דעם געריכט,‟ האָט געזאָגט דער פֿאַבריקאַנט, „אָט דאָס איז עס טאַקע, וואָס איך האָב אײַך געוואָלט מיטטיילן.‟ „אַזויפֿל מענטשן זענען פֿאַרבונדן מיט דעם דאָזיקן געריכט!‟ האָט ק. געזאָגט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ פֿירנדיק דעם פֿאַבריקאַנט צום שרײַבטיש. זיי האָבן זיך ווידער אַנידערגעזעצט, פּונקט ווי פֿריִער, און דער פֿאַבריקאַנט האָט געזאָגט: „עס איז צום באַדויערן נישט קיין סוד, וואָס איך קען אײַך מיטטיילן. אָבער אין אַזעלכע זאַכן טאָר מען גאָרנישט נישט פֿאַרנאַכלעסיקן, אַפֿילו נישט דעם קלענסטן פּרט. חוץ דעם פֿיל איך אַ דראַנג אײַך אויף וואָס פֿאַר אַ נישט איז אופֿן צו העלפֿן, אַפֿילו ווען מײַן הילף קען נאָר זײַן זייער אַ נישטיקע. מיר זענען דאָך ביז אַצינד געווען גוטע געשעפֿטס־פֿרײַנד, נישט אמת? ובכן.‟ ק. האָט זיך געוואָלט אַנטשולדיקן פֿאַר זײַן באַנעמונג בשעת דעם הײַנטיקן שמועס, אָבער דער פֿאַבריקאַנט האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן קיין שום איבעררײַסן, ער האָט אַ רוק געטאָן זײַן אַקטן־טעקע גאַנץ הויך, ממש ביז צום סאַמע אַקסל, אַ סימן, אַז ער יאָגט זיך שטאַרק, און האָט ווײַטער גערעדט: „וועגן אײַער פּראָצעס בין איך געוואָר געוואָרן דורך איינעם אַ טיטאָרעלי. עס איז אַ קונסטמאָלער; טיטאָרעלי איז זײַן קינסטלער־נאָמען, זײַן אמתן נאָמען קען איך אַפֿילו נישט. שוין יאָרן און יאָרן ווי ער קומט פֿון צײַט צו צײַט אין מײַן ביוראָ און ברענגט מיט יעדעס מאָל אַ פּאָר קליינע בילדער; איך גיב אים פֿאַר אָט די בילדער — ער איז כּמעט אַ בעטלער — אַלע מאָל אַ מין נדבֿה. איבעריקנס זענען עס גאָר נישט קיין מיאוסע בילדער, עס זענען לאַנדשאַפֿטן מיט ווילדן געפֿלאַנץ און ענלעכע אַזעלכע. אָט אָ די בילדער־קויפֿערײַען — וואָס מיר האָבן זיך שוין ביידע צו זיי צוגעוווינט — זענען אַלע מאָל גאַנץ גלאַטיק אָפּגעגאַנגען. האָט אָבער פּאַסירט, אַז די דאָזיקע באַזוכן האָבן זיך אָנגעהויבן שוין אַ ביסל צו אָפֿט איבערצוחזרן, נו, האָב איך אים פֿירגעוואָרפֿן; האָבן מיר זיך פֿאַרוויקלט אין אַ לענגערן שמועס, עס האָט מיך אינטערעסירט צו וויסן, ווי אַזוי קען זיך אַזאַ מענטש אויסהאַלטן בלויז פֿון זײַן מאָלן, און דאָ בין איך דערשטוינט געבליבן געוואָר ווערנדיק, אַז די הויפּט־פּרנסה זײַנע ציט ער גאָר פֿון מאָלן פּאָרטרעטן. ער אַרבעט פֿאַרן געריכט, זאָגט ער. פֿאַר וועלכן געריכט? — פֿרעג איך אים. און אַזוי האָט ער מיר דערציילט וועגן אָט דעם געריכט. איר אַליין וועט צום בעסטן באַנעמען מײַן דערשטוינונג איבער די דאָזיקע מעשׂיות. זינט דעמאָלט הער איך בײַ יעדן באַזוך זײַנעם אַלע מאָל עפּעס נײַעס וועגן דעם געריכט; און פּאַוואָליע־פּאַוואָליע שאַפֿט זיך בײַ מיר אַ געוויסער באַגריף פֿון דעם גאַנצן ענין. אַז טיטאָרעלי איז אַ פּלאַפּלער איז אײַך קלאָר, און איך מוז אָפֿט אָפּוואַרפֿן זײַנע רייד; נישט נאָר צוליב דעם ווײַל ער איז מסתּמא אַ שקרן אויך, נאָר קודם־כּל צוליב דעם, ווײַל

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אַ סוחר ווי איך, וואָס ברעכט זיך ממש אײַן אונטער דער לאַסט פֿון די אייגענע געשעפֿטסזאָרגן, קען נישט צו פֿיל מיט ענינים פֿון אַנדערע זיך צו פֿאַרנעמען. אָבער דאָס זאָג איך נאָר סתם אַזוי. אפֿשר — איז מיר פונקט איצט אײַנגעפֿאַלן — קען אײַך טיטאָרעלי אין עפּעס וואָס העלפֿן; ער קען זיך מיט אַ סך ריכטערס, און אויב ער אַליין האָט אַפֿילו נישט קיין גרויסע השפּעה, קען ער אָבער געבן גוטע עצות, ווי אַזוי צו געווינען אַלערליי פּאַרשוינען, וואָס האָבן יאָ די געהעריקע השפּעות. און אויב עס זאָלן אַפֿילו די דאָזיקע עצות, אַליין און פֿאַר זיך, נישט זײַן קיין דעצידירנדיקע, וועלן זיי אָבער פֿאָרט, אַזוי טראַכט איך לכל הפּחות, בײַ אײַך אין די הענט, שוין ווי נישט איז האָבן אַ וויכטיקן באַטײַט. איר זענט דאָך כּמעט אַן אַדוואָקאַט. איך האָב אַלע מאָל געזאָגט וועגן אײַך: פּראָקוריסט ק. איז כּמעט אַן אַדוואָקאַט. אָ, איך מאַך מיר שוין גאָר קיין זאָרגן נישט צוליב אײַער פּראָצעס. איז ווילט איר גיין צו דעם טיטאָרעלי? אַז איך וועל אײַך רעקאָמענדירן — איז קיין ספֿק נישט, אַז ער וועט אַלץ טאָן, וואָס נאָר ער וועט קענען. איך מיין עס אויף אַן אמת, אַז איר דאַרפֿט צו אים גיין. עס מוז, פֿאַרשטייט זיך, נישט זײַן פּונקט הײַנט; אַ מאָל, אַז די געלעגנהייט וועט זיך מאַכן. אָבער ווי די זאַך זאָל נישט זײַן — דאָס וויל איך נאָך צוגעבן — זענט איר אין מינדסטן נישט מחויב צו טיטאָרעלי צו גיין, נאָר דערפֿאַר ווײַל איך האָב אײַך די עצה געגעבן. ניין, אויב איר מיינט, אַז איר קענט זיך באַגיין אָן טיטאָרעלין, איז עס אַוודאי בעסער אין גאַנצן אים צו לאָזן אָן אַ זײַט. אפֿשר האָט איר שוין אַפֿילו אַ גאַנץ גענויעם פּלאַן און טיטאָרעלי וואָלט גאָר אײַער פּלאַן צערודערט. ניין, אויב אַזוי, גייט בשום אופֿן נישט אַהין! אַוודאי דאַרף מען זיך אַ כּוח אָנטאָן צו נעמען עצות פֿון אַזאַ מין פּאַרשוין. נו, טוט ווי איר ווילט. דאָ איז דער רעקאָמענדאַציע־בריוו און אָט אָ דאָ איז דער אַדרעס."

אַן אַנטוישטער האָט ק. אַ נעם געטאָן דעם בריוו און האָט אים אַרײַנגעשטעקט אין קעשענע. אַפֿילו אין בעסטן פֿאַל איז דער נוצן, וואָס אָט אָ די רעקאָמענדאַציע האָט געקענט ברענגען, נישט אין ערך קלענער געווען, ווי דער שאָדן, וואָס איז געלעגן אין דעם פֿאַקט, וואָס דער פֿאַבריקאַנט ווייסט וועגן זײַן פּראָצעס און דער מאָלער פֿאַרשפּרייט ידיעות וועגן דעם גאַנצן ענין. קוים־קוים האָט ער זיך געצוווּנגען אָפּצודאַנקען מיט אַ פּאָר ווערטער דעם פֿאַבריקאַנט, וואָס האָט זיך שוין געהאַט פֿאַרמאָסטן צו דער טיר. „איך וועל גיין אַהין," האָט ער געזאָגט בײַם געזעגענען זיך בײַ דער טיר מיט דעם פֿאַבריקאַנט, „אָדער גאָר, ווײַל איך בין איצט זייער פֿאַרנומען, אים שרײַבן, ער זאָל אַ מאָל אַרײַנקומען צו מיר אין ביוראָ."
„איך האָב געוווּסט," האָט געזאָגט דער פֿאַבריקאַנט, „אַז איר וועט שוין געפֿינען דעם בעסטן אויסוועג. פֿונדעסטוועגן אָבער, מיין איך, אַז איר זאָלט עס ליבערשט אויסמײַדן, אַזעלכע לײַט ווי מיטאָרעלי אין דער באַנק צו פֿאַרבעטן, און דאָ מיט אים זיך אַדורכשמועסן וועגן דעם פּראָצעס. עס איז אויך נישט אַלע מאָל געווונטשן, אַז אַזעלכע לײַט זאָלן האָבן בריוו פֿון איינעמס האַנט. אָבער איך בין מער ווי זיכער, אַז איר האָט אַלץ דורכגעטראַכט און איר ווייסט, וואָס איר האָט יאָ און

וואָס איר האָט נישט צו טאָן.״ ק. האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און האָט באַגלייט דעם פֿאַבריקאַנט אויך דורך דעם פֿאָדער־צימער. נישט געקוקט אויף דער אויסערלעכער רויִקייט איז ער עפּעס איבער זיך אַליין דערשראָקן געווען; וואָס שייך דעם שרײַבן צו טיטאָרעלי, דאָס איז נאָר אַזוי זיך געזאָגט געווען, כּדי אויף וואָס פֿאַר אַ נישט איז אופֿן צו ווײַזן דעם פֿאַבריקאַנט, אַז ער ווייסט ווי אַזוי אָפּצושאַצן זײַן רעקאָמענדאַציע. און וואָס שייך די מעגלעכקייטן פֿון צוטרויפֿטרעף מיט טיטאָרעלין, לייגט ער זיך דאָס נאָך איבער; אַז ער וועט אײַנזען, אַז זײַן הילף איז טאַקע ווערטפֿול און נייטיק, וועט ער זיך נישט אָפּשטעלן אים אויף אַן אמת צו שרײַבן. די סכּנות וואָס דאָס האָט געקענט ברענגען מיט זיך, האָט ער ערשט פֿאַרשטאַנען דורך דער באַמערקונג פֿון דעם פֿאַבריקאַנט. הייסט עס, אַז ער קען זיך שוין אין דער אמתן אַזוי ווייניק פֿאַרלאָזן אויף זײַן אייגענעם שׂכל? אויב עס איז מעגלעך אַז ער זאָל טראַכטן אַזאַ מין מסופּקדיקן פֿאַרשוין צו פֿאַרבעטן אין דער באַנק אַרײַן דורך אַן אויסגעשפּראָכענעם בריוו, און זיך מיט אים ווען אַן עצה האַלטן וועגן דעם פּראָצעס; און דאָס אַלץ נאָר מיט איין טיר אָפּגעטיילט פֿון דעם דירעקטאָר־אַסיסטענט; איז עס דאָך מעגלעך — און אַפֿילו זייער — אַז ער האָט שוין אַנדערע ענלעכע סכּנות פֿאַרזען, אָדער פּשוט מיטן קאָפּ אין זיי אַליין אַרײַנגעיאָגט? נישט אַלע מאָל איז עמעץ בײַ דער זײַט געשטאַנען און אים געוואָרנט. און פּונקט איצט, איצט ווען ער האָט באַשלאָסן אַרויסצוקומען מיט אַלע זײַנע קאָנצענטרירטע כּוחות, האָבן געמוזט אויפֿקומען אַזעלכע ספֿקות אין זײַן אייגענער וואַכזאַמקייט; ספֿקות, וואָס זענען אים ביז איצט אין גאַנצן פֿרעמד געווען! זאָל דאָס מעגלעך זײַן, אַז די שוועריקייטן, וואָס ער הייבט זיי אָן צו שפּירן בײַם אויספֿירן די אַרבעטן אין דער באַנק, רײַסן זיך שוין אויך אַרײַן אין זײַן פּראָצעס? אין דער רגע האָט ער עס בכלל מער נישט געקענט באַנעמען, ווי אַזוי דאָס איז מעגלעך געווען, אַז ער האָט בדעה געהאַט צו שרײַבן אַליין אַ בריוו צו טיטאָרעלין און אים פֿאַרבעטן אין דער באַנק אַרײַן.

ער האָט נאָך געשאָקלט מיטן קאָפּ בײַ אָט דעם געדאַנק, בשעת דער דינער איז שוין געשטאַנען בײַ זײַן זײַט און האָט אים אויפֿמערקזאַם געמאַכט אויף דרײַ הערן, וואָס זיצן אין פֿאָדער־צימער אויף דער באַנק. שוין היפּשלעך לאַנג וואַרטן זיי, אַז מען זאָל זיי אַרײַנלאָזן צו ק. און איצט, אַז דער דינער האָט נאָך גערעדט מיט ק., זענען אַלע דרײַ אויפֿגעשטאַנען, יעדער איינער מיט דער כּוונה אויסצוניצן אַ גינציקן מאָמענט, כּדי צו קענען זיך פֿריִער ווי די אַנדערע צוויי אַרײַנכאַפּן צו ק. מחמת מען איז דאָ אין דער באַנק אַזוי אָן שום אײַנזעעניש געווען לגבי זיי, און מען האָט זיי געלאָזן אַזוי לאַנג וואַרטן און פֿאַרלירן טײַערע צײַט, האָבן זיי אויך געוואָלט זײַן אָן אײַנזעעניש צו די מענטשן פֿון דער באַנק. „הער פּראָקוריסט,״ האָט שוין אַפֿילו איינער אויסגערופֿן. אָבער ק. האָט דערווײַל באַפֿוילן דעם דינער, אַז ער זאָל אים ברענגען דעם ווינטער־מאַנטל, און האָט אויף איין מאָל צו אַלע דרײַ אַ זאָג געטאָן, אַרויפֿציִענדיק דעם ראָק מיט דער הילף פֿון דעם דינער: „זײַט מיר מוחל, מײַנע הערן, איך האָב אין דער רגע, צום

באַדויערן, קיין צײַט נישט אײַך אויפֿצוהאַלטן. איך בעט אײַך אויפֿריכטיק מיר מוחל צו זײַן, אָבער איך האָב אַ דרינגענדיקן געשעפֿטלעכן ענין דורכצופֿירן און איך מוז תּיכּף אַוועקגיין. איר האָט דאָך אַליין געזען ווי לאַנג איך בין נאָר וואָס אויפֿגעהאַלטן געוואָרן. קענט איר נישט זײַן אַזוי פֿרײַנדלעך און מאָרגן, אָדער ווען איר ווילט אַליין, ווידער קומען? אָדער זאָלן מיר אפֿשר די ענינים טעלעפֿאָניש אַרומרעדן? אָדער ווילט איר מיר אפֿשר קורץ און שאַרף זאָגן, אין וואָס עס האַנדלט זיך, און איך וועל אײַך אויספֿירלעך ענטפֿערן אין בריוו. אָבער צום בעסטן — קומט אַן אַנדערש מאָל." די דאָזיקע אַלע פֿאָרשלאָגן פֿון ק. האָבן אַרײַנגעבראַכט די דרײַ הערן, וואָס האָבן אָן שום נוצן פֿאַרלוירן אויפֿן וואַרטן אַזויפֿל צײַט, אין אַזאַ מין דערשטוינונג, אַז זיי האָבן זיך נאָר שטום אַלע דרײַ אָנגעקוקט. „זענען מיר, הייסט עס, מסכּים?" — האָט ק. אַ פֿרעג געטאָן; האָט זיך בשעת־מעשׂה אומגעקערט צום דינער, וואָס האָט אים איצט אויך דעם הוט דערלאַנגט. דורך דער אָפֿענער טיר פֿון ק.׳ס צימער האָט מען געזען, ווי דער שנײ אין דרויסן פֿאַרשטאַרקט זיך און פֿאַלט האַסטיקער און האַסטיקער. ק. האָט דעריבער אויפֿגעהויבן דעם קאָלנער פֿון מאַנטל און האָט אים דאָרט גאַנץ הויך בײַם האַלדז פֿאַרקנעפּלט.

אין דער זעלבער רגע איז פּונקט דער דירעקטאָר־אַסיסטענט פֿון דערבײַיִקן צימער אַרויסגעקומען, האָט געקוקט מיט אַ שמייכעלע אויף ק., וואָס שטייט דאָ אין ווינטער־מאַנטל אָנגעטאָן און פֿירט אַ שמועס מיט די דרײַ קליענטן; ער האָט אַ פֿרעג געטאָן: „איצט גייט איר אַוועק, הער פּראָקוריסט?" „יאָ," האָט ק. געזאָגט און האָט זיך אַ שטרעק געטאָן, „איך האָב אַ געשעפֿטס־גאַנג צו מאַכן." אָבער דער דירעקטאָר־אַסיסטענט האָט זיך דערווײַל שוין אומגעווענדט צו די דרײַ הערן. „און די הערן?" האָט ער געפֿרעגט, „מיר דאַכט, אַז זיי וואַרטן שוין גאַנץ לאַנג." „מיר האָבן זיך שוין צונויפֿגערעדט," האָט ק. געזאָגט. אָבער איצט זענען די דרײַ הערן כּמעט אַרויס פֿון די כּלים; זיי האָבן אַרומגערינגלט ק. און דערקלערט, אַז זיי וואָלטן מסתּמא נישט שעהען לאַנג געוואַרט, אויב זייערע ענינים וואָלטן נישט געווען פֿון דער גרעסטער וויכטיקייט און וואָלטן נישט געמוזט טאַקע איצט, און טאַקע אויספֿירלעך און טאַקע אונטער פֿיר אויגן ווערן אַרומגערעדט. דער דירעקטאָר־אַסיסטענט האָט זיך אַ רגע לאַנג צו זיי צוגעהערט, האָט אויך באַטראַכט ק.׳ן, וואָס האָט געהאַלטן זײַן הוט אין דער האַנט און האָט אים דאָ און דאָרט געשטויבט מיט אַ פֿינגער, און ער האָט אַ זאָג געטאָן: „מײַנע הערן, עס איז דאָך דאָ אַ גאַנץ פּשוטער אויסוועג. אויב איר ווילט פֿאַר ליב נעמען, וועל איך גערן דורכפֿירן מיט אײַך די פֿאַרהאַנדלונגען אויפֿן אָרט פֿון הער פּראָקוריסט. אײַערע ענינים מוזן, פֿאַרשטייט זיך, תּיכּף אַרומגערעדט ווערן. מיר זענען אויך געשעפֿטסלײַט, פּונקט ווי איר זענט עס, און מיר ווייסן ווי מע דאַרף שאַצן די ווערטפֿולע צײַט פֿון געשעפֿטסלײַט. ווילט איר אַזוי גוט זײַן און דאָ אַהער אַרײַנגיין?" און ער האָט אַן עפֿן געטאָן די טיר, וואָס האָט געפֿירט צו דעם פֿאָדער־צימער פֿון זײַן ביוראָ.

ווי אזוי דער דאזיקער דירעקטאר־אסיסטענט האט דאס איצט פארשטאנען תיכף אלץ צו זיך ארײַנכאפן, וואס ק. איז אצינד געצוווּנגען געווען אויפצוגעבן! האט אבער ק. אפשר נישט מער אויפגעגעבן, ווי עס איז אומבאדינגט נייטיק? אט לויפט ער איצט מיט אומבאשטימטע — און דער שׂכל זאגט אים אונטער, אז אויך גאנץ קליינע — האפענונגען צו אן אומבאקאנטן מאלער, און אין דער זעלבער צײַט קריגט זײַן חשיבות אין דער באנק אן אומהיילבארן קלאפ. עס וואלט אוודאי איצט א סך בעסער געווען, דעם ווינטער־מאנטל צוריק אויסצוטאן, און לכל הפחות יענע צוויי הערן, וואס זיצן דארט דערבײַ און ווארטן אוודאי, צוריק־געווינען פאר זיך? ק. וואלט עס אפשר טאקע אויך געפּרוּווט צו טאן, אט האט ער אבער אין זײַן צימער באמערקט דעם דירעקטאר־אסיסטענט, ווי ער זוכט עפּעס אינעם ביכער־געשטעל, אט פונקט אזוי ווי עס וואלט זײַן אייגענער געווען. אז ק. האט זיך אן אויפגערעגטער דערנענטערט צו דער טיר, האט יענער אויסגערופן: „א, איר זענט נאך נישט אוועקגעגאנגען?" ער האט זיך אויסגעדרייט מיטן פּנים צו ק. — אויף זײַן פּנים זענען אנזעעוודיק געווען א סך גלײַכע קנייטשן, אין דעם פאל אבער נישט סימנים פון עלטער, און נאר פון שטארקייט — און ער האט תיכף ווידער אנגעהויבן צו זוכן. „איך זוך א קאפּיע פון א קאנטראקט", האט ער געזאגט, „וואס געפינט זיך משמעות בײַ אײַך, אזוי זאגט דער פארטרעטער פון דער פירמע. אפשר ווילט איר א זוך טאן צוזאמען מיט מיר?" ק. האט געמאכט א שריט פארויס, אבער דער דירעקטאר־אסיסטענט האט א זאג געטאן: „א דאנק, איך האב עס שוין געפונען," און — אוועקטראגנדיק א גרויסן פּאק מיט דאקו־מענטן — וואס האט אנטהאלטן נישט נאר די קאפּיע פון דעם אפמאך, נײַערט אויך א סך אנדערע אקטן, איז ער צוריקגעגאנגען אין זײַן צימער.

„איצט קען איך זיך מיט אים נישט אויסגלײַכן," האט ק. צו זיך אליין געזאגט, „אבער אז איך וועל א מאל פּטור ווערן פון מײַנע פּערזענלעכע פלאנטערנישן, וועט ער שוין זײַן דער סאמע ערשטער, וואס וועט אויף זײַן הויט דערפילן, און דערפילן אזוי ביטער ווי נאר מעגלעך." בארויִקט א ביסל פון דעם דאזיקן געדאנק, האט ק. באפוילן דעם דינער, וואס האט שוין לאנג פאר אים אפן געהאלטן די טיר צום קארידאר צו, ער זאל בײַ א געלעגנהייט מעלדן דעם דירעקטאר, אז ער געפינט זיך אויף א געשעפטס־גאנג; און ק. האט פארלאזן די באנק — שיִער נישט א באגליקטער פון דעם געדאנק, אז ער וועט זיך איצט א שטיקל צײַט קענען אין גאנצן אפּגעבן בלויז מיט זײַן ענין.

תיכף־ומיד איז ער געפארן צום מאלער; יענער האט געוווינט אין א פאר־שטאט, וואס איז געלעגן פונקט אין א פארקערטער ריכטונג פון דער פארשטאט ווו עס געפינען זיך די קאנצעלאריעס פון דעם געריכט. די געגנט איז געווען נאך ארעמער, די הײַזער נאך טונקעלער, די גאסן פול מיט קויט, וואס איז פּאוואליע ארומגעשווומען אהין און אהער אויפן צעשמאלצענעם, צעווירענעם שניי. אין הויז, ווו דער מאלער האט געוווינט, איז נאר איין פליגל פון גרויסן טויער געשטא־נען אפן; אינעם אנדערן טויער־פליגל איז אונטן, אין דער מויער, געווען א לאך, און

פראנץ
קאפקא

פֿון דאָרטן האָט פּונקט — ווען ק. האָט זיך דערנענטערט — אַ שאָס אַרויס געטאָן אַן עיפּושדיקע, געלע, רויכערדיקע פֿליסיקייט; פֿונעם פֿלוצלינגן גאָס האָבן עטלעכע שטשורעס זיך דערשראָקן און זענען אַנטלאָפֿן אין נאָענטסטן קאַנאַל־לאָך אַרײַן. אונטן, האַרט בײַם טרעפּ־גאַנג, איז געלעגן אַ קליין קינד אויף דער ערד, מיטן בײַכל אַראָפּ, און האָט געהעשעט; אָבער ווער האָט דאָ געקענט הערן דאָס געוויין, אַז פֿון דער אַנדערער זײַט פֿון טויער־גאַנג איז געקומען אַזאַ געפּילדער און געקלאַפּערײַ פֿון אַ בלעכער־וואַרשטאַט, וואָס האָט אַלע קולות אײַנגעשלונגען. די טיר פֿון וואַרשטאַט איז געשטאַנען אָפֿן, דרײַ געזעלן זענען דאָרט געשטאַנען, אין אַ האַלבן ראָד, אַרום עפּעס אַ שטיק אַרבעט, און האָבן געזעצט דערויף מיט די האַמערס. אַ גרויסער בויגן ווײַסבלעך, וואָס איז געהאַנגען בײַ דער וואַנט, האָט געוואָרפֿן אַ בלייכן ווידערשײַן; דער ווידערשײַן איז געפֿאַלן צווישן צוויי לערניונגען און האָט באַלויכטן פּנימער און אַרבעטס־פֿאַרטעכער. ק. האָט אויף אַלץ נאָר אַן אויבנאויפֿיקן בליק געוואָרפֿן; ער האָט געוואָלט אַזוי גיך ווי מעגלעך דאָ פֿאַרטיק ווערן, אויספֿאָרשן מיט אַ פּאָר ווערטער דעם מאָלער, און תּיכּף צוריקגיין אין דער באַנק. ווען ער דאָ אַפֿילו דאָס מינדסטע דערגרייכן, וועט דאָס אויך שוין האָבן אַ גוטע פּעולה אויף זײַן אַרבעט אין דער באַנק — טאַקע נאָר הײַנט. שוין אויפֿן דריטן שטאָק האָט ער געמוזט אַ ביסל פֿאַרלאַנגזאַמען דעם גאַנג זײַנעם, ער האָט זיך שטאַרק אַרויסגעשלאָגן פֿון אָטעם; די טרעפּ, און אַזוי אויך די שטאָקן, זענען געווען אויסער יעדער מאָס הויך, און דערצו דאַרף דער מאָלער וווינען גאַנץ אויבן אין אַ דאַכשטיבל. אויך די לופֿט איז זייער שטיקנדיק, די ענגע טרעפּ זענען נישט געווען אײַנגעשטעלט, ווי געווייִנטלעך, אין אַן אַרויפֿגאַנגס־הייפֿל; זיי זענען געווען אַרײַנגעקוועטשט פֿון בײדע זײַטן פֿון די מויערן, און אין די מויערן זענען דאָ און דאָרט, און אומעטום גאַנץ אויבן, געווען אַרײַנגעזעצטע קליינע פֿענצטערלעך. פּונקט אין דער רגע, ווען ק. איז אַ ביסל שטיין געבליבן, זענען עטלעכע קליינע מיידעלעך פֿון אַ ווויִנונג אַרויסגעלאָפֿן און זענען אין גרויס אײַלעניש און מיט אַ געלעכטער געשפּרונגען אַ טרעפּ העכער אַרויף. ק. איז פּאַוואָליע נאָך די קינדער נאָכגעגאַנגען; פּונקט האָט זיך איינע פֿון די מיידעלעך מיט אַ פּיסל פֿאַרטשעפּעט און איז געבליבן הינטערשטעליק פֿון די אַנדערע, האָט ער זיך אײַנגעהאַלטן און האָט זי געפֿרעגט, בשעת זיי זענען צוזאַמען טרעפּ־אַרויף ווײַטער געגאַנגען: „וווינט דאָ נישט צופֿעליק אַ מאָלער טיטאָרעלי?" דאָס מיידעלע, קוים אפֿשר אַ דרײַצן־יעריקע, און דערצו מיט אַ קליינעם הויקער, האָט אים מיט אַן עלנבויגן אַ שטויס געגעבן און אַ קוק געטאָן אויף אים פֿון דער זײַט און פֿון אונטן אַרויף. נישט איר יונגשאַפֿט און נישט איר קערפּערלעכער מום האָבן, ווײַזט אויס, זי נישט פֿאַרהיטן פֿון פֿולשטענדיקער פֿאַרדאָרבנקייט. זי האָט אַפֿילו נישט געשמייכלט, נאָר האָט אָנגעקוקט ק. מיט ערנצטע, שאַרפֿע און אַרויספֿאָדערנדיקע בליקן. ק. האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער באַמערקט נישט איר באַנעמונג און נאָך אַ מאָל געפֿרעגט: „קענסטו דעם מאָלער טיטאָרעלי?" זי האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ און אַליין געשטעלט אַ פֿראַגע: „וואָס ווילט איר פֿון אים?" ק. האָט אײַנגעזען, אַז

עס איז בעסער פֿאַר אים נאָך גיך־גיך דאָ עפּעס וועגן טיטאָרעלי געוואָר צו ווערן: „איך וויל, אַז ער זאָל מיך מאָלן,“ האָט ער געזאָגט. „ער זאָל אײַך מאָלן?“ האָט זי געפֿרעגט, האָט שטאַרק אויפֿגעריסן איר מויל, האָט אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אַנטקעגן ק., אַזוי ווי ער זאָל האָבן געזאָגט, אָדער עפּעס אַן אויסערגעוויינטלעך איבעררעשנדיקע זאַך, אָדער עפּעס שלימזלדיקס; זי האָט אַ הייב געטאָן מיט בײדע הענט איר קליידל, וואָס איז שוין אויך גענוג קורץ געווען, און איז געלאָפֿן אַזוי גיך ווי זי האָט געקענט, הינטער די אַנדערע מיידלעך; זייער געשריי האָט זיך שוין דערווײַל פֿאַרלוירן אין דער הייך און מע האָט עס נאָר אומדײַטלעך געהערט. אָבער שוין בײַ דער נאָענטסטער ווענדונג פֿון די טרעפּ האָט ק. ווידער זיך אָנגעשטויסן אויף אַלע מיידלעך. עס ווײַזט אויס, אַז דאָס הויקערל האָט דערווײַל שוין געהאַט באַוויזן זיי מיטצוטיילן, וואָס ק. זוכט דאָ אַרום, און זיי האָבן אים אָפּגעוואַרט. זיי זענען געשטאַנען פֿון בײדע זײַטן טרעפּ, צוגעקוועטשט צו דער מויער, אַז ק. זאָל גאַנץ באַקוועם קענען דורכגיין צווישן זיי, און האָבן אַלע מיט דער האַנט געגלעט די פֿאַרטעכלעך. אַלע זייערע פּנימער, און אויך דאָס דאָזיקע אויסשטעלן זיך אין אַ ריי האָבן געהאַט אין זיך אַ געמיש פֿון קינדערישקייט און פֿאַרדאָרבנקייט. אויבן, העכער פֿון אַלע מיידלעך, וואָס האָבן זיך איצט לאַכנדיקע הינטער ק. צונויפֿגעשלאָסן, איז געווען דאָס הויקערל, וואָס האָט איבערגענומען די קאָמאַנדע. איר האָט עס ק. געהאַט צו פֿאַרדאַנקען, וואָס ער האָט תּיכּף דעם ריכטיקן וועג געפֿונען. געוואָלט האָט ער גיין גלײַך פֿאָרויס און אַרויף, זי אָבער האָט אים אָנגעוויזן, אַז ער דאַרף אויסקלײַבן איינע פֿון די אָפּצווײַגונגען פֿון די טרעפּ, כּדי אָנצוקומען צו טיטאָרעלי. דער טרעפּן־גאַנג, וואָס האָט צו אים געפֿירט, איז געווען שמעלער נאָך ווי אַלע אַנדערע גענג, זייער לאַנג און אָן קיין שום אויסבייג. מע האָט געקענט מיט איין בליק אַריבערקוקן איבער דער גאַנצער לענג פֿון די טרעפּ, וואָס האָבן זיך געענדיקט ממש בײַ דער סאַמער טיר פֿון טיטאָרעלי. די דאָזיקע טיר, וואָס איז געווען לפּי ערך העלער באַלויכטן ווי דער גאַנצער טרעפּן־גאַנג, האָט געהאַט איבער זיך אַ קרומלעך אַרײַנגעזעצט דאַכפֿענצטערל; זי איז געווען צונויפֿגעשטעלט פֿון נישט־געטינקעוועטע פּלאַנקעס און אויף איר איז דער נאָמען טיטאָרעלי געווען אויסגעמאָלט מיט רויטער פֿאַרב און מיט אַ ברייטן פּענדזל. קוים איז ק., מיט דער גאַנצער כאָפּטע הינטער אים, דערגאַנגען ביז צו דער מיט פֿון דעם טרעפּן־גאַנג, האָט זיך די טיר תּיכּף אויבן אַ ביסל אַן עפֿן געטאָן, מסתּמא צוליב דעם געטומל פֿון אַזויפֿל פֿיס; אַ מאַן, וואָס האָט, ווי עס זעט אויס, נאָר אַ נאַכטהעמד אויף זיך געטראָגן, האָט זיך באַוויזן אין שפּאַלט פֿון דער טיר. „אָהאָ!“ האָט ער אויסגערופֿן, זעענדיק די גאַנצע כאָפּטע אָנקומען, און איז פֿאַרשוווּנדן. דאָס הויקערל האָט געפּליעסקעט אין די הענט פֿאַר שׂמחה, און די אַנדערע מיידלעך האָבן זיך געשטופּט הינטער ק., כּדי אים וואָס גיכער אונטערצוטרײַבן אויף פֿאָרויס.

אָבער נאָך אײדער זיי זענען אַרויפֿגעקומען, האָט דער מאָלער דאָרט אויבן די גאַנצע טיר אַ רײַס אויף געטאָן און טיף זיך פֿאַרבייגנדיק האָט ער ק. פֿאַרבעטן אַרײַנצוקומען. דאַקעגן אָבער די מיידלעך האָט ער צוריקגעשטופּט; קיין

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אײנע פֿון זײ האָט ער נישט געוואָלט אַרײַנלאָזן; וויפֿל זײ האָבן זיך נישט געבעטן בײַ אים, וויפֿל זײ האָבן נישט פּרובירט, זאָל שוין זײַן אָן אַ דערלויבעניש, זאָל שוין זײַן אַפֿילו קעגן זײַן ווילן, אַרײַנצודרינגען, און נאָר דעם הויקערל איז עס געלונגען דורכצוגליטשן זיך אונטער דעם אויסגעשטרעקטן אָרעם פֿונעם מאָלער; ער האָט זיך אָבער תּיכּף נאָכגעיאָגט נאָך איר, האָט זי אָנגעכאַפּט בײַ די קליידלעך, האָט זי ווירבלדיק איין מאָל אַ דריי געטאָן אַרום זיך, און האָט זי אין דער רגע אַוועקגעזעצט פֿאַר דער טיר צו די אַנדערע מיידלעך צו; אַפֿילו בשעת דער מאָלער האָט זײַן פּאָסטן בײַ דער טיר פֿאַרלאָזן, האָבן די איבעריקע מיידלעך דאָך זיך נישט דערוועגט אַריבער די שוועל. ק. האָט נישט געוווּסט ווי אַזוי ער זאָל דאָס אַלץ פֿאַרשטיין; אויסגעזען האָט עס, אַז דאָס אַלץ געשעט לויט עפּעס אַ פֿרײַנדשאַפֿטלעכן אָפּמאַך. די מיידלעך בײַ דער טיר האָבן, שטייענדיק אײנע הינטער דער אַנדערער, געשטרעקט און געצויגן די העלדזער אין דער הייך, האָבן זיך דורכגעווערטלט מיט דעם מאָלער מיט אַלערליי שפּאַסיקע ריידעלעך, וואָס ק. האָט בשום אופֿן נישט געקענט באַנעמען, און אויך דער מאָלער האָט מיטגעלאַכט; ער האָט אויך געלאַכט ווען דאָס הויקערל איז פֿריִער כּמעט געפֿלויגן אין זײַן האַנט. נאָך דעם האָט ער אָבער פֿאַרשלאָסן די טיר, האָט זיך נאָך איין מאָל אַ בייג געטאָן פֿאַר ק., האָט אים דערלאַנגט די האַנט און — פֿאָרשטעלנדיק זיך — האָט ער געזאָגט: „קונסטמאָלער טיטאָרעלי". ק. האָט מיט אַ פֿינגער אַ ווײַז געטאָן אויף דער טיר, הינטער וועלכער די מיידלעך האָבן זיך געסודעט, און האָט געזאָגט: „עס ווײַזט אויס, אַז איר זענט שטאַרק באַליבט אין דעם דאָזיקן הויז." „אָ, די מאַלפּעס!" האָט געזאָגט דער מאָלער, און האָט בשום אופֿן נישט געקענט צוקנעפּלען דאָס נאַכטהעמד אויבן בײַם האַלדז. ער איז, אַגב, געווען באָרוועס, און האָט נאָר געהאַט אויף זיך אַ פּאָר געלבלעכע, ברייטע, לײַוונטענע הויזן, פֿאַרצויגן מיט אַ רימען, וואָס דער לאַנגער, פֿרײַער עק זײַנער האָט זיך געבאָמבלט אַהין־אַהער. „די דאָזיקע מאַלפּעס זענען אַן אמת אָנשיקעניש אויף מיר," האָט ער ווײַטער גערעדט, און האָט סוף־כּל־סוף דאָס נאַכטהעמד צו רו געלאָזן, ווײַל דאָס קנעפּל בײַם האַלדז האָט זיך נאָר וואָס אָפּגעריסן; ער האָט געבראַכט אַ שטול און האָט געצוווּנגען ק. זיך אַנידערצוזעצן. „איך האָב אַ מאָל אײנע פֿון זײ — זי איז פּונקט הײַנט צווישן זײ נישט געווען — געמאָלט, נו, נו, זינט דעמאָלט פֿאַרפֿאָלגן זײ מיך אַלע. אַז איך בין דאָ אַליין אין הויז, קומען זײ נאָר דעמאָלט אַרײַן, אַז איך דערלויב עס; גיי איך אָבער אַוועק, איז אַלע מאָל כאָטש אײנע פֿון זײ דאָ בײַ מיר. זײ האָבן זיך געלאָזט מאַכן אַ נאָכשליסל צו מײַן טיר, און זײ אַנטלײַען אים כּסדר אײנע דער אַנדערע. מע קען זיך קוים פֿאָרשטעלן, וואָס פֿאַר אַן אָנשיקעניש דאָס איז. אָט קום איך, למשל, אַרײַן מיט אַ דאַמע, וואָס איך דאַרף זי מאָלן, איך עפֿן די טיר פֿון מײַן היים מיט מײַן שליסל און געפֿין דאָרט, לאָמיר זאָגן, דאָס הויקערל, אָט אָ דאָרט בײַם טישל; זי זיצט און פֿאַרבט זיך די ליפּן אויף רויט מיטן פּענדזל; דערווײַל יאָגן זיך אירע ברידערלעך און שוועסטערלעך, וואָס זי דאַרף אַכטונג געבן אויף זײ, אַרום אין מײַן צימער און פֿאַרפּאַטשקען עס, ווו דו גיסט נאָר אַ

קוק. אָדער אַזאַ זאַך: איך קום, און דאָס איז מיר פּונקט נעכטן פּאַרלאָפֿן, שפּעט אין אָוונט אַהיים — דאָס איז טאַקע די סיבה פֿון מײַן איצטיקן צושטאַנד און פֿון דעם צושטאַנד אין מײַן צימער, אַנטשולדיקט מיר — בקיצור, איך קום שפּעט אין אָוונט אַהיים און וויל אַרײַן אין מײַן בעט, פֿיל איך אַ קניפּ אין פֿוס, קוק איך אַרונטער אונטערן בעט און — צי פֿון דאָרט אַרויס אַט אַזאַ מין באַשעפֿעניש. פֿאַר וואָס זיי שטופּן זיך אַזוי צו מיר, קען איך בשום אופֿן נישט וויסן; אַז איך אַליין זוך זיי נישט און לאָז זיי נישט צו זיך, האָט איר שוין מסתמא נאָר וואָס געדאַרפֿט באַמערקן. איבעריק צו זאָגן, אַז איך בין אויך צוליב זיי היפּשלעך געשטערט אין מײַן אַרבעט. וואָלט מען מיר נישט די דאָזיקע אַטעליע געשטעלט אומזיסט צו דיספּאָזיציע, וואָלט איך זיך שוין לאַנג פֿון דאַנעט אַרויסגעצויגן.״ פּונקט אין דער רגע האָט הינטער דער טיר אַ קול־עכל צאַרט און שרעקעוודיק אַ רוף געטאָן: „טיטאָרעלי, מעגן מיר שוין אַרײַנקומען?״ „ניין,״ האָט געענטפֿערט דער מאָלער. „איך אַליין אויך נישט?״ האָט עס ווײַטער געפֿרעגט. „אויך נישט,״ האָט געזאָגט דער מאָלער, ער איז צוגעגאַנגען צו דער טיר און האָט זי פֿאַרשלאָסן מיט אַ שליסל.

דערווײַל האָט זיך ק. אַרומגעקוקט אין צימער; אים אַליין וואָלט עס קיין מאָל אויפֿן געדאַנק נישט געקומען, אַז מע קען דאָס דאָזיקע קליינע, עלנטע שטיבל רופֿן אַטעליע. מער ווי צוויי גרויסע שפּאַן האָט מען דאָ, אין דער לענג און אין דער ברייט, נישט געקענט מאַכן. אַלץ, די בריק, די ווענט, דער סופֿיט, איז געווען פֿון האָלץ, צווישן די בעלקעס האָבן דורכגעלויכטן שמאָלע שפּעלטעלעך. אַנטקעגן ק., צו דער וואַנט צו, איז געשטאַנען דאָס בעט, וואָס איז געווען איבערגעלאָדן מיט כּלערליי בעטצײַג אין אַלערליי קאָלירן. אין דער מיט פֿון צימער איז אויף אַ בילדער־געשטעל געשטאַנען אַ בילד, פֿאַרהילט מיט אַ העמד, וואָס זײַנע אַרבל האָבן זיך געבאַמבלט ביז צו דער בריק אַראָפּ. הינטער ק. איז געווען דאָס פֿענצטער; אין נעפּל האָט מען דורך אַט דעם פֿענצטער נישט געקענט זען אַ סך ווײַטער ווי דעם שניי־באַדעקטן דאַך פֿונעם שכנישן הויז.

דאָס איבערדרייען פֿון שליסל אין שלאָס האָט ק.ן דערמאָנט, אַז ער האָט באַלד געוואָלט אַוועקגיין. האָט ער דעריבער אַרויסגעצויגן פֿון קעשענע דעם בריוו פֿונעם פֿאַבריקאַנט, האָט אים דערלאַנגט דעם מאָלער און געזאָגט: „איך בין דורך אַט דעם הער, אײַערס אַ באַקאַנטן, וועגן אײַך געוואָר געוואָרן, און לויט זײַן עצה בין איך אַהער געקומען.״ דער מאָלער האָט אַ כאַפּנדיקן לייען געטאָן דעם בריוו און האָט אים אַ וואָרף געטאָן אויפֿן בעט אַרויף. וואָלט דער פֿאַבריקאַנט נישט געהאַט גערעדט וועגן טיטאָרעלי אויף אַ באַשטימטן אופֿן ווי וועגן זײַנעם אַ באַקאַנטן, ווי וועגן אַן אָרעמען מענטש, וואָס איז אַפֿילו אָנגעוויזן אויף זײַנע נדבות, וואָלט מען איצט אויף אַן אמת געקענט גלייבן, אַז טיטאָרעלי קען דעם פֿאַבריקאַנט אין גאַנצן נישט; אָדער ער קען זיך, לכל הפּחות, אָן אים נישט דערמאָנען. „אַגבֿ,״ האָט דער מאָלער געפֿרעגט: „ווילט איר בילדער קויפֿן, אָדער ווילט איר זיך אַליין לאָזן פּאָרטרעטירן?״ ק. האָט אַ דערשטוינטער אָנגעקוקט דעם מאָלער.

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

וואָס איז דען אייגנטלעך געשטאַנען אין דעם בריוו? ק. האָט אָנגענומען, אַז עס
פֿאַרשטייט זיך פֿון זיך אַליין, אַז אין בריוו טיילט דער פֿאַבריקאַנט מיט דעם
מאָלער, אַז ק. זוכט דאָ נישט עפּעס אַנדערש, ווי נאָר אינפֿאָרמאַציע וועגן זײַן
פּראָצעס. עס ווײַזט אויס, אַז ער האָט זיך דעם גאַנצן ענין נישט־ריכטיק איבער־
געלייגט, און אַז ער האָט זיך צו שטאַרק צוגעאײַלט מיט דעם יאָגן זיך אַהער!
ער האָט אָבער איצט געמוזט שוין ווי נישט איז דעם מאָלער ענטפֿערן; האָט ער אַ
זאָג געטאָן מיטן בליק אויפֿן געשטעל: „איר אַרבעט דאָך פּונקט איצט אויף אַ
בילד?" „יאָ," האָט געזאָגט דער מאָלער און האָט נאָכגעוואָרפֿן צום בריוו אויפֿן
בעט דאָס העמד, וואָס איז געהאַנגען אויפֿן געשטעל. „עס איז אַ פּאָרטרעט.
אַ גוט שטיקל אַרבעט, אָבער נאָך נישט אין גאַנצן פֿאַרטיק." דער גליקלעכער
צופֿאַל האָט ק.׳ן צוגעשפּילט, די מעגלעכקייט צו רעדן וועגן דעם געריכט האָט
זיך ממש אַליין אויסגעשפּרייט פֿאַר אים, מחמת עס איז קלאָר געווען, אַז דאָס בילד
איז אַ פּאָרטרעט פֿון אַ ריכטער. אַגבֿ, איז עס געווען אויף אַ האָר ענלעך צום בילד
אינעם אַרבעטס־צימער פֿונעם אַדוואָקאַט. אמת איז אַפֿילו, אַז דאָס דאָזיקע איז
געווען אַ בילד פֿון אַ גאַנץ אַנדערן ריכטער, אַ דיקן מענטש מיט אַ שוואַרצער,
קאָלטענעוואַטער באָרד, וואָס זײַנע באַקן האָבן זײַטיק אַרויסגעשטאַרצט; אויך איז
דאָס בילד נישט געווען קיין אייל־בילד און נײַערט געצייכנט שוואַך און נישט־
דײַטלעך מיט פּאַסטעל־פֿאַרבן. דאָס איבעריקע איז אָבער אַלץ געווען ענלעך, ווײַל
אויך אויף דעם בילד איז דער ריכטער אויף זײַן טראָן־שטול געזעסן פּונקט אַזוי,
און פּונקט אַזוי זיך אָנגעהאַלטן אָן די זײַטן־אָנלענען, אָט אַזוי ווי ער וויל זיך
דראָענדיק אַ הייב טאָן. „דאָס איז אַ ריכטער," האָט ק. תּיכּף געוואָלט אַ זאָג טאָן,
ער האָט זיך אָבער אַ רגע נאָך צוריקגעהאַלטן דערווײַל, און האָט זיך פֿריִער דער־
נענטערט צום בילד, אָט אַזוי ווי ער וויל עס פּרטימדיק באַטראַכטן. ער האָט איצט
באַמערקט אַ גרויסע פֿיגור, וואָס הייבט זיך פֿון דער מיט פֿון רוקן־אָנלען פֿון דער
טראָן־שטול — האָט ער זיך די דאָזיקע פֿיגור נישט געקענט דערקלערן און האָט
געפֿרעגט דעם מאָלער, וואָס זי באַטײַט. אָט אָ די פֿיגור דאַרף נאָך אַ ביסל דײַט־
לעכער אויסגעאַרבעט ווערן, האָט דער מאָלער געענטפֿערט, האָט אַראָפּגענומען
אַ פּאַסטעל־שטיפֿט פֿון טישל און האָט אָנגעהויבן דערמיט אַ ביסל צו צייכענען
שטריכעלעך און פּאַסיקלעך אַרום די ראַנדן פֿון דער פֿיגור; אָבער מיט אָט אָ די
פּאַסיקלעך און שטריכעלעך איז די פֿיגור אין די אויגן פֿון ק. לחלוטין נישט דײַט־
לעכער געוואָרן. „דאָס איז די גערעכטיקייט," האָט סוף־כּל־סוף דער מאָלער אַ זאָג
געטאָן. „אָט איצט דערקען איך זי," האָט ק. געזאָגט, „אָט אָ דאָ איז דאָס טיכל
איבער די אויגן און אָט אַדאָ איז די וואָג. אָבער, צי זע איך נישט פֿליגלען אַרום
די קנעכל אירע און האַלט זי נישט אין מיטן פֿליִען?" „יאָ," האָט געזאָגט דער
מאָלער, „אַזוי האָט מען מיר זי באַפֿוילן צו מאָלן, פֿאַקטיש איז עס די גערעכטיקייט
און די געטין פֿון זיג אין איינעם." „דאָס איז נישט־גוט צונויפֿגעפּאָרט," האָט ק.
געזאָגט מיט אַ שמייכעלע, „די גערעכטיקייט מוז שטיין שטיל, אַזיסט וואַקלט
זיך די וואָג, און עס איז נישט מעגלעך קיין גערעכטער משפּט." „איך גיב זיך

אונטער, אין דעם זינען, צו די פּערזאָנען, וואָס האָבן בײַ מיר דאָס בילד באַשטעלט," האָט געזאָגט דער מאָלער. "יאָ, אַוודאי," האָט ק. געזאָגט, נישט האָבנדיק בדעה וועמען עס איז מיט זײַן באַמערקונג ווײ צו טאָן. "איר האָט די פֿיגור אַזוי געמאָלן, אַזוי ווי זי שטייט אין דער אמתן אויף דער טראָן־שטול." "ניין," האָט געזאָגט דער מאָלער, "נישט איך האָב געזען אַ פֿיגור און נישט איך האָב געזען אַ טראָן־שטול, דאָס איז אַלץ אַן אויסטראַכטעניש; אָבער מע האָט מיר אָנגעזאָגט, וואָס איך האָב צו מאָלן". "האַ?" האָט ק. געפֿרעגט, ער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל, אַז ער פֿאַרשטייט נישט אין גאַנצן, וואָס דער מאָלער זאָגט, "עס איז דאָך אַ ריכטער, וואָס זיצט אויפֿן ריכטער־שטול?" "יאָ," האָט געזאָגט דער מאָלער, "אָבער עס איז נישט קיין הויך געשטעלטער ריכטער און ער איז קיין מאָל אין לעבן אויף אַזאַ טראָן־שטול נישט געזעסן." "און ער לאָזט זיך פֿונדעסטוועגן מאָלן אין אַזאַ מין דערהויבענער פּאָזע? ער זיך דאָך דאָ אָט אַזוי ווי ער וואָלט געווען דער געריכטס־פּרעזידענט אַליין." "יאָ, אײַנרעדעניש פֿעלט זיי נישט, די הערן," האָט געזאָגט דער מאָלער. "זיי האָבן אָבער די דערלויבעניש מצד זייערע עלטסטע, אַזוי זיך צו לאָזן מאָלן. יעדער פֿון זיי האָט אַ געגוי'עם אָנזאָג, אַז אַזוי און אַזוי מעג ער זיך לאָזן מאָלן. אָבער פּונקט לויט דעם דאָזיקן בילד קען מען נישט משפּטן געגוי מכּוח די פּרטים פֿון דער הלבשה און דעם אויסזען פֿון שטול; די פּאַסטעל־פֿאַרבן זענען אין גאַנצן נישט צוגעפּאַסט צו דעם מין פּאָרטרעט־מאָלערײַען." "יאָ," האָט ק. געזאָגט, "עס איז מאָדנע, וואָס דאָס בילד איז בכּלל געמאָלן מיט פּאַסטעל־פֿאַרבן." "אַזוי האָט דער ריכטער געוואָלט," האָט געזאָגט דער מאָלער. "דאָס בילד איז באַשטימט פֿאַר אַ דאַמע." דער אָנבליק פֿון בילד האָט דעם מאָלער, ווײַזט אויס, געגעבן חשק צו אַרבעט; ער האָט אַרויפֿגעשאַרצט די אַרבל פֿונעם העמד, האָט אַ נעם געטאָן עטלעכע קרײַדלעך אין דער האַנט אַרײַן, און ק. האָט צוגעזען, ווי עס שאַפֿט זיך באַלד אונטער די ציטערנדיקע שפּיצן פֿון די קרײַדלעך אַ רויטלעכער שאָטן גאַנץ נאָענט אַרום דעם קאָפּ פֿון דעם ריכטער; דערנאָך צעגייט זיך דער שאָטן, אָט אַזוי ווי אַ שטראַלן־קרוין, ביז צו די סאַמע ראַנדן פֿון דעם בילד. פּאַוואָליע־פּאַוואָליע האָט די דאָזיקע שפּיל מיט שאָטנס אַרומגענומען דעם ריכטערס קאָפּ ווי אַ צירונג, אָדער עפּעס אַ גאָר הויכע אויסצייכענונג. אָבער אַרום דער פֿיגור פֿון דער גערעכטיקייט איז געבליבן אַ ליכטיקייט; חוץ אפֿשר אַ כּמעט נישט־באַמערקבאַרן שאָטן פֿון אַ שאָטן; און פֿון אָט דער ליכטיקייט האָט זיך די פֿיגור גאַנץ אָנזעעוודיק אַרויסגערוקט, זי האָט שוין בשום אופֿן מער נישט דערמאָנט די געטין פֿון דער גערעכטיקייט, זי האָט אויך מער נישט דערמאָנט מיט איר אויסזען די געטין פֿון נצחון, זי האָט גאָר איצט אין גאַנצן אויסגעזען ווי די געטין פֿון חיות־געיעג. די אַרבעט פֿונעם מאָלער האָט ק. אַ סך מער צוגעצויגן ווי ער האָט זיך עס געוווּנטשן; סוף־כּל־סוף האָט ער זיך אַליין געמוסרט, פֿאַר וואָס ער זיצט שוין דאָ אַזוי לאַנג און אין דער אמתן האָט ער פֿאַר זיך און זײַן אייגענעם ענין נאָך גאָרנישט אויפֿגעטאָן. "ווי הייסט דער דאָזיקער ריכטער?" האָט ער פּלוצלינג אַ פֿרעג געטאָן. "דאָס טאָר איך נישט זאָגן," האָט געענטפֿערט

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

דער מאָלער; ער איז געשטאַנען אַ טיף אַראָפּגעבויגענער צום בילד צו און האָט זיך איצט גאַנץ וויניק אומגעקוקט אויף דעם גאַסט, וואָס ער האָט אים נאָר וואָס מיט אַזויפֿל דרך־ארץ אויפֿגענומען. ק. האָט געהאַלטן, אַז דאָס איז אַ קאַפּריז אַזאַ מצד אים, און עס האָט אים זייער פֿאַרדראָסן, ווײַל דורך דעם איז אַ סך צײַט פֿאַרלוירן געגאַנגען. „איר זענט אַן אייגענער מענטש פֿון דעם געריכט — נישט אַזוי?“ האָט ער געפֿרעגט. דער מאָלער האָט איצט תּיכּף אַוועקגעלייגט אויף אַ זײַט די קרײַדלעך, האָט זיך אַ הייב געטאָן, אַ רײַב די הענט אײַנע אין דער אַנדערער, און האָט אַנגעקוקט ק. מיט אַ שמייכעלע. „נאָר תּיכּף מיט דעם אמת אַרויס,“ האָט ער געזאָגט, „איר ווילט דאָך פֿון מיר עפּעס אַרויסבאַקומען וועגן דעם געריכט, אַזוי איז עס דאָך געשטאַנען שוואַרץ אויף ווײַס אין דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו, דערײַבער האָט איר קודם־כּל גערעדט וועגן מײַנע בילדער, כּדי מיך אַריבערצוגעווינען אויף אײַער זײַט. אָבער איך האָב נישט קיין פֿאַראיבל אויף אײַך דערפֿאַר; פֿון וואַנעט האָט איר דען געקענט וויסן, אַז בײַ מיר גייען אַזעלכע זאַכעלעך נישט אָן. אָ, זײַט אַזוי גוט!“ האָט ער געזאָגט שאַרף, אַזוי גיך ווי ק. האָט אים געוואָלט אָפּווענדן מיט אַ וואָרט. און האָט באַלד ווײַטער גערעדט: „אַגבֿ, זענט איר אַבסאָלוט גערעכט מיט אײַער באַמערקונג, אַז איך בין אַן אייגענער מענטש אין דעם דאָזיקן געריכט.“ דאָ האָט ער זיך אָפּגעשטעלט אַ רגע, אָט אַזוי ווי ער וואָלט וועלן דערמיט געבן ק. אַ ביסל צײַט, צוצוגעווינען זיך צו דעם דאָזיקן פֿאַקט. מע האָט אַצינד ווידער געהערט די מיידלעך הינטער דער טיר. מסתּמא האָבן זיי זיך געשטופּט אַרום דעם שליסל־לאָך, און אפֿשר האָט מען אויך געקענט אַרײַנקוקן אין צימער אַרײַן דורך די שפּאַלטן אין די ווענט. ק. האָט זיך נישט אַנטשולדיקט, ווײַל ער האָט נישט געוואָלט אָפּווענדן דעם שמועס; ער האָט אָבער אויך נישט געוואָלט, אַז דער מאָלער זאָל זיך צו פֿיל איבערנעמען און זאָל זיך אויף דעם אופֿן, אין אַ געוויסן זינען, אויפֿהייבן צו אַזאַ הייך, ווו מע וועט אים נישט קענען מער דערגרייכן; האָט ק. דעריבער געפֿרעגט: „איז אײַער פּאָזיציע אַן עפֿנטלעך אַנערקענטע?“ „ניין,“ האָט דער מאָלער קורץ און שאַרף אַ זאָג געטאָן, אָט אַזוי ווי די דאָזיקע לעצטע פֿראַגע וואָלט די ווײַטערדיקע רייד אָפּגעשניטן. אַזוי ווי ק. האָט אָבער נישט געוואָלט, אַז דער מאָלער זאָל אַנטשוויגן ווערן, האָט ער געזאָגט: „נו, עס מאַכט זיך אָפֿט, אַז אַזעלכע נישט־אַנערקענטע פּאָזיציעס האָבן מער השפּעה־כּוח ווי די אַנערקענטע.“ „אַזוי איז עס טאַקע אין מײַן פֿאַל,“ האָט געזאָגט דער מאָלער; ער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, און דער שטערן איז בײַ אים געווען צונויפֿגעצויגן. „איך האָב נעכטן גערעדט מיט דעם פֿאַבריקאַנט וועגן אײַער ענין, ער האָט מיך געפֿרעגט, צי בין איך צו מאָל נישט ווויליק אײַך צו העלפֿן, האָב איך אים געענטפֿערט 'איך האָב גאָרנישט קעגן דעם, אַז דער מאַן זאָל אַ מאָל אַרײַנקומען צו מיר,' און עס פֿרייט מיך זייער, וואָס איר האָט זיך אַזוי גיך דאָ באַוויזן. דער ענין ליגט אײַך, ווײַזט אויס, שווער אויף דער נשמה; איך בין, פֿאַרשטייט זיך, דעריבער גאָרנישט פֿאַרוווּנדערט. ווילט איר נישט אפֿשר קודם־כּל אײַער מאַנטל אויסטאָן?“ כאָטש ק. האָט בדעה געהאַט נאָר אַ גאַנץ קורצע צײַט דאָ צו בלײַבן,

איז די דאָזיקע אויפֿפֿאָדערונג פֿונעם מאָלער אים געווען שטאַרק צום האַרצן. די לופֿט אין צימער האָט אים פֿאַוואָליע אָנגעהויבן צו שטיקן, ער האָט שוין אַ סך מאָל מיט פֿאַרוווּנדערונג געהאַט געקוקט אויף דעם קליינעם אײַזערנעם אייוועלע אין עק שטוב, און עס איז קיין ספק נישט געווען, אַז מע האָט עס שוין לאַנג נישט געהאַט אײַנגעהייצט; איז טאַקע די דושנע לופֿט אין צימער פּשוט נישט געווען צו פֿאַרשטיין. בשעת ער האָט אַראָפּגענומען דעם ווינטער־מאַנטל און האָט נאָך דערצו אויפֿגעקנעפּלט דאָס רעקל, האָט דער מאָלער אין אַ טאָן פֿון אַנטשולדיקונג געזאָגט: „איך מוז האָבן אַ סך וואַרעמקייט. עס איז דאָ זייער היימלעך אין צימער, נישט אמת? אין דעם זינען איז דאָס צימער גאָר באַקוועם.״ ק. האָט דערויף קיין וואָרט נישט געענטפֿערט; אין דער אמתן איז עס נישט געווען די וואַרעמקייט, וואָס האָט אַזאַ שלעכט געפֿיל בײַ אים אַרויסגערופֿן, גיכער איז עס געווען די דומפּיקייט פֿון דער לופֿט, וואָס האָט ממש פֿאַרהאַקט דעם אָטעם; ווער ווייסט ווען מע האָט דאָס צימער צום לעצטן מאָל אויסגעלופֿטערט. דאָס שלעכטע געפֿיל איז נאָך מער פֿאַרשטאַרקט געוואָרן, ווען דער מאָלער האָט אים געבעטן, ער זאָל זיך זעצן אויפֿן בעט און ק. האָט זיך פֿריִער אַליין געהאַט אַוועקגעזעצט אויף דעם איינציקן בענקל אין צימער, וואָס איז געשטאַנען אַנטקעגן דעם מאָל־געשטעל. חוץ דעם האָט דער מאָלער, ווײַזט אויס, גאָר נישט פֿאַרשטאַנען פֿאַר וואָס ק. איז געבליבן זיצן בײַם סאַמע ראַנד פֿון בעט; ער האָט געבעטן, אַז ק. זאָל זיך אַוועקזעצן אין גאַנצן באַקוועם; און אַז ק. האָט נישט תּיכף געפֿאָלגט, איז ער אַליין צו אים צוגעגאַנגען און האָט אים אַרײַנגעשטופּט טיף אין די איבערבעטן און אין די קישנס. אָפּגעטאָן דאָס — האָט ער זיך אומגעקערט צו זײַן בענקל און האָט ענדלעך אַ פֿרעג געטאָן אַזאַ פּראַקטישע פֿראַגע, אַז ק. האָט אין איין רגע אַלץ דאָס איבעריקע פֿאַרגעסן. „איר זענט אומשולדיק?״ האָט ער געפֿרעגט. „יאָ,״ האָט ק. געזאָגט. דאָס ענטפֿערן אויף אָט דער פֿראַגע האָט ממש אַרויסגערופֿן אַ פֿרייד אין אים, דער עיקר ווײַל דער ענטפֿער איז געגעבן געוואָרן אַ פּריוואַטן מענטש — ובכן אָן שום פֿאַרפֿליכטונג. קיין מאָל האָט אים קיינער ביז איצט אַזוי אָפֿן נישט געפֿרעגט. און כּדי אין גאַנצן צו געניסן פֿון אָט אָ דער פֿרייד, האָט ער ווײַטער געזאָגט: „איך בין אַבסאָלוט אומשולדיק.״ „אַזוי,״ האָט געזאָגט דער מאָלער, האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ און, ווי עס ווײַזט אויס, האָט ער זיך פֿאַרטראַכט. פּלוצלינג האָט ער ווידער אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ און האָט געזאָגט: „אויב איר זענט אומשולדיק, איז דאָך דער ענין זייער פּשוט.״ דער בליק פֿון ק. איז פֿאַרנעפּלט געוואָרן; דער דאָזיקער מכּלומרשט אייגענער מענטש פֿון דעם געריכט האָט דאָך גערעדט ווי אַ קינד, וואָס ווייסט נישט פֿון דאַנעט אַהין. „מײַן אומשולדיקייט מאַכט דעם ענין נישט זייער פּשוט,״ האָט ק. געזאָגט. פֿונדעסטוועגן האָט ער נאָך געמוזט שמייכלען און האָט פֿאַוואָליע געשאָקלט מיטן קאָפּ. „עס איז אָפּהענגיק פֿון אַלערליי דעליקאַטע פּרטים, און דאָס געריכט פֿאַרלירט זיך פּשוט אין זיי. צום סוף אָבער שלעפּט דאָס געריכט אַרויס פֿון ווער ווייסט פֿון וואַנעט, פֿון אַן אָרט ווו עס איז פֿריִער לחלוטין גאָרנישט געווען, אַ גרויסע

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

שולדיקייט.״ ״יאָ־יאָ, אַוודאי,״ האָט געזאָגט דער מאָלער, אָט אַזוי ווי ק. וואָלט אים אָן שום נייטיקייט און נוצן געשטערט אין זײַנע מחשבות. ״איר זענט דאָך אָבער פֿאַרט אומשולדיק?״ ״נו יאָ,״ האָט ק. געזאָגט. ״דאָס איז דער עיקר,״ האָט געזאָגט דער מאָלער. מע האָט אים נישט געקענט משפּיע זײַן מיט קעגן־אַרגו־מענטן; און דאָך איז — נישט געקוקט אויף זײַן אויסדריקלעכקייט — ניט געווען קלאָר, צי רעדט פֿון אים אַרויס זײַן איבערצײַגונג, אָדער בלויז זײַן גלײַכגילטיקייט. ק. האָט געוואָלט קודם־כּל דאָס זיכער מאַכן און דעריבער האָט ער געזאָגט: ״איר קענט דאָך דאָס געריכט בעסער ווי איך; איך אָבער ווייס נישט אַ סך מער, ווי דאָס וואָס איך האָב וועגן דעם געהערט; כאָטש — דעם אמת געזאָגט — אַלע מאָל פֿון גאַנץ פֿאַרשידענע לײַט. דאָך אַלע, ווי איינער, קומען זיך אין איין מיינונג צונויף: אַז מע באַשולדיקט דאָרט נישט לײַכטזיניק, און אַז דאָס געריכט פֿאַר־קלאָגט שוין יאָ עמעצן, איז עס טאַקע פֿעסט איבערצײַגט אין דער שולדיקייט פֿון דעם אָנגעקלאָגטן און עס איז זייער שווער שפּעטער דאָס געריכט אין אַן אַנדערער ריכטונג משפּיע צו זײַן.״ ״שווער?״ האָט געפֿרעגט דער מאָלער און האָט אַ שטרעק געטאָן אַ האַנט אין דער הייך. ״קיין מאָל וועט איר דאָס געריכט אין אַן אַנדערער ריכטונג נישט באַוועגן. אָבער אַז איך וועל דאָ אַלע ריכטערס, איינעם לעבן דעם אַנדערן אויף אָט דעם לײַוונט אויפֿמאָלן; און אַז איר וועט זיך פֿאַר אָט דעם לײַוונט פֿאַרטיידיקן, וועט איר אַ סך מער דערגרייכן ווי פֿאַרן אמתדיקן געריכט.״ ״יאָ,״ האָט ק. געזאָגט צו זיך אַליין און אין דער רגע האָט ער פֿאַרגעסן, אַז געקומען איז ער אייגנטלעך אַהער נאָר כּדי דעם מאָלער אויס־צופֿאָרשן.

ווידער האָט אַ מיידל הינטער דער טיר אָנגעהויבן צו פֿרעגן: ״טיטאָרעלי, אפֿשר וועט ער שוין פֿאַרט באַלד אַוועקגיין?״ ״שווײַגט!״ האָט דער מאָלער געשריגן צו דער טיר, ״זעט איר דען נישט, אַז איך דאַרף עפּעס אַרומרעדן מיט דעם הער?״ אָבער דאָס מיידל איז מיט די ווערטער נישט צופֿרידן געווען, נאָר האָט ווײַטער געפֿרעגט: ״דו וועסט אים מאָלן?״ און אַז דער מאָלער האָט נישט געענט־פֿערט, האָט זי נאָך צוגעגעבן: ״איך בעט דיך, מאָל אים נישט, אַזאַ מיאוסן מענטש.״ אַ געמיש פֿון אומפֿאַרשטענדלעכע צושטימענדיקע אויסרופֿן האָט זיך איצט געלאָזט הערן. דער מאָלער האָט אַ שפּרונג געטאָן צו דער טיר, האָט זי אויפֿגעשלאָסן, אָבער נאָר אַ שפּאַלט אויפֿגעעפֿנט — באַלד האָבן זיך אַ ווײַז געטאָן בעטנדיקע, אויסגעשטרעקטע, צוזאַמענגעלייגטע הענט פֿון די מיידלעך — און ער האָט געזאָגט: ״אַז איר וועט נישט תּיכּף אַנטשוויגן ווערן, וועל איך אײַך אַלע פֿון די טרעפּ אַראָפּשלײַדערן. זעצט זיך דאָ אַוועק אויף די טרעפּ און שטיל זאָל זײַן.״ מסתּמא האָבן זיי תּיכּף נישט געפֿאָלגט, און ער איז געצוווּנגען געווען צו באַפֿעלן: ״געזעצט זיך אויף די טרעפּ!״ ערשט דעמאָלט איז שטיל געוואָרן.

״זײַט מיר מוחל,״ האָט געזאָגט דער מאָלער, אומקערנדיק זיך צו ק. ק. האָט זיך קוים־קוים אַ קער געטאָן צו דער טיר; ער האָט זיך אין גאַנצן פֿאַרלאָזט אויף דעם מאָלער — צי און ווי אַזוי ער וועט אים באַהיטן פֿאַר די מיידלעך. ער האָט

אויך אַפֿילו איצט זיך קוים־קוים אַ ריר געטאָן, בשעת דער מאָלער האָט זיך צו אים אָנגעבויגן, און האָט — זייער שטיל, כּדי מע זאָל אים פֿון יענער זײַט טיר נישט הערן — אַרײַנגעשעפּטשעט אין זײַן אויער אַרײַן: „אויך די דאָזיקע מיידלעך באַלאַנגען צום געריכט.‟ „האַ?‟ האָט ק. געפֿרעגט, האָט זיך זײַטיק אַ קער געטאָן מיט דעם קאָפּ און געגלאָצט אויפֿן מאָלער. דער מאָלער האָט זיך ווידער אַוועקגעזעצט אויף זײַן בענקל און האָט געזאָגט, האַלב אין שפּאַס און האַלב ערנצט אויפֿקלערנדיק: „אַלץ מיט אַן אַנדער באַלאַנגט דאָך צום געריכט.‟ „דאָס האָב איך נאָך נישט באַוויזן צו באַמערקן,‟ האָט ק. קורץ צוריקגעענטפֿערט; די כּוללדיקע באַמערקונג פֿונעם מאָלער האָט אַוועקגענומען דאָס אומהיימלעכע פֿון דעם פֿריִערדיקן זאָג וועגן די מיידלעך. פֿונדעסטוועגן האָט ק. אַ לאַנגע רגע געקוקט צו דער טיר, וואָס הינטער איר זענען די מיידלעך איצט שטיל געזעסן אויף די טרעפּ. און נאָר איין מיידל האָט אַרײַנגעשטופּט אַ לאַנגע שטרוי דורך אַ שפּאַלט צווישן די באַלקנס און האָט זי פּאַוואָליע באַוועגט אַרויף און אַראָפּ, אַרויף און אַראָפּ.

„עס ווײַזט אויס, אַז איר האָט נאָך אַלץ נישט קיין קלאָרן באַגריף וועגן דעם געריכט,‟ האָט געזאָגט דער מאָלער, ער האָט ברייט פֿונאַנדערגעשפּרייט זײַנע פֿיס און געפּײַקלט מיט די שפּיצן פֿון די שיך אויפֿן דיל פֿון זײַן צימער. „אָבער אַזוי ווי איר זענט אומשולדיק, וועט איר עס גאָרנישט דאַרפֿן. איך אַליין וועל אײַך אַרויסבאַקומען.‟ „ווי אַזוי ווילט איר עס מאַכן?‟ האָט ק. געפֿרעגט, „איר האָט דאָך נאָר וואָס אַליין געזאָגט, אַז דאָס געריכט איז אַבסאָלוט אומצוטריטלעך פֿאַר אַרגומענטן און פֿאַר באַווײַזן.‟ „אומצוטריטלעך נאָר פֿאַר יענע אַרגומענטן און באַווײַזן, וואָס אַנדערע ברענגען צו אים,‟ האָט געזאָגט דער מאָלער און האָט אַ הייב געטאָן דעם טײַטפֿינגער, אָט אַזוי ווי ק. וואָלט נישט באַגריפֿן דעם זייער דעליקאַטן, וויכטיקן חילוק. „עס איז אָבער גאָר עפּעס אַנדערש אויב מע טוט וואָס נישט איז אויף דעם דאָזיקן געביט הינטער די אויגן פֿון דעם עפֿנטלעכן געריכט; אויך אין אַלערליי באַראַטונגס־שטיבלעך, אָדער גאָר אין די קאָרידאָרן, צי אַפֿילו, למשל, דאָ אין אָט דער אַטעליע.‟ דאָס וואָס דער מאַלער האָט איצט געזאָגט, האָט אין די אויערן פֿון ק. נישט מער געקלונגען אַזוי אומגלייבלעך; אַגבֿ האָט עס אויך היפּשלעך געשטימט מיט דעם, וואָס ק. האָט וועגן דעם ענין פֿון אַנדערע לײַט געהערט. עס האָט אַפֿילו געקלונגען שטאַרק האָפֿערדיק. אויב מע קען דורך פּערזענלעכע קאָנטאַקטן אויף אַן אמת אַזוי גרינג קירעווען מיט די ריכטער, ווי דער אַדוואָקאַט האָט דאָס אין זײַנע רייד פֿאָרגעשטעלט, זענען די באַציִונגען פֿון דעם מאַלער צו די פּוסטע און אײַנגערעדטע ריכטערס שוין איין מאָל וויכטיק — און, ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, אונטערשאַצן דאַרף מען זיי אַוודאי נישט. אויב אַזוי, האָט זיך דער מאָלער זייער גוט אַרײַנגעפּאַסט אין דער חבֿרה פֿון די העלפֿערס, וואָס ק. האָט פּאַמעלעך־פּאַמעלעך אַרום זיך געזאַמלט. מע האָט אַ מאָל אין דער באַנק שטאַרק געריִמט זײַן טאַלענט צום אָרגאַניזירן; און אָט אָ דאָ, אין זײַן איצטיקן פֿאַל, ווו ער איז אין גאַנצן אויסגעשטעלט נאָר אויף זיך אַליין, ווײַזט זיך אַן אויסגעצייכנטע געלעגנהייט דעם דאָזיקן טאַלענט דורכויס

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אויסצופּרוּוון. דער מאָלער האָט זיך גוט אײַנגעקוקט אין דער ווירקונג, וואָס זײַן דערקלערונג האָט אויף ק. געמאַכט און האָט נאָך דעם אַ זאָג געטאָן מיט אַ געוויסער מאָס פֿון פּחד: „צי פֿאַלט עס אײַך נישט אויף, אַז איך רעד כּמעט ווי אַ יוריסט? דאָס איז טאַקע דער פּועל־יוצא פֿון דעם כּסדרדיקן זיך באַגעגענען מיט די הערן פֿון געריכט, דאָס האָט אויף מיר אַ גרויסע השפּעה. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך געניס אַ היפּש ביסל פֿון דעם, אָבער דער קינסטלערישער שוווּנג גייט דערבײַ אין אַ גרויסער מאָס לאיבוד.“ „ווי אַזוי, זאָגט מיר, זענט איר דאָס ערשטע מאָל געקומען אין אַ קאָנטאַקט מיט די ריכטערס?“ האָט ק. געפֿרעגט; ער האָט געוואָלט קודם־כּל געווינען דעם צוטרוי פֿון דעם מאָלער, אײדער ער וועט אים טאַקע אײַנשפּאַנען אין דעם קרײַז פֿון די, וואָס דינען אים. „דאָס איז געווען ביז גאָר פּשוט,“ האָט געזאָגט דער מאָלער, „איך האָב די קאָנטאַקטן געירשנט. שוין דער פֿאָטער מײַנער איז געווען אַ געריכטס־מאָלער. דאָס איז אַ פּאָזיציע, וואָס מע באַקומט אַלע מאָל בירושה. מען קען דעריבער קיין נײַע מענטשן נישט געברויכן. וואָס שייך דאָס מאָלן פֿאַרשידענע קאַטעגאָריעס פֿון די באַאַמטע פֿון געריכט, זענען אויפֿגעשטעלט געוואָרן אי שטאַרק דיפֿערענצירטע, און אי בעיקר געהיימע כּללים, אַז זיי קענען און טאָרן גאָרנישט באַקאַנט ווערן אויסער די קרײַזן פֿון געוויסע באַשטימטע משפּחות. דאָרט אין אָט אָ דעם שופֿלאָד, למשל, האָב איך די נאָטיצן פֿון מײַן טאַטן, וואָס איך ווײַז זיי נישט קיין לעבעדיקן מענטש. אָבער נאָר ווער עס קען די דאָזיקע כּללים, דער איז באַרעכטיקט און פֿעיִק צו מאָלן די ריכטערס. און דאָך, אויב אַפֿילו איך וואָלט זיי פֿאַרלוירן, וואָלטן נאָך אַלץ אַזויפֿל כּללים געבליבן אין מײַן זכּרון, אַז קיינער וואָלט נאָך אַלץ נישט געקענט אַ וואַקל טאָן די פֿעסטקייט פֿון מײַן פּאָזיציע בײַם געריכט. יעדער ריכטער וויל דאָך אַזוי געמאָלן ווערן, אַזוי ווי די אַלטע, גרויסע ריכטערס זענען געמאָלן געוואָרן, און דאָס דאָזיקע קען נאָר איך אַליין.“ „איך זאָג אײַך, אַז מע קען אײַך פּשוט מקנא זײַן,“ האָט ק. געזאָגט, טראַכטנדיק דערבײַ וועגן זײַן פּאָזיציע אין דער באַנק. „אײַער פּאָזיציע קען זיך, הייסט עס, קיין מאָל נישט קיין וואַקל טאָן?“ „יאָ, זי קען זיך קיין מאָל נישט קיין וואַקל טאָן,“ האָט געזאָגט דער מאָלער און געהויבן די אַקסלען מיט אַ גרויסן שטאָלץ. „און טאַקע דעריבער מעג איך זיך דערוועגן, פֿון צײַט צו צײַט, צו העלפֿן אַן אָרעמען מענטש, וואָס האָט אַ פּראָצעס.“ „און ווי אַזוי טוט איר עס?“ האָט ק. געפֿרעגט, אָט אַזוי ווי נישט ער וואָלט דאָס געווען יענער, וואָס דער מאָלער האָט אים ערשט אָנגערופֿן אַן אָרעמער מענטש. דער מאָלער האָט זיך אָבער נישט געלאָזט אָפּנייגן אין אַ זײַט און ער האָט געזאָגט: „אין אײַער פֿאַל, לדוגמא, און אַזוי ווי איר זענט אַבסאָלוט אומשולדיק, וועל איך טאָן אָט וואָס.“ דאָס כּסדרדיקע דערמאָנען זײַן אומשולד איז שוין ק.ן אַ ביסל לעסטיק געוואָרן. אים האָט זיך שוין דאָ און דאָרט געדאַכט, אַז דורך אַזעלכע באַמערקונגען וועגן גוטן סוף פֿון פּראָצעס וויל דער מאָלער קלאָר מאַכן, אַז אָן זײַן הילף וועט מען זיך נישט באַגיין; אָבער אונטער אַזעלכע באַדינגונגען האָט די גאַנצע הילף שוין סײַ ווי איר זינען פֿאַרלוירן. דאָך נישט געקוקט אויף די ספֿיקות, האָט זיך ק. גע־

שטאַרקט און האָט נישט איבערגעריסן די רייד פֿון דעם מאָלער. אָפּזאָגן זיך פֿון דער הילף פֿון דעם מאָלער האָט ער בשום אופֿן נישט געוואָלט. דאָס האָט ער בײַ זיך פֿעסט אָפּגעמאַכט; די דאָזיקע הילף איז דאָך לכל הדעות נישט געווען ווייניקער ווערט ווי די הילף פֿון דעם אַדוואָקאַט. ק. האָט איר אַפֿילו מער חשיבות צוגעשריבן ווי יענער הילף, אַ סך מער אַפֿילו, ווײַל זי האָט אויסגעזען ווייניקער שעדלעך, און זי איז מיט מער אָפֿנהאַרציקייט אָנגעבאָטן געוואָרן.

דער מאָלער האָט נענטער צוגערוקט זײַן בענקל צום בעט און מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קול האָט ער ווײַטער גערעדט: „אייגנטלעך האָב איך פֿאַרגעסן אײַך צו פֿרעגן, וואָס פֿאַר אַ סאָרט באַפֿרײַונג איר וואָלט זיך געווונטשן. עס זענען פֿאַראַנען דרײַ סאָרטן מעגלעכקייטן, און אָט זענען זיי: די אמתע באַפֿרײַונג איז, פֿאַרשטייט זיך, דאָס בעסטע; האָב איך אָבער נישט די קלענסטע השפּעה אויף אַזאַ סאָרט אויסגאַנג. לויט ווי איך פֿאַרשטיי איז בכלל נישטאָ אַזאַ יחיד־מענטש, וואָס זאָל האָבן אַ השפּעה אויף אַזאַ מין אמתדיקער באַפֿרײַונג. דאָ דעציטירט מסתּמא טאַקע נאָר די אומשולד פֿון דעם געמשפּטן. אַזוי ווי איר זענט אומשולדיק, וואָלט עס אויף אַן אמת מעגלעך געווען, אַז איר זאָלט זיך פֿאַרלאָזן אויסשליסלעך אויף אײַער אומשולד. אין אַזאַ פֿאַל דאַרפֿט איר נישט מיך, און בכלל קיין שום אַנדערע הילף נישט."

אין אָנהייב איז ק. ממש נשתּומם געוואָרן פֿון דעם דאָזיקן געסדרטן בילד פֿון זײַן פּראָצעס, באַלד אָבער האָט ער געזאָגט מיט פּונקט אַזאַ אַראָפּגעלאָזטן קול ווי דער מאָלער: „מיר דאַכט זיך, אַז איר זענט זיך סותר." „אַדרבא, ווי אַזוי?" האָט געדולדיק געפֿרעגט דער מאָלער, און מיט אַ שמייכל זיך אַ בייג געטאָן אויף צוריק. דאָס דאָזיקע שמייכעלע האָט אין ק. אויפֿגערודערט אַ געפֿיל, אַז אָט־אָט וועט ער איצט אויסגעפֿינען סתּירות — נישט נאָר אין די ווערטער פֿון מאָלער, נאָר אויך אין דער סאַמע פּראָצעדור פֿון געריכט. פֿונדעסטוועגן איז ער אָבער נישט אָפּגעטראָטן, נאָר ער האָט געזאָגט: ערשט נישט־לאַנג האָט איר געמאַכט אַ באַמערקונג און געזאָגט, אַז צום געריכט קען מען מיט קיין שום אַרגומענטן און באַווײַזן נישט צוקומען; אַ רגע שפּעטער האָט איר געזאָגט, אַז דאָס האָט נאָר אַ שייכות צו די עפֿנטלעכע געריכט־זיצונגען; און אַצינד זאָגט איר גאָר, אַז דער אומשולדיקער דאַרף בײַ דעם דאָזיקן געריכט בכלל קיין שום אַרויסהעלפֿונג נישט. דאָס האָט איר שוין די סתּירה. און חוץ דעם. פֿריִער האָט איר געזאָגט, אַז פֿון קיין פּערזענלעכער השפּעה אויף די ריכטער קען קיין רייד נישט זײַן; איצט אָבער ציט איר דאָס צוריק און איר זאָגט, אַז די אמתדיקע באַפֿרײַונג, ווי איר רופֿט זי, קען בכלל קיין מאָל נישט דערגרייכט ווערן דורך פּנים־אל־פּנים־השפּעות. און דאָ האָט איר שוין די צווייטע סתּירה." „אָט אָ די סתּירות קען מען זייער לײַכט קלאָר מאַכן," האָט געזאָגט דער מאָלער. „עס רעדט זיך דאָ וועגן צוויי פֿאַרשיידענע זאַכן: איינס, וואָס עס שטייט געשריבן אין געזעץ, און צוויי, מײַן אייגענע פּראַקטיק; די צוויי מינים טאָר מען נישט פֿאַרבײַטן. אין דעם געזעץ — און צוגעבן מוז איך, אַז איך האָב עס נישט געלייענט — שטייט געשריבן פֿון

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

איין זײַט, אַז דער אומשולדיקער ווערט באַפֿרײַט; פֿון דער אַנדערער זײַט איז אָבער דאָרט נישטאָ קיין איין וואָרט וועגן דעם, אַז מע קען משפּיע זײַן די ריכטערס. נו ווייס איך אָבער פֿון דער פּראַקטיק מײַנער, אַז דער אמת איז פּונקט דער היפּוך. איך ווייס נישט פֿון קיין איינציקער אמתדיקער באַפֿרײַונג, איך ווייס אָבער יאָ פֿון אַ סך פֿאַלן פֿון משפּיע זײַן די ריכטערס. עס איז, פֿאַרשטייט זיך, נישט אויסגעשלאָסן, אַז אין אַלע פֿאַלן, וואָס זענען מיר באַקאַנט איז קיין אומשולדיקייט פּשוט ניט געווען. אָבער איז דאָס נישט אומגלייבלעך און ממש אוממעגלעך? אין אַזוי פֿיל פֿאַלן — קיין איינציקער פֿאַל פֿון אומשולד? שוין זײַענדיק אַ קינד נאָך, האָב איך זיך גענוי צוגעהערט ווי מײַן טאַטע האָט אין דער היים דערציילט וועגן די פּראָצעסן; אויך די ריכטערס, וואָס פֿלעגן קומען אין זײַן אַטעליע, האָבן דערציילט מעשׂיות פֿון גערירכט; איר מוזט וויסן, אַז אין אונדזער סבֿיבֿה רעדט מען בכלל נישט וועגן עפּעס אַנדערש; אַזוי גיך מען האָט מיר די מעגלעכקייט געגעבן אַליין צו גיין צו די גערירכטן, האָב איך אָט אָ די מעגלעכקייט אַלע מאָל אויסגענוצט; איך האָב זיך צוגעהערט צו פּראָצעסן אָן אַ צאָל, וואָס זענען שוין דערגאַנגען צו וויכטיקע מדרגות, און — אויף ווי ווײַט זיי קענען בכלל קלאָר געזען ווערן, בין איך זיי נאָכגעגאַנגען און האָב זיי אָבסערווירט, אָבער — איך מוז עדות זאָגן — אַז איך האָב נישט דערלעבט צו זען אַפֿילו אַן איינציקע אמתדיקע באַפֿרײַונג.״

„הכּלל, קיין איינציקער באַפֿרײַונגס־משפּט,״ האָט ק. געזאָגט, אָט אַזוי ווי ער וואָלט גערעדט צו זיך אַליין און צו זײַנע האָפֿענונגען. „דאָס באַשטעטיקט אָבער די מיינונג, וואָס איר האָט שוין סײַ ווי פֿון דעם גערירכט געהאַט. עס האָט אויך פֿון דער דאָזיקער זײַט קיין זינען נישט. מע וואָלט דאָך געקענט האַלטן איין איינציקן תּלין אויפֿן אָרט פֿון דעם גאַנצן גערירכט.״ „איר דאַרפֿט נישט גענעראַליזירן,״ האָט געזאָגט דער מאָלער, אַן אומצופֿרידענער, „איך האָב דאָך נאָך פֿון מײַן אייגענער פּראַקטיק גערעדט.״ „און דאָס איז דאָך גענוג,״ האָט ק. געזאָגט.

„אָדער האָט איר אפֿשר פֿון פֿריִערדיקע צײַטן יאָ געהערט פֿון באַפֿרײַונגען?״

„מע זאָגט,״ האָט געענטפֿערט דער מאָלער, „אַז אַזעלכע באַפֿרײַונגען זענען יאָ אַ מאָל פֿאָרגעקומען. עס איז אָבער נישט אַזוי גרינג דאָס צו באַווײַזן. די לעצט־גילטיקע החלטות פֿון גערירכט ברענגט מען בכלל נישט צו דער עפֿנטלעכקייט, אַפֿילו די ריכטערס אַליין קענען צו זיי נישט צוקומען; איז שוין קלאָר, אַז פֿון אַלטע גערירכטס־ענינים זענען געבליבן נאָר לעגענדעס. אין אָט אָ די לעגענדעס זענען דווקא די אמתדיקע באַפֿרײַונגען אַפֿילו די מאַיאָריטעט; גלייבן קען מען עס, אָבער באַווײַזן עס — דאָס נישט. פֿונדעסטוועגן דאַרף מען זיי נישט פֿאַרוואַרפֿן, אַ טראָפּעלע אמת איז בלי שום ספֿק דאָ אין זיי, זיי זענען, אַגבֿ, אויך זייער שיין; אָט ווי איר קוקט מיך אָן, האָב איך עטלעכע אַזעלכע בילדער אויף דער טעמע פֿון אָט אָ די לעגענדעס געמאָלן.״ „סתּם בלויז לעגענדעס קענען מײַן מיינונג נישט בײַטן,״ האָט ק. געזאָגט, „און בכלל קען מען זיך בײַם גערירכט דען אָנשפּאַרן אויף לעגענדעס?״ דער מאָלער האָט געלאַכט. „ניין, דאָס קען מען נישט,״ האָט ק. געענטפֿערט; דערווײַל וויל ער אַלע מיינונגען פֿון מאָלער אָננעמען אָט אַזוי ווי

זיי זענען; אַפֿילו אויב ער האַלט, אַז זיי האָבן נישט קיין ממשות און זענען אַ סתּירה צו די אַלע אַנדערע באַריכטן, וואָס ער האָט. ער האָט גראָד איצט נישט די צײַט צו איבערצײַגן זיך מכּוח דער אמתדיקייט פֿון אַלץ, וואָס דער מאָלער האָט דאָ געזאָגט; און נישט נאָר זיך איבערצײַגן, נײַערט אַפֿילו זיך טייל מאָל אַנטקעגנשטעלן; ער האָט שוין גאָר אַ סך דערגרייכט, אויב ער האָט דעם מאָלער משפּיע געווען אים מיט עפּעס וואָס צו העלפֿן, מעג זײַן אַפֿילו אויף אַ נישט־אַנטשיידנדיקן אופֿן. דעריבער האָט ער געזאָגט: „לאָמיר זשע, הייסט עס, אָפּלאָזן דערווײַל די אמתדיקע באַפֿרײַונג; איר האָט דאָך אָבער נאָך צוויי אַנדערע מעגלעכקייטן דערמאָנט.“ „די לפּנימדיקע באַפֿרײַונג און די פֿאַרשלעפּונג. נאָר וועגן זיי קען זײַן די רייד,“ האָט דער מאָלער געזאָגט. „וואָלט איר אָבער נישט וועלן, איידער מיר הייבן אָן דערפֿון צו רעדן, דאָס רעקל אַראָפּנעמען? עס איז אײַך מסתּמא גאַנץ הייס.“ „יאָ,“ האָט ק. געזאָגט; ער האָט ביז אַהער זײַן גאַנצע אויפֿמערקזאַמקייט קאָנצענטרירט אויף די דערקלערונגען פֿון דעם מאָלער; אָבער אַז מע האָט אים אַציִנד דערמאָנט די היץ, האָט אַ שטאַרקער שווייס פּלוצלינג אַרויסגעזעצט פֿון זײַן שטערן. ס'איז פּשוט נישט אויסצוהאַלטן.“ דער מאָלער האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, ווי איינער רעדט: איך פֿאַרשטיי גאַנץ גוט ווי דו פֿילסט זיך. „קען מען נישט דאָס פֿענצטער אויפֿמאַכן?“ האָט ק. געפֿרעגט. „ניין,“ האָט געזאָגט דער מאָלער. „עס איז בלויז אַ פֿעסט אַרײַנגעזעצטע שויב, דאָס קען מען נישט עפֿענען.“ איצט איז ק. געקומען אין זינען, אַז אייגנטלעך האָט ער די גאַנצע צײַט דערויף געהאָפֿט, אַז אָדער דער מאָלער, אָדער ער אַליין, וועלן פּלוצלינג צולויפֿן צום פֿענצטער און עס אויפֿרײַסן. ער איז איצט גרייט געווען אַפֿילו דעם נעפּל אַרײַנצואָטעמען מיט אַן אויפֿגעריסן אָפֿן מויל. פֿון דעם געפֿיל, אַז ער איז דאָ אַבסאָלוט אָפּגעשלאָסן פֿון דער לופֿט האָט זיך אים שטאַרק דער קאָפּ פֿאַרדרייט. ער האָט אַ לײַכטן קלאַפּ געטאָן מיט דער האַנט אויף דעם איבערבעט און האָט מיט אַ שוואַכער שטים אַ זאָג געטאָן: „דאָס איז דאָך אי נישט באַקוועם און אי נישט געזונט.“ „אָ, ניין,“ האָט געזאָגט דער מאָלער, אויף צו באַשיצן דאָס פֿענצטער זײַנס, „צוליב דעם, וואָס עס קען נישט אויפֿגעמאַכט ווערן, פֿאַרהאַלט עס די וואַרעמקייט אַ סך בעסער אַפֿילו ווי אַ טאָפּל־פֿענצטער; און דאָס נישט געקוקט דערויף וואָס עס איז נאָר אַן איינציקע פּשוטע שויב. און אויב איך וויל אַ מאָל אויסלופֿטערן — כאָטש נייטיק איז עס נישט, ווײַל דורך די באַלקן־שפּאַלטן קומט אַרײַן אומעטום געגנוג פֿרישע לופֿט — קען איך דאָך עפֿענען איינע פֿון מײַנע טירן, און אַפֿילו ביידע טירן.“ אַ קאַפּיטשקע געטרייסט דורך דער דאָזיקער דערקלערונג, האָט זיך ק. אַרומגעקוקט, וועלנדיק געפֿינען די דאָזיקע צווייטע טיר. דער מאָלער האָט עס באַמערקט און האָט געזאָגט: „די טיר איז הינטער אײַך; צוליבן בעט האָב איך זי געמוזט אַ ביסל פֿאַרשטעלן.“ ערשט איצט האָט ק. דערזען די קליינע טיר אין דער וואַנט. „אַלץ מיט אַנאַנדער איז דאָ אויף אַן אמת צו קליין ווי פֿאַר אַן אַטעליע,“ האָט געזאָגט דער מאָלער, אַט אַזוי ווי ער וואָלט וועלן אויסכאַפּן די קריטישע ווערטער פֿון ק. „איך מוז זיך דאָ אײַנאָרדענען אַט

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אַזוי גוט, אָדער שלעכט, ווי עס לאָזט זיך. דאָס בעט דאָ פֿאַר דער טיר שטייט, פֿאַרשטייט זיך, אויף זייער אַ שלעכטן אָרט. דער ריכטער, למשל, וואָס איך האַלט אים איצט אין מאָלן, קומט אַלע מאָל אַרײַן דווקא דורך אָט דער טיר בײַם בעט; און איך האָב אים אַפֿילו געגעבן אַ שליסל צו דער דאָזיקער טיר, כּדי ער זאָל דאָ קענען אַרײַנקומען און וואַרטן אויף מיר אין מײַן אַטעליע, אַפֿילו דעמאָלט, ווען ער טרעפֿט מיך צופֿעליק נישט אין דער היים. קומט ער אָבער געווײנטלעך דווקא גאַנץ פֿרי, אין די פֿרימאָרגנס, ווען איך שלאָף נאָך. עס גיט מיך אַלע מאָל, פֿאַרשטייט זיך, אַ ריס אויף פֿון טיפֿסטן שלאָף, אַזוי גיך ווי די טיר לעבן דעם בעט גיט זיך אַן עפֿן. איר וואָלט יעדער ברעקל יראת־הכּבֿוד צו די ריכטערס פֿאַרלוירן, ווען איר וואָלט אַ מאָל געהערט די קללות, מיט וועלכע איך נעם אים אויף, בשעת ער קריכט אין דער פֿרי איבער מײַן בעט אַריבער. פֿאַרשטייט זיך, אַז איך וואָלט גאַנץ גרינג געקענט דעם שליסל בײַ אים צוריק צונעמען, דערפֿון וואָלט אָבער די זאַך נאָך ערגער געוואָרן. מיט דער קלענסטער אָנשטרענגונג קען מען אין דעם דאָזיקן הויז אַלע טירן פֿון די זאַוויעסעס אַרויסרײַסן.״ אין דער גאַנצער צײַט פֿון דער דאָזיקער רעדע האָט זיך ק. כּסדר אין געדאַנק איבערגע־לייגט, צי זאָל ער אויסטאָן דאָס רעקל זײַנס; סוף־כּל־סוף האָט ער אײַנגעזען, אַז אויב ער וועט עס נישט באַלד טאָן, וועט ער בשום אופֿן דאָ נישט קענען לענגער בלײַבן; האָט ער דעריבער אויסגעטאָן דאָס רעקל; ער האָט עס אָבער אַנידערגע־לייגט בײַ זיך אויף די קני, כּדי ער זאָל עס — אַזוי גיך ווי דער שמועס וועט זיך ענדיקן — תּיכּף ווידער קענען אָנטאָן. און ווי נאָר ער האָט דאָס רעקל אויסגע־טאָן, אַזוי האָט אײנע פֿון די מיידלעך אויסגעשריגן: „ער האָט שוין אויסגעטאָן דאָס רעקל!״ און מע האָט געהערט ווי אַלע שטופּן זיך צו די שפּאַלטן אין האָלץ, כּדי די פֿאָרשטעלונג אַליין צו זען. „דאָס נעמט זיך דערפֿון,״ האָט דער מאָלער געזאָגט, „ווײַל זיי מיינען, אַז איך גיי אײַך מאָלן, און דעריבער טוט איר זיך אויס.״ „אַזוי,״ האָט ק. געזאָגט, גאַנץ ווייניק אויפֿגעהײַטערט, מחמת ער האָט זיך איצט נישט קיין סך בעסער געפֿילט ווי פֿריִער, כאָטש ער איז שוין געזעסן אין די בלויזע העמדאַרבל. כמעט אַן אָנגעכמורעטער האָט ער אַ פֿרעג געטאָן: „ווי אַזוי האָט איר אָנגערופֿן די צוויי אַנדערע מעגלעכקייטן?״ ער האָט די באַצייכענונגען שוין ווידער אַ מאָל פֿאַרגעסן. „די לפֿנימדיקע באַפֿרײַונג און די פֿאַרשלעפּונג,״ האָט געזאָגט דער מאָלער. „עס איז אָן אײַך געווענדט וועלכע פֿון זיי איר קלויבט זיך אויס. ביידע מעגלעכקייטן קענט איר מיט מײַן הילף אויספֿירן, פֿאַרשטייט זיך, נישט אָן מי־און־מאַטער; דער חילוק אין דעם שייכות איז אָט אַזאַ, אַז די לפֿנימדי־קע באַפֿרײַונג פֿאָדערט אַ קאָנצענטרירטע, אָבער צײַטווײַליקע אָנשטרענגונג, אַנטקעגן, די פֿאַרשלעפּונג, פֿאָדערט שוין אַ סך אַ גרינגער, דערפֿאַר אָבער כּסדר־דיקע אָנשטרענגונג. לאָמיר זשע קודם־כּל נעמען אין אַכט די לפֿנימדיקע באַפֿרײַונג. עס גייט אַזוי צו: אויב איר ווילט זיך אויף אַזאַ מין באַפֿרײַונג באַשליסן, נעם איך אַ בויגן פּאַפּיר און איך שרײַב אויף אים אַ באַשטעטיקונג פֿון אײַער אומשולד. דעם טעקסט פֿון אַזאַ מין באַשטעטיקונג האָב איך באַקומען בירושה פֿון מײַן

טאָטן, און דאָ קען מען קיין אות נישט ענדערן. מיט אָט דער באַשטעטיקונג גיי איך פֿון ריכטער צו ריכטער — צו די וואָס איך קען, פֿאַרשטייט זיך. און אָנהייבן וועל איך אָט אַזוי: איך וועל דעם ריכטער, וואָס איך האַלט איצט אין מאָלן, און וואָס ער דאַרף הײַנט בײַ נאַכט קומען צום פּאָזירן, דעם ערשטן פֿאָרלייגן די באַשטעטיקונג. איך דערלאַנג אים די באַשטעטיקונג, איך דערקלער אים, אַז איר זענט אומשולדיק, און איך זאָג אים, אַז איך בין ערבֿ פֿאַר אײַער אומשולד. דאָס איז אָבער, מיינט נישט, אַזאַ מין אויבנאויפֿיק ערבֿ זײַן; דאָס איז אַן ערבֿות, וואָס איז ממשותדיק, וואָס פֿאַרבינדט אויף אַן אמת.״ אין די בליקן פֿון דעם מאָלער האָט מען איצט געקענט זען אַ מין שווערע טענה, פֿאַר וואָס ק. לייגט אויף אים אַרויף די לאַסט פֿון אַזאַ מין ערבֿות. „דאָס וואָלט געווען גאָר פֿרײַנדלעך פֿון אײַער זײַט,״ האָט ק. געזאָגט. „און דער ריכטער וועט אײַך גלייבן און וועט מיך פֿונדעסטוועגן נישט אויף אַן אמת באַפֿרײַען?״ „אַזוי ווי איך האָב שוין געזאָגט,״ האָט דער מאָלער געענטפֿערט. „אַגבֿ, איז עס נישט אַבסאָלוט זיכער, אַז יעדער וועט מיר גלייבן; דער אָדער יענער ריכטער וועט, למשל, פֿאָדערן, אַז איך זאָל אײַך אַליין צו אים אַריבערפֿירן. אין אַזאַ פֿאַל מוזט איר, פֿאַרשטייט זיך, מיטקומען מיט מיר. צוגעבן מוז מען אָבער, אַז אין אַזאַ פֿאַל איז דער ענין שוין האַלב אַ געווונענער; דער עיקר דערפֿאַר ווײַל איר וועט, ווי דאָס איז נאַטירלעך, פֿריִער באַקומען פֿון מיר גאַנץ גענויע אינסטרוקציעס, ווי אַזוי זיך צו באַנעמען בײַ דעם באַטרעפֿנדיקן ריכטער. ערגער איז עס בײַ יענע ריכטערס, וואָס וועלן מיך — און אויך דאָס וועט פֿאָרקומען — לכתחילה צוריקשטויסן. פֿון די דאָזיקע ריכטערס מוזן מיר — כאָטש איך וועל זיי נישט אַזוי גרינג אָפּלאָזן און עטלעכע מאָל צו זיי אונטערקומען — גאַנץ פּשוט רעזיגנירן; און מיר קענען זיך עס פֿאַרגינען, ווײַל עטלעכע איינציקע ריכטערס קענען דאָ גאָרנישט דעצידירן. און אַזוי גיך ווי איך וועל אויף אָט דער באַשטעטיקונג האָבן אַן אָנזעעוודיקע צאָל אונטער־שריפֿטן פֿון די ריכטערס, וועל איך מיט דעם דאָזיקן דאָקומענט גיין צו יענעם ריכטער, וואָס גראָד ער פֿירט דאָס אײַער פּראָצעס. עס איז נישט אויסגעשלאָסן, אַז איך וועל האָבן אויפֿן פּאַפּיר אויך זײַן אונטערשריפֿט, און דעמאָלט גייט די זאַך אַפֿילו נאָך אַ ביסל גיכער ווי געוויינטלעך. בכלל האָט דער אָנגעקלאָגטער פֿון דעמאָלט אָן נישט קיין סך שוועריקייטן מער און ער געניסט זינט דעמאָלט די גרעסטע מאָס פֿון צוטרוי. עס איז מאָדנע, אָבער פֿאָרט אמת, די לײַט האָבן אין אָט דער צײַט אַ סך מער אמונה, ווי אַפֿילו נאָך דער באַפֿרײַונג. און פֿון איצט אָן איז קיין גרויסע מי און אָנשטרענגונג מער נישט נייטיק. אין דער אונטערגע־שריבענער באַשטעטיקונג האָט דער ריכטער דאָס ערבֿות פֿון אַ גאַנצער ריי פֿון אַנדערע ריכטערס, קען ער אײַך בכן מיט אַ גרינג געמיט באַפֿרײַען און ער וועט עס טאַקע טאָן; אמת, אַז פֿריִער וועט ער נאָך דורכפֿירן אַלערליי פֿאַרשיידענע פֿאָרמאַליטעטן; אָבער טאָן וועט ער עס אָן שום ספֿק — מיר צוליב און אויך צוליב אַנדערע באַקאַנטע. איר, אָבער, גייט אַרויס פֿון געריכט און איר זענט פֿרײַ.״ „בין איך דעמאָלט — הייסט עס — פֿרײַ,״ האָט ק. געזאָגט מיט אַ ביסל ספֿקות.

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

„יאָ,” האָט געזאָגט דער מאָלער, „אָבער נאָר לפֿנים פֿרײַ, אָדער — בעסער געזאָגט — פֿרײַ לפֿי־שעה. מחמת דעם, וואָס די נידעריקערע ריכטערס, וואָס צו זיי באַלאַנגען מײַנע באַקאַנטע, האָבן נישט דאָס רעכט אויף אַן אמת און אויף שטענדיק צו באַפֿרײַען; דאָס דאָזיקע רעכט האָט נאָר דאָס אייבערשטע געריכט, און צו דעם געריכט צוצוקומען — איז נישט פֿאַר אײַך, און נישט פֿאַר מיר, און נישט פֿאַר קיינעמען פֿון אונדז אַלע. ווי אַזוי עס זעט דאָרט אויס — נישט מיר ווייסן און, דרך אַגב, נישט מיר ווילן אַפֿילו וויסן. דאָס גרויסע רעכט, צו באַפֿרײַען פֿון דער באַשולדיקונג, האָבן, הייסט עס, אונדזערע ריכטערס נישט; וואָס זיי האָבן אָבער יאָ — איז: אָפּצובינדן אײַך אַ ביסל פֿון דער באַשולדיקונג. וואָס זשע הייסט עס? עס הייסט, אַז ווען איר ווערט אויף דעם אופֿן באַפֿרײַט, זענט איר דערווײַל אָפּגעטיילט פֿון דער באַשולדיקונג; זי בלײַבט אָבער אויך ווײַטער הענגען איבער אײַער קאָפּ, און זי קען — אַזוי גיך ווי עס קומט נאָר אַ העכערער באַפֿעל — ווידער ווערןווירקלעך און אַקטועל. נאָר אַזוי ווי איך שטיי מיט דעם געריכט אין אַזעלכע גוטע פֿאַרבינדונגען, קען איך אײַך אויך זאָגן, ווי אַזוי עס זעט אויס, כּלפּי חוץ, לויט די פֿאָרשריפֿטן פֿאַר די געריכטס־קאַנצעלאַריעס, דער חילוק צווישן דער אמתדיקער און דער לפֿנימדיקער באַפֿרײַונג. בײַ אַן אמתדיקער, אַבסאָלוטער באַפֿרײַונג ווערן די פּראָצעס־אַקטן אין גאַנצן ערגעץ ווו אַוועקגעלייגט, זיי ווערן אין גאַנצן נעלם פֿון דער פּראָצעדור; נישט נאָר די באַשולדיקונג, נײַערט אויך דער גאַנצער פּראָצעס און אַפֿילו די באַפֿרײַונג ווערט אָפּגערוימט, אַלץ ווערט אָפּגעווישט. גאָר עפּעס אַנדערש איז בײַ דער לפֿנימדיקער באַפֿרײַונג. מיט דעם פּראָצעס־אַקט גופֿא קומט אין דעם פֿאַל קיין שום שינוי נישט פֿאָר, עס קומט אים נאָר צו די באַשטעטיקונג פֿון דער אומשולדיקייט, די באַפֿרײַונג, אַזוי צו זאָגן, און אויך די אַרגומענטן אַרום דער באַפֿרײַונג. חוץ די פּאָר קלייניקייטן אָבער בלײַבט דער פּראָצעס אין גאַנג, און — ווי עס פֿאָדערט דער כּסדרדיקער אַהין־און־אַהער פֿון די קאַנצעלאַריעס פֿון געריכט — ער ווערט געשיקט צו די העכערע געריכט־אינסטאַנצן; פֿון דאָרט קומט ער ווידער צוריק צו די נידעריקערע אינסטאַנצן, און אָט אַזוי אָ וויגט ער זיך ווי אַן אומרו, אַ מאָל מיט אַ שטאַרקערן אַרויף־און־אַראָפּ און אַ מאָל מיט אַ שוואַכערן אַרויף־און־אַראָפּ, אַ מאָל מיט גרעסערע פֿאַרהאַלטענישן און אַ מאָל מיט קלענערע פֿאַרהאַלטענישן — אַהין און אַהער. נישט צו באַרעכענען זענען די דאָזיקע דרכים. כּלפּי חוץ, און פֿון דרויסן געזען, קען דאָס אַ מאָל מאַכן אַן אײַנדרוק, אַז אַלץ איז שוין פֿון לאַנג אָן פֿאַרגעסן, אַז דער פּראָצעס־אַקט איז פֿאַרלוירן געוואָרן און אַז די באַפֿרײַונג איז אַן אמתדיקע און אַן אַבסאָלוטע. אַן איינגעווייניקסטער מענטש ווייסט אָבער אַזעלכע זאַכן נישט גלייבן. נישטאָ בײַ דעם געריכט קיין פֿאַרלירן פּראָצעס־אַקטן, נישטאָ בײַ דעם געריכט קיין שכחה. אין איין שיינעם טאָג — קיין לעבעדיקער מענטש דערוואַרט עס שוין נישט מער — נעמט וועלכער נישט איז פֿון די ריכטערס דעם פּראָצעס־אַקט אין דער האַנט אַרײַן, באַקוקט אים אַ ביסל אויפֿמערקזאַמער, דערקענט תּיכּף, אַז אין דעם דאָזיקן געריכטס־ענין איז די באַשולדיקונג נאָך לעבעדיק, און ער באַפֿעלט

זע זײַט 124

זיך באַהאַלטן אונטער דער טיר און אַראָפּגעשלײַדערט יעדן איינעם . . .

דעם תּיכּפֿדיקן אַרעסט. איך האָב אָבער דאָ לדוגמא אָנגענומען, אַז צווישן דער לפּנימדיקער באַפֿרײַונג און דעם פֿרישן אַרעסט איז אַ לאַנגע צײַט אַוועק; מעגלעך איז עס, און איך ווייס פֿון אַזעלכע פֿאַלן, עס איז אָבער פּונקט אַזוי מעגלעך, אַז דער באַפֿרײַטער איז נאָר וואָס די רגע אַהיימגעקומען — און ער טרעפֿט שוין דאָרטן די לײַט פֿון געריכט, וואָס האָבן דעם באַפֿעל אים ווידער צו אַרעסטירן. דעמאָלט איז, פֿאַרשטייט זיך, אַ סוף צום פֿרײַען לעבן.” „און דער פּראָצעס הייבט זיך ווידער אָן איבער אַ נײַס?” האָט ק. שטאַרק פֿאַרוווּנדערט געפֿרעגט. „קלאָר ווי דער טאָג,” האָט געזאָגט דער מאָלער, „דער פּראָצעס הייבט זיך ווידער אָן איבער אַ נײַס, עס איז אָבער ווידער פֿאַראַנען די מעגלעכקייט, פּונקט ווי פֿריִער, אויסצופּועלן אַ לפּנימדיקע באַפֿרײַונג. און מע מוז שוין ווידער אַלע כּוחות צונויפֿנעמען, און בעיקר זיך נישט אונטערגעבן.” די לעצטע ווערטער האָט דער מאָלער אפֿשר געזאָגט צוליב דעם רושם זײַנעם, אַז ק. האָט שוין אַ ביסל צוזאַמענגעבראָכן. „און איז נישט,” האָט ק. געפֿרעגט, וועלנדיק פֿאַרלויפֿן דעם וועג פֿון כּלערליי מעגלעכע נײַע אַנטפּלעקונגען פֿון דעם מאָלער, „דאָס אויספּועלן פֿון אַ צווייטער באַפֿרײַונג אַ סך שווערער ווי דאָס אויספּועלן די ערשטע באַפֿרײַונג?” „מע קען,” האָט דער מאָלער געענטפֿערט, „אין די ענינים קיין שום זיכערע זאַכן נישט פֿאָרויסזען, איר מיינט דאָך מסתּמא צו זאָגן, אַז דער צווייטער אַרעסט איז משפּיע דעם משפּט פֿון די ריכטער לרעה לגבי דעם אָנגעקלאָגטן? ניין, דאָס נישט. מחמת שוין בײַ דער באַפֿרײַונג האָבן די ריכטערס פֿאָרויסגעזען די מעגלעכקייט פֿון אָט אָ דעם אַרעסט. ובכן האָט אָט דער פּרט קיין שום השפּעה נישט. דערפֿאַר אָבער איז יאָ מעגלעך, אַז צוליב אומצאָליקע אַנדערע סיבות איז די שטימונג פֿון די ריכטער געוואָרן אַן אַנדערע; אויך די ריין יוריסטישע אָפּשאַצונג פֿון דעם געגעבענעם ענין האָט זיך בײַ זיי געענדערט; און דעריבער מוזן זיך די באַמיִונגען אַרום דער צווייטער באַפֿרײַונג צופּאַסן צו די געענדערטע באַדינגונגען, און מע מוז ווידער אַלע כּוחות אָנשטרענגען, פּונקט ווי בײַ דער ערשטער באַפֿרײַונג.” „אָבער אָט די צווייטע באַפֿרײַונג איז דאָך ווידער נישט קיין לעצטגילטיקע,” האָט ק. געזאָגט און געשאָקלט מיטן קאָפּ אין דער ברייט. „פֿאַרשטייט זיך, נישט,” האָט געזאָגט דער מאָלער, „נאָך דער צווייטער באַפֿרײַונג קומט דער דריטער אַרעסט, נאָך דער דריטער באַפֿרײַונג קומט דער פֿערטער אַרעסט און אַזוי כּסדר. דאָס איז שוין אײַנגעשלאָסן אין דעם גאַנצן באַגריף פֿון דער לפּנימדיקער באַפֿרײַונג.” ק. האָט געשוויגן. „עס איז מיר שוין קלאָר, אַז די לפּנימדיקע באַפֿרײַונג איז פֿאַר אײַך קיין תּכלית נישט,” האָט דער מאָלער געזאָגט, „אפֿשר איז פֿאַר אײַך די פֿאַרשלעפּונג מער צוגעפּאַסט. זאָל איך אײַך אפֿשר בעסער מסביר זײַן דעם מהות פֿון דער פֿאַרשלעפּונג?” ק. האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ. דער מאָלער האָט זיך ברייט און באַקוועם צוריקגעלענט אין זײַן בענקל, זײַן נאַכטהעמד איז געווען צעכראַסטעט, ער האָט אַרײַנגערוקט אַ האַנט אונטערן העמד און האָט זיך כּסדר געגלעט די ברוסט און די זײַטן. „די פֿאַרשלעפּונג,” האָט געזאָגט דער מאָלער, און האָט אַ לאַנגע רגע געגלאָצט פֿאָרויס פֿאַר זיך, אָט אַזוי ווי ער וואָלט

געזוכט אַ פערפֿעקטע און צוגעטראָפֿענע דערקלערונג, „די פֿאַרשלעפּונג באַשטייט קודם־כּל דערין, וואָס מע האַלט דעם פּראָצעס כּסדר און כּסדר אין זײַן נידעריקסטער פּראָצעס־מדרגה. כּדי דאָס צו דערגרייכן, איז נייטיק, אַז דער באַשולדיקטער און זײַן אַרויסהעלפֿער, דער עיקר אָבער דער אַרויסהעלפֿער, זאָלן כּסדרדיק און אָן איבעררײַס האָבן אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט דעם געריכט. איך חזר איבער, אַז דערבײַ איז נישט נייטיק אַזאַ אָנשטרענגונג, ווי בײַם אַרויסבאַקומען אַ לפֿנימדיקע באַפֿרײַונג; נייטיק איז אָבער יאָ אַ סך אַ גרעסערע אויפֿמערקזאַמקייט. מע טאָר דעם פּראָצעס אויף קיין איין רגע נישט אַרויסלאָזן פֿון אויג; מע מוז רעגולער, פֿון צײַט צו צײַט, גיין צו דעם באַטרעפֿנדיקן ריכטער; חוץ דעם דאַרף מען בײַ ספּעציעלע געלעגנהייטן אים באַזונדערס אין זיגנען האָבן, און אויף אַלערליי אופֿנים אויפֿהאַלטן זײַן פֿרײַנדלעכקייט; און אויב מען איז מיט דעם ריכטער נישט פּערזענלעך באַקאַנט, מוז מען דורך אַנדערע, פּערזענלעך, יאָ באַקאַנטע ריכטער, האָבן אַ השפּעה אויף אים; מע טאָר אָבער אויך אין אַזאַ פֿאַל נישט אויפֿגעבן די דירעקטע, פּערזענלעכע דורכשמועסן. און אויב מע פֿאַרקוקט נישט קיין זאַך אויף דעם דאָזיקן געביט, אַזוי קען מען מיט אַ געהעריקער מאָס זיכערקייט אָננעמען, אַז דער פּראָצעס וועט נישט אַריבער איבער דער גרענעץ פֿון דער ערשטער פּראָצעס־מדרגה. אמת איז, אַז דער פּראָצעס הערט זיך טאַקע נישט אויף, אָבער דער באַשולדיקטער איז אין דעם פֿאַל פּונקט אַזוי זיכער פֿאַר אַ פּסק־דין און פֿאַר ווערן פֿאַרמשפּט, ווי ווען ער וואָלט לגמרי פֿרײַ געווען. לגבי דער לפֿנימדיקער באַפֿרײַונג איז די פֿאַרשלעפּונג אַ סך גינציקער און אָט מיט וואָס: ערשטנס, איז דער מאָרגנדיקער טאָג פֿון דעם באַשולדיקטן נישט אַזוי אומזיכער; צווייטנס, איז ער פֿרײַ פֿון די פּחדים פֿון די פּלוצלינגע אַרעסטן; דריטנס, מוז ער נישט מורא האָבן, אַז פּונקט אין אַזאַ צײַט, ווען אַלע אַנדערע באַדינגונגען אין זײַן לעבן וועלן צום ווינציקסטן זײַן צוגעפּאַסט דערצו, וועט ער פּונקט מוזן אויף זיך נעמען די אָנשטרענגונגען און די אויפֿרודערונגען, וואָס זענען פֿאַרבונדן מיט אַ לפֿנימדיקער באַפֿרײַונג. צוגעבן מוז מען אָבער, אַז די פֿאַרשלעפּונג האָט אויך אַ גאַנצע ריי שלעכטע זײַטן פֿאַר דעם באַשולדיקטן, און מע טאָר זיי נישט צו גרינג נעמען. דערבײַ טראַכט איך גאָר נישט וועגן דעם, אַז אין דעם פֿאַל איז דער באַשולדיקטער קיין מאָל נישט פֿרײַ; אין דער אמתן איז ער דאָך אויך נישט פֿרײַ בײַ דער לפֿנימדיקער באַפֿרײַונג. עס איז אָבער דאָ נאָך אַן אַנדערע צרה. דער פּראָצעס קען נישט שטיין בלײַבן, אויב עס זענען נישטאָ דערצו געהעריקע סיבות — זאָל זײַן אַפֿילו לפֿנימדיקע. עס מוז דעריבער אין פּראָצעס, כּלפּי חוץ, כּסדר עפּעס געשען. עס מוזן בכן פֿון צײַט צו צײַט געגעבן ווערן אַלערליי פֿאַראָרדענונגען; דער באַשולדיקטער מוז אויסגעפֿאָרשט ווערן, גבֿית־עדות מוזן אויפֿגענומען ווערן — און אַזוי ווײַטער און ווײַטער. דער פּראָצעס מוז זיך כּסדר דרייען אין דעם קליינעם קרײַז אין וועלכן מע האָט אים אויף אַ קינסטלעכן אופֿן צונויפֿגעצויגן. עס איז, פֿאַרשטייט זיך, אַז דאָס ברענגט מיט זיך ווידער אַלערליי אומאָנגענעמלעכקייטן פֿאַר דעם באַשולדיקטן; אָבער ווידער אַ מאָל דאַרפֿט איר זיך נישט פֿאָרשטעלן, אַז דאָס איז

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

מי יודע ווי שלעכט. עס איז דאָך אַלץ נאָר כּלפּי חוץ; די דאָזיקע אויספֿאָרשונגען, למשל, זענען גאַנץ קורצע; און האָט מען אַ מאָל נישט קיין צײַט, אָדער גאָר קיין חשק נישט אַהין צו גיין, מעג מען זיך גאַנץ פּשוט אַנטשולדיקן; מע קען אַפֿילו מיט געוויסע פֿון די ריכטערס אויף אַ לאַנגער צײַט פֿאָרויס שותּפֿותדיק אָפּמאַכן דעם סדר פֿון די פֿאַראָרדענונגען; בעיקר האַנדלט זיך עס אין דעם, אַז מע איז אַ באַשולדיקטער, און מע דאַרף זיך דעריבער פֿון צײַט צו צײַט באַווײַזן פֿאַרן ריכטער.״ שוין בײַ די דאָזיקע לעצטע ווערטער האָט ק. אַריבערגעלייגט זײַן רעקל איבערן אָרעם און איז אויפֿגעשטאַנען. „ער שטייט שוין אויף!״ האָבן זיך תּיכּף דערהערט קולות הינטער דער טיר. „איר ווילט שוין אַוועקגיין?״ האָט געפֿרעגט דער מאָלער; אויך ער איז שוין געהאַט אויפֿגעשטאַנען. „עס איז אַוודאי די לופֿט, וואָס טרײַבט אײַך אַרויס פֿון דאַנעט. איך באַדויער זייער שטאַרק. איך האָב אײַך נאָך אַ סך צו זאָגן. איך האָב מסתּמא געדאַרפֿט ריידן ניט אַזוי צעצויגן. איך האָף אָבער, אַז איר האָט מיך פֿאַרשטאַנען.״ „יאָ, יאָ,״ האָט ק. געזאָגט, כאָטש דער קאָפּ האָט אים שוין גוט ווי געטאָן פֿון דער אָנשטרענגונג, מיט וועלכער ער האָט זיך די גאַנצע צײַט געצוווּנגען צוצוהערן זיך. נישט געקוקט אויף דעם „יאָ״ פֿון ק. האָט דער מאָלער אַלץ ביז איצט געזאָגט קורץ צונויפֿגעפּרעסט, אָט אַזוי ווי ער וואָלט געוואָלט ק. מיטגעבן אַ טרייסטוואָרט צום אַהיימגיין, און געזאָגט האָט ער אין צוויי־דרײַ ווערטער: „בײדע מעטאָדן האָבן איין זאַך בשותּפֿות, זיי דערלאָזן נישט, אַז דער באַשולדיקטער זאָל פֿאַרמשפּט ווערן.״ „זיי דערלאָזן אָבער אויך נישט די אמתדיקע באַפֿרײַונג,״ האָט ק. שטילערהייט אַ זאָג געטאָן, אָט אַזוי ווי ער וואָלט זיך געשעמט, אַז ער האָט דאָס אויסגעפֿונען. „איר האָט געכאַפּט דעם עיקר פֿון גאַנצן ענין,״ האָט דער מאָלער אויף גיך אַ זאָג געטאָן. ק. האָט אַוועקגעלייגט די האַנט זײַנע אויפֿן ווינטער־מאַנטל, ער האָט בײַ זיך אָבער נישט געקענט באַשליסן אַפֿילו דאָס רעקל אָנצוטאָן. צום ליבסטן וואָלט ער איצט אַלץ מיט אַנאַנדער צונויפֿגענומען אין אַ פּעקל און וואָלט מיט אָט דעם פּעקל אַרויסגעלאָפֿן אויף דער פֿרישער לופֿט. אויך די מיידעלעך פֿון פֿאַר דער טיר האָבן אים נישט געקענט באַוועגן דערצו, אַז ער זאָל זיך וואָס גיכער אָנטאָן, כאָטש זיי האָבן שוין, נאָך אַ ביסל צו פֿרי, איינע צו דער אַנדערער אַריבערגערופֿן, אַז ער טוט זיך שוין אָן. דער מאָלער האָט שטאַרק געוואָלט אויסטײַטשן פֿאַר זיך אַליין די שטימונג פֿון ק., האָט ער דעריבער אַ זאָג געטאָן: „איך זע שוין, אַז איר האָט בײַ זיך דערווײַל נישט געקענט באַשליסן וואָס צו טאָן; איך מיין אין שייכות מיט מײַנע פּראָפּאָזיציעס. איך קען עס גאַנץ גוט פֿאַרשטיין. אויך איך אַליין וואָלט אײַך אַפֿילו אַן עצה געגעבן נישט תּיכּף זיך צו באַשליסן. דין און שאַרף ווי אַ האָר איז אין דעם פֿאַל דער חילוק צווישן די נוצן און די שאָדנס פֿון די בײדע מעטאָדן. מע מוז אַלץ גענוי וועגן און מעסטן. ווי די זאַך זאָל אָבער נישט זײַן, צו פֿיל צײַט פֿאַרלירן טאָר מען אויך נישט.״ „איך וועל אין גיכן צוריקקומען,״ האָט ק. אַ זאָג געטאָן; פּלוצלינג אַנטשלאָסן האָט ער אַרויפֿגעצויגן דאָס רעקל, אַ וואָרף געטאָן דעם מאַנטל אויף די אַקסלען, און האָט זיך געיאָגט צו דער טיר; הינטער דער טיר האָבן די

מײדלעך אַזש אָנגעהויבן צו שרײַען. ק. האָט זיך געדאַכט, אַז ער זעט די שרײַענדיקע מײדעלעך דורך די דרעגנגלעך פֿון דער טיר אַדורך. „איר מוזט אָבער האַלטן אײַער וואָרט,“ האָט געזאָגט דער מאָלער, נישט נאָכגײענדיק נאָך ק., „אַזיסט וועל איך קומען אין דער באַנק אַרײַן און אַליין איבערפֿרעגן.“ „נו, מאַכט שוין אויף די טיר,“ האָט ק. געזאָגט און האָט געריסן די קליאַמקע, וואָס האָט זיך נישט געוואָלט נאָכגעבן, ווײַל די מײדעלעך אין דרויסן האָבן זי צוגעהאַלטן. „ווילט איר, אַז די מײדעלעך זאָלן זיך טשעפּען צו אײַך?“ האָט דער מאָלער געפֿרעגט. „פֿאַר וואָס ווילט איר זיך נישט ליבערשט מיט דעם דאָזיקן אַרויסגאַנג באַנוצן?“ און ער האָט אָנגעוויזן אויף דער טיר הינטער דעם בעט. ק. איז מסכּים געווען און האָט אַ שפּרונג געטאָן צוריק צום בעט. אָבער שטאָט צו עפֿענען די טיר איז דער מאָלער אַרונטערגעקראָכן אונטערן בעט און האָט געפֿרעגט פֿון דאָרט: „וואַרט נאָך צו אַ רגעלע; וואָלט איר נישט וועלן אַ קוק טאָן אויף אַ בילד, וואָס איך וואָלט עס אײַך געקענט פֿאַרקויפֿן?“ ק. האָט נישט געוואָלט אַרויסווײַזן קיין אומהעפֿלעכקייט; דער מאָלער האָט זיך דאָך אויף אַן אמת פֿאַר אים אָנגענומען און ער האָט דאָך אַפֿילו צוגעזאָגט אויך ווײַטער אים צו העלפֿן; אַגבֿ, האָט מען צוליב ק.ס טבע זיך כּסדר צו פֿאַרגעסן, נאָך קיין וואָרט נישט גערעדט וועגן דער באַלוינונג פֿאַר דער מיטהילף; און שוין צוליב דעם אַליין האָט ק. איצט נישט געקענט אָפּזאָגן; האָט ער זיך געלאָזט ווײַזן דאָס בילד, כאָטש, דעם אמת געזאָגט, האָט ער שוין ממש געציטערט פֿון אומגעדולד פּטור צו ווערן פֿון דער אַטעליע. דער מאָלער האָט פֿון אונטערן בעט אַפֿיר אַרויסגעצויגן אַ גאַנצע קופּע מיט נישט־אײַנגערעמטע בילדער; זיי זענען אַזוי פֿאַרשטויבט געווען, אַז ווען דער מאָלער האָט נאָר איין בלאָז געטאָן דעם שטויב פֿון איבערשטן בילד, האָט זיך ממש אַ וואָלקן אויפֿגעהויבן און האָט אַ לענגערע ווײַל אַזוי זיך געדרייט און געווירבלט פֿאַר די אויגן פֿון ק., אַז עס האָט אים ממש דעם אָטעם פֿאַרהאַקט. „אַ ווילדערניש־לאַנדשאַפֿט,“ האָט געזאָגט דער מאָלער און ק. דערלאַנגט דאָס בילד. אויפֿן בילד זענען געווען צוויי שוואַכע ביימעלעך, וואָס זענען געשטאַנען ווײַט אַוועק איינס פֿון אַנדערן אויף אַ מין טונקל גראָז. אין הינטערגרונט איז געווען אַ פֿילפֿאַרביקע זון־שקיעה. „שיין,“ האָט ק. אַ זאָג געטאָן, „איך קויף עס.“ ק. האָט זיך נאָר דערפֿאַר אַזוי קורץ אויסגעדריקט, ווײַל ער האָט זיך מיט זײַן ענטפֿער אַרויסגעכאַפּט גאָר נישט טראַכטנדיק. איז ער טאַקע דעריבער איצט זייער צופֿרידן געווען ווען דער מאָלער האָט, שטאָט פֿאַראיבל צו האָבן, גאָר אַ צווייט בילד פֿונעם דיל אויפֿגעהויבן. „און אָט איז אַ בילד צו דער פּאָר פֿון דער אָ לאַנדשאַפֿט,“ האָט געזאָגט דער מאָלער. קען זײַן, אַז די כּוונה איז טאַקע געווען, אַז עס זאָל זײַן אַ בילד צו דער פּאָר; עס איז אָבער קיין מינדסטער חילוק נישט געווען צווישן דעם צווייטן בילד און דעם ערשטן; אָט אָ זענען דאָ דערויף די צוויי ביימער, און אָט אָ דאָ איז דאָס גראָז און אָט דאָרט איז די זון־שקיעה. אָבער ק.ן איז עס גאַנץ ווייניק אָנגעגאַנגען. „עס זענען שיינע לאַנדשאַפֿטן,“ האָט ער געזאָגט, „איך קויף ביידע און וועל זיי אין מײַן ביוראָ אויפֿהענגען.“ „דער מאָטיוו איז אײַך, ווײַזט אויס, צום

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

האַרצן,״ האָט דער מאָלער געזאָגט, און האָט נאָך אַ דריט בילד אַרויסגעהויבן, „עס איז ממש אַ גליקלעכער טראַף, וואָס איך האָב פּונקט נאָך איין ענלעך בילד.״ עס איז אָבער נישט געווען סתּם ענלעך, עס איז אין דער אמתן געווען פּונקט די זעלבע ווילדערניש־לאַנדשאַפֿט. דער מאָלער האָט גוט אויסגענוצט די געלעגנהייט פּטור צו ווערן פֿון זײַנע אַלטע בילדער. „איך וועל דאָס אויך נעמען,״ האָט ק. געזאָגט. „וויפֿל קאָסטן זיי, די דרײַ בילדער?״ „וועגן דעם וועלן מיר רעדן בײַ אַ צווייטער געלעגנהייט,״ האָט געזאָגט דער מאָלער. „איר יאָגט זיך דאָך אַצינד, און מיר בלײַבן דאָך אין קאָנטאַקט. איבעריקנס פֿרייט עס מיך אויף אַן אמת, וואָס די בילדער געפֿעלן אײַך. איך וועל אײַך גאָר מיטגעבן אַלע די בילדער, וואָס איך האָב דאָ אונטן. עס זענען לויטער ווילדערניש־לאַנדשאַפֿטן, איך האָב שוין גאָר אַ סך ווילדערניש־לאַנדשאַפֿטן געמאָלט. פֿאַראַנען לײַט, וואָס שטופּן אַוועק אַזעלכע בילדער; זיי זאָגן, אַז זיי זענען צו אומעטיק, צו פֿינצטער פֿאַר זיי; עס זענען אָבער דאָ אַנדערע לײַט, און איר געהערט טאַקע צו די אַנדערע, וואָס האָבן דווקא ליב דאָס אומעטיקע.״ אָבער ק. האָט איצט נישט געהאַט די געדולד זיך צוצוהערן צו די מעשׂיות וועגן די פּראָפֿעסיאָנעלע דערפֿאַרונגען פֿון דעם מאָלער־בעטלער. „פּאַקט אײַן אַלע בילדער!״ האָט ער אַ געשריי געטאָן, אַרײַנפֿאַלנדיק דעם מאָלער אין די רייד אַרײַן, „מאָרגן וועט דאָ קומען מײַן דינער און וועט זיי אָפּנעמען.״ „עס איז נישט נייטיק,״ האָט געזאָגט דער מאָלער. „איך האָף, אַז מיר וועט געלינגען דאָ ערגעץ אויפֿן אָרט צו געפֿינען אַ טרעגער, וועט ער תּיכּף מיט אײַך מיטגיין.״ און ער האָט זיך סוף־כּל־סוף אַריבערגעבויגן איבערן בעט און האָט אויפֿגעמאַכט די טיר. „גיט נאָר אָן מורא אַ שפּאַן אַרויף אויפֿן בעט,״ האָט געזאָגט דער מאָלער, „יעדער וואָס קומט דאָ אַרײַן טוט עס.״ ק. וואָלט אויך אָן דער דאָזיקער אויפֿפֿאָדערונג פֿון דעם מאָלער דאָס בעט נישט געשאַנעוועט, ער איז אַפֿילו שוין מיט איין פֿוס אַרויף אויף דער סאַמע מיט פֿונעם איבערבעט; האָט ער אָבער אַ קוק געטאָן דורך דער אָפֿענער טיר, און האָט תּיכּף אַ צי געטאָן דעם פֿוס אויף צוריק. „וואָס איז דאָרט?״ האָט געפֿרעגט דער מאָלער. „איבער וואָס זענט איר פֿאַרחידושט?״ האָט ק. צוריקגעפֿרעגט, אַליין אַ פֿאַרחידושטער. „דאָס זענען די קאַנצעלאַריעס פֿונעם געריכט. האָט איר דען נישט געוווּסט, אַז דאָ זענען די קאַנצעלאַריעס פֿונעם געריכט? קאַנצעלאַריעס פֿון געריכט זענען דאָך דאָ כּמעט אויף יעדן בוידעם, פֿאַר וואָס זאָלן זיי פּונקט דאָ אויספֿעלן? אויך מײַן אַטעליע געהערט אין דער אמתן צו די קאַנצעלאַריעס פֿונעם געריכט; דאָס געריכט האָט עס אָבער געשטעלט צו מײַן דיספּאָזיציע.״ ק. האָט זיך נישט אַזוי צוליב דעם דערשראָקן, וואָס ער האָט אויך דאָ געפֿונען די קאַנצעלאַריעס פֿונעם געריכט; דער עיקר האָט ער זיך דערשראָקן פֿאַר זיך אַליין און פֿאַר זײַן עם־הארצות אין געריכטס־ענינים. אַ פֿונדאַמענטאַלער כּלל פֿאַר דער באַנעמונג פֿון אַ באַשולדיקטן, האָט ער געטראַכט, איז: זײַ אַלע מאָל גרייט, לאָז זיך קיין מאָל נישט איבעראַשן, קוק נישט קיין מאָל סתּם אין דער וועלט אַרײַן אויף רעכטס, בשעת דער ריכטער דײַנער שטייט לעבן דיר אויף דער לינקער זײַט, און פּונקט קעגן אָט דעם יסודות־

דיקן כּלל פֿאַרזינדיקט ער זיך ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל. פֿאַר זײַן בליק האָט זיך איצט געצויגן אַ לאַנגער קאָרידאָר; און אַן אַוויר האָט פֿון דאָרט געשפּאַרט אַזאַ, וואָס פֿאַרגלײַכנדיק מיט אים, איז שוין די לופֿט פֿון דער אַטעליע געווען ממש אַ דערפֿרישונג. פֿון ביידע זײַטן קאָרידאָר זענען געשטאַנען בענק, פּונקט ווי אינעם וואַרט־צימער פֿון יענער קאַנצעלאַריע, וואָס צו איר איז געווען צוגע־שריבן דער ענין פֿון ק. ווײַזט אויס, אַז סע זענען דאָ געגויע פֿאַרשריפֿטן ווי אַזוי אײַנצושטעלן די מעבל פֿון די געריכטס־קאַנצעלאַריעס. פּונקט אין דער רגע איז קיין גרויסע באַוועגונג פֿון קליענטן דאָ נישט געווען. איינער אַ מאַנספּאַרשוין איז דאָ געזעסן — איז ער גיכער האַלב געלעגן; זײַן פּנים האָט ער, אויף דער באַנק, פֿאַרגראָבן אין די אָרעמס זײַנע און עס האָט אויסגעזען, אַז ער שלאָפֿט: אַן אַנדערער מאַנספּאַרשוין איז געשטאַנען אין דער האַלב פֿינצטערניש בײַם סוף קאָרידאָר. ק. איז איצט תּיכּף אַרויף מיט די פֿיס אויפֿן בעט, דער מאָלער איז אים נאָכגע־גאַנגען מיט די בילדער. באַלד האָבן זיי זיך אָנגעשטויסן אויף אַ געריכטס־דינער — ק. האָט שוין איצט אַלע די געריכטס־דינער באַלד דערקענט אַן דעם גאָלדענעם קנאָפּ, וואָס זיי האָבן אים געהאַט אָנגענייט אויף דעם ציווילן רעקל אונטער די געווינלעכע קנעפּ — און דער מאָלער האָט אים באַפֿוילן, אַז ער זאָל גיין באַגלייטן ק. מיט די בילדער. ק. האָט זיך מער געוואַקלט ווי געגאַנגען, דאָס טיכל האָט ער געהאַלטן פֿאַרקוועטשט בײַם מויל. אַז זיי זענען אָנגעקומען שוין גאַנץ נאָענט צום אַרויסגאַנג, זענען זיי פֿלוצלינג די מיידעלעך ווי אַ שטורעם אַנטקעגנגעלאָפֿן; די באַגעגעניש האָט, הייסט עס, ק. פֿאָרט נישט אויסגעמיטן. עס ווײַזט אויס, אַז זיי האָבן באַמערקט, אַז די צווייטע טיר פֿון אַטעליע איז געעפֿנט געוואָרן — האָבן זיי אַ לויף געטאָן אַרום און אַרום, און האָבן פֿון דער אַנדערער זײַט זיך אַרײַנ־געשפּאַרט. „איך קען אײַך מער נישט באַגלייטן!" האָט דער מאָלער לאַכנדיק אויס־גערופֿן — אַן אַרומגערינגלטער מיט די מיידעלעך. „אויף ווידערזען! און קלערט נישט איבער צו לאַנג!" ק. האָט זיך אַפֿילו נישט אומגעקוקט אויף אים. ווען ער איז אַראָפּגעקומען אויף דער גאַס, האָט ער אַ כאַפּ געטאָן דעם ערשטן בעסטן וואָגן, וואָס איז אים אַנטקעגן געפֿאָרן. עס איז אים געגאַנגען אין לעבן וואָס גיכער פּטור צו ווערן פֿונעם דינער, וואָס זײַן גאָלדענער קנאָפּ האָט אים אָן אַן אויפֿהער געשטאָכן אין די אויגן, כאָטש קיין אַנדערער וואָלט דאָס אַפֿילו נישט באַמערקט. אין זײַן דינענדיקער הכנעה האָט זיך דער דינער נאָך אַפֿילו געוואָלט צוזעצן צום קוטשער אויף דער קעלניע, אָבער ק. האָט אים אַרונטערגעיאָגט. די מיטאָג־צײַט איז שוין לאַנג פֿאַרבײַ געווען, ווען ק. איז אָנגעקומען לעבן דער באַנק. ער וואָלט גערן איבערגעלאָזן די בילדער אין דער דראָזשקע; ער האָט אָבער מורא געהאַט, אַז עס וועט זיך אפֿשר מאַכן אַ געלעגנהייט און ער וועט זײַן געצוווּנגען אָפּצוגעבן אַ דין־וחשבון דעם מאָלער וועגן זיי. האָט ער געלאָזט דעם פּאַק אַרײַנטראָגן אין זײַן ביוראָ, האָט אים פֿאַרשלאָסן אין אַן אונטערשטן שופֿלאָד פֿון אַ טיש; אויף דעם אופֿן זענען די בילדער לכל־הפּחות אין די סאַמע נאָענטסטע פּאָר טעג באַוואָרנט געווען פֿון די בליקן פֿון דעם וויצע־דירעקטאָר.

8

בלאָק — דער סוחר

אָפּגעזאָגט דעם אַדוואָקאַט

סוף־כּל־סוף האָט ק. פֿאָרט בײַ זיך באַשלאָסן אַרויסצונעמען זײַן פֿאַרטיידי־קונג פֿון דעם אַדוואָקאַטס הענט. די ספֿקות וועגן דעם, צי איז די דאָזיקע האַנדלונג אַ ריכטיקע, האָט מען טאַקע פֿון אײנעמס האַרץ נישט געקענט אַרויסרײַסן, עס האָט אָבער דאָך איבערגעוויגן די איבערצײַגונג, אַז אַזוי מוז געטאָן ווערן. דאָס פּועלן בײַ זיך אַליין האָט בײַ ק. אין יענעם טאָג, ווען ער האָט געוואָלט גיין צום אַדוואָקאַט, זייער אַ סך אַרבעטס־ענערגיע אויסגעזויגן; ער האָט אין יענעם טאָג גאָר און גאָר פּאַוואָליע געאַרבעט, ער האָט געמוזט זייער לאַנג בלײַבן זיצן אין ביוראָ; דער זייגער האָט שוין לאַנג אויסגעקלונגען צען, ווען ער איז סוף־כּל־סוף שטיין געבליבן פֿאַר דער טיר פֿון אַדוואָקאַט. אַפֿילו איין רגע אײדער ער האָט אַ צי געטאָן דאָס גלעקל, האָט ער נאָך אַלץ בײַ זיך געטראַכט, צי עס וואָלט אפֿשר נישט בעסער געווען צו אָפּזאָגן אים טעלעפֿאָניש, און אפֿשר גאָר דורך אַ בריוו; דער פּנים־אל־פּנים־שמועס וועט אַוודאי זײַן מוראדיק פּריקרע. נאָר נישט געקוקט אויף אַלץ, האָט ק. פֿאָרט נישט געוואָלט רעזיגנירן פֿון אַ שמועס פּנים־אל־פּנים; בײַ אַ יעדן אַנדערן מין אָפּזאָגן, וואָלט עס אָדער שטילשווײַגנדיק אָנגענומען געוואָרן, אין בעסטן פֿאַל מיט אַ פּאָר אָפֿיציעלע ווערטער, און ק. וואָלט — אויב לעני וועט נישט אויספֿאָרשן אַלערליי פּרטים — קיין מאָל נישט געוואָר געוואָרן ווי אַזוי דער אַדוואָקאַט האָט אויפֿגענומען דאָס אָפּזאָגן און וואָס פֿאַר אַ רעזולטאַטן דאָס אָפּזאָגן וועט האָבן נאָך דעם אַדוואָקאַטס מחשבֿה, און דאָס איז גאָרנישט אַזוי אומוויכטיק. אויב אָבער דער אַדוואָקאַט וועט זיצן פּנים־אל־פּנים און וועט איבערראַשט ווערן פֿונעם אָפּזאָגן, וועט דעמאָלט ק., אַפֿילו ווען דער אַדוואָקאַט וועט זיך שטאַרק היטן, אַז מע זאָל וואָס נישט איז פֿון אים אַרויסבאַקומען, דאָך גאַנץ גרינג קענען אַרויסלייענען אַלץ וואָס ער וויל — סײַ פֿון דעם אַדוואָקאַטס פּנים און סײַ פֿון אַדוואָקאַטס באַנעמונג. עס איז אַפֿילו נישט אויסגעשלאָסן, אַז ער וואָלט פּלוצלינג געקומען צו דער מסקנא, אַז עס איז פֿאָרט גוט איבערצולאָזן די פֿאַרטיידיקונג אין די הענט פֿון דעם אַדוואָקאַט, און אים ניט אָפּזאָגן.

דער ערשטער קלונג ביי דער טיר פֿון אַדוואָקאַט, ווי געווײנטלעך, האָט קיין פּעולה נישט געהאַט. „לעני וואָלט געמעגט זײַן אַ ביסל רירעוודיקער,“ האָט ק.

אַ טראַכט געטאָן. מע האָט אָבער שוין עפּעס דערמיט געוווּנען, אַז פֿונעם אַנדערן שכן, ווי עס איז לרובֿ געשען, האָט מען זיך דערווײַל נישט אַרײַנגעמישט, און דער מאַן אין שלאָפֿראָק איז נישט אַרויסגעקומען, ער — אָדער גאָר עפּעס אַן אַנדער באַשעפֿעניש, וואָס קרומט זיך. אַז ק. האָט דאָס צווייטע מאָל אַ דריק געטאָן דאָס עלעקטרישע קנעפּל, האָט ער זיך דערבײַ אויף דער אַנדערער טיר אומגעקוקט, אָבער אויך די דאָזיקע טיר איז דאָס מאָל געבליבן פֿאַרמאַכט. סוף־כּל־סוף האָט זיך בײַם קוק־פֿענצטערל פֿון אַדוואָקאַט באַוויזן אַ פּאָר אויגן; עס זענען אָבער נישט געווען לענים אויגן. עמעצער האָט די טיר אויפֿגעמאַכט, האָט זי אָבער דערווײַל נאָך פֿעסט מיטן אייגענעם גוף צוגעהאַלטן, און האָט אַ רוף געטאָן אַהינטער זיך אין שטוב אַרײַן: „דאָס איז ער!‟ און ערשט אַצינד האָט ער אויפֿגעפּראַלט די טיר. ק. האָט זיך איצט שטאַרק געשטופּט אין דער טיר אַרײַן, מחמת ער האָט שוין דערווײַל דערהערט, ווי עמעצער האָט גיך־גיך זיך געפּאָרקעט מיטן שליסל אין שלאָס פֿון דער שכנישער טיר. אַז די טיר האָט זיך סוף־סוף פֿאַר אים אַן עפֿן געטאָן, איז ער ממש ווי אַ ווינט אין פֿאָדער־צימער אַרײַנגעפֿאַלן, און ער האָט נאָך באַוויזן מיטן אויג צו דערכאַפּן, ווי אַזוי לעני (דער וואָס האָט די טיר געעפֿנט האָט משמעות צו איר פֿריִער גערעדט) לויפֿט אין בלויזן העמד אַוועק און פֿליט דורך דעם קאָרידאָר, וואָס פֿירט פֿון איין צימער אין אַנדערן אַרײַן. אַ רגע לאַנג האָט ק. איר נאָך נאָכגעפֿאָלגט מיטן אויג און האָט זיך שפּעטער אומגעקוקט אויף דעם פּאַרשוין, וואָס האָט די טיר געעפֿנט. געווען איז עס אַ קליינער מאַן, דאַר ווי אַ שפּאָן, מיט אַ גרויסער באָרד, אין האַנט האָט ער געהאַלטן אַ ליכט. „איר זענט דאָ אַן אָנגעשטעלטער?‟ האָט ק. געפֿרעגט. „ניין,‟ האָט דער פּאַרשוין געענטפֿערט, „איך בין דאָ אַ פֿרעמדער; דער אַדוואָקאַט איז מײַן פֿאַרטיידיקער, איך בין אַהער געקומען וועגן אַ יורידישן ענין.‟ „אָן אַ רעקל?‟ האָט ק. געפֿרעגט, און האָט מיט אַ מאַך פֿון דער האַנט אָנגעוויזן אויף דער מאָדנער הלבשה פֿונעם פּאַרשוין. „אָ, זײַט מיר מוחל!‟ האָט דער מענטש געזאָגט, און האָט זיך אַליין אַרומגעלויכטן מיטן לײַכטערל, אָט אַזוי ווי ער וואָלט אַליין ערשט צום ערשטן מאָל באַמערקט דעם מאָדנעם צושטאַנד זײַנעם. „איז לעני אײַער געליבטע?‟ האָט ק. קורץ און שאַרף אַ פֿרעג געטאָן. די פֿיס האָט ער גראָד געהאַט אַ ביסל פֿונאַנדערגעשפּרייט און די הענט, וואָס אין זיי האָט ער געהאַלטן דעם הוט, פֿאַרלייגט אויף הינטן. שוין דורך דעם אַליין, וואָס ער באַזיצט אַ פֿעסטן אייבערמאַנטל, האָט ער געפֿילט זײַן העכערקייט איבער דעם מאָגער־קליינעם מענטשל. „אָ, גאָט,‟ האָט יענער אַ זאָג געטאָן און האָט אויפֿגעהויבן איין האַנט, פֿאַרשטעלט מיט איר דאָס פּנים, אָט אַזוי ווי ער וואָלט זיך מיט פּחד געוועהרט קעגן עמעצן, „ניין־ניין, וואָס פֿאַלט אײַך אײַן?‟ „אויסקוקן קוקט איר אויס ווי איינער, וואָס מע דאַרף אים גלייבן,‟ האָט ק. אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכל, „פֿונדעסטוועגן — קומט מיט מיר.‟ ער האָט אים געגעבן אַ ווונק מיטן הוט און האָט אים געלאָזט פֿאַרויסגיין פֿאַר זיך. „אַגבֿ, ווי הייסט איר?‟ האָט ק. געפֿרעגט גייענדיק. „בלאָק, סוחר בלאָק,‟ האָט געזאָגט דער קליינער זיך פֿאָרשטעלנדיק

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

און האָט זיך אומגעדרייט מיטן פּנים צו ק., אָבער ק. האָט אים נישט געלאָזט שטיין בלײַבן. „איז דאָס אײַער אמתער נאָמען?“ האָט ק. געפֿרעגט. „אַוודאי,“ האָט דער קלײנער געענטפֿערט, „פֿאַר וואָס האָט איר דען אַ ספֿק?“ „איך האָב געמיינט, אַז איר קענט האָבן אַ סיבה, אײַער נאָמען צו באַהאַלטן,“ האָט ק. געזאָגט. ער האָט זיך געפֿילט מאָדנע פֿרײַ, אַזוי פֿרײַ, וואָס אַזוי איז מען נאָר, ווען מע שמועסט אין דער ווײַטער פֿרעמד מיט נידעריקערע לײַט; אַלץ, וואָס עס האָט אַ שייכות צו דיר אַליין, באַהאַלטסטו אין אַזאַ פֿאַל בײַ זיך אין געדאַנק, וועגן די ענינים פֿון די דאָזיקע אַנדערע, מיט וועלכע דו שמועסט, רעדסטו מיט אַ סך גלײַכגילטיקייט; דורך דעם הייבסט זיי אַ ביסל אויף פֿאַר זיך אַליין, אָבער אַז עס גלוסט זיך דיר, קענסטו זיי צו יעדער צײַט ווידער לאָזן פֿאַלן. בײַ דער טיר פֿון אַרבעטס־צימער פֿונעם אַדוואָקאַט איז ק. שטיין געבליבן, האָט די טיר אַן עפֿן געטאָן, און האָט נאָכגערופֿן דעם סוחר, וואָס איז, אַ רויִק פֿאָלגנדיקער, שוין געהאַט אַ ביסל ווײַטער געגאַנגען; „אײַלט זיך נישט צו שטאַרק! קומט אַהער און לײַכט דאָ אַ ביסל צו!“ ק. האָט געמיינט, אַז לעני האָט זיך דאָ ערגעץ מסתמא באַהאַלטן, האָט ער געלאָזט דעם סוחר אַרומזוכן אין אַלע ווינקעלעך, אָבער דאָס צימער איז געווען פּוסט. אַנגעקומען פֿאַרן בילד פֿון דעם ריכטער, האָט ק. דעם סוחר אַ שלעפּ געטאָן אויף צוריק בײַ די שלייקעס זײַנע. „קענט איר דעם דאָזיקן?“ האָט ק. געפֿרעגט און געוויזן מיט טײַט־פֿינגער אין דער הייך. דער סוחר האָט אויפֿגעהויבן דאָס ליכט, פּינטלענדיק מיט די אויגן האָט ער אַ קוק אַרויף געטאָן און געזאָגט: „עס איז אַ ריכטער.“ „אַ הויכער ריכטער?“ האָט ק. געפֿרעגט און זיך זײַטיק אַ שטעל געטאָן נעבן דעם סוחר, כּדי צו אָבסערווירן דעם רושם, וואָס דאָס בילד מאַכט אויף אים. דער סוחר האָט אַרויפֿגעקוקט און באַוווּנדערט. „עס איז אַ הויכער ריכטער,“ האָט ער געזאָגט. „איר האָט נישט קיין גרויסע השגה,“ האָט ק. געזאָגט. „צווישן די נידעריקע אויספֿאָרשונגס־ריכטערס איז ער דער נידעריקסטער.“ „איצט דערמאַן איך זיך,“ האָט געזאָגט דער סוחר און האָט טיפֿער אַראָפּגעלאָזט דאָס ליכט, „איך האָב עס אויך שוין אַ מאָל געהערט.“ „אָבער פֿאַרשטייט זיך,“ האָט ק. אויסגערופֿן, „איך האָב עס דאָך פֿאַרגעסן. פֿאַרשטייט זיך, אַז איר האָט עס שוין געמוזט האָבן געהערט.“ „אָבער פֿאַר וואָס זשע, פֿאַר וואָס זשע?“ האָט געפֿרעגט דער סוחר, בשעת ק. האָט אים אַלץ אָנגעטריבן מיט די הענט און ער האָט זיך כּסדר באַוועגט און געקירעוועט צו דער טיר. אַרויס פֿונעם אַרבעטס־צימער און שוין אין קאָרידאָר האָט ק. געזאָגט: „איר ווייסט דאָך, ווו לעני האָט זיך אויסבאַהאַלטן?“ „אויסבאַהאַלטן?“ האָט דער סוחר געזאָגט, „ניין, אָבער זי מוז אַוודאי זײַן אין דער קיך, ווו זי קאָכט אַ זופּ פֿאַרן אַדוואָקאַט.“ „פֿאַר וואָס האָט איר עס נישט תּיכּף געזאָגט?“ האָט ק. געפֿרעגט. „איך האָב דאָך אײַך געוואָלט אַהין פֿירן, נו, האָט איר מיך ווידער צוריקגערופֿן,“ האָט געענטפֿערט דער סוחר, אַזוי ווי צעטומלט פֿון די סתּירותדיקע באַפֿעלן. „עס דאַכט זיך אײַך מסתמא, אַז איר זענט זייער כיטרע,“ האָט ק. געזאָגט, „איז פֿירט זשע מיך אַהין!“ אין דער קיך איז ק. נאָך קיין מאָל נישט געווען, זי איז געווען איבערראַשנדיק גרויס און

רײַך אויסגעשטאַפּירט. שוין דער קאַכאויוון אַליין איז געווען דרײַ מאָל אַזוי גרויס
ווי געוויינטלעכע קאַכאויוונס; פֿון די אַלע אַנדערע זאַכן האָט מען איצט קיין
דײַטלעכע פּרטים נישט געזען, ווײַל די קיך איז איצט באַלויכטן געווען פֿון אַ
קליין לעמפּעלע, וואָס איז געהאַנגען בײַם אַרײַנגאַנג. בײַם קאַכאויוון איז געשטאַ־
נען לעני, אָנגעטאָן אין אַ ווייסן פֿאַרטעך, ווי תּמיד, און האָט איבערגעגאָסן אויס־
געלאָזטע אייער אין אַ טאָפּ אַרײַן, וואָס איז געשטאַנען אויף אַ ברענענדיקער
ספּירט־מאַשינקע. „גוטן אָוונט, יאָזעף,“ האָט זי אַ זאָג געטאָן מיט אַ זײַטיקן קוק.
„גוטן אָוונט,“ האָט ק. געענטפֿערט, און האָט מיט דער האַנט אַ ווײַז געטאָן אויף
אַ בענקל, וואָס איז געשטאַנען אָן אַ זײַט, אַז דער סוחר זאָל זיך דאָרט אַוועקזעצן;
און ער האָט עס טאַקע תּיכּף געטאָן. ק. איז אָבער צוגעגאַנגען גאַנץ נאָענט צו
לעני, ער האָט זיך אַריבערגעבויגן איבער איר אַקסל און האָט געפֿרעגט: „ווער איז
ער, דער דאָזיקער מאַן?“ לעני האָט מיט דער פֿרײַער האַנט אַרומגענומען ק.,
מיט דער אַנדערער האָט זי געמישט די זופּ, זי האָט ק.ן אַ צי געטאָן אַזוי, אַז ער
זאָל אויסקומען פֿון פֿאָרנט פֿון איר, און האָט געזאָגט: „עס איז אַ נעבעכדיקער
מענטש, אַן אָרעמער סוחר, איינער אַ בלאָק. קוק אים נאָר אָן.“ ביידע האָבן אַ קוק
געטאָן הינטער זיך. דער סוחר איז געזעסן אויפֿן זעלבן בענקל, אויף וועלכן ק.
האָט אים געהייסן זיך זעצן, דאָס ברענענדיקע ליכט, וואָס זײַן שײַן איז איצט מער
נישט נייטיק געווען, האָט ער אויסגעבלאָזן און האָט געקוועטשט מיט די פֿינגער
דאָס קנייטל, אַז עס זאָל נישט רויכערן. „דו ביסט געווען אין בלויזן העמד,“ האָט
ק. געזאָגט און האָט מיט דער האַנט ווידער אַ קער געטאָן לענים קאָפּ צום קאַכ־
אויוון צו. זי האָט אָפּגעשוויגן. „ער איז דײַן געליבטער?“ האָט ק. געפֿרעגט. זי
האָט געוואָלט אָננעמען דעם טאָפּ מיט דער זופּ, אָבער ק. האָט אָנגעכאַפּט אירע
ביידע הענט און האָט געזאָגט: „ענטפֿער!“ זי האָט געזאָגט: „קום אַרײַן אין אַרבעטס־
צימער, און איך וועל דיר דאָרט אַלצדינג קלאָר מאַכן.“ „ניין,“ האָט ק. געזאָגט,
„איך וויל, אַז דו זאָלסט עס מיר תּיכּף דאָ אויפֿן אָרט קלאָר מאַכן.“ זי האָט זיך
אָנגעהאַנגען אָן אים און האָט אים געוואָלט אַ קוש געבן. ק. האָט זיך אָבער געוועהרט
און האָט געזאָגט: „איך וויל נישט, אַז דו זאָלסט מיך אַצינד קושן.“ „יאָזעף,“ האָט
לעני געזאָגט און האָט בעטנדיק, אָבער דאָך פֿרײַ און אָפֿן, געקוקט אין ק.׳ס אויגן,
„ווי קענסטו דען אייפֿערזיכטיק זײַן אויף הער בלאָק? רודי,“ האָט זי געזאָגט און
האָט זיך אַ קער געטאָן צום סוחר, „קום און העלף מיר, דו זעסט דאָך, אַז מען איז
מיך חושד, לאָז שוין אָפּ דאָס ליכט דאָרטן.“ מען וואָלט געקענט מיינען אַז דער
גאַנצער ענין איז דעם סוחר גאָר נישט אַנגעגאַנגען, אָבער ער האָט געוווּסט אַלע
סודות. „דעם אמת געזאָגט, ווייס איך אויך נישט פֿאַר וואָס, אייגנטלעך, איר
דאַרפֿט זײַן אייפֿערזיכטיק,“ האָט ער געזאָגט, נישט ווי קיין איבעריקער חכם.
„דעם אמת אײַך צו זאָגן, ווייס איך עס אויך נישט,“ האָט ק. געזאָגט און אָנגעקוקט
דעם סוחר מיט אַ שמייכל. לעני האָט געלאַכט הויך אויף אַ קול, האָט אָבער אויס־
גענוצט דעם מאָמענט פֿון ק.׳ס נישט־אויפֿמערקזאַמקייט, זיך צוגעטוליעט צו זײַן
אַקסל, און געשעפּטשעט: „לאָז אים אָפּ אַצינדערט, דו זעסט דאָך אַליין, וואָס פֿאַר

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אַ מין מענטש דאָס איז. איך האָב זיך אַ ביסל אָנגענומען פֿאַר אים, ווײַל ער איז אײנער פֿון די בעסטע קליענטן פֿון אַדוואָקאַט; קײן שום אַנדערע סיבות האָב איך נישט. און דו? ווילסטו נאָך הײַנט אַ שמועס טאָן מיט דעם אַדוואָקאַט? ער איז הײַנט זײער קראַנק, אָבער אויב עס גײט דיר שטאַרק אין דעם, וועל איך דיך הײַנט נאָך פֿאַרמעלדן בײַ אים. אויף איבער דער נאַכט וועסטו אָבער בלײַבן בײַ מיר, אויף זיכער, אויף זיכער. דו ביסט דאָך שוין אַזוי לאַנג בײַ אונדז נישט געווען, אַפֿילו דער אַדוואָקאַט האָט זיך שוין אויף דיר נאָכגעפֿרעגט. פֿאַרלאָז נאָר נישט דעם פּראָצעס! אויך איך האָב דיר אַלערלײ זאַכן מיטצוטײלן, וואָס איך בין נישט־לאַנג צוריק געוואָר געוואָרן. נו, קודם־כּל טו אויס דעם מאַנטל דײַנעם!" זי האָט אים געהאָלפֿן בײַם אויסטאָן, האָט אים אַראָפּגענומען דעם הוט פֿון קאָפּ, האָט אַ לויף געטאָן מיט די זאַכן אין פֿאָדער־צימער, האָט זײ דאָרט אויפֿגעהאַנגען; זי איז לויפֿנדיק צוריקגעקומען און האָט צוגעזען די זופּ זאָל זיך קאָכן. „זאָל איך פֿריִער דיך פֿאַרמעלדן, אָדער אים פֿריִער דערלאַנגען די זופּ?" „קודם־כּל פֿאַרמעלד מיך," האָט ק. געזאָגט. ער איז געווען שלעכט אויפֿגעלײגט, ער האָט לכתּחילה אין זינען געהאַט מיט לעני דעם ענין זײַנעם גענוי אַרומצושמועסן, דער עיקר די פּראָבלעם פֿון אָפּזאָגן, אָבער דאָס בײַזײַן פֿון דעם סוחר האָט אים דעם גאַנצן חשק דערצו צוגענומען. איצט איז אָבער דער ענין זײַנער צו וויכטיק געווען פֿאַר אים, און עס וואָלט געווען אַ נאַרישקײט צו לאָזן דאָס דאָזיקע קלײנע סוחרל משפּיע צו זײַן דעם לויף פֿון זײַן פּראָצעס; כאָטש לעני איז שוין אין קאָרידאָר געווען, האָט ער זי אַ רוף געטאָן אויף צוריק. „איך האָב זיך באַטראַכט, ברענג אים קודם־כּל די זופּ", האָט ער געזאָגט, „זאָל ער זיך אָנעמען מיט כּוחות, אײדער ער וועט האָבן דעם שמועס מיט מיר, עס וועט אים שטאַרק צו נוץ קומען." „איר זענט אויך דעם אַדוואָקאַטס אַ קליענט," האָט דער סוחר געזאָגט פֿון זײַן ווינקל אַרויס, אָט אַזוי ווי צו קאָנסטאַטירן עפּעס. עס איז אָבער נישט־גוט אויפֿגענומען געוואָרן. „וואָס גײט עס אײַך אָן?" האָט ק. געזאָגט, און לעני האָט צוגעוואָרפֿן: „וועסט דאָרט שטיל זײַן, דו. — אויב אַזוי, וועל איך אים קודם־כּל ברענגען די זופּ", האָט לעני אַ זאָג געטאָן צו ק. און אָנגעגאָסן די זופּ אין אַ טעלער אַרײַן. „עס איז אָבער אַ מורא, אַז ער וועט באַלד אײַנשלאָפֿן; נאָכן עסן שלאָפֿט ער אַלע מאָל תּיכּף אײַן." „דאָס, וואָס איך וועל אים זאָגן, וועט אים שוין וואַך האַלטן," האָט ק. געזאָגט; ער האָט כּסדר געוואָלט געבן אַן אָנצוהערעניש, אַז זײַן כּוונה איז הײַנט אַרומצורעדן מיטן אַדוואָקאַט עפּעס גאָר וויכטיקס; עס איז אים ממש געגאַנגען אין לעבן, אַז לעני זאָל אים אַ פֿרעג טאָן, וואָס איז עס אַזוינס, און ערשט שפּעטער זאָל ער בײַ איר פֿרעגן אַן עצה. אָבער לעני האָט נאָר פּינקטלעך אויסגעפֿירט אַלץ, אַלץ, וואָס ער האָט איר באַפֿוילן. אַז זי איז מיט דער טאַץ אין די הענט לעבן אים פֿאַרבײַגעגאַנגען, האָט זי מיט אַ בפֿירושער כּוונה אים אַ שוואַכינקן שטויס געגעבן און געשעפּטשעט: „אַזוי גיך ווי ער וועט נאָר די זופּ האָבן געגעסן, וועל איך דיך תּיכּף פֿאַרמעלדן, כּדי איך זאָל דיך אַזוי גיך ווי נאָר מעגלעך ווידער צוריק אַרויסבאַקומען." „גײ נאָר, גײ," האָט ק. געזאָגט, „גײ." „קענסט זײַן אַ

ביסל פֿרײַנדלעכער," האָט זי געזאָגט און — שוין אין דער טיר מיט דער טאַץ — האָט זי זיך נאָך אַ מאָל אין גאַנצן אומגעדרייט.

ק. האָט איר נאָכגעקוקט; נו, איצט האָט ער שוין אויף זיכער באַשלאָסן, אַז ער וועט דעם אַדוואָקאַט אָפּזאָגן; עס איז סוף־כּל־סוף בעסער, וואָס ער האָט פֿריִער וועגן דעם נישט געקענט אַ שמועס טאָן מיט לעני; זי האָט נישט דעם געהעריקן באַגריף וועגן דעם גאַנצן ענין און וואָלט אים אַוודאי פֿאַרקערט געעצהט; און עס קען אַפֿילו זײַן, אַז זי וואָלט אים אַזוי ווײַט משפּיע געווען, אַז ער וואָלט זיך דאָס מאָל אָפּגעהאַלטן דעם אַדוואָקאַט אָפּצוזאָגן; ער וואָלט אין אַזאַ פֿאַל ווידער געבליבן אין זײַן אומרו און אין זײַנע ספֿקות, און סוף־כּל־סוף וואָלט ער דאָך פֿאָרט זײַן באַשלוס אין אַ צײַט אַרום אויסגעפֿירט, ווײַל דער באַשלוס איז און בלײַבט אַזאַ, וואָס מע קען זיך פֿון אים נישט אַרויסדרייען. און וואָס פֿריִער מע פֿירט אויס אַזאַ באַשלוס, אַלץ מער שאָדן מײַדט מען אויס. אַגבֿ, אפֿשר ווייסט גאָר דער סוחר פֿון אַ גוטער עצה וועגן דעם גאַנצן ענין.

ק. האָט זיך אויסגעדרייט, און אַזוי ווי דער סוחר האָט עס נאָר באַמערקט, האָט ער שוין געוואָלט אויפֿשטיין. „בלײַבט זיצן, ווו איר זיצט," האָט ק. געזאָגט און האָט אַ ציִ געטאָן אַ בענקל נענטער צום סוחר. „זענט איר שוין אַן אַלטער קליענט פֿון דעם אַדוואָקאַט?" האָט ק. געפֿרעגט. „יאָ," האָט געזאָגט דער סוחר, „זייער אַן אַלטער קליענט." „וויפֿל יאָר איז ער שוין אײַער פֿאַרטרעטער בײַ די געריכטן?" האָט ק. געפֿרעגט. „איך ווייס נישט גענוי, וואָס איר מיינט דערמיט," האָט דער סוחר געזאָגט, „וואָס שייך ריין סוחרישע יורידישע ענינים — איך פֿיר אַ תּבֿואה־האַנדל — איז דער אַדוואָקאַט מײַן פֿאַרטרעטער, פֿון זינט איך האָב דאָס געשעפֿט איבערגענומען, אַן ערך צוואַנציק יאָר צײַט; אָבער וואָס שייך מײַן אייגע־נעם פּראָצעס, און דאָס האָט איר דאָך מסתּמא אין זינען געהאַט מיט אײַער פֿראַגע, איז ער מײַן פֿאַרטרעטער פֿון זינט דעם טאָג, וואָס דער פּראָצעס האָט זיך אָנגע־הויבן, און דאָס איז שוין אויך מער ווי פֿינף יאָר צײַט. יאָ, יאָ, שוין אַ סך לענגער ווי פֿינף יאָר צײַט," האָט דער סוחר געזאָגט און אַרויסגעצויגן אַן אַלטן פּאָרטפֿעל פֿון קעשענע, „אָט אָ דאָ האָב איך אַלץ שוואַרץ אויף ווײַס; אויב איר ווילט, קען איך אײַך אָנגעבן אַלע דאַטעס גאַנץ גענוי. עס איז נישט־גרינג אַלץ צו האַלטן אין זכּרון. דעם אמת זאָגנדיק, געדויערט מײַן פּראָצעס מסתּמא שוין אַ סך לענגער; ער האָט זיך אָנגעהויבן אַ קורצע צײַט נאָכן טויט פֿון מײַן פֿרוי, און דאָס איז שוין אַוודאי מער ווי זעקסטהאַלבן יאָר." ק. האָט זיך צוגערוקט נענטער צו אים. „הייסט עס, אַז דער אַדוואָקאַט נעמט איבער אויך גאַנץ פּשוטע יוריסטישע ענינים?" האָט ער געפֿרעגט. די דאָזיקע פֿאַרבינדונג פֿון יענע געריכטן מיט די יוריסטישע וויסנשאַפֿטן האָבן אין ק. אַרויסגערופֿן אַן אויסערגעוויינטלעכע באַ־רויִקונג. „פֿאַרשטייט זיך," האָט געענטפֿערט דער סוחר און באַלד האָט ער שעפּ־טשענדיק געזאָגט צו ק.: „מען זאָגט אַפֿילו, אַז אין די דאָזיקע יוריסטישע ענינים איז ער אַ סך מער באַהאַוונט ווי אין אַלע אַנדערע געריכטס־זאַכן." אָבער אַזוי גיך ווי ער האָט דאָס אַרויסגעבענגט, האָט ער חרטה באַקומען; ער האָט אַרויפֿ־

געלייגט אַ האַנט אויפֿן אַקסל פֿון ק. און געזאָגט: „איך בעט אײַך זייער — גיט מיך נישט אויס". כּדי אים צו באַרויִקן האָט ק. אים געגעבן אַ פּאָר מילדע קלעפּלעך מיט די פֿינגער־שפּיצן אין דער ליטקע און געזאָגט: „ניין, ניין, אַ מסור בין איך נישט." „ער איז, מוזט איר וויסן, אַ נוקם ונוטר," האָט געזאָגט דער סוחר. „קעגן אַזאַ געטרײַעם קליענט וועט ער אָן שום ספק גאָרנישט טאָן," האָט ק. געזאָגט. „און פֿאָרט," האָט געזאָגט דער סוחר, „אַז ער פֿאַלט אַרײַן אין כּעס, איז אים קיין שום חילוק נישט, און, אַגבֿ, בין איך אים גאָרנישט אַזוי געטרײַ." „ווי קומט עס?" האָט ק. געפֿרעגט. „זאָל איך אײַך אויסזאָגן דעם סוד?" האָט דער סוחר געזאָגט מיט אַ סך ספֿיקות. „איך מיין, אַז איר זאָלט עס טאָן," האָט ק. געזאָגט. „אויב אַזוי," האָט געזאָגט דער סוחר, „וועל איך אײַך טיילווײַז דעם סוד איבערגעבן, איר אָבער מוזט מיר אויך עפּעס אַ סוד אויסזאָגן, כּדי מיר זאָלן אויף דעם אופֿן זײַן איינער מיטן אַנדערן שטאַרק געבונדן לגבי דעם אַדוואָקאַט." „איר זענט זייער געהיט," האָט ק. געזאָגט, „אָבער איך וועל אײַך אַזאַ סוד געטרויען, וואָס דאָס וועט אײַך אַבסאָלוט באַרויִקן. איז זאָגט זשע מיר אין וואָס עס באַשטייט אײַער אומגעטרײַשאַפֿט לגבי דעם אַדוואָקאַט?" „איך האָב," האָט אין איין טאָן און זייער צוריקהאַלטעוודיק געזאָגט דער סוחר, אָט אַזוי ווי מע איז זיך מודה אין עפּעס אַ זייער נישט־בכּבֿודיקער זאַך, „איך האָב, חוץ אים, נאָך אַנדערע אַדוואָקאַטן." „דאָס איז עס אין גאַנצן? עס איז גאָרנישט אַזאַ עוולה," האָט ק. געזאָגט, ווי איינער, וואָס איז אַ ביסל אַנטוישט. „דאָס, יאָ," האָט געזאָגט דער סוחר, וואָס האָט נאָך אַ ביסל שווערלעך געאָטעמט, נאָך דעם ווי ער האָט זיך מודה געווען; אָבער די באַמערקונג פֿון ק. האָט אים ווידער אַ טראָפּן גלויבן צוריקגעגעבן. „עס איז נישט דערלויבט. און צום ווינציקסטן איז דערלויבט צו האָבן, לעבן אַן אַזוי גערופֿענעם אַדוואָקאַט, אויך נאָך ווינקל־אַדוואָקאַטן. און פּונקט דאָס האָב איך געטאָן, איך האָב, חוץ אים, נאָך פֿינף ווינקל־אַדוואָקאַטן." „פֿינף!" האָט ק. אַזש אַ געשריי געטאָן, ערשט די דאָזיקע ציפֿער האָט אים שוין אין גאַנצן פֿאַרחידושט, „פֿינף אַדוואָקאַטן חוץ דעם דאָזיקן?" דער סוחר האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ: „און דערצו פֿיר איך פּונקט איצט פֿאַרהאַנדלונגען נאָך מיט אַ זעקסטן." „אָבער צו וואָס דאַרפֿט איר אַזויפֿל אַדוואָקאַטן?" האָט ק. געפֿרעגט. „איך דאַרף זיי אַלע האָט געזאָגט דער סוחר. „קענט איר מיר אפֿשר אויפֿקלערן דעם שׂכל דערפֿון?" האָט ק. געפֿרעגט. „פֿאַר וואָס נישט," האָט געזאָגט דער סוחר. „קודם־כּל וויל איך דאָך נישט פֿאַרלירן מײַן פּראָצעס, דאָס פֿאַרשטייט זיך פֿון זיך אַליין. און דעריבער טאָר איך גאָרנישט דורכלאָזן, וואָס וואָלט מיר געקענט ברענגען אַ וועלכן נישט איז נוצן; און אַפֿילו אויב די האָפֿענונג אויף נוצן, אין אַ געגעבענעם פֿאַל, איז קוים־קוים, טאָר איך זי אויך אין מינדסטן נישט פֿאַרוואַרפֿן. האָב איך דעריבער אַלץ, וואָס איך פֿאַרמאָג, אַרײַנגעלייגט אין דעם פּראָצעס. און אַזוי האָב איך, צו געבן אײַך אַ משל, אַרויסגעצויגן דאָס גאַנצע געלט פֿון מײַן געשעפֿט; פֿריִער האָבן די קאַנצעלאַריעס פֿון מײַן געשעפֿט פֿאַרנומען כּמעט אַ גאַנצן שטאָק, הײַנט נעם איך פֿאַר ליב אַ קליין קעמערל אין הינטערשטן טייל פֿון הויז, דאָרט

פֿיר איך מיט אײן לערן־ייִנגל אַלע געשעפֿטן. די געפֿאַלנקייט האָט זיך גענומען נישט נאָר צוליב דעם, וואָס איך האָב דאָס געלט אַרויסגעצויגן פֿון געשעפֿט, נײַערט נאָך מער צוליב דעם, ווײַל מײַנע אַרבעטס־כּוחות זענען פֿון מיר אַרויסגעצויגן געוואָרן. אויב איינער וויל אויף אַן אמת עפּעס אויפֿטאָן לטובֿת זײַן פּראָצעס, קען ער זיך שוין מיט אַנדערע ענינים גאַנץ ווייניק פֿאַרנעמען." „הייסט עס, אַז איר אַליין אַרבעט אויך פֿאַרן געריכט?" האָט ק. געפֿרעגט. „גראָד וועגן דעם וואָלט איך גערן וועלן עפּעס געוואָר ווערן." „זעט איר — און גראָד וועגן דעם האָב איך גאַנץ ווייניק צו דערציילן," האָט געזאָגט דער סוחר, „לכתּחילה האָב איך אויך טאַקע פּרובירט צו טאָן, אָבער איך האָב עס גאָר באַלד געלאָזט פֿאַלן. עס ציט איינעם אַרויס די קליי פֿון די ביינער און די רעזולטאַטן זענען זיך ווייניק אָן. אַליין דאָרט צו אַרבעטן און צו פֿירן אונטערהאַנדלונגען איז ממש אוממעגלעך, אַזוי, לכל הפּחות, לערנט מיך מײַן דערפֿאַרונג. שוין דאָס זיצן און דאָס וואַרטן דאָרטן איז אַ מוראדיקע אָנשטרענגונג. נאָר וואָס דאַרף איך אײַך אַ סך דערציילן, איר קענט דאָך אַליין גאַנץ גוט די שווערע לופֿט אין די קאַנצעלאַריעס." „ווי אַזוי ווייסט איר דען, אַז איך בין דאָרט געווען?" האָט ק. געפֿרעגט. „גאַנץ פּשוט, איך בין פּונקט געזעסן אין וואַרטצימער, ווען איר זענט דאָרט פֿאַרבײַגעגאַנגען." „וואָס פֿאַר אַ מאָדנער צופֿאַל דאָס איז!" האָט ק. אויסגערופֿן מיט התלהבֿות און אויף אַ האָר מער נישט געדענקט ווי קאָמיש דער סוחר האָט ערשט נאָר וואָס אויסגעזען אין זײַנע אויגן. „הייסט עס, אַז איר האָט מיך געזען! איר זענט געווען אין וואַרטצימער, בשעת איך בין דורכגעגאַנגען. יאָ, אַזוי איז עס, איך בין דאָרט איין מאָל טאַקע פֿאַרבײַגעגאַנגען." „עס איז שוין גאָרנישט אַזאַ מאָדנער צופֿאַל," האָט געזאָגט דער סוחר, „מען קען מיך דאָרט זען כּמעט יעדן טאָג." „אויך איך וועל מסתּמא פֿון איצט אָן מוזן אַ סך אָפֿטער גיין אַהין," האָט ק. געזאָגט, „נאָר מע וועט מיך איצט מער נישט אויפֿנעמען מיט אַזויפֿל כּיבודים ווי דעמאָלט. אַלע זענען אויפֿגעשטאַנען. מסתּמא האָט מען געמיינט, אַז איך בין אַ ריכטער." „ניין," האָט געזאָגט דער סוחר, „מיר האָבן דעמאָלט באַגריסט דעם געריכטס־דינער. אַז איר זענט אַ באַשולדיקטער — דאָס האָבן מיר געוווּסט. אַזעלכע בשׂורות פֿאַרשפּרייטן זיך זייער גיך." „דאָס האָט איר, הייסט עס, שוין געוווּסט," האָט ק. געזאָגט, „אויב אַזוי, האָט איר זיך אַוודאי געטראַכט, אַז מײַן באַנעמונג איז אַ גדלותדיקע. האָט מען זיך נישט דורכגעשמועסט וועגן דעם?" „ניין," האָט געזאָגט דער סוחר, „פּונקט פֿאַרקערט. אָבער דאָס זענען נישט מער ווי נאַרישקייטן." „וואָס פֿאַר אַ נאַרישקייטן זענען עס?" האָט ק. געפֿרעגט. „פֿאַר וואָס פֿרעגט איר זיך נאָך אויף דעם?" האָט דער סוחר געזאָגט, שוין אַ ביסל מיט כּעס. „עס ווײַזט אויס, אַז איר קענט נאָך נישט גוט גענוג די דאָרטיקע לײַט און איר וועט עס אפֿשר פֿאַלש אויפֿנעמען. איר מוזט נעמען אין אַכט, אַז בײַ די דאָזיקע פּראָצעסן שווימען אַלע מאָל אַרויף אַ סך זאַכן וואָס דער שׂכל־הישר קען זיי נישט באַנעמען; איז מען שוין גאַנץ פּשוט מיד און צו פֿאַרנומען און דער מוח אַרבעט שוין נישט מער; און פֿאַר צולאָג הייבט מען זיך אָן צו פֿאַרלאָזן אויף

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אַלערלײ איבערגלויבנס. נאָר וואָס רעד איך דאָ וועגן אַנדערע, אַז איך בין אין דער אמתן אַלײן אויך נישט בעסער. צו אַזאַ מין איבערגלויבן, למשל, באַלאַנגט די מײנונג פֿון אַ סך אירע, אַז מע קען פֿונעם פּנים פֿון באַשולדיקטן, און גאָר באַזונדערס פֿון די ליניעס פֿון זײַנע ליפּן, דערקענען ווי אַזוי זײַן פּראָצעס וועט זיך אויסלאָזן. אָט אָ די דאָזיקע לײַט האָבן אויסגעדריקט די מײנונג, אַז קוקנדיק אויף אײַערע ליפּן, וועט איר אַוודאי גאָר בקרובֿ ווערן פֿאַרמשפּט. איך חזר איבער, אַז דאָס איז אַ קאָמישער גלייבן און אַז באַבאָבענעס און אין די מײנסטע פֿאַלן זאָגט די ווירקלעכקייט גאָר עפּעס אַנדערש, זי וואַרפֿט עס פּשוט אָפּ; אָבער אַז אײנער לעבט צווישן יענער חבֿרה, פֿאַלט שווער זיך צו האַלטן פֿון דער ווײַטנס פֿון אַזעלכע אײַנרעדעניש. טראַכט זיך נאָר אַרײַן ווי שטאַרק עס קען זײַן איבער אײנעם די פּעולה פֿון אַזאַ מין איבערגלויבן. איר האָט דאָך, זײַענדיק דאָרט, פֿאַרפֿירט אַ שמועס מיט אײנעם פֿון זיי, נישט אַזוי? נו, האָט ער אײַך קוים אַ וואָרט געקענט ענטפֿערן. עס איז דאָ, פֿאַרשטייט זיך, נישט אײן סיבה, אַז עמעצן זאָל זיך דאָרט דער קאָפּ פֿאַרדרייען; אָבער אײנע פֿון די סיבות איז אַוודאי געווען דער קוק אויף דעם פֿאָרעם פֿון אײַערע ליפּן. שפּעטער האָט ער אונדז דערציילט, אַז ער גלייבט, אַז ער האָט פֿון אײַערע ליפּן נאָך עפּעס אַראָפּגעלייענט: דעם סימן פֿונעם אויסגאַנג פֿון זײַן אייגענעם משפּט." „מײַנע ליפּן?" האָט ק. געפֿרעגט, האָט אַרויסגעצויגן אַ קעשענע־שפּיגלע און האָט זיך אַלײן אָנגעקוקט. „איך קען אויף מײַנע ליפּן קיין שום באַזונדערע סימנים נישט זען. און איר?" „איך אויך נישט," האָט געזאָגט דער סוחר, „אָבער טאַקע בשום אופֿן גאָרנישט." „ווי איבערגלויביש לײַט קענען זײַן!" האָט ק. אויסגערופֿן. „האָב איך עס אײַך נישט געזאָגט?" האָט דער סוחר געפֿרעגט. „באַגעגנט איר זיך און זעט איר זיך דען צווישן זיך אַזוי אָפֿט? גיט איר זיך איבער אײנער דעם אַנדערן אײַערע געדאַנקען און מײנונגען?" האָט ק. געזאָגט. „איך האָב זיך ביז אַצינד געהאַלטן אין גאַנצן אָן אַ זײַט." „בדרך כּלל באַגעגנט מען זיך נישט," האָט געזאָגט דער סוחר, „עס וואָלט גאָרנישט מעגלעך געווען, עס איז דאָך דאָ אַזאַ גרויסער המון באַשולדיקטע. און אין דער אמתן זענען גאָר נישטאָ קיין שותּפֿותדיקע פֿאַראינטערעסירונגען. עס מאַכט זיך אַ מאָל, אַז אַ געוויסע גרופּע מײנט, אַז עס איז אויפֿגעקומען אַ שותּפֿותדיקער ענין, אָבער גאָר באַלד איבערצײַגט מען זיך, אַז עס איז געווען נאָר אַ טעות און נישט מער. אין אַ שותּפֿות לאָזט זיך קעגן דעם דאָזיקן געריכט שוין אַוודאי גאָרנישט אויפֿטאָן. יעדער ענין ווערט דאָרט פֿאַר זיך אַלײן אויסגעפֿאָרשט; דאָס דאָזיקע געריכט איז דאָס פֿאַראַנטוואָרטלעכסטע און זאָרגעוודיקסטע פֿון אַלע געריכטן. אין אַ שותּפֿות קען מען גאָרנישט אויספֿירן; אַנטקעגן אַ יחיד קען מען אַ מאָל יאָ עפּעס דערגרייכן, אָבער נאָר בסוד סודות; און ערשט נאָר דעמאָלט, אַז עס איז שוין דערגרייכט געוואָרן — דערגרייכט די ידיעה צו די אַנדערע; און קיינער ווייסט נישט, און וועט קיין מאָל נישט וויסן, ווי אַזוי עס איז צו שטאַנד געקומען. מיט אײן וואָרט, עס איז נישטאָ קיין שותּפֿותדיקס צווישן די באַשולדיקטע; אמת, אַז מע קומט זיך אַ מאָל צונויף אין די פֿאָדער־צימערן, אָבער דאָרט רעדט מען

זיך גאַנץ ווייניק צונויף. די איבערגלויבישע מיינונגען עקסיסטירן שוין פֿון ווער ווייסט ווי לאַנג — און דערצו פֿאַרמערן זיי זיך אָט אַזוי ווי פֿון זיך אַליין." „איך האָב די מענער דאָרט אינעם וואַרטצימער געזען," האָט ק. געזאָגט, „און זייער וואַרטן איז אין מײַנע אויגן געווען אין גאַנצן אָן אַ זינען." „דאָס וואַרטן איז נישט אָן אַ זינען און אָן נוצן," האָט געזאָגט דער סוחר, „אָן שום נוצן איז נאָר דאָס פּערזענלעכע זיך אַרײַנמישן. איך האָב שוין געזאָגט, אַז חוץ אָט אָ דעם דאָזיקן, האָב איך אַצינד נאָך פֿינף אַדוואָקאַטן. וואָלט מען דאָך געקענט גלייבן — און איך אַליין האָב עס צו ערשט אויך געגלייבט — אַז אַצינד קען איך זיך מיט דעם ענין מײַנעם אין גאַנצן אויף זיי פֿאַרלאָזן. דאָס וואָלט אָבער געווען אין גאַנצן אַ פֿאַלשער באַגריף. אויף זיי אַלע צוזאַמען קען איך זיך ווייניקער פֿאַרלאָזן, ווי ווען איך וואָלט נאָר איין־איינציקן געהאַט. איך זע שוין, אַז איר פֿאַרשטייט עס נישט, נישט אַזוי?" „ניין," האָט ק. געזאָגט, און כּדי דער סוחר זאָל נישט רעדן אַזוי גיך־גיך, האָט ער אַרויפֿגעלייגט זײַן האַנט אויף יענעמס האַנט, כּדי אים צו באַרויִקן אַ ביסל, „איר וועט מיר טאָן אַ גרויסע טובֿה, אויב איר וועט רעדן אַ ביסעלע לאַנגזאַמער, די אַלע זאַכן זענען פֿאַר מיר גאָר און גאָר וויכטיק, און איך קען אײַך אַזוי גיך נישט נאָכקומען." „אַ דאַנק פֿאַר אײַער דערמאָנען מיר דאָס," האָט געזאָגט דער סוחר, „איר זענט דאָך אַ נײַער, אַ יונגער צווישן אונדז. אײַער פּראָצעס ציט זיך ערשט אַ האַלב יאָר, נישט אַזוי? יאָ, איך האָב וועגן דעם געהערט. אַזאַ יונגער פּראָצעס! איך אָבער האָב די דאָזיקע ענינים שוין אָן אַ שיעור מאָל איבערגעטראַכט; פֿאַר מיר זענען זיי די סאַמע זעלבפֿאַרשטענדלעכסטע זאַכן אויף גאָטס וועלט." „מוזט איר דאָך זײַן צופֿרידן, וואָס אײַער פּראָצעס איז שוין אַזוי ווײַט פֿאָרגעגאַנגען?" האָט ק. געזאָגט, נישט וועלנדיק דירעקט אַ פֿרעג טאָן, ווי עס האַלט מיט די פּראָצעס־ענינים פֿונעם סוחר. ער האָט אָבער אויך נישט באַקומען קיין קלאָרן ענטפֿער. „יאָ, שויף פֿינף יאָר ווי איך שטופּ אים אַזוי כּסדר פֿאָרויס, דעם פּראָצעס מײַנעם," האָט דער סוחר געזאָגט און אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ, „דאָס איז נישט קיין קלײנער אויפֿטו." איצט איז ק. אויף אַ רגעלע אַנטשוויגן געוואָרן און האָט זיך אײַנגעהערט, צי לעני קומט שוין נישט צוריק. פֿון איין זײַט האָט ער נישט געוואָלט, אַז זי זאָל שוין קומען, ער האָט דאָך נאָך געהאַט אַזויפֿל צו פֿרעגן, און עס האָט זיך אים נישט געגלוסט, אַז לעני זאָל אים אָנטרעפֿן בײַ דעם דאָזיקן שמועס פּנים־אל־פּנים מיט דעם סוחר; פֿון דער אַנדערער זײַט האָט ער זיך געערגערט, וואָס זי זוימט זיך אַזוי לאַנג בײַם אַדוואָקאַט, נישט געקוקט דערויף, וואָס ער איז דאָ; דערצו זוימט זי זיך שוין אַ סך לענגער, ווי עס איז נייטיק צום דערלאַנגען די זופּ. „איך דערמאָן זיך נאָך גאַנץ גענוי אָן יענער צײַט," האָט דער סוחר ווידער אָנגעהויבן צו רעדן, און ק. האָט זיך תּיכּף מיט דער גאַנצער אויפֿמערקזאַמקייט צוגעהערט, „ווען מײַן פּראָצעס איז אַזוי אַלט געווען, ווי אײַער פּראָצעס איצט. דעמאָלט האָב איך געהאַט נאָר דעם דאָזיקן אַדוואָקאַט, איך בין אָבער נישט שטאַרק צופֿרידן געווען פֿון אים." דאָ ווער איך דאָך אַלץ געוואָר, האָט ק. אַ טראַכט געטאָן, און האָט ענערגיש אַ שאָקל געטאָן

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

מיטן קאָפּ, אָט אַזוי ווי ער וואָלט מיט דעם געוואָלט אויפֿטרייסלען דעם סוחר, אַז ער זאָל אַרויסברענגען אַלץ, אַלץ, וואָס ער דאַרף וויסן. „מײַן פּראָצעס," האָט דער סוחר ווײַטער געצויגן, „האָט זיך נישט אַ ריר געטאָן פֿון אָרט; אויספֿאָרשונגען זענען פֿאָרגעקומען, איך האָב קיין איינציקע נישט פֿאַרפֿעלט, איך האָב געזאַמלט מאַטעריאַל, איך האָב אַלע מײַנע געשעפֿטסביכער אַרײַנגעגעבן אין געריכט, אַ זאַך, וואָס איך בין שפּעטער געוואָר געוואָרן, איז גאָרנישט נייטיק געווען; איך בין כּסדר געלאָפֿן צום אַדוואָקאַט, איך האָב געבראַכט אַלערליי פּעטיציעס —." „אַלערליי פּעטיציעס?" האָט ק. אַ פֿרעג געטאָן. „וואָס דען, אַוודאי," האָט געזאָגט דער סוחר. „דאָס איז פֿון דער גרעסטער וויכטיקייט פֿאַר מיר," האָט ק. געזאָגט, „אין מײַן פּראָצעס אַרבעט ער נאָך אַלץ איבער דער ערשטער פּעטיציע. ער האָט נאָך אַלץ גאָרנישט געטאָן. איך זע שוין אַצינד, אַז ער פֿאַרוואָרלאָזט מײַן פּראָצעס אויף אַ שענדלעכן אופֿן." „דאָס וואָס די פּעטיציע איז נאָך נישט פֿאַרטיק, זעט איר, דאָס קען דווקא אַ מאָל האָבן גאַנץ באַרעכטיקטע סיבות," האָט געזאָגט דער סוחר. „אַגבֿ, האָט זיך עס בײַ מײַנע פּעטיציעס אַרויסגעוויזן, אַז זיי זענען סײַ ווי גאָרנישט ווערט געווען. איינע פֿון די דאָזיקע פּעטיציעס האָב איך, אַ דאַנק אַ פֿרײַנדלעכן באַאַמטן פֿון געריכט, אַליין געלייענט. די פּעטיציע איז געווען זייער וויסנשאַפֿטלעך, אָבער אָן אַ ברעקל פּעסטן אינהאַלט. קודם־כּל אָן אַ שיעור לאַטײַנישע ווערטער, וואָס איך פֿאַרשטיי זיי נישט, דערנאָך סתּם אַלערליי פּוסטע אַפּעלן צום געריכט, וואָס האָבן זיך געצויגן אויף גאַנצע זײַטן; דערנאָך חניפֿות צו איינצלנע, גאַנץ געוויסע באַשטימטע יחידים־באַאַמטע, וואָס זייערע נעמען זענען טאַקע נישט אָנגערופֿן געוואָרן, אָבער אַן אייגענער מענטש האָט גאַנץ געוויס און אַפֿילו גרינג געקענט טרעפֿן וועמען מע מיינט; דערנאָך ערשט לויבן פֿון אַדוואָקאַט צו זיך אַליין, דערבײַ האָט ער אַרויסגעוויזן ממש הינטישע הכנעה פֿאַרן געריכט; און גאָר צום סוף כּלערליי מעשׂיות וועגן אַלטע יוריסטישע פֿאַלן, וואָס ער האָט מכּלומרשט אַנאַליזירט, מחמת זיי זענען מכּלומרשט ענלעך צו מײַן פֿאַל. און דווקא אָט די אַנאַליזן און פֿאָרשונגען זענען, דעם אמת זאָגנדיק, און אויף וויפֿל איך קען זיי באַנעמען, זייער זאָרגעוודיק און פּינקטלעך געמאַכט געוואָרן. אמת איז אויך, אַז פֿון אָט דעם איינציקן פּרט קען מען נישט תּיכּף משפּטן די גאַנצע אַרבעט פֿון דעם אַדוואָקאַט; אויך מוז איך באַמערקן, אַז די פּעטיציע, וואָס מיר איז געלונגען צו לייענען, איז דאָך נאָר געווען איינע פֿון אַ סך; ווי די זאַך זאָל אָבער נישט זײַן, און נאָר דאָס וויל איך אונטערשטרײַכן, האָב איך דעמאָלט אין דעם קיין שריט פֿאָרויס אין מײַן פּראָצעס נישט געקענט באַמערקן." „וואָס פֿאַר אַ שריט פֿאָרויס האָט איר דען געוואָלט זען?" האָט ק. געפֿרעגט. „איר פֿרעגט ווי אַ חכם," האָט דער סוחר אַ זאָג געטאָן מיט אַ שמייכעלע, „מען קען אין דער דאָזיקער געריכטס־פּראָצעדור נאָר זעלטן ווען זען אַ שריט פֿאָרויס. אָבער דעמאָלט האָב איך עס נאָך נישט געוווּסט. אַ סוחר בין איך, און דעמאָלט בין איך עס נאָך אַ סך מער געווען ווי איך בין עס הײַנט; האָב איך געוואָלט האָבן אָנזעעוודיקע דערפֿאָלגן; אַ שריט פֿאָרויס זאָל זײַן אַ שריט פֿאָרויס; און אויך דאָס גאַנצע זאָל אָנזעעוודיק

גיין אין דער ריכטונג פֿון אַ סוף; אָדער עס זאָל כאָטש זײַן אַ רעגולערער גאַנג פֿון מדרגה צו מדרגה. אָבער שטאָט דעם זענען פֿאָרגעקומען כסדרדיקע אויספֿאָרשונגען, פֿאַרהערן, איינע ענלעך צו די אַנדערע ווי צוויי טראָפּנס וואַסער; די ענטפֿערס האָב איך שוין כסדר געהאַט גרייט אויף די ליפּן, אַזוי ווי די שורות פֿון דעם פּאַטער־נאָסטער; דערצו זענען עטלעכע מאָל אין דער וואָך די געריכטס־שליחים געקומען אין מײַן געשעפֿט, געקומען אין מײַן פּריוואַטער וווינונג, און ווו דען נישט — אַוווּ זיי האָבן מיך נאָר געקענט אָנטרעפֿן; דאָס פֿאַרשטערט איינעם פֿאַרשטייט זיך, דעם טאָג מיט דער נאַכט (הײַנט איז שוין אַ ביסל בעסער אויף דעם געביט; אַ רוף דורכן טעלעפֿאָן שטערט אַ סך ווייניקער); אויך האָבן זיך צווישן מײַנע קונים און געשעפֿטס־אַגענטן, און דער עיקר צווישן מײַנע קרובֿים, אָנגעהויבן צו פֿאַרשפּרייטן פּליאָטקעס וועגן מײַן פּראָצעס; צרות און שאָדוינעס האָב איך, פֿאַרשטייט איר שוין אַליין, געהאַט פֿון אַלע זײַטן, אָבער אַפֿילו נישט דעם מינדסטן סימן, אַז אַפֿילו דער סאַמע ערשטער טערמין אין מײַן פּראָצעס וועט כאָטש בקרובֿ פֿאָרקומען. וואָס זשע האָב איך געטאָן — בין איך געגאַנגען צו מײַן אַדוואָקאַט און איך האָב זיך באַקלאָגט. לאַנגע אויפֿקלערונגען האָט ער מיר יאָ געגעבן, אָבער ער האָט זיך בפֿירוש אָפּגעזאָגט עפּעס פֿון דעם סאָרט וואָס איך האָב געבעטן צו טאָן; קיינער, זאָגט ער, האָט נישט קיין שום השפּעה אויף דער באַשטימונג פֿון אַ פּראָצעס־טערמין; צואײַלן דאָס דורך אַ פּעטיציע, אַזוי ווי איך פֿאָדער עס, איז פּשוט אַן אומדערהערטע זאַך, וואָס קען ווערן אי מײַן סוף און אי זײַן סוף. האָב איך מיר גאַנץ פּשוט געטראַכט: אַט דאָס וואָס דער דאָזיקער אַדוואָקאַט וויל נישט, אָדער קען נישט, וועט אַן אַנדער אַדוואָקאַט יאָ וועלן און יאָ קענען. האָב איך זיך אַרומגעקוקט מכּוח אַן אַנדערן אַדוואָקאַט. איך וויל אָבער באַלד בײַם סאַמע אָנהייב זאָגן: קיינער האָט טאַקע די באַשטימונג פֿון דעם הויפּט־טערמין אינעם פּראָצעס נישט פֿאַרלאַנגט און קיינער האָט דאָס נישט דורכגעפֿירט; עס איז טאַקע — מיט איין־איינציקן קליינעם אויסנעם, וועגן וועלכן איך וועל נאָך שפּעטער אַרײַנוואַרפֿן אַ וואָרט —· אויף אַן אמת נישט־מעגלעך דאָס צו טאָן; וואָס שייך דעם דאָזיקן פּונקט האָט מיך דער אַדוואָקאַט נישט גענאַרט; אין אַלגעמיין האָב איך אָבער נישט וואָס צו באַדויערן, וואָס איך האָב זיך געווענדט נאָך צו אַנדערע אַדוואָקאַטן. מסתמא האָט אײַך שוין ד״ר הולד עפּעס געזאָגט וועגן די ווינקל־אַדוואָקאַטן, און זיכער האָט ער זיי פֿאַר אײַך געמאָלן אין אַ פּינצטערער ליכט, און פּינצטערע פּאַרשוינען זענען זיי טאַקע. ער מאַכט אָבער אַלע מאָל איין קליינעם טעות, ווען ער רעדט וועגן די ווינקל־אַדוואָקאַטן און פֿאַרגלײַכט זיי מיט זיך און מיט זײַנע קאָלעגן; אויף דעם דאָזיקן קליינעם טעות וויל איך אײַך, אַגבֿ אורחא, אויפֿמערקזאַם מאַכן. רעדנדיק וועגן די ווינקל־אַדוואָקאַטן רופֿט ער אַ מאָל די קאָלעגן פֿון זײַן סבֿיבֿה: די „גרויסע אַדוואָקאַטן“, כּדי עס זאָל זײַן אַ דײַטלעכע צווישנשייד צווישן די צוויי גרופּעס. דאָס איז לחלוטין פֿאַלש; יעדער איינער האָט, פֿאַרשטייט זיך, דאָס רעכט זיך אַליין צו רופֿן „גרויס“, ווען נאָר עס פֿאַרגלוסט זיך אים; אין דעם פֿאַל אָבער באַשטימט דער מנהג און

די פֿירונג פֿון די געריכטן. לויט זייער גאַנג זענען פֿאַראַנען אויסער די ווינקל־אַדוואָקאַטן נאָך צוויי מינים און נישט איינער: קליינע און גרויסע אַדוואָקאַטן. און דער דאָזיקער אַדוואָקאַט אונדזערער, און זײַנע קאָלעגן, באַלאַנגען בלויז צו די קליינע אַדוואָקאַטן; וואָס שייך די גרויסע אַדוואָקאַטן, האָב איך וועגן זיי נאָר געהערט, געזען האָב איך זיי קיין מאָל נישט; איך ווייס נאָר, אַז לויט זייער ראַנג, שטייען זיי אָן אַ שיעור העכער איבער די קליינע אַדוואָקאַטן, אַ סך, אַ סך העכער ווי עס שטייען די דאָזיקע מכּלומרשט „גרויסע אַדוואָקאַטן" איבער די ווינקל־אַדוואָקאַטן, וואָס זיי קוקן אויף זיי פֿון אויבן אַראָפּ מיט אַזויפֿל פֿאַראַכטונג." „די גרויסע אַדוואָקאַטן," האָט ק. געפֿרעגט, „ווער זענען זיי, די דאָזיקע, ווי אַזוי קומט מען צו צו זיי?" „הייסט עס, אַז איר האָט קיין מאָל וועגן זיי נישט געהערט," האָט געזאָגט דער סוחר. „און עס איז דאָך כּמעט נישטאָ קיין איין באַשולדיקטער, וואָס טאָמער ווערט ער איין מאָל געוואָר וועגן זיי, זאָלן זיי אים שוין שפּעטער אַ לאַנגע צײַט כּסדר נישט קומען צו חלום. לאָזט זיך בעסער נישט אַרײַן אין דעם. ווער עס זענען די גרויסע אַדוואָקאַטן — ווייס איך נישט, און צוקומען צו זיי קען מען סײַ ווי סײַ בכלל נישט. איך ווייס נישט פֿון קיין איינציקן פּראָצעס, וואָס מע קען וועגן אים גאַנץ באַשטימט זאָגן, אַז די גרויסע אַדוואָקאַטן האָבן זיך דאָרטן אַרײַנגעמישט. עס מאַכן זיך זעלטענע פֿאַלן, אַז זיי פֿאַרטיידיקן דעם אָדער יענעם; אָבער קיינער האָט דאָס מיט זײַן אייגענעם ווילן קיין מאָל נישט דערגרייכט; זיי פֿאַרטיידיקן נאָר דעם, וואָס זיי אַליין ווילן אים פֿאַרטיידיקן. און אויב זיי מישן זיך אַרײַן אין אַ פּראָצעס, מוז עס זײַן אַזאַ, וואָס איז שוין פֿריִער געהאַט דורכגעגאַנגען די נידעריקע געריכטס־אינסטאַנץ. אַגבֿ, גיב איך אײַך אָן עצה בעסער בכלל וועגן זיי נישט צו קלערן; ווײַל טאָמער לאָזט איר זיך אַרײַן אין די געדאַנקען וועגן זיי, הייבט איר אָן צו קוקן סײַ אויף די אונטערהאַנדלונגען מיט די אַנדערע אַדוואָקאַטן, סײַ אויף זייערע עצות און סײַ אויף זייער הילף ווי אויף עפּעס אַן עקלדיקער און נוצלאָזער זאַך; איך האָב עס אַליין איבערגעלעבט; צום בעסטן גלוסט זיך אײַך אין אַזאַ פֿאַל אַלץ מיט אַנאַנדער אַ שליידער צו טאָן, אַהיימצוגיין, אַרײַנלייגן זיך אין בעט און פֿון גאָרנישט מער הערן און געדענקען. וואָלט אָבער גראָד אַזאַ באַנעמונג געווען די סאַמע גרעסטע נאַרישקייט; און ווי לאַנג וואָלט מען דען געקענט אײַנליגן אַזוי אין בעט?" „האָט איר, הייסט עס, דעמאָלט צו לאַנג נישט געטראַכט וועגן די גרויסע אַדוואָקאַטן?" האָט ק. געפֿרעגט. „נישט צו לאַנג," האָט דער סוחר געזאָגט, און אַ שמייכל האָט זיך ווידער באַוויזן אויף זײַן פּנים, „לחלוטין פֿאַרגעסן קען מען זיי, צום באַדויערן, נישט, און דער עיקר אין די נעכט לאָזן די מחשבֿות וועגן זיי איינעם נישט אָפּ. אָבער דעמאָלט האָב איך דאָך געוואָלט האָבן באַלדיקע רעזולטאַטן; נו, בין איך גאַנץ פּשוט געגאַנגען צו די ווינקל־אַדוואָקאַטן."

„זע נאָר, זע — ווי זיי זיצן דאָרט צוזאַמען!" האָט לעני אויף אַ הויך קול אַ רוף געטאָן, צוריקקומענדיק מיט דער טאַץ פֿונעם אַדוואָקאַט, און איז שטיין געבליבן אויף דער שוועל. זיי זענען אויף אַן אמת געזעסן אַזוי צונויפֿגעקוועטשט,

ער איז נאָכגעלאָפֿן נאָך איר, און אַרומגעדרייט אַרום זײַן קאָפּ . . .

זע זײַט 145

אַז בײַ דער קלענסטער באַוועגונג האָבן זיך זייערע קעפּ געמוזט צונויפֿשטויסן; דער סוחר האָט, חוץ זײַן קליינער געשטאַלט, נאָך געהאַט די פּלייצע אויסגעקרימט; ער האָט אַזוי אַרום ממש געצווּנגען, אַז ק. זאָל זיך טיף אײַנבייגן, אויב ער האָט געוואָלט אַלץ הערן, וואָס יענער זאָגט. „נאָך איין רגעלע!" האָט ק. אויסגערופֿן, אַז לעני זאָל זיי בײדן איצט אָפּלאָזן; זײַן האַנט, וואָס ער האָט נאָך אַלץ געהאַלטן אויף דעם סוחרס האַנט, האָט אומגעדולדיק געצאַפּלט. „ער האָט געוואָלט, אַז איך זאָל אים דערציילן וועגן מײַן פּראָצעס," האָט דער סוחר געזאָגט צו לענין. „דערצייל נאָר, דערצייל," האָט זי געענטפֿערט. זי האָט טאַקע גאָר פֿרײַנדלעך גערעדט צום סוחר, אָבער פֿון אויבן אַראָפּ, און ק.'ן איז דאָס גאָרנישט געפֿעלן געוואָרן; ערשט איצט האָט ער דאָך דערקענט, אַז דער מאַן האָט פֿאָרט אַ געוויסן ווערט; לכל הפּחות האָט ער געהאַט אַ סך פּראַקטיק און האָט עס מיט שׂכל געקענט אַן אַנדערן איבערגעבן. לעני האָט אים, זעט אויס, ניט־ריכטיק אָפּגעשאַצט. עס האָט אים פֿאַרדראָסן, וואָס זי נעמט אַרויס דאָס לײַכטערל פֿונעם סוחרס האַנט — ער האָט עס אויף אַ רגע ביז איצט נישט געהאַט אָפּגעלאָזט — און וואָס זיווישט אים מיט דעם פֿאַרטעכל אָפּ די האַנט, און וואָס זי קניט לעבן אים אַנידער אָפּצוקראַצן אַ ביסל חלבֿ, וואָס האָט אַ טריף געטאָן פֿונעם ליכט אויף זײַנע הויזן. „איר האָט מיר געוואָלט עפּעס דערציילן וועגן די ווינקל־אַדוואָקאַטן," האָט ק. אַ זאָג געטאָן, און האָט אָן קיין שום באַמערקונג אַ רוק אַוועק געטאָן לענים האַנט. „וואָס ווילסטו פֿון מיר?" האָט זיך לעני אָפּגערופֿן, זי האָט אַ לײַכטן שמיץ געטאָן אין דער זײַט פֿון ק. און האָט ווײַטער געקראַצט דעם טראָפּן חלבֿ. „יאָ־יאָ — פֿון וועגן די ווינקל־אַדוואָקאַטן," האָט דער סוחר געזאָגט און האָט געריבן דעם שטערן מיט דער האַנט, ווי אײנער וואָס טראַכט עפּעס נאָך. ק. האָט, וועלנדיק אים צוהעלפֿן, אַ זאָג געטאָן: „איר האָט געוואָלט האָבן תּיכּפֿדיקע רעזולטאַטן, און איר זענט דעריבער געגאַנגען צו די ווינקל־אַדוואָקאַטן." „ריכטיק," האָט געזאָגט דער סוחר, אָבער ער האָט ווײַטער נישט גערעדט. „קען זײַן, אַז ער וויל, בשעת לעני איז דאָ דערבײַ, וועגן דעם נישט רעדן," האָט ק. אַ טראַכט געטאָן; ער האָט זיך דעריבער געשטאַרקט איבער זײַן אומגעדולדיקייט, אַלץ, אַלץ תּיכּף איצט געוואָר צו ווערן, און איז מער נישט צוגעשטאַנען צו דעם סוחר.

„האָסטו מיך געמאָלדן?" האָט ער געפֿרעגט בײַ לענין. „פֿאַרשטייט זיך," האָט זי געזאָגט, „ער וואַרט אויף דיר. לאָז איצט אָפּ בלאָקן, מיט בלאָקן קענסטו שפּעטער אויך רעדן, ער בלײַבט דאָך דאָ." ק. האָט זיך נאָך אָפּגעהאַלטן אַ רגע. „איר בלײַבט דאָ?" האָט ער געפֿרעגט דעם סוחר; ער האָט געוואָלט, אַז ער זאָל אים אַליין ענטפֿערן, ער האָט נישט געוואָלט, אַז לעני זאָל רעדן וועגן דעם סוחר, אָט אַזוי ווי ער וואָלט געווען לופֿט; עפּעס אַ געהיימע רציחה צו לענין האָט אים הײַנט אין גאַנצן אויסגעפֿילט. און ווידער האָט נאָר לעני געענטפֿערט: „עס מאַכט זיך אָפֿט, אַז ער בלײַבט דאָ שלאָפֿן." „שלאָפֿט דאָ?" האָט ק. זיך הויך אָנגערופֿן; ער האָט געמיינט, אַז דער סוחר וועט נאָר אויף אים וואַרטן, בשעת ער וועט דערווײַל אויף גיך פֿאַרטיק ווערן מיט זײַן שמועס מיטן אַדוואָקאַט, און שפּעטער וועלן זיי

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

צוזאַמען אַוועקגיין און אַלץ גאַנץ גענוי אַרומרעדן. „יאָ,“ האָט לעני געזאָגט, „נישט יעדער האָט דאָס מזל, אַזוי ווי דו, יאָזעף, אַז דער אַדוואָקאַט זאָל אים צו יעדער שעה, ווען עס גלוסט זיך אים נאָר, צו זיך צולאָזן. עס ווײַזט זיך מיר אויס, אַז דו וווּנדערסט זיך גאָרנישט, וואָס דער אַדוואָקאַט נעמט דיך נאָך הײַנט אויף, נישט געקוקט אויף זײַן קרענק, און דערצו נאָך זייגער עלף בײַ נאַכט. דו נעמסט דאָס אַלץ, וואָס דײַנע פֿרײַנד פּועלן אויס פֿאַר דיר, שוין אַ ביסל צו פֿיל, ווי עס וואָלט דיר געקומען, ווי אַ זעלבפֿאַרשטענדלעכע זאַך. נו, דײַנע פֿרײַנד, און צום ווינציקסטן איך, טוען עס, וואָס אַן אמת, גערן. איך וויל נישט קיין אַנדערן דאַנק און דאַרף אויך נישט קיין אַנדערן דאַנק, ווי נאָר, אַז דו זאָלסט מיך ליב האָבן.“ „דיך ליב האָבן?“ האָט ק. אין דער ערשטער רגע אַ טראַכט געטאָן, און ערשט אַ ביסל שפּעטער איז אַ געדאַנק דורכגעגאַנגען דורך זײַן קאָפּ: „נו יאָ, איך האָב זי טאַקע ליב.“ פֿונדעסטוועגן האָט ער דאָס אַלץ נישט געבערענגט אויף די ליפּן — און געזאָגט האָט ער: „ער נעמט מיך אויף, ווײַל איך בין זײַן קליענט. אויב מע וואָלט נאָך צו דעם אויך געדאַרפֿט כסדר הילף פֿון פֿרעמדע, וואָלט מען דאָך בײַ יעדן שריט געדאַרפֿט גלײַכצײַטיק אי בעטלען און אי דאַנקען.“ „ער איז הײַנט נישט צום אויסהאַלטן, נישט אַזוי?“ האָט לעני געפֿרעגט בײַם סוחר. „איצט בין איך לופֿט בײַ איר,“ האָט ק. אַ טראַכט געטאָן, און איז איצט שיר נישט בייז געוואָרן אויפֿן סוחר, ווען דער דאָזיקער האָט תּיכּף איבערגעכאַפּט די אומהעפֿלעכקייט פֿון לענין, און האָט געזאָגט: „דער אַדוואָקאַט לאָזט אים צו נאָר צוליב אַנדערע סיבות. זײַן ענין איז אַ סך מער אינטערעסאַנט ווי מײַנער. חוץ דעם האַלט זײַן פּראָצעס נאָך בײַם סאַמע אָנהייב, ער איז נאָך נישט צו ווײַט פֿאַרפֿאָרן; און אין אַזאַ פֿאַל באַשעפֿטיקט זיך דער אַדוואָקאַט נאָך גאַנץ גערן מיט אים. שפּעטער וועט עס שוין ווערן אַ ביסעלע אַנדערש.“ „יאָ, יאָ, יאָ,“ האָט לעני געזאָגט און האָט געקוקט אויפֿן סוחר מיט אַ געלעכטער, „זע נאָר, ווי ער האָט זיך דאָס אַ ביסל צעפּלאַפּלט! איך זאָג דיר, אַז אים דאַרפֿסטו גאָרנישט גלייבן,“ בײַ די ווערטער האָט זי זיך אַ קער געטאָן צו ק., „אָט ווי אַ ווילער מענטש ער איז, אָט אַזאַ פּלאַפּלער איז ער, קען זײַן, אַז צוליב דעם טאַקע האָט אים דער אַדוואָקאַט נישט גערן. ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, נעמט ער אים נאָר דעמאָלט אויף, ווען ער איז דערצו געשטימט. איך האָב זיך שוין אַ סך באַמיט דאָס צו ענדערן — אָבער עס איז פּשוט נישט־מעגלעך. שטעל דיר פֿאָר, עס מאַכט זיך אַ מאָל, אַז איך מעלד דעם אַדוואָקאַט, אַז בלאָק איז דאָ; ער אָבער נעמט אים אויף ערשט אויפֿן דריטן טאָג. טאָמער אָבער איז בלאָק נישטאָ אויפֿן אָרט אין דער רגע, ווען ער ווערט גערופֿן, איז אַלץ מיט אַנאַנדער פֿאַרלוירן און דאָס מעלדעניש מוז זיך ווידער פֿון ס׳נײַ אָנהייבן. דעריבער האָב איך בלאָקן דערלויבט, אַז ער זאָל דאָ שלאָפֿן; עס איז דאָך שוין נישט איין מאָל פֿאָרגעקומען, אַז דער אַדוואָקאַט גיט אַ קלונג אין מיטן דער נאַכט און פֿאָדערט אים אַרויס אויף אַ דורכשמועס. און אַפֿילו איצט איז בלאָק אויך גרייט פֿאַר דער נאַכט. עס טרעפֿט זיך אָבער אויך, אַז טאָמער ווערט דער אַדוואָקאַט געוואָר, אַז בלאָק איז יאָ דאָ, ציט ער דווקא צוריק דעם

אָנזאָג, אַז מע זאָל אים אַרײַנלאָזן.״ ק. האָט געקוקט מיט אַ פֿרעגנדיקן בליק אויפֿן סוחר. דער סוחר האָט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ אויף יאָ און האָט געזאָגט — מיט דער זעלבער אָפֿנקייט, מיט וועלכער ער האָט פֿרײַער מיט ק. גערעדט — און אפֿשר איז ער אַ ביסל צעטראָגן געווען צוליב בושה: „יאָ, יאָ, מע ווערט שפּעטער זייער אָפּהענגיק פֿון די אַדוואָקאַטן.״ „ער מאַכט נאָר אַזאַ אָנשטעל, אַז ער באַקלאָגט זיך,״ האָט לעני געזאָגט. „ער שלאָפֿט דאָ זייער גערן, ער האָט זיך אין דעם שוין נישט איין מאָל מודה געווען פֿאַר מיר.״ זי איז צוגעגאַנגען צו אַ קלײנער טיר און האָט זי אַ פּראַל אויף געטאָן: „ווילסטו זען דאָס שלאָפֿצימער זײַנס?״ האָט זי געפֿרעגט. ק. איז צוגעגאַנגען און האָט פֿון דער שוועל־אויס געזען אַ נידעריקן חלל אָן אַ פֿענצטער; דער גאַנצער שטח דאָרט איז געווען פֿולשטענדיק פֿאַרנומען מיט איין שמאָל בעטל. כּדי אַרײַנצוקריכן אין דעם דאָזיקן בעט, האָט מען געמוזט אַריבערשפּאַנען איבער זײַן ווענטל. בײַם צוקאָפּנס פֿון אָט דעם בעט איז אין דער מויער געווען אַן אויסהוילונג, דאָרט איז געשטאַנען אין אַ פּעדאַנטישער אָרדענונג — אַ לײַכטערל, אַ טינטערל, אַ פֿעדער, און עס איז דאָרט אויך געלעגן אַ בינטל פּאַפּירן; מסתּמא די דאָקומענטן פֿון פּראָצעס. „שלאָפֿט איר, הייסט עס, אין דינסט־מיידלס שטיבל?״ האָט ק. געפֿרעגט און האָט זיך ווידער אַ קער געטאָן צום סוחר. „לעני האָט עס באַזאָרגט פֿאַר מיר,״ האָט געענטפֿערט דער סוחר, „עס איז זייער און זייער נוצלעך.״ ק. האָט אים לאַנג אָנגעקוקט; עס ווײַזט זיך דאָך אַרויס, אַז דער ערשטער רושם, וואָס דער סוחר האָט אויף אים געמאַכט, איז פֿאָרט געווען דער סאַמע ריכטיקסטער; פּראַקטיק האָט ער געהאַט אַ סך, ווײַל זײַן פּראָצעס האָט שוין געדויערט אַ היפּשע צײַט, אָבער ער האָט טײַער באַצאָלט פֿאַר דער פּראַקטיק. פּלוצלינג האָט ק. מער נישט געקענט פֿאַרטראָגן דעם אָנבליק פֿון דעם סוחר. „לייג אים דאָך אַרײַן אין בעט אַרײַן!״ האָט ער אויסגעשריגן צו לעני, וואָס האָט אים עפּעס אין גאַנצן אויפֿגעהערט צו פֿאַרשטיין. ער אַליין האָט אָבער בדעה געהאַט אַרײַנצוגיין צום אַדוואָקאַט, אָפּזאָגן אים און דורך אָט דעם אָפּזאָג סוף־כּל־סוף זיך באַפֿרײַען — נישט נאָר פֿונעם אַדוואָקאַט, נאָר אויך פֿון לעני און פֿון דעם דאָזיקן סוחר. אָבער איידער ער איז נאָך צוגעקומען צו דער טיר, האָט זיך דער סוחר צו אים אָנגערופֿן מיט אַ שטימע — קוים אַ וואָרט צו הערן: „הער פּראָקוריסט.״ ק. האָט זיך אומגעקוקט מיט אַ בייזער מינע. „איר האָט פֿאַרגעסן אײַער צוזאָג,״ האָט דער סוחר געזאָגט און האָט, פֿול מיט בקשה, זיך אַ שטרעק געטאָן פֿון זײַן בענקל צו ק., „איר האָט דאָך מיר געוואָלט אויסזאָגן עפּעס אַ סוד.״ „יאָ, עס איז אמת,״ האָט ק. געזאָגט און האָט נאָך באַוויזן אויך אויף לעני אַ בליק צו וואַרפֿן; זי האָט אים זייער אויפֿמערקזאַם געהאַלטן אויפֿן אויג, „איז הערט זשע: עס איז אין דער אמתן שוין כּמעט קיין סוד נישט מער. איך גיי איצטער אַרײַן צום אַדוואָקאַט אים אָפּצוזאָגן.״ „ער זאָגט אים אָפּ!״ האָט דער סוחר אויסגערופֿן; ער האָט אַ שפּרונג געטאָן פֿון בענקל, ער איז מיט אויפֿגעהויבענע הענט אַרומגעלאָפֿן איבער דער קיך און כּסדר אויסגערופֿן: „ער זאָגט אָפּ דעם אַדוואָקאַט!״ לעני האָט תּיכּף געוואָלט זיך אַ לאָז טאָן אויף ק., אָבער אַזוי ווי דער סוחר איז

איר אונטערגעקומען אין וועג, האָט זי אים דערפֿאַר תּיכּף מיט די פֿויסטן אַ זעץ געטאָן. נאָך אַלץ מיט פֿאַרקלעמטע פֿויסטן איז זי איצט נאָכגעלאָפֿן נאָך ק., אָבער ער איז געווען אַ שטיק וועגס שוין פֿאָרויס פֿאַר איר. בעת לעני האָט אים ענדלעך באַוויזן אָנצוזאָגן — האָט ער שוין געהאַט אַרײַנגעשפּאַנט אינעם צימער פֿונעם אַדוואָקאַט. אָט־אָט און ער וואָלט אויך די טיר שוין געהאַט פֿאַרקלאַפּט הינטער זיך; האָט אָבער לעני אַרײַנגעשטעקט אַ פֿוס אין דער טיר און זי אָפֿן געהאַלטן; זי האָט אָנגעכאַפּט ק.׳ן בײַ דער האַנט און האָט אים געוואָלט צוריקשלעפּן. ער האָט אָבער אַזאַ שטאַרקן קוועטש געטאָן איר געלענק, אַז זי האָט אַ קרעכץ געגעבן און געמוזט זײַן האַנט תּיכּף אָפּלאָזן. באַלד אַרײַנצוגייך הינטער אים אין צימער האָט זי זיך נישט דערוועגט און ק. האָט די טיר פֿאַרמאַכט מיטן שליסל.

„שוין אַ היפּש שטיקל צײַט, ווי איך וואַרט אויף אײַך,“ האָט פֿון בעט־אויס דער אַדוואָקאַט אַ זאָג געטאָן; ער האָט אַוועקגעלייגט פֿון דער האַנט אַ דאָקומענט, וואָס ער האָט פּונקט געהאַט געלייענט בײַם שײַן פֿון אַ ליכט, וואָס אויפֿן נאַכטטישל; ער האָט אַרויפֿגעזעצט די בריל און האָט דורך אירע גלעזער אַדורך שאַרף אָנגעקוקט דעם אַרײַנגעקומענעם. שטאָט זיך צו אַנטשולדיקן, האָט ק. אַ זאָג געטאָן: „איך וועל תּיכּף ווידער אַוועקגיין.“ אַזוי ווי די פּאָר ווערטער פֿון ק. זענען נישט געווען קיין אַנטשולדיקונג, האָט זיי דער אַדוואָקאַט אַזוי ווי לחלוטין נישט געהערט, און געזאָגט: „פֿון הײַנט אָן און ווײַטער וועל איך אײַך אין אַזאַ שפּעטער שעה בכלל מער נישט אויפֿנעמען.“ „דאָס איז מיר פּונקט צו דער האַנט,“ האָט ק. אַ זאָג געטאָן. „אויב עס איז אײַער ווונטש,“ האָט ער געענטפֿערט; ער האָט צוגעצויגן אַ בענקל צום נאַכטטישל צו און האָט זיך אַנידערגעזעצט. „אויב איך האָב נישט קיין טעות, האָט איר די טיר פֿאַרשלאָסן מיט דעם שליסל,“ האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט. „יאָ,“ האָט ק. געזאָגט, „דאָס איז צוליב לענין.“ ער האָט איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל באַשלאָסן, אַז ער וועט קיינעם נישט שוינען. אָבער דער אַדוואָקאַט האָט געפֿרעגט: „האָט זי זיך ווידער אָנגעזעצט אויף אײַך?“ „אָנגעזעצט זיך?“ האָט ק. געפֿרעגט. „יאָ,“ האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, דערבײַ האָט ער זיך פֿונאַנדערגעלאַכט און אַ הוסט איז אים באַפֿאַלן; האָט ער זיך אויסגעהוסט און האָט ווידער אָנגעהויבן צו לאַכן. „האָט איר דען ביז איצט נאָך נישט באַמערקט ווי אַזוי זי קען זיך אויף איינעם אָנזעצן?“ האָט דער אַדוואָקאַט געפֿרעגט און געפּעטשלט ק.׳ס האַנט, וואָס ער האָט אין דער צעטומלטקייט אָנגעשפּאַרט אָן דעם נאַכטטישל; ק. האָט תּיכּף די האַנט אַ צי געטאָן אויף צוריק. „איר מאַכט זיך דאָך גאָרנישט דערפֿון,“ האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, זעענדיק, אַז ק. ענטפֿערט נישט, „איז טאַקע נאָך בעסער. אויב יאָ, וואָלט איך זיך בײַ אײַך געמוזט אַנטשולדיקן. דאָס איז שוין אַזאַ מאָדנע טבֿע בײַ איר, וואָס איך האָב איר, אַגבֿ, שוין לאַנג מוחל געווען; און איך וואָלט וועגן דעם אויך קיין וואָרט נישט פֿאַרלוירן, ווען נישט דאָס, וואָס איר האָט גראַד איצט די טיר מיט אַ שליסל פֿאַרמאַכט, און טאַקע פֿאַר לענין. אָט אָ די מאָדנע טבֿע — אײַך וואָלט איך זי צום ווינציקסטן געדאַרפֿט ערשט אויפֿקלערן, אָבער איר קוקט מיך אָן אַזוי פֿאַרחידוש, דעריבער טו איך עס — אָט

אַ די מאָדנע טבֿע באַשטייט אין דעם, וואָס לעני האַלט, אַז די מייסטע באַשולדיקטע זענען שיין. זי הענגט זיך אָן זיי אָן, לאָזט זיי ממש נישט אָפּ, האָט זיי אַלע ליב, און, משמעות, האָבן זיי זי אויך נישט פֿײַנט; און כּדי מיך אַ ביסל פֿרײלעכער צו מאַכן, דערציילט זי מיר וועגן דעם אַלעם פֿון צײַט צו צײַט; אויב, פֿאַרשטייט זיך, איך גיב איר די דערלויבעניש. איך בין אָבער פֿון דעם נישט אַזוי פֿאַרחידושט ווי איר זענט עס; אַזוי לפּחות דאַכט זיך מיר. און צוגעבן מוז איך, אַז אויב מע האָט נאָר דעם ריכטיקן קוק אויף די זאַכן — זענען די באַשולדיקטע אויף אַן אמת אָפּט זייער שיין. און זײַן איז דער דאָזיקער חידושדיקער פֿענאָמען, אין אַ געוויסן זינען, אויך נאַטור־וויסנשאַפֿטלעך. ער איז אַ פּועל־יוצא, אמת — נישט קיין דײַטלעכער, פֿון דער באַשולדיקונג, וואָס רופֿט אויך כּלפּי־חוץ אַרויס אַ פֿאַרענדערונג, כאָטש מע קען זי נישט גאַנץ גענוי פֿאַרפֿיקסירן. אין דעם פֿאַל איז עס דאָך פֿאָרט נישט אַזוי ווי בײַ אַנדערע געריכטס־ענינים; אין יענע ענינים בלײַבן די מענטשן לרובֿ ווײַטער אין זייער געוויינטלעכן לעבנסגאַנג, און אויב זיי האָבן נאָך דערצו אַ גוטן אַדוואָקאַט, וואָס זאָרגט זיך פֿאַר זיי, גייט זיך דער פּראָצעס זײַן געוויינטלעכן גאַנג און שטערט זיי לחלוטין נישט. און פֿונדעסטוועגן קענען יענע פּערזאָנען, וואָס האָבן אַ גרויסע פּראַקטיק אויף דעם געביט, אַפֿילו אין דער גרעסטער מענטשן־מאַסע, תּיכּף דערקענען די באַשולדיקטע; און דאָס ממש אָן אַ טעות, אײנעם נאָכן אַנדערן. דערקענען — אָן וואָס? וועט איר פֿרעגן. מײַן ענטפֿער וועט אײַך נישט צופֿרידן שטעלן. די באַשולדיקטע זענען טאַקע גאַנץ פּשוט די שענסטע מענטשן. און עס קען דאָך נישט זײַן די שולד זייערע, וואָס מאַכט זיי שיין, מחמת — און אַזוי מוז דאָך לכּל הפּחות איך, דער אַדוואָקאַט, רעדן — נישט אַלע זענען דאָך זינדיק און שולדיק; עס קען אויך נישט זײַן די קומענדיקע צוגעפּאַסטע שטראָף, וואָס מאַכט זיי שיין נאָך אײדער וואָס־ווען, מחמת נישט אַלע ווערן דאָך באַשטראָפֿט; ובכן קען עס נאָר ליגן אין דעם פּראָצעס גופֿא, אין דער באַשולדיקונג אַליין, וואָס קלעפּט זיך צו צו זיי אויף עפּעס אַן אומדערקלערלעכן אופֿן. אמת איז אָבער אויך, אַז צווישן אָט די שיינע זענען נאָך דאָ אויך גאָר אויסנעמלעך שיינע. און שיין זענען זיי טאַקע אַלע, אַפֿילו בלאָק, אָט דער דאָזיקער בידנער וואָרעם.“

אַז דער אַדוואָקאַט האָט געענדיקט זײַנע רייד, איז ק. דאָך געבליבן פֿעסט בײַ זײַן באַשלוס, ער האָט אַפֿילו צו די לעצטע ווערטער אויפֿפֿאַלנדיק צוגעשאָקלט מיטן קאָפּ; ער האָט זיך אַליין דערמיט באַשטעטיקט זײַן אייגענעם און שוין נישט נײַעם געדאַנק, אַז דער אַדוואָקאַט האָט אַ טבֿע — אַזוי אַלע מאָל און אַזוי אויך דאָס מאָל — אַרײַנצומישן אין זײַן שמועס אַלערליי אַלגעמיינע זאַכן, וואָס געהערן זיך נישט שטאַרק אָן מיט דעם ענין; אויף דעם אופֿן ציט ער אים אָפּ פֿון דעם עיקר, און דער עיקר איז דאָך: וואָס האָט ער אויפֿגעטאָן פֿאַר דעם פּראָצעס? דער אַדוואָקאַט האָט גוט באַמערקט, אַז ק. שטעלט אים הײַנט אַ גרעסערן ווידערשטאַנד ווי אַלע מאָל; איז ער אַנטשוויגן געוואָרן, כּדי אויף דעם אופֿן צו געבן ק.׳ן די געלעגנהייט אַליין צו רעדן; און אַז ק. איז געבליבן שטום — האָט אים דער

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אַדוואָקאַט אַ פֿרעג געטאָן: „זענט איר הײַנט מיט עפּעס אַ באַזונדערער כּוונה צו מיר געקומען?" „יאָ," האָט ק. געזאָגט און האָט מיט דער האַנט אַ ביסל פֿאַרשטעלט די שײַן פֿון דעם ליכט, כּדי צו קענען בעסער זען דעם אַדוואָקאַטס פּנים, „איך האָב אײַך געוואָלט זאָגן, אַז פֿון הײַנט אָן און ווײַטער צי איך צוריק מײַן פּראָצעס פֿון אײַערע הענט." „באַנעם איך אײַך ריכטיק?" האָט געפֿרעגט דער אַדוואָקאַט, ער האָט זיך האַלב אַ הייב געטאָן אין בעט און האָט זיך מיט איין האַנט אָנגעשפּאַרט אָן דעם קישן. „איך מיין אַזוי," האָט ק. געזאָגט; ער איז געזעסן אויסגעצויגן אין דעם בענקל, אָט אַזוי ווי איינער, וואָס טשאַטעוועט. „נו־נו, מיר קענען אויך דעם דאָזיקן פּלאַן אײַערן אַ ביסל אַרומרעדן," האָט דער אַדוואָקאַט אַ פּאָר רגע שפּעטער אַ זאָג געטאָן. „עס איז נישט מער קיין פּלאַן," האָט ק. געזאָגט. „גאַנץ מעגלעך," האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, „פֿונדעסטוועגן לאָמיר גאָרנישט טאָן אין צו גרויסער אײַלעניש." ער האָט גערעדט בלשון רבים, „לאָמיר", אָט אַזוי ווי ער וואָלט נישט בדעה געהאַט ק.׳ן אין גאַנצן צו באַפֿרײַען, און מכוון געווען צו בלײַבן זײַן עצה־געבער אויך אַפֿילו דעמאָלט, ווען ער וועט שוין נישט מער זײַן זײַן אָפֿיציעלער אַדוואָקאַט. „עס איז קיין שום צו גרויסע אײַלעניש נישט געווען," האָט ק. געזאָגט, ער איז פּאַוואָליע אויפֿגעשטאַנען און האָט זיך געשטעלט הינטער זײַן בענקל, „איך האָב עס מיר באַדעכטיק באַקלערט און, קען זײַן, אַפֿילו אַ ביסל צו לאַנג. דער באַשלוס איז אַ לעצטגילטיקער." „אויב אַזוי, דערלויבט מיר צו זאָגן נאָך אַ פּאָר ווערטער," האָט דער אַדוואָקאַט זיך אָנגערופֿן, ער האָט אויפֿגעהויבן דעם איבערבעט און האָט זיך אַוועקגעזעצט אויפֿן ראַנד פֿון בעט. זײַנע נאַקעטע פֿיס, באַוואָקסן מיט ווײַסע האָר, האָבן געציטערט פֿון קעלט. ער האָט געבעטן ק.׳ן, אַז ער זאָל אים דערלאַנגען דעם פּלעד, וואָס ליגט אויף דער קאַנאַפּע. ק. האָט צוגעבערענגט דעם פּלעד און האָט געזאָגט: „אָן שום סיבה שטעלט איר זיך אויס צו אַ פֿאַרקילונג." „די סיבה איז גאַנץ גענוג וויכטיק," האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט אַרומנעמענדיק דעם אייבערשטן טייל פֿון זײַן גוף מיט דעם איבערבעט און שפּעטער אײַנוויקלענדיק די פֿיס מיט דעם פּלעד. „אײַער פֿעטער איז מײַן פֿרײַנד און אויך אײַך האָב איך, אין גאַנג פֿון דער צײַט, ליב באַקומען. איך גיב עס גאַנץ אָפֿן צו. נישטאָ קיין סיבה צו שעמען זיך דער־מיט." די דאָזיקע געפֿילפֿולע רייד פֿון דעם אַלטן מאַן זענען ק. זייער נישט צום האַרצן געווען, מחמת זיי האָבן אים געצווונגען, אַז ער זאָל געבן אויספֿירלעכע דער־קלערונגען — און ער וואָלט דאָס אַלץ זייער גערן געוואָלט אויסמײַדן; חוץ דעם האָבן זיי אים אַ ביסל פֿאַרפּלאָנטערט, ער האָט אויך דאָס דאָזיקע זיך אַליין נישט געקענט פֿאַרשווײַגן; כאָטש פֿון צוריקציִען זײַן באַשלוס האָט נישט געקענט זײַן קיין שום רייד. „איך דאַנק אײַך פֿאַר אײַערע פֿרײַנדלעכע געפֿילן צו מיר," האָט ק. געזאָגט, „איך גיב אויך צו, אַז איר האָט זיך פֿאַר מיר און מײַן פּראָצעס־ענין אָנגענומען, אויף ווי ווײַט עס איז אײַך נאָר מעגלעך געווען, אויך אויף ווי ווײַט איר האָט אײַנגעזען, אַז עס איז גינציק פֿאַר מיר. פֿונדעסטוועגן בין איך אין דער לעצטער צײַט געוואָרן איבערצײַגט, אַז דאָס איז נישט־גענוג. עס פֿאַלט מיר,

פֿאַרשטייט זיך, אַפֿילו נישט אײַך צו פּרוּוון אײַך צו איבערצײַגן, איך בין גערעכט; איר זענט דאָך אויף אַזויפֿל עלטער און זענט דערצו אַ מאַן מיט אַזאַ גרויסער פּראַקטיק; און אויב איך האָב עס אַ מאָל נישט־ווילנדיק, יאָ געפּרוּווט, זײַט מיר מוחל; דער ענין איז אָבער, לויט אײַער אייגענעם אויסדרוק, גענוג און גענוג וויכטיק פֿאַר מיר, און עס איז — לויט מײַן איבערצײַגונג — שטאַרק נייטיק מיט אַ סך מער ענערגיע און כּוח זיך אַ נעם צו טאָן צו דעם פּראָצעס, ווי דאָס איז ביז איצט ווען עס איז געשען.״ „פֿאַרשטיי פֿאַרשטיין איך אײַך,״ האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, „איר זענט סתּם אומגעדולדיק.״ „איך בין נישט אומגעדולדיק,״ האָט ק. געזאָגט, שוין אַ ביסל אַ געררייצטער און נישט איבערקלײַבנדיק מער יעדעס איינציקע וואָרט. „איך שטעל מיר פֿאָר, אַז בשעת מײַן ערשטן באַזוך בײַ אײַך, איר געדענקט דאָך, דעמאָלט בין איך צוזאַמען מיט מײַן פֿעטער דאָ געווען, האָט איר באַמערקט, אַז דער פּראָצעס גייט מיך גאַנץ ווייניק אָן; און וואָלט מען מיך נישט, אין אַ געווויסער מאָס אויף ס׳כּוח אָן אים דערמאָנט, וואָלט איך אים אין גאַנצן פֿאַרגעסן. אָבער מײַן פֿעטער האָט זיך אָנגעזעצט אויף מיר, אַז איך זאָל אײַך איבערגעבן די פֿאַרטיידיקונג אין מײַן פּראָצעס, איך האָב עס געטאָן נאָר אים צוליב. און איצט האָב איך דאָך צום ווינציקסטן געקענט דערוואַרטן, אַז די לאַסט פֿון פּראָצעס וועט מיר פֿאַרגרינגערט ווערן; איז דען נישט דאָס דער זינען פֿון איבערגעבן די פֿירונג פֿון אַ פּראָצעס אין די הענט פֿון אַן אַדוואָקאַט? מען טוט עס, כּדי כאָטש פֿון אַ טייל פֿון דער לאַסט פּטור צו ווערן. געשען איז אָבער אין דעם פֿאַל פּונקט דאָס פֿאַרקערטע. קיין מאָל פֿריִער האָב איך נישט געהאַט אַזעלכע גרויסע זאָרגן צוליב דעם פּראָצעס, ווי זינט דעם טאָג, וואָס איר זענט מײַן אַדוואָקאַט. אַז איך בין אַליין געווען, פֿלעג איך סתּם גאָרנישט טאָן אין שייכות מיט מײַן פּראָצעס, אָבער איך האָב אים קוים געפֿילט; דאַקעגן איצט האָב איך געהאַט אַ פֿאַרטיידיקער, אַלץ איז געווען דערויף אײַנגעשטעלט, אַז עפּעס זאָל געשען לטובֿת מיר; אָן אַן איבעררײַס, און יעדן טאָג מיט אַן אַלץ גרעסערער אָנגעשפּאַנטקייט, האָב איך דערויף געוואַרט, אַז איר זאָלט זיך אײַנשטעלן פֿאַר מיר ווי ס׳געהער צו זײַן; אָבער מע הערט נישט און מע זעט נישט! אמת איז, אַז איך האָב פֿון אײַך באַקומען אַלערליי ידיעות וועגן דעם געריכט, ידיעות, וואָס קיין אַנדערער וואָלט זיי מיר נישט געקענט צושטעלן. אָבער דאָס קען מיך נישט באַפֿרידיקן בעת איך פֿיל, אַז דער פּראָצעס דריקט מיך צו אַלע מאָל מער און מער צו דער וואַנט; און געשען געשעט עס שטיל, סודותדיק, געהיים.״ ק. האָט כּמעט אַ שמיץ געטאָן דאָס בענקל פֿון זיך, ער האָט אַרײַנגעשטעקט די הענט אין די קעשענעס פֿון רעקל און איז געבליבן שטיין אַן אויסגעצויגענער. „אָנהייבנדיק מיט אַ געוויסן מאָמענט אין דער פּראָצעס־פּראַקטיק,״ האָט שטיל און רויִק געזאָגט דער אַדוואָקאַט, „געשעט קיין מאָל נישט שום נײַע און באַטײַטיקע זאַך. אוי, וויפֿל קליענטן זענען שוין אין ענלעכע פֿאַלן, ווען זייער פּראָצעס האָט די זעלבע מדרגה דערגרייכט, פֿאַר מיר געשטאַנען און גערעדט אָט פּונקט אַזוי ווי איר!״ „אויב אַזוי,״ האָט ק. געזאָגט, „האָבן אַלע די דאָזיקע ענלעכע קליענטן פּונקט

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אַזוי רעכט געהאַט מיט זייערע רייד אַזוי ווי איך. דאָס דאָזיקע איז קיין סתירה נישט צו דעם, וואָס איך האָב געזאָגט.״ „איך האָב אײַך נישט געוואָלט איבערצײַגן, אַז איר זענט זיך סותר און זענט נישט־גערעכט,״ האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, „איך האָב נאָר געוואָלט צוגעבן, אַז פֿון אײַך האָב איך דערוואַרט, אַז איר וועט זיך בעסער פֿונאַנדערקלײַבן אין פּראָצעס ווי די אַנדערע; און דער עיקר ווײַל איך האָב אײַך געגעבן אַזויפֿל אינפֿאָרמאַציע וועגן דער דאָזיקער געריכטס־פּראָצעדור און אויך וועגן דער נאַטור פֿון מײַן טעטיקייט אין איר ווי אַן אַדוואָקאַט; גלייבט מיר, אַז קיין אַנדערן קליענט האָב איך אַזויפֿל אינפֿאָרמאַציע נישט געגעבן. און נאָך דעם אַלעמען זע איך ערשט, אַז איר האָט נישט־גענוג אמונה אין מיר. עס אַז נישט קיין גרינגע זאַך מיט אײַך אויסצוקומען.״ ווי הכנעהדיק דער אַדוואָקאַט האָט זיך באַנומען אַנטקעגן ק.׳ן! ער נעמט אַבסאָלוט נישט אין אַכט דעם כּבוד פֿון זײַן פּראָפֿעסיע, וואָס דווקא בײַ אָט דעם פּינטעלע איז ער אַלע מאָל זייער פֿילבאַר. און פֿאַר וואָס טוט ער דאָס אַלץ? עס זעט דאָך אויס, אַז ער איז אַ שטאַרק פֿאַרנומענער אַדוואָקאַט און נאָך דערצו שוין גאָר נישט קיין אָרעמאַן; נישט די פֿאַרמינערונג פֿון דער הכנסה און נישט דאָס פֿאַרלירן אַ קליענט האָבן אים געקענט אַזוי שטאַרק צערודערן. חוץ דעם האָט ער געקרענקט; ער וואָלט גאַנץ פּשוט אַליין געדאַרפֿט זיך באַמיִען, אַז זײַן אַרבעט זאָל רעדוצירט ווערן. און נישט געקוקט אויף דעם אַלעמען האָט ער ק.׳ן אַזוי שטאַרק צוגעהאַלטן! פֿאַר וואָס? איז עס צוליב פּערזענלעכן מיטגעפֿיל מיט ק.׳ס פֿעטער? אָדער אפֿשר זעט ער גאָר אײַן, אַז דער דאָזיקער פּראָצעס איז אַן אויסערגעוויינטלעכער און ער האָפֿט, אַז ער וועט זיך דאָ בײַ אים קענען אַרויסווײַזן; אָדער טאַקע לגבי ק.׳ן, אָדער גאָר — און אויך די דאָזיקע מעגלעכקייט האָט מען אַלע מאָל געמוזט נעמען אין אַכט — לגבי זײַנע פֿרײַנד אין אָט אָ דעם געריכט. אָן דעם אַדוואָקאַט אַליין האָט מען בשום אופֿן גאָרנישט געקענט דערקענען — אָט ווי אומברחמנותדיק ק. האָט אים פֿאָרשנדיק אָנגעקוקט. מע וואָלט כּמעט געקענט אָננעמען, אַז ער וואַרט בכּיוון מיט אַן אויסדרוקלאָז פּנים אויף דער ווירקונג פֿון זײַנע רייד. נאָר, משמעות, האָט ער דאָס ק.׳ס שווײַגן אויסגעטײַטשט אין גאַנצן לטובֿת זיך, ווײַל ער האָט אָט אַזוי ווײַטער געצויגן: „מסתמא האָט איר געמוזט באַמערקן, אַז כאָטש איך האָב אַ גרויסע קאַנצעלאַריע, באַשעפֿטיק איך נישט קיין הילפֿס־כּוחות. פֿריִער איז אַזאַ צײַט געווען, ווען עטלעכע יונגע יוריסטן האָבן בײַ מיר געאַרבעט; הײַנט אָבער אַרבעט איך אין גאַנצן אַליין. טיילווײַז האָט עס אַ שייכות צו דער איבערבײַט אין מײַן יוריסטישער פּראַקטיק, מחמת איך באַגרענעץ זיך אַלע מאָל מער און מער נאָר אויף פּראָצעסן פֿון דעם מין, ווי עס איז אײַערער — און ווידער טיילווײַז האָט עס אַ שייכות צו דער אַלע מאָל טיפֿערער פֿאַרשטענדעניש, וואָס איך האָב מיר געקראָגן בנוגע צו אָט אָ די געריכטס־זאַכן. איך האָב אויסגעפֿונען, אַז אין די דאָזיקע אַרבעטן קען איך זיך אויף קיין מענטשן נישט פֿאַרלאָזן, אויב איך וויל זיך נישט פֿאַרזינדיקן לגבי מײַנע קליענטן און לגבי די ענינים, וואָס איך פֿיר אָן לטובֿת זיי. אָבער דער באַשלוס אַליין אויסצופֿירן

די גאַנצע אַרבעט האָט געהאַט זײַנע נאַטירלעכע רעזולטאַטן: איר האָב געמוזט צוריקווײַזן כמעט אַלע נײַע ווענדונגען מכּוח געריכטס־פֿאַרטרעטונגען, און באַפֿרידיקן האָב איך געקענט נאָר יענע, וואָס זענען מיר צום נאָענטסטן צום האַרצן — נו, עס געפֿינען זיך גאַנץ גענוג באַשעפֿענישן, און זיי זענען אָפֿט אַפֿילו אָט דאָ אין שכנהשאַפֿט, וואָס וואַרפֿן זיך תּיכּף אויף יעדן קרישקעלע, וואָס איך שלײַדער זיי צו. און חוץ דעם בין איך נאָך קראַנק געוואָרן, צוליב איבעראַרבעטן זיך. און פֿונדעסטוועגן האָב איך נישט קיין חרטה אויף מײַן באַשלוס; מעגלעך איז, אַז איך האָב געדאַרפֿט אָפּוואַרפֿן נאָך מער ווענדונגען ווי איך האָב עס געטאָן; אָבער דאָס אַוועקגעבן זיך אין גאַנצן, מיט לײַב און לעבן, צו די פּראָצעסן, וואָס איך האָב יאָ איבערגענומען, האָט זיך אַרויסגעוויזן פֿאַר דורכויס נייטיק און, אַגבֿ, האָבן עס די רעזולטאַטן קלאָר און דײַטלעך באַוויזן, אַז די מי האָט זיך געלוינט. איך האָב אַ מאָל אין אַן עסיי געפֿונען ביז גאָר שיין באַשריבן דעם חילוק צווישן דער אַרבעט פֿון אַן אַדוואָקאַט בײַ געוויינטלעכע יורידישע ענינים און דער אַרבעט פֿון אַן אַדוואָקאַט בײַ יורידישע ענינים פֿון דעם דאָזיקן מין. אָט אַזוי אַן ערך האָב איך געלייענט אין יענער שריפֿט: דער געוויינטלעכער אַדוואָקאַט פֿירט זײַן קליענט בײַ אַ פֿאָדעם ביז ער דערפֿירט אים צום משפּט; אָבער דער אַדוואָקאַט אין די דאָזיקע ענינים גיט תּיכּף אַ נעם דעם קליענט אויף זײַנע פּלייצעס און טראָגט אים, און לאָזט אים אַפֿילו אויף קיין רגע קיין מאָל נישט אַראָפּ, ביז צום סאַמע משפּט און אַפֿילו נאָך ווײַטער. אַזוי איז עס טאַקע. און פֿאָרט איז נישט אין גאַנצן ריכטיק געווען, בעת איך האָב געזאָגט, אַז איך האָב קיין מאָל נישט קיין חרטה צוליב אָט דער מוראדיקער אַרבעט. אויב, ווי עס האָט בײַ אײַך פּאַסירט, דו קריגסט פֿאַר דײַן מי לחלוטין נישט קיין אָנערקענונג, איז מען נאָר אַ מענטש און מע האָט כּמעט יאָ חרטה". ק. איז דורך די דאָזיקע רייד געוואָרן מער נערוועז ווי איבערצײַגט. שוין אינעם טאָן פֿונעם אַדוואָקאַטס רייד האָט ער אַרויסגעהערט דאָס אַלץ, וואָס עס דערוואַרט אים, אויב ער וועט נאָכגעבן; עס וועלן זיך ווידער אָנהייבן די טרייסטווערטער, די אָנדײַטונגען אויף די פּעטיציעס, וואָס מאַכן פּאַוואָליע זייער פּראָגרעס, אויף די אַ ביסל בעסערע שטימונגען פֿון די באַאַמטע פֿון געריכט, אָבער אויך אין די גרויסע שוועריקייטן, וואָס מע באַגעגנט כּסדר אין דער אַרבעט — מיט איין וואָרט, אַלץ וואָס איז שוין אַזוי גוט באַקאַנט און אויך נמאס, וועט ווידער אַרויסגעצויגן ווערן אויף דער ליכטיקער שײַן און ק. וועט ווידער גענאַרט ווערן מיט אומקלאָרע האָפֿענונגען און וועט אויך ווידער געפּײַניקט ווערן מיט אומקלאָרע סטראַשונקעס און פּחדים. צו דעם מוז נעמען אַ סוף, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל; און דעריבער האָט ער אַ זאָג געטאָן: „וואָס, אייגנטלעך ווילט און וועט איר אונטערנעמען אין מײַן ענין, אויב איר וועט ווײַטער בלײַבן מײַן אַדוואָקאַט?" דער אַדוואָקאַט האָט זיך אויך צו דער דאָזיקער

באַלײדיקנדיקער פֿראַגע צוגעפּאַסט און האָט געענטפֿערט: „איך װעל װײַטער ממשיך זײַן מיט דעם אַלעמען, װאָס איך האָב שױן פֿאַר אײַך ביז איצט געטאָן.״ „דאָס האָב איך דאָך סײַ װי סײַ געװוּסט,״ האָט ק. געזאָגט, „נו, אויב אַזוי, איז יעדער װײַטערדיקס װאָרט גאַנץ פּשוט איבעריק.״ „איך װעל מאַכן נאָך איין אָנ־שטרענגונג,״ האָט געזאָגט דער אַדװאָקאַט, אַט אַזוי װי דאָס אַלץ, װאָס איז געשען, און װאָס רעגט אַזוי אויף ק.ן, װאָלט נישט געשען מיט ק., נאָר גאָר מיט אים אַליין. „װייסט איר, עס פֿאַלט מיר אײַן, אַז דאָס װאָס איר שאַצט אָפּ אַזוי פֿאַלש מײַן יורידישע הילף, און אויך דאָס, װאָס איר באַנעמט זיך בכלל אַט אַזוי װי איר באַנעמט זיך, קומט דערפֿון, װאָס מע באַהאַנדלט אײַך צו גוט, נישט געקוקט דערויף, װאָס איר זענט דער באַשולדיקטער; אפֿשר איז דאָס װאָרט 'צו גוט' נישט דאָס ריכטיקע, אפֿשר װאָלט מען געדאַרפֿט זאָגן, אַז מע באַהאַנדלט אײַך מיט נאַכלעסיקייט, אָדער גאָר לפֿנים מיט נאַכלעסיקייט. און אויך דאָס דאָזיקע, דאָס לעצטע, איז נישט אָן אַ סיבה; עס זענען פֿאַראַנען פֿאַלן, װען עס איז בעסער, אַז מע איז אין קייטן, װי אַז מע איז פֿרײַ. אָבער איך װאָלט אײַך גערן געװאָלט װײַזן װי אַזוי אַנדערע באַשולדיקטע װערן באַהאַנדלט, אפֿשר װעט אײַך געלינגען דערפֿון צו לערנען אַ לערנונג. איך װעל איצט אַרײַנרופֿן בלאָקן, זײַט מוחל און מאַכט אויף די טיר און זעצט זיך אַט אַ דאָ לעבן דעם נאַכטטישל!״ „גאַנץ גערן,״ האָט ק. געזאָגט און האָט געטאָן אַלץ, װאָס דער אַדװאָקאַט האָט פֿאַרלאַנגט; װאָס שײַך לערנען — איז ער אַלע מאָל גרייט געװען. אָבער כּדי זיך אויף יעדן פֿאַל צו פֿאַרזיכערן, האָט ער נאָך איין פֿרעג געטאָן: „איר האָט אָבער גענומען אין אַכט, אַז איך נעם אַרויס פֿון אײַערע הענט די פֿאַרטרעטונג פֿון מײַן פּראָצעס?״ „יאָ,״ האָט געזאָגט דער אַדװאָקאַט, „איר קענט אָבער אַפֿילו הײַנט נאָך חרטה האָבן.״ ער האָט זיך צוריק אַרײַנגעלייגט אין בעט אַרײַן, האָט אַ צי געטאָן איבער זיך דאָס איבערבעט — הויך ביז צו דער גאָמבע, און האָט זיך אויסגעדרייט צו דער װאַנט. ערשט איצט האָט ער אַ צי געטאָן דאָס גלעקל.

כּמעט אין דער זעלבער רגע, װען דאָס גלעקל האָט אַ קלונג געטאָן, האָט זיך לעני באַװיזן; גיך־גיך זיך אַרומקוקנדיק, האָט זי געפֿאָרשט און געפּרוּװט געװאָר צו װערן, װאָס דאָ איז אײגנטלעך פֿאָרגעקומען; דאָס װאָס ק. איז רויִק געזעסן לעבן דעם בעט פֿון דעם אַדװאָקאַט, איז געװען פֿאַר איר אַ גוטער סימן. זי האָט מיט אַ שמייכל אַ װוּנק געטאָן צו ק., ער אָבער האָט צוריקגעקוקט מיט אַ פֿאַרשטאַרטן בליק. „ברענג בלאָקן,״ האָט געזאָגט דער אַדװאָקאַט. שטאָט אָבער אים טאָקע צו ברענגען צו פֿירן, איז זי נאָר צוגעגאַנגען צו דער טיר, און אַ רוף געטאָן: „בלאָק! אַרײַן צום אַדװאָקאַט!״ און זי האָט זיך תּיכּף צוריק פֿאַרגנבֿעט געשטעלט זיך הינטערן בענקל פֿון ק.; מסתּמא דערפֿאַר, װײַל דער אַדװאָקאַט איז סײַ װי געלעגן מיטן פּנים צו דער װאַנט, אַט אַזוי װי גאָרנישט גייט אים דאָ אָן. פֿון איצט אָן האָט זי ק.ן כּסדר צו ביסלעך געשטערט; דאָ האָט זי זיך אַ בייג געטאָן איבערן אָנלען פֿון בענקל, דאָ האָט זי אַ פֿאָר געטאָן דורך זײַנע האָר מיט די פֿינגער, אמת, אַז זייער צאַרט און זייער פֿאַרזיכטיק, דאָ האָט זי אים אַ גלעט געטאָן די

באַקן. ענדלעך, האָט ק. אַ סוף געמאַכט מיט די שטערונגען, ער האָט זי אָנגעכאַפּט בײַ דער האַנט; אַ ביסל האָט זי זיך געווערט, אָבער לסוף איבערגעלאָזט איר האַנט אין זײַנער.

אַזוי ווי מע האָט בלאָקן אַ רוף געטאָן, אַזוי גיך איז ער גלײַך געקומען; ער איז אָבער שטיין געבליבן פֿאַר דער טיר, אָט אַזוי ווי נאָכטראַכטנדיק, צי זאָל ער יאָ, אָדער נישט אַריבערטרעטן די שוועל. ער האָט הויך אויפֿגעהויבן די ברעמען און אַ ביסל אָנגעבויגן דעם קאָפּ, אָט אַזוי ווי האָרכנדיק, צי וועט זיך דער באַפֿעל איבערחזרן, אַז ער זאָל אַרײַנקומען צום אַדוואָקאַט. אַוודאי וואָלט ק. אים געקענט אַ ווונק טאָן ער זאָל טאַקע וואָס גיכער אַרײַן; ער האָט זיך אָבער, איין מאָל פֿאַר אַלע מאָל, פֿירגענומען, נישט נאָר מיט דעם אַדוואָקאַט קיין שום שייכות מער נישט צו האָבן, נאָר אויך אָפּברעכן אויף שטענדיק מיט אַלץ, וואָס עס קומט דאָ פֿאָר אין דער דאָזיקער וווינונג; איז ער דעריבער געבליבן שטיל און שטום און זיך אַפֿילו קיין ריר געטאָן. אויך לעני האָט געשוויגן. בלאָק האָט תּיכּף באַמערקט, אַז — לכל הפּחות — יאָגט אים קיינער נישט צוריק אַוועק, האָט ער זיך אַ שטעל געטאָן אויף די שפּיצפֿינגער און אַזוי איז ער אַרײַן; דאָס פּנים האָט זיך בײַ אים אָנגעשפּאַנט, די הענט זענען געווען פֿאַרלייגט אויף הינטן און פֿעסט פֿאַרקלעמט. די טיר האָט ער אָבער אָפֿן געלאָזן — טאָמער וועט מען דאַרפֿן זיך אַ קער טאָן אויף צוריק. אויף ק. האָט ער אַפֿילו קיין בליק נישט געוואָרפֿן, נאָר כּסדר געגלאָצט אויפֿן הויכן איבערבעט, אונטער וועלכן דער אַדוואָקאַט איז געלעגן; כאָטש זען האָט מען אים סײַ ווי נישט געקענט, ווײַל אַזוי נאָענט האָט ער זיך צוגערוקט צו דער וואַנט. און דאָ האָט זיך דערהערט דאָס קול פֿון אַדוואָקאַט: „בלאָק — דאָ?” האָט ער געפֿרעגט. די דאָזיקע פֿראַגע האָט געגעבן בלאָקן — און ער האָט זיך שוין דערווײַל אַ היפּש שטיקל וועגס אין צימער אַרײַנגערוקט — ממש ווי אַ זעץ אין דער ברוסט און אַ צווייטן זעץ אין דער פּלייצע; ער האָט זיך אַ וואַקל געטאָן, האָט זיך טיף אײַנגעבויגן, אַזוי שטיין געבליבן און געזאָגט: „בין גרייט.” „וואָס ווילסטו?” האָט געפֿרעגט דער אַדוואָקאַט, „קומסט נישט אין דער ריכטיקער צײַט.” „בין איך דען נישט גערופֿן געוואָרן?” האָט בלאָק אַ פֿרעג געטאָן, מער, אייגנטלעך, זיך אַליין, ווי דעם אַדוואָקאַט; ער האָט אויסגעשטרעקט זײַנע הענט פֿאַר זיך, אַזוי ווי זיך צו פֿאַרטיידיקן, און איז שוין גרייט געווען אַוועקצולויפֿן. „גערופֿן ביסטו געוואָרן,” האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, „און פֿונדעסטוועגן קומסטו נישט אין דער ריכטיקער צײַט.” און אין אַ רגע אַרום האָט ער צוגעגעבן: „דו קומסט קיין מאָל נישט אין דער ריכטיקער צײַט.” פֿון דער רגע אָן, ווען דער אַדוואָקאַט האָט אָנגעהויבן צו רעדן, האָט בלאָק מער נישט געקוקט אויף דעם בעט, גיכער האָט ער עפּעס אַזוי ווי געגלאָצט אויף איינעם פֿון די ווינקלען פֿון דער שטוב, און האָט זיך בלויז אײַנגעהערט; אָט אַזוי ווי די מראה פֿון אַדוואָקאַט וואָלט געווען צו ליכטיק און בלישטשענדיק, און זײַנע אויגן קענען עס נישט פֿאַרטראָגן. אָבער אויך דאָס צוהערן זיך איז נישט־גרינג אָנגעקומען, מחמת דער אַדוואָקאַט האָט

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

גערעדט גלײַך אין דער װאַנט אַרײַן, און דערצו נאָך אי שנעל און אי שטיל. „װילן זיי, אַז איך זאָל אַװעקגיין?" האָט בלאָק געפֿרעגט. „דו ביסט דאָך שוין דאָ," האָט געזאָגט דער אַדװאָקאַט, „בלײַב!" עס האָט געמאַכט דעם רושם, אַז דער אַדװאָקאַט האָט נישט געטאָן דעם װוּנטש פֿון בלאָקן, נאָר ער האָט אים גאָר געסטראַשעט מיט שמיץ, װײַל ערשט איצט האָט בלאָק אויף אַן אמת אָנגעהויבן צו ציטערן. „איך בין נעכטן געװען," האָט געזאָגט דער אַדװאָקאַט, בײַם דריטן ריכטער, דעם פֿרײַנד מײַנעם, און איך האָב פּאַמעלעך־פּאַמעלעך דעם שמועס אונדזערן אַ קער געטאָן אויף דײַן ענין. װילסטו אַװדאי װיסן, װאָס ער האָט געזאָגט?" „אוי, אַװדאי," האָט געזאָגט בלאָק. אַזוי װי דער אַדװאָקאַט האָט נישט תּיכּף געענטפֿערט, האָט בלאָק נאָך אַ מאָל איבערגעחזרט זײַן בקשה און האָט זיך טיף אײַנגעבויגן, אַזוי װי אײנער, װאָס גרײט זיך אַנידערצוקניִען. און אין דער רגע איז אים ק. ממש װי באַפֿאַלן: „װאָס טוסטו?" האָט ער געשריגן. אַזוי װי לעני האָט אים געװאָלט צוריקהאַלטן פֿון דעם אויסגעשריי צו בלאָקן, האָט ער דערװײַל אויך איר צװייטע האַנט אַ כאַפּ געטאָן. עס איז נישט געװען קיין פֿעסטקייט פֿון ליבע אין דעם דריקן די הענט אירע; האָט זי דעריבער טאַקע דאָ און דאָרט אַ קרעכץ געטאָן און זיך באַמיט אַרויסצוציִען אירע פֿינגער פֿון זײַנע הענט. אָבער פֿאַר ק.׳ס אויסרוף איז בלאָק באַשטראָפֿט געװאָרן, װײַל דער אַדװאָקאַט האָט אים אַ פֿרעג געטאָן: „װער איז ער דען דײַן אַדװאָקאַט?" „איר זענט עס," האָט בלאָק געזאָגט. „און חוץ מיר?" האָט געפֿרעגט דער אַדװאָקאַט. „קיינער נישט חוץ אײַך," האָט געזאָגט בלאָק. „אויב אַזוי, זאָלסטו קיינעם מער נישט פֿאָלגן," האָט געזאָגט דער אַדװאָ־קאַט. בלאָק האָט דאָס דורכויס אײַנגעזען, ער האָט אָפּגעמאָסטן ק.׳ן מיט אַ בייזן בליק און האָט שטאַרק געשאָקלט מיטן קאָפּ אין זײַן ריכטונג. װאָלט מען דאָס דאָזיקע באַנעמען זיך זײַנס איבערגעזעצט אין װערטער, װאָלטן עס גראָבע זילזולים געװען. און מיט אָט דעם מענטש האָט ק. געװאָלט אויף אַ פֿרײַנדלעכן אופֿן אַרומ־רעדן זײַן ענין! „איך װעל זיך מער צו דיר נישט אַרײַנמישן," האָט ק. געזאָגט, און האָט זיך צוריקגעלייגט אין זײַן בענקל. „קני אַנידער, אָדער קריך אויף אַלע פֿיר, טו, װאָס עס גלוסט זיך דיר. מיך װעט עס מער אין מינדעסטן נישט אָנגיין." אָבער בלאָק האָט פֿאָרט נאָך פֿאַרמאָגט אַ ביסל כּבֿוד־געפֿילן, לכל הפּחות אַנטקעגן ק. פֿאָכנדיק מיט די פֿויסטן איז ער צו אים צוגעגאַנגען, און האָט גערעדט, אַזוי הויך װי ער האָט עס געװאַגט אין דער אָנװעזנהייט פֿון דעם אַדװאָקאַט: „איר טאָרט אַזוי מיט מיר נישט רעדן, דאָס איז פֿאַרבאָטן. פֿאַר װאָס באַלײדיקט איר מיך? און דערצו נאָך דאָ אָ, פֿאַר דעם הער אַדװאָקאַט, װוּ מע דולדעט אונדז בײדע, אײַך און אויך מיך, נאָר צוליב רחמנות — דאָ אָ באַלײדיקט איר מיך? איר זענט בשום אופֿן נישט קיין בעסערער מענטש װי איך, װײַל איר זענט אויך אָנגעקלאָגט און איר האָט אויך אַ פּראָצעס. און אויב איר זענט פֿונדעסטװעגן נאָך אַ הער, בין איך פּונקט אַזאַ הער װי איר, און אפֿשר אַפֿילו נאָך אַ גרעסערער. און איך װיל, אַז מע זאָל צו מיר רעדן װי מע רעדט צו אַ הער, און דװקא איר זאָלט צו

מיר אַזוי רעדן, און אויב איר מיינט, אַז איר זענט דאָ עפּעס מער, ווײַל מע לאָזט אײַך דאָ רויִק זיצן און זיך אײַנהערן, בשעת איך — ווי איר דריקט זיך אויס — קריך אויף אַלע פֿיר, וועל איך אײַך דערמאָנען אָן זייער אַן אַלטן וואָרט אין אַ משפּט: פֿאַר דעם, וואָס שטייט אונטער אַ חשד איז אַ סך בעסער ער זאָל זיך באַוועגן, ווי צו זיצן שטיל; ווײַל דער, וואָס זיצט שטיל, קען אַלע מאָל, כאָטש ער ווייסט עס נישט אַליין, זיצן אויף אַ וואָגשאָל און מע האַלט אים פּונקט אין אָפּוועגן, אים — צוזאַמען מיט אַלע זײַנע זינד." ק. האָט מער קיין וואָרט נישט געזאָגט, ער האָט נאָר מיט אומבאַוועגלעכע אויגן געקוקט און זיך געחידושט איבער דער דאָזיקער צעטומלטער באַשעפֿעניש. וואָס פֿאַר אַ גילגולים ער איז דאָס שוין דורכגעגאַנגען אין דער איין־איינציקער לעצטער שעה! איז עס דער פּראָצעס געווען, וואָס האָט מיט אים אַזוי אַרומגעשלײַדערט, און נישט געלאָזט דערקענען ווער עס איז זײַן פֿרײַנד און ווער עס איז זײַן שונא? האָט ער דען נישט געזען, אַז דער אַדוואָקאַט דערנידעריקט אים בכּיוון, און אַז ער האָט דאָס מאָל קיין שום אַנדערן ציל נישט, ווי נאָר זיך צו באַווײַזן מיט זײַן כּוח פֿאַר ק. און אפֿשר אים אַפֿילו, אויף דעם אופֿן, צווינגען צו הכנעה? אויב אָבער דער דאָזיקער בלאָק האָט נישט די פֿעיִקייט דאָס אַלץ צו באַנעמען, אויב ער האָט אַזאַ מוראדיקן פּחד פֿאַרן אַדוואָקאַט, און ער ווייסט, אַז אויב ער וואָלט עס אַפֿילו יאָ באַנומען, וואָלט עס אים אַלץ איינס נישט געהאָלפֿן, איז ווי זשע קומט עס, וואָס ער איז אַזוי כיטרע, אָדער גאָר אַזוי אײַנשטעלעריש, אַז ער נאַרט אָפּ דעם אַדוואָקאַט זײַנעם, און ער האַלט פֿון אים דעם סוד, אַז ער האָט, חוץ אים, נאָך אַנדערע אַדוואָקאַטן, וואָס זענען פֿאַרנומען מיט זײַן ענין? און ווי אַזוי האָט ער זיך אײַנגעשטעלט צו אַטאַקירן ק.׳ן, ווויסנדיק, אַז יענער קען צו יעדער רגע אויסגעבן זײַן סוד? ער האָט זיך אַפֿילו נאָך מער דערוועגט, ער איז צוגעגאַנגען צום בעט פֿון אַדוואָקאַט און האָט דאָרט אָנגעהויבן זיך צו באַקלאָגן אויף ק.: „הער אַדוואָקאַט," האָט ער געזאָגט, „האָט דער אַדוואָקאַט געהערט, ווי דער דאָזיקער מאַן האָט צו מיר גערעדט? מען קען דאָך נאָך איבערציילן די שעהען פֿון זײַן פּראָצעס, און שוין וויל ער מיר, אַ מאַן, וואָס ווערט שוין פֿינף יאָר לאַנג פּראָצעסירט, לערנען ווי אַזוי זיך צו באַנעמען. ער האָט דאָך מיך אַפֿילו באַליידיקט. ער ווייסט נישט פֿון זײַן לעבן צו זאָגן און באַליידיקט מיך; מיך, וואָס ווי ווײַט עס גרייכן נאָר מײַנע שוואַכע כּוחות, האָב איך געניי שטודירט, וואָס עס פֿאָדערן פֿון איינעם גוטע באַנעמונג, און פֿליכט, און אויך אונדזערע געריכטס־מנהגים." „קוק זיך נישט אום אויף קיינעם," האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, „און טו, וואָס עס איז רעכט אין דײַנע אויגן." „אַוודאי", האָט בלאָק אַ זאָג געטאָן, אָט אַזוי ווי ער וואָלט זיך אַליין געוואָלט שטאַרקן מיט אָט דעם וואָרט; ער האָט געטאָן אַ קורצן זײַטיקן בליק און האָט אַנידערגעקניט דאָרט לעבן בעט פֿון אַדוואָקאַט. „איך בין שוין אויף די קני, אַ מײַן אַדוואָקאַט," האָט ער געזאָגט. דער אַדוואָקאַט האָט אים אָבער אין גאַנצן אָפּגעשוויגן. בלאָק האָט מיט איין האַנט פֿאָרזיכטיק געגלעט דאָס איבערבעט. און אין דער דורכוויסי־

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

קער שטילקייט, וואָס האָט דאָ איצט אַ לאַנגע רגע געדויערט, האָט לעני פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן, באַפֿרײַענדיק זיך פֿון ק.׳ס הענט: „דו פֿאַרשאַפֿסט מיר יסורים. לאָז מיך אָפּ. איך גיי אַריבער צו בלאָקן.‟ זי איז אַוועק און האָט זיך געזעצט אויפֿן ראַנד פֿון בעט. בלאָק האָט זיך מחיה געווען מיט איר צוקומען, ער האָט זי תּיכּף אָנגעהויבן צו בעטן מיט אַלערליי לעבהאַפֿטיקע, אָבער שטומע מינעס, אַז זי זאָל זיך פֿאַר אים אָננעמען בײַם אַדוואָקאַט. עס איז געווען קלאָר, אַז ער דאַרף זייער שטאַרק די ידיעות פֿון דעם אַדוואָקאַט וועגן דעם גאַנג פֿון זײַן פּראָצעס; עס קען אָבער זײַן, אַז נאָר צוליב דעם, אַז די אַנדערע אַדוואָקאַטן זאָלן די ידיעות קענען אויסנוצן. עס ווײַזט אויס, אַז לעני האָט גענוי געוווּסט, ווי אַזוי בײַצוקומען דעם אַדוואָקאַט, זי האָט געטײַטלט אויף דער האַנט פֿון דעם אַדוואָקאַט און האָט צונויפֿגעצויגן די ליפּן ווי צו אַ קוש. תּיכּף האָט בלאָק דעם קוש־באַפֿעל אויסגעפֿירט; און אַז לעני האָט אויפֿגעפֿאָדערט, האָט ער נאָך צוויי מאָל איבערגעחזרט. דער אַדוואָקאַט האָט אָבער אַלץ נאָך ווײַטער געשוויגן. און דאָ האָט זיך לעני אָנגעבויגן איבער דעם אַדוואָקאַט, און אַז זי האָט זיך דערבײַ אַ ביסל שטאַרק אויסגעשטרעקט, איז די שיינע פֿיגור פֿון איר גוף אָנזעעוודיקער געוואָרן; זי האָט זיך גאַנץ טיף אָנגעבויגן ביז נאָענט צום פּנים פֿונעם אַדוואָקאַט און האָט געגלעט מיט אירע פֿינגער די לאַנגע ווײַסע האָר זײַנע. דאָס האָט אים געצוווּנגען זיך אָפּצורופֿן. „איך האַלט זיך אָפּ פֿון אָנזאָגן עס אים,‟ האָט דער אַדוואָקאַט אַרויסגעברענגט, און מען האָט געזען, ווי ער שאָקלט צו מיט דעם קאָפּ, אפֿשר צוליב דעם, אַז ער זאָל אַ ביסעלע שטאַרקער דערפֿילן די וואַרעמע שווערקייט פֿון לעניס האַנט. בלאָק האָט זיך צוגעהערט מיט אַן אַראָפּגעלאָזטן קאָפּ, אָט אַזוי ווי דורך דעם האָרכן זינדיקט ער קעגן עפּעס אַ געבאָט. „פֿאַר וואָס האַלטסטו זיך אָפּ?‟ האָט לעני געפֿרעגט. ק. האָט געהאַט דאָס געפֿיל, אַז ער הערט זיך צו צו אַן אײַנגעשטודירטן שמועס, וואָס האָט זיך שוין נישט איין מאָל איבערגעחזרט, וואָס וועט זיך נאָך אַ סך מאָל איבערחזרן, און נאָר פֿאַר דעם בלאָקן פֿאַרלירט ער נישט דעם טעם פֿון אייביקער נײַקייט. „ווי אַזוי האָט ער זיך הײַנט באַנומען?‟ האָט, שטאָט צו ענטפֿערן, דער אַדוואָקאַט געפֿרעגט. אײדער זי האָט אויף דער פֿראַגע געענטפֿערט, האָט לעני אַ קוק געטאָן אַרונטער צו בלאָקן און האָט אַ רגע לאַנג באַטראַכט ווי אַזוי ער הייבט אויף די הענט צו איר און ווי אַזוי ער רײַבט איין האַנט פֿלאַך אָן דער אַנדערער מיט אַ שטומער בקשה. סוף־כּל־סוף האָט זי מיט גרויסן ערנצט אַ שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ, האָט זיך אַ קער געטאָן צום אַדוואָקאַט און האָט געזאָגט: „ער איז געווען רויִק און האָט געאַרבעט פֿלײַסיק.‟ אַן אַלטער סוחר, אַ מאַן מיט אַ לאַנגער באָרד, האָט געבעטן רחמים בײַ אַ יונג מיידל, אַז זי זאָל עדות זאָגן מיט אַ פּאָר גוטע ווערטער לטובֿת אים. אויב ער האָט אַפֿילו דערבײַ געהאַט כּלערליי באַהאַלטענע הינטער־געדאַנקען, האָט אים דאָך קיין זאַך נישט געקענט איצט באַרעכטיקן אין די אויגן פֿון זײַנע מיטמענטשן. ק. האָט פּשוט נישט באַנומען, ווי אַזוי דער אַדוואָקאַט האָט זיך גאָר געקענט פֿאָרשטעלן, אַז דורך די דאָזיקע סצענעס וועט

ער אים קענען געווינען. און — וואָלט ער אים שוין נישט פֿריִער מיט זײַן
באַנעמונג פֿאַרטריבן פֿון זיך, וואָלט ער דאָס, דורך אָט דער נאַר וואָס פֿאַרגעקר־
מענער סצענע, מסתּמא דערגרייכט. אַפֿילו דעם זײַטיקן צוקוקער האָט עס אויך
דערנידעריקט. אַזוי האָט געווירקט דער מעטאָד פֿון דעם אַדוואָקאַט, וואָס ק. האָט,
צום גרויסן גליק, לאַנג פֿון אים נישט געליטן; דער קליענט האָט סוף־כּל־סוף
פֿאַרגעסן די גאַנצע וועלט אַרום זיך, און עס האָט זיך אים אָנגעהויבן צו דאַכטן,
אַז נאָר און אויסשליסלעך אויף אָט דעם דאָזיקן וועג וועט ער, בלאָנדזשענדיק
אַפֿילו, אַוודאי פֿאָרט אַ מאָל זיך דערשלעפּן צום סוף פֿון פּראָצעס. דאָס איז שוין
נישט מער געווען קיין קליענט, דאָס איז שוין געווען דעם אַדוואָקאַטס הונט.
וואָלט אים דער אַדוואָקאַט באַפֿוילן אַרונטערצוקריכן אונטערן בעט, אַזוי ווי אין אַ
הינטישער בודע, און פֿון דאָרטן אַרויסצובילן, וואָלט ער אויך דאָס מיטן גרעסטן
חשק געטאָן. און — אָט אַזוי ווי עמעץ וואָלט ק.׳ן אָנגעזאָגט, אַלץ וואָס דאָ איז
גערעדט געוואָרן, וואָרט אין וואָרט אין זיך אַרײַנצונעמען, געטרײַ אַלץ צו פֿאַרנאָ־
טירן, כּדי דאָס אַלץ שפּעטער ערגעץ ווו אין אַ העכערן אָרט צו דערציילן און
וועגן דעם צו ראַפּאָרטירן, אָט אַזוי האָט ער זיך דאָ קריטיש צוגעהערט, קריטיש
און אַפֿילו פֿון אויבן אַראָפּ. „וואָס האָט ער אין פֿאַרלויף פֿון גאַנצן טאָג געטאָן?“
האָט דער אַדוואָקאַט געפֿרעגט. „איך האָב אים,“ האָט לעני געזאָגט, „כּדי ער זאָל
מיך בײַ דער אַרבעט נישט שטערן, אײַנגעשלאָסן אין צימערל פֿאַרן דינסטמיידל;
דאָס איז דאָך סײַ ווי דער פּלאַץ, ווו ער האַלט זיך אויף — לרובֿ. דורך די שפּאַרו־
נעס האָב איך פֿון צײַט צו צײַט נאָכגעקוקט, וואָס ער טוט. ער האָט כּסדר געקניט
אויפֿן בעט; די דאָקומענטן, וואָס דו האָסט אים אויסגעבאָרגט, האָט ער פֿונאַנדער־
געלייגט אויפֿן פּאַראַפּעט פֿונעם פֿענצטערל און האָט אין זיי אַרײַנגעקוקט און
געלייענט. דאָס האָט אויף מיר געמאַכט אַ גוטן רושם; דאָס פֿענצטערל, ווי דו
ווייסט, פֿירט נאָר אַרויס אויף אַ שמאָלן לופֿט־הויף, קיין ליכט קומט דאָרט כּמעט
אין גאַנצן נישט אַרײַן. און דאָס, וואָס בלאָק האָט, נישט אַכטנדיק אויף אַלץ, פֿאָרט
אַרײַנגעקוקט און געלייענט, דאָס ווײַזט מיר, ווי פֿאָלגעוודיק ער איז.“ „איך בין
באמת צופֿרידן דאָס צו הערן,“ האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט. „האָט ער אָבער
אויך מיט שׂכל באַנומען דאָס וואָס ער האָט געלייענט?“ בלאָק האָט די גאַנצע
צײַט פֿון דעם דאָזיקן שמועס אָן אַן אויפֿהער געמאַכט מיט די ליפּן; עס איז קלאָר
געווען, אַז דאָס האָט ער אַזוי פֿאָרמולירט די תּשובֿות, וואָס ער האָט געהאָפֿט, אַז
לעני וועט זיי כּסדר אַרויסזאָגן. „דערויף קען איך, פֿאַרשטייט זיך,“ האָט לעני
געזאָגט, „מיט זיכערקייט שוין נישט ענטפֿערן. ווי די זאַך זאָל נישט זײַן —
געלייענט האָט ער גרינטלעך. ער האָט אין משך פֿון גאַנצן טאָג געלייענט און
געלייענט, און אַלץ דאָס זעלבע זײַטל, און ער האָט בײַם לייענען געטײַטלט כּסדר
מיטן פֿינגער איבער די שורות. יעדעס מאָל, ווען איך האָב צו אים אַרײַנגעקוקט,
האָט ער געזיפֿצט, אָט אַזוי ווי דאָס לעבן וואָלט אים זייער שווער אָנגעקומען.
מסתּמא זענען די שריפֿטן, וואָס דו האָסט אים אויסגעבאָרגט, נישט אַזוי גרינג

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

צום פֿאַרשטײן.״ „יאָ,״ האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, „דאָס זענען די דאָקומענטן אַוודאי און אַוודאי. איך גלייב אויך נישט, אַז ער פֿאַרשטייט עפּעס פֿון אָט די פּאַפּירן. די שריפֿטן וועלן אים אָבער געבן כאָטש אַן אָנונג, ווי שווער עס איז דער קאַמף, וואָס איך פֿיר אָן, אים בײַם געריכט צו פֿאַרטיידיקן. און פֿאַר וועמען פֿיר איך דען דעם דאָזיקן שווערן קאַמף? פֿאַר — עס כאַפּט מיך אָן אַ געלעכטער, אַז איך זאָג עס נאָר אַפֿילו אַרויס — פֿאַר בלאָקן. זאָל ער זיך טאַקע אויסלערנען צו באַנעמען אַפֿילו וואָס דאָס אַליין באַטײַט. האָט ער שטודירט אָן שום איבעררײַס?״ „כמעט אָן אַן איבעררײַס,״ האָט לעני געענטפֿערט, „נאָר איין מאָל האָט ער בײַ מיר אַ טרונק וואַסער געבעטן. האָב איך אים דערלאַנגט אַ גלאָז דורך דעם לופֿט־פֿענצטערל אַדורך. זייגער אַכט האָב איך אים אַרויסגעלאָזט, כּדי אים עפּעס צום עסן צו געבן.״ בלאָק האָט כאַפּנדיק געוואָרפֿן אַ זײַטנבליק אויף ק., אָט אַזוי ווי אים אויפֿמערקזאַם צו מאַכן, אַז דאָ ווערן דערציילט לויבנדיקע זאַכן וועגן אים, און זיי דאַרפֿן ממילא אויך אויף ק. מאַכן דעם געהעריקן רושם. עס ווײַזט אויס, אַז ער איז איצט געווען אַ סך האָפֿערדיקער; ער האָט זיך אַצינד אַ ביסל פֿרײַער באַוועגט, און זיך אויך גערוקט אַהין און אַהער אויף זײַנע קני. איז עס טאַקע דעריבער אַ סך דײַטלעכער געווען, פֿאַר וואָס ער איז פּלוצלינג פֿאַרשטאַרט געוואָרן, הערנדיק פֿון אַדוואָקאַט די ווײַטערדיקע ווערטער: „דו לויבסט אים,״ האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, „אָבער גראָד דאָס באַשווערט מיר דאָס רעדן צו אים, און איך מוז אים זאָגן, אַז דער ריכטער האָט זיך נישט־גינציק אויסגעדריקט, נישט איבער בלאָקן אַליין, און אויך נישט איבער זײַן פּראָצעס.״ „נישט־גינציק?״ האָט לעני געפֿרעגט, „ווי אַזוי איז עס גאָר מעגלעך?״ בלאָק האָט זי אָנגעקוקט מיט אַזאַ מין געשפּאַנטן בליק, אָט אַזוי ווי ער וואָלט אַפֿילו איצט נאָך געגלייבט אין איר פֿעיִקייט צו קענען פֿאַרוואַנדלען די שוין לאַנג דורך דעם ריכטער אַרויסגעזאָגטע רייד און זיי צו ענדערן לטובֿת אים. „נישט־גינציק,״ האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט. „עס האָט אים אַפֿילו פֿאַרדראָסן, אַזוי גיך ווי איך האָב נאָר דערמאָנט דעם נאָמען בלאָק. ‚רעדט מיר נישט פֿון בלאָקן,׳ האָט ער געזאָגט. ‚ער איז מײַן קליענט,׳ האָב איך געזאָגט. ‚איר לאָזט זיך מיאוס אויסנוצן,׳ האָט ער געזאָגט. ‚איר לאָזט זיך מיאוס אויסנוצן,׳ האָט ער איבערגעחזרט. ‚איך גלייב אײַך נישט,׳ האָב איך געזאָגט. ‚בלאָק אַרבעט אַרײַן זייער פֿלײַסיק אין זײַן פּראָצעס, טאָג און נאַכט גייט ער נאָך זײַן ענין. ער וווינט ממש בײַ מיר, כּדי צו יעדער רגע צו וויסן ווי עס האַלט. אַזאַ דורכגענומענקייט איז פּשוט איינציק אין דער וועלט. אַוודאי, פּערזענלעך קען איך אים פּשוט נישט פֿאַרטראָגן, ער האָט מיאוסע מאַנירן און דערצו איז ער גאַנץ פּשוט שמוציק, אָבער וואָס שייך פּראָצעס־ענינים איז אַ שפּרענקעלע אויף אים נישט צו געפֿינען.׳ איך האָב געזאָגט — אַ שפּרענקעלע נישט צו געפֿינען — איך ווייס, אַז דאָס איז איבערגעטריבן, אָבער איך האָב עס געטאָן מיט אַ כּוונה. דערויף האָט ער געענטפֿערט: ‚בלאָק איז נאָר כיטרע. ער האָט אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן אָנגעקליבן אַ סך פּראַקטיק און ער פֿאַר־

שטייט, ווי אַזוי מע פֿאַרשלעפּט אַ פּראָצעס. אָבער זײַן עם־הארצות איז פֿאָרט נאָך אַפֿילו גרעסער ווי זײַן כיטרעקייט. וואָס וואָלט ער, אַ שטייגער, געזאָגט, ווען ער וואָלט געוואָר געוואָרן, אַז זײַן פּראָצעס האָט זיך נאָך גאָרנישט אָנגעהויבן, אַז מע וואָלט אים געזאָגט, אַז עס איז נאָך אַפֿילו נישט געגעבן געוואָרן דער ערשטער קלונג מיטן גלעקל, אָנצוהייבן דעם פּראָצעס.׳ שטיל זײַן, בלאָק״ האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט, ווײַל בלאָק האָט זיך פּונקט גענומען אויפֿהייבן אויף זײַנע שלאַבעריק־געוואָרענע קני; עס ווײַזט אויס, אַז ער האָט געוואָלט בעטן אַן אויפֿקלערונג. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס דער אַדוואָקאַט האָט זיך מיט אויספֿירלעכע ווערטער געווענדט צו בלאָקן. מיט מידע אויגן האָט דער אַדוואָקאַט געקוקט — האַלב סתם אין דער וועלט אַרײַן, און האַלב צו בלאָקן אַרונטער; אונטער דעם דאָזיקן בליק איז בלאָק פּאַוואָליע ווידער אַראָפּגעזונקען אויף זײַנע ביידע קני. „דאָס דאָזיקע אַרויסזאָגן זיך פֿון דעם ריכטער האָט קיין שום באַטײַט נישט פֿאַר דיר,״ האָט געזאָגט דער אַדוואָקאַט. „פֿאַל נישט אַרײַן אין אַ בהלה נאָך יעדן איינציקן וואָרט. אויב דאָס וועט זיך נעמען איבערחזרן, וועל איך דיר מער גאָרנישט אויסזאָגן. מע קען ממש נישט אָנהייבן אַ פּאָר ווערטער צו דיר צו רעדן, אַז דו זאָלסט נישט תיכף אויף איינעם נעמען גלאָצן, אָט אַזוי ווי אָט שוין, אָט איצט קומט דער לעצטער משפּט דײַנער. שעמען מעגסטו זיך דאָ פֿאַר מײַן קליענט. דו צעטרייסלסט די אמונה, וואָס ער האָט אין מיר. וואָס ווילסטו? דו לעבסט דאָך נאָך, דו שטייסט דאָך נאָך אונטער מײַן השגחה. דײַן פּחד איז אומזיניק! דו האָסט ערגעץ געלייענט, אַז עס מאַכט זיך אַ מאָל, אַז דער לעצטער פּסק־דין קומט אומגעריכט, פֿון אַ ווייס־איך־וועמענס מויל אין אַ ווייס־איך־ווען־צײַט. זאָגן מוז מען, אַז — מיט אַ סך, אַ סך באַוואָרענישן — איז עס טאַקע אמת אויך; עס איז אָבער אויך אמת, אַז דײַן פּחד עקלט מיך, און אַז איך זע אין דעם נישט מער ווי אַ פֿעלן פֿון דעם אַזוי נייטיקער אמונה. וואָס האָב איך דען געזאָגט? איך האָב בלויז איבערגעגעבן ווערטערלעך די אַרויסזאָגונגען פֿון אַ ריכטער. דו ווייסט דאָך, אַז כּלערליי מיינונגען הויפֿן זיך אַזוי לאַנג אָן אַרום דעם גאַנג פֿון אַ פּראָצעס, ביז זיי ווערן ממש אַן אומדורכדרינגלעכער פּלאָנטער. דער דאָזיקער ריכטער פֿיקסירט דעם אָפֿיציעלן אָנהייב פֿון די פּראָצעס־פֿאַרהאַנדלונגען אויף אַ גאַנץ אַנדערן טערמין — ווי, למשל, איך. עס איז טאַקע אַ חלוקי־דעות, אָבער נישט מער. אין אַ געוויסער סטאַדיע פֿון דעם פּראָצעס ווערט, לויט אַן אַלטן מנהג, געגעבן אַ סימן, אַ קלונג מיט אַ גלעקל. לויט דער דעה פֿון דעם דאָזיקן ריכטער הייבט זיך טאַקע דעמאָלט דער פּראָצעס ערשט אָן. איך קען דיר איצט נישט אַלץ זאָגן, וואָס עס רעדט, למשל, קעגן דער דאָזיקער דעה; דו וואָלסט עס אויך סײַ ווי נישט באַנומען; זאָל זשע דיר דעריבער גענוג זײַן צו וויסן, אַז עס זענען דאָ אַ סך טעמים קעגן דעם.״ אין זײַן פֿאַרלעגנהייט האָט בלאָק געגלעט אַהין און אַהער מיט זײַנע פֿינגער די פֿעל פֿון דעם קליינעם בעט־קאָבריצל אונטער זײַנע קני; דער פּחד צוליב דער אַרויסזאָגונג פֿון דעם ריכטער האָט אַזוי אויף אים

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

געווירקט, אַז ער האָט מינוטן לאַנג פֿאַרגעסן די אייגענע הכנעה זײַנע לגבי דעם אַדוואָקאַט; ער האָט זייער אינטענסיוו געטראַכט און דאָס נאָר וועגן זיך; און ער האָט אין די געדאַנקען זײַנע אַהין און אַהער געדרייט די נאָר וואָס געהערטע ווערטער פֿון דעם ריכטער. „בלאָק," האָט לעני צו אים אַ זאָג געטאָן אין אַ טאָן, ווי מע וואָרנט איינעם; זי האָט אים בײַם קאָלנער פֿון רעקל אַ קליינעם ציי געטאָן אין דער הייך. „לאָז אָפּ אַצינד דאָס פֿעל פֿונעם קאָבריצל און הער זיך בעסער אײַן וואָס עס זאָגט דיר דער אַדוואָקאַט."

(דאָס דאָזיקע קאַפּיטל האָט דער מחבר נישט פֿאַרענדיקט)

אַלע דריַ זענען איַינגעשלאָסן איינער צום אַנדערן

זע זיַיט 227

9

אין קלויסטער

די באַנק־אָנפֿירערס האָבן געבעטן ק.׳ן צו פֿאַרנעמען זיך אַ ביסל מיט אַן איטאַליעניש קליענט, וואָס האָט זיך דאָס ערשטע מאָל אין שטאָט אויפֿגעהאַלטן, און וואָס די באַציִונגען מיט אים זענען פֿאַר דער באַנק זייער וויכטיק, אַז ער, ק., זאָל אים באַווײַזן אַ פּאָר וויכטיקע קונסט־דענקמעלער. אַזאַ אָנבאָט מצד דער אָנפֿירונג פֿון דער באַנק וואָלט ק. צו יעדער אַנדערער צײַט באַטראַכט פֿאַר אַ גרויסן כּבֿוד; איצט אָבער, בשעת ער אַליין האָט מיט נויט און מי נאָך אָנגעהאַלטן זײַן פּרעסטיזש אין דער באַנק, האָט ער די ערנהאַפֿטע אויפֿגאַבע מיט אַ שטאַרקן ווידערווילן דורכגעפֿירט. יעדע איינציקע שעה, וואָס מע האָט אים צוגענומען פֿון זײַן קאַנצע־לאַריע־אַרבעט, האָט אים פֿאַרשאַפֿט אַ סך צער; אמת איז, אַז ער האָט לעצטנס די אַרבעט־צײַט אין ביוראָ ווײַט־ווײַט נישט מער אַזוי געקענט אויסניצן ווי אַ מאָל; שעהען און שעהען פֿלעגט ער איצט זיצן אין קאַנצעלאַריע און נאָר מאַכן אַן אָנשטעל, אַז ער אַרבעט אין דער אמתן; דערפֿאַר טאַקע איז זײַן עגמת־נפֿש פֿון מוזן פֿעלן אין דער באַנק אַ פּאָר שעה טאָפּלט גרויס געווען. עס האָט זיך אים איצט כּסדר געדאַכט, אַז בשעת ער איז אין ביוראָ נישטאָ, קומט דער וויצע־דירעקטאָר — וואָס טשאַטעוועט סײַ ווי כּסדר אַרום אים — פֿון צײַט צו צײַט אין זײַן קאַנצעלאַריע אַרײַן, זעצט זיך צו לעבן זײַן שרײַבטיש, נישטערט אין זײַנע דאָקומענטן, נעמט אויף קליענטן, וואָס ק. איז שוין זינט יאָרן מיט זיי גוטפֿרײַנד; נישט נאָר נעמט ער זיי אויף, נאָר ער נעמט זיי אין דער אמת אַוועק פֿון אים; עס קען אַפֿילו זײַן, אַז דער וויצע־דירעקטאָר געפֿינט אויס טעותים אין זײַן אַרבעט; טעותים, וואָס פֿאַרפֿאָלגן איצט ק.׳ן פֿון טויזנט זײַטן — און ער קען זיי שוין מער נישט אויסמײַדן. און האָט מען אים ווען נישט איז אַצינד געבעטן דורכצופֿירן אַ געוויסע געשעפֿטס־מיסיע, אָדער נאָר מאַכן אַ קליינע נסיעה — און אַזעלכע אויפֿגאַבעס האָבן זיך דווקא אין דער לעצטער צײַט, גאַנץ צופֿעליק אפֿשר, געהויפֿט און געמערט — האָט דאָך ק. אויף אַן אמת געקענט שטילערהייט חושד זײַן, אַז דאָס פֿאַרנאַרט מען אים נאָר אויף אַ שטיקל צײַט פֿון זײַן קאַנצעלאַריע אַרויס, ווײַל מע וויל אויף אַזאַ אופֿן האָבן די מעגלעכקייט דורכצוקוקן זײַנע דאָקומענטן און עקזאַמינירן זײַן אַרבעט פֿון דער לעצטער צײַט; און אויב שוין נישט גיין אַזוי ווײַט, האָט מען אפֿשר אויף דעם אופֿן גאָר געוואָלט קלאָר מאַכן, אַז מע קען זיך

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אָן אים בכלל גאַנץ פֿײַן אין דער באַנק באַגיין. דער אמת איז, אַז פֿון די מיינסטע פֿון די דאָזיקע קליינע שליחותן, וואָס די באַנק לייגט אַרויף אויף ק. צום דורכפֿירן — האָט ער זיך גאַנץ לײַכט געקענט אָפּזאָגן; ער האָט זיך אָבער נישט דערוועגט עס צו טאָן, ווײַל טאָמער איז זײַן חשד און זײַן מורא אַפֿילו נאָר אין אַ קליינער מאָס נישט אָן אַ יסוד, וואָלט דאָך אַן אָפּזאָג פֿון דורכצופֿירן אַזאַ סאָרט אויפֿגאַבע שוין געווען אַ זיך מודה זײַן, אַז דער פּחד איז טאַקע דאָ. דערפֿאַר האָט ער די דאָזיקע אויפֿגאַבע, לפּנים, זייער גלײַכגילטיק גענומען אויף זיך; איין מאָל, אַז ער האָט געדאַרפֿט מאַכן אַ שווערע צווייטאָגיקע געשעפֿטס־נסיעה, האָט ער אַפֿילו פֿאַרשוויגן אַן ערנסטע פֿאַרקילונג, און דאָס נאָר דערפֿאַר, אַז מע זאָל חלילה וחלילה נישט זאָגן, אַז באַרופֿנדיק זיך אויפֿן נאַסן, רעגנדיקן וועטער, נוצט ער עס אויס ווי אַן אויסרייד אויסצומײַדן די רײַזע. און — אַזוי גיך ווי ער איז פֿון דער דאָזיקער רײַזע צוריקגעקומען — און טאַקע מיט אַ מוראדיקן קאָפּוויטיק — איז ער תיכּף געוואָר געוואָרן, אַז מע האָט אים ווידער באַשטימט, שוין אויף צו מאָרגנס צו באַגלייטן אַן איטאַליענישן וויכטיקן געשעפֿטספֿרײַנד פֿון דער באַנק. דער ווילן, כאָטש דאָס איינע מאָל זיך אָפּצוזאָגן, איז געווען גרויס; קודם־כּל איז די אויפֿגאַבע, וואָס מע האָט אים דאָ געגעבן, נישט דירעקט פֿאַרבונדן מיט די געשעפֿטן פֿון דער באַנק, און פֿאָרט איז דאָס אויספֿירן די שליחות געווען אַ געזעלשאַפֿטלעכער חובֿ לגבי דעם געשעפֿטלעכן פֿרײַנד, און גראָד גאַנץ וויכטיק אויך. וויכטיק — אָבער נישט פֿאַר ק., וואָס האָט וווּיל געוווּסט, אַז נאָר דורך דערפֿאָלג אין דער אַרבעט גופֿא קען ער זײַן כּבֿוד אין דער באַנק אויפֿהאַלטן; און טאָמער וועט אים דאָס נישט געלינגען, האָט עס קיין שום ווערט נישט און קיין שום באַטײַט נישט, ווי אַזוי ער זאָל דעם איטאַליענער נישט דינען, אַפֿילו אויב ער זאָל אים אַ כּישוף אָנטאָן; כאָטש, דעם אמת געזאָגט, קען ער דאָס נישט דערוואַרטן; עס האָט זיך ק.׳ן געגלוסט אַפֿילו אויף איין טאָג אַוועקגערוקט צו ווערן פֿון זײַן אַרבעטספּלאַץ, מחמת דער פּחד, אַז מע וועט אים צו דער אַרבעט מער נישט צוריקלאָזן איז געווען צו גרויס, און אַ פּחד איז עס געווען אַזאַ, וואָס ער אַליין האָט גאַנץ גוט געוווּסט, אַז ער איז שטאַרק איבערגעטריבן; ער האָט זיך אָבער נישט געקענט העלפֿן. אין דעם דאָזיקן פֿאַל מיט דעם איטאַליענער איז עס אָבער פֿאָרט נישט־מעגלעך געווען זיך אַרויסצודרייען; זײַן קענטשאַפֿט פֿון איטאַליעניש איז טאַקע נישט זייער גרויס, אָבער פֿאַר דעם פֿאַל מער ווי גענוג; דעצידירט האָט דער צופֿאַל, וואָס ק. האָט פֿון פֿריִערדיקע צײַטן געהאַט אָפּגעשפּאַרט אַ געוויסע קענטשאַפֿט פֿון דער קונסט־געשיכטע; דאָס איז באַקאַנט געווען אין דער באַנק (אמת, אַז אין זייער אַן איבערגעטריבענער פֿאָרעם) צוליב דעם, וואָס ק. איז אַ צײַט לאַנג געווען אַ מיטגליד פֿון דעם פֿאַראיין אויף צו דערהאַלטן די לאָקאַלע, שטאָטישע קונסט־מאָנומענטן; אַגבֿ אויך דאָס נאָר צוליב געשעפֿטלעכע אויסרעכענונגען. און אַזוי ווי עס זענען פֿאַרשפּרייט געווען קלאַנגען, אַז אויך דער איטאַליענער איז אַ ליבהאָבער פֿון קונסט, איז שוין קלאָר און זעלבסטפֿאַרשטענדלעך, וואָס ק. איז אויסגעקליבן געוואָרן אים צו באַגלייטן.

עס איז פּונקט געווען אַ שטורעמדיקער פֿרימאָרגן, עס האָט געגאָסן ווי פֿון צעבערס, בשעת ק. איז, שוין זייגער זיבן אין דער פֿרי, אַרײַנגעפֿאַלן אין זײַן קאַנצעלאַריע; דער כּעס האָט אים געזאָטן צוליב דעם טאָג, וואָס האָט דאָ אויף אים געוואַרט — און ער האָט געוואָלט כאָטש נאָך אַ ביסל באַנק־אַרבעט אָפּטאָן, איידער דער באַזוך וועט בײַ אים צונעמען אַלץ מיט אַנאַנדער. ער איז שטאַרק מיד געווען; אַ האַלבע נאַכט איז ער נישט געשלאָפֿן און נאָר שטודירט אַן איטאַליענישע גראַמאַטיק, כּדי כאָטש אַ ביסל צוגעגרייט צו זײַן צום גאַסט; דעם אמת געזאָגט, האָט אים דאָס פֿענצטער אין ביוראָ איצט מער צו זיך געצויגן ווי דער שרײַבטיש; ער האָט לעצטנס געהאַט אַ טבֿע אָפֿט שעהען לאַנג בײַ אָט דעם פֿענצטער צו זיצן; ער איז אָבער בײַגעשטאַנען דעם נסיון און האָט זיך פֿאָרט געזעצט צו דער אַרבעט. צום באַדויערן, איז פּונקט אין דער זעלבער רגע דער באַנקדינער אַרײַנגעקומען און געבראַכט די בשׂורה, אַז דאָס שיקט אים דער דירעקטאָר ער זאָל אַ קוק טאָן, צי דער הער פּראָקוריסט איז שוין דאָ; און אויב ער איז שוין טאַקע אויפֿן אָרט — טאָ זאָל ער אַזוי גוט זײַן און אַריבערקומען אין גאַסטצימער, מחמת דער הער פֿון איטאַליע איז שוין דאָ. „איך קום שוין,“ האָט ק. געזאָגט, אַרײַנלייגנדיק אַ קליין ווערטערביכל אין קעשענע; ער האָט אויך אַרונטערגערוקט אונטערן אָרעם אַן אַלבום פֿון די שטאָטישע בנינים און דענקמעלער, וואָס זענען ווערט, אַז מע זאָל זיי זען; ער האָט דאָס שוין פֿריִער געהאַט צוגעגרייט פֿאַרן פֿרעמדן; דורכגייענדיק דאָס צימער פֿון דעם דירעקטאָר־אַסיסטענט, איז ער אַריבער אין צימער פֿון דירעקטאָר. עס האָט אים גאָר שטאַרק געפֿרייט, וואָס ער איז טאַקע אַזוי פֿרי אַרײַנגעקומען אין דער באַנק, און וואָס ער קען תּיכּף שטיין צו דער דיספּאָזיציע, וואָס דאָס וואָלט אין דער אמתן קיינער פֿון אים נישט דערוואַרט. די קאַנצעלאַריע פֿון דירעקטאָר־אַסיסטענט איז, נאַטירלעך, נאָך געווען אַזוי פּוסט ווי אין מיטן טיפֿער נאַכט; מסתּמא האָט דער דינער אויך אים געדאַרפֿט אין גאַסטצימער פֿאַרבעטן, עס איז אָבער נישט געראָטן. אַז ק. האָט אַריבערגעטרעטן די שוועל פֿון גאַסטצימער, האָבן זיך די צוויי הערן אַ הייב געטאָן פֿון די טיפֿע פֿאָטעלן. דער דירעקטאָר האָט פֿרײַנדלעך אַ שמייכל געטאָן. עס איז קלאָר געווען, אַז דאָס פֿרי־אַרײַנקומען פֿון ק. האָט אים שטאַרק געפֿרייט; ער האָט תּיכּף דורכגעפֿירט דאָס אָפֿיציעלע באַקענען זיך פֿון דעם איטאַליענער מיט ק. יענער האָט מיט כּוח אַ טרייסל געטאָן די אויסגעשטרעקטע האַנט און האָט דערמאָנט עפּעס אַ נאָמען אין שייכות מיט פֿרי־אויפֿשטיין. ק. האָט נישט־גענוי פֿאַרשטאַנען וועמען ער מיינט, און, אַגבֿ, איז עס עפּעס אַ מאָדנע וואָרט געווען, וואָס ק. האָט ערשט מיט אַ רגע שפּעטער אין זײַן שׂכל באַנומען און צעקײַט. ער האָט געענטפֿערט מיט עטלעכע גלאַטע וואָרט־ווענדונגען, וואָס דער איטאַליענער האָט אויף זיי לאַכנדיק רעאַגירט; און לאַכנדיק האָט ער עטלעכע מאָל געגלעט מיט אַ נערוועזער האַנט זײַנע גרוי׳ בלויע, צעוואָקסענע וואָנצעס. עס איז קלאָר געווען, אַז די דאָזיקע וואָנצעס זענען געווען פּערפֿומירט; עס האָט זיך איינעם אַזש פּשוט געגלוסט זיך נענטער צוצובייגן צו זיי און צו שמעקן.

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אַזוי גיך ווי אַלע האָבן זיך אַנידערגעזעצט, און עס האָט זיך אָנגעהויבן דער קליינער אַרײַנפֿיר־שמועס, האָט ק. מיט דער גרעסטער זאָרג באַמערקט, אַז ער פֿאַרשטייט נאָר שטיקלעך און ברעקלעך פֿון די רייד פֿון דעם איטאַליענער. אויב יענער האָט אָבער, דאָ און דאָרט, אַרויסגעבראַכט אַן איינציקן זאַץ גאַנץ רויִק — האָט ער אים יאָ כּמעט ווערטערלעך פֿאַרשטאַנען. דאָס זענען אָבער נאָר זעלטנסטע אויסנאַמעס געווען; לרובֿ איז דאָס לשון פֿון זײַן מויל געגאַנגען ווי אַ שטראָם; דערבײַ האָט ער געשאָקלט מיטן קאָפּ פֿון נחת איבער זײַנע אייגענע רייד. רעדנדיק אַזוי געדיכט, האָט זיך דער איטאַליענער נאָך, צו די צרות, כּסדר אַרײַנגעפּלאָנטערט אין עפּעס אַ דיאַלעקט, וואָס פֿאַר ק. איז עס שוין בכלל קיין איטאַליעניש מער נישט געווען; עס האָט זיך אָבער אַרויסגעוויזן, אַז דער דירעקטאָר — נישט נאָר פֿאַרשטייט ער די דאָזיקע רייד, נאָר ער קען זיי אויך אַליין רעדן; ק. האָט דאָס געדאַרפֿט פֿאָרויסזען, מחמת דער איטאַליענער האָט געשטאַמט פֿון דרום־איטאַליע, פֿון דער זעלבער געגנט, ווו דער דירעקטאָר האָט אַ מאָל יאָרן לאַנג געוווינט. ווי די זאַך זאָל נישט זיין, האָט ק. תּיכף פֿאַרשטאַנען, אַז ער וועט זיך שוין קוים־קוים קענען מיט דעם איטאַליענער צוזאַמענרעדן; דערצו איז נאָך אַפֿילו דאָס פֿראַנצייזיש פֿון דעם גאַסט קוים געווען צום פֿאַרשטיין; אויך האָבן די וואָנצעס זײַנע פֿאַרשטעלט די באַוועגונגען פֿון זײַנע ליפּן; וואָלט ער כאָטש געקענט זען די דאָזיקע ליפּן — וואָלט דאָס אפֿשר אַ ביסל אַרויסגעהאָלפֿן בעסער די ווערטער צו פֿאַרשטיין. ק. האָט אָנגעהויבן פֿאָרויסצופֿילן, אַז ער וועט דאָ האָבן נישט־ווייניק צרות; לעת־עתּה האָט ער אויפֿגעגעבן די האָפֿענונג, אַז ער וועט דעם איטאַליענער פֿאַרשטיין — דער עיקר אין דער אָנוועזנהייט פֿון דעם דירעקטאָר, וואָס האָט אים מיט אַזאַ גרינגשאַפֿט באַנומען, ממש אויפֿן ווונק — און דאָס איינציקע, וואָס אים איז געבליבן צו טאָן, איז צו זיצן און צו אָבסערווירן מיט פֿאַרדראָס; זעט ער טאַקע ווי דער גאַסט האָט זיך טיף אַרײַנגערוקט אין פֿאָטעל — טיף, און פֿאָרט מיט אַ לײַכטיקייט — ווי ער גיט זיך אַזוי אַלע מאָל אַ צופּ דאָס קורצע, און שאַרף געשניטענע, רעקל זײַנס; און ווי אָט גיט ער גאָר אויף איין מאָל אַ הייב אויף ביידע אָרעמס, און ווי ער שילדערט עפּעס בילדעריש מיט די באַוועגונגען פֿון זײַנע הענט, וואָס דרייען זיך גרינג און לויז אין די געלענקען זייערע; ק. קען בשום אופֿן נישט פֿאַרשטיין, וואָס דער גאַסט וויל דאָ דעמאָנסטרירן — כאָטש ער זיצט אָנגעשטרענגט, דער גוף פֿאָרויסגעשטרעקט, און ער לאָזט אויף אַ רגע אַפֿילו נישט אַראָפּ די אויגן זײַנע פֿון דעם איטאַליענערס הענט. סוף־כּל־סוף איז ק. — וואָס איז דאָ געזעסן, אַליין גאָרנישט טוענדיק, און נאָר מעכאַניש נאָכשפּירנדיק מיט די בליקן דעם אַהין־און־אַהער פֿון דעם שמועס — באַפֿאַלן געוואָרן פֿון זײַן פֿריִערדיקער מידקייט; איין מאָל האָט ער זיך אַ צערודערטער שיר נישט אויפֿגעהויבן, כּדי זיך אויסצודרייען און אַוועקצוגיין; זײַן גוט מזל איז געווען, וואָס ער האָט זיך בײַ צײַטנס געכאַפּט, אַז עס גלוסט זיך אים אַזוינס צו טאָן, און ער האָט עס אויסגעמיטן; אַ שרעק איז אים באַפֿאַלן — וואָס דאָ האָט געקענט געשען. סוף־כּל־סוף האָט דער איטאַליענער אַ קוק געטאָן

אויף זײַן זייגערל און געטאָן אַ שפּרונג אויף. ווי נאָר ער האָט זיך אָפּגעזעגנט מיט דעם דירעקטאָר, האָט ער זיך אַ שטופּ צו געטאָן צו ק., אָבער אַזוי נאָענט, אַז ק. האָט אַזש געמוזט צוריקרוקן זײַן פֿאָטעל, אַזיסט וואָלט ער זיך נישט געקענט קיין ריר טאָן. דער דירעקטאָר, וואָס האָט מסתּמא אין די אויגן פֿון ק. דערקענט זײַן פֿאַרצווייפֿלונג לגבי דעם דאָזיקן איטאַליעניש, האָט זיך אַרײַנגעמישט אין שמועס; געטאָן האָט ער עס אַזוי איידל און אַזוי קלוג, אַז געדאַכט האָט זיך, אַז ער גיט נאָר קליינינקע עצה־לעך; אין דער אמתן אָבער האָט ער אַלץ, וואָס דער איטאַליענער האָט נאָר, איבערשלאָגנדיק אים כּסדר די רייד, פֿירגעברענגט — קורץ און פֿאַרשטענדלעך קלאָר געמאַכט פֿאַר ק. ק. איז פֿון דעם דירעקטאָר געוואָרן, אַז דער איטאַליענער האָט נאָך לעת־עתּה אַלערליי געשעפֿטן צו באַזאָרגן, אַז צו זײַן באַדויערן וועט ער נאָר זייער ווייניק צײַט האָבן, אַז ער האָט אויך בשום אופֿן נישט בדעה אין אײַלעניש און כאַפּנדיק דורכצולויפֿן די אַלע אָביעקטן, וואָס זענען ווערט, אַז מע זאָל זיי זען, אַז בעיקר האָט ער זיך אַנטשלאָסן — אויב ק. וועט נאָר צושטימען, און די צושטימונג איז אין זײַנע הענט — צו באַזוכן דעם גרויסן קלויסטער, די קאַטעדראַלע, און אויב שוין יאָ נאָר איין קלויסטער באַקוקן — איז גרינטלעך. ער פֿרייט זיך אָן אַ שיעור מיט דעם, וואָס ער וועט דעם קלויסטער באַזוכן אין דער באַגלייטונג פֿון אַזאַ געלערנטן און ביז גאָר פֿרײַנדלעכן מאַן — מיט דעם האָט ער געמיינט טאַקע ק.׳ן, וואָס איז נאָר מיט איין זאַך איצט פֿאַרנומען געווען: נישט צוצוהערן זיך צום איטאַליענער און צו כאַפּן גיך־גיך די ווערטער פֿון דעם דירעקטאָר — און ער בעט אים נאָר, אויב די צײַט איז אים פּאַסיק, אַז אין צוויי שעה אַרום, אַזוי אַן ערך זייגער צען, זאָל ער זײַן אין דער קאַטעדראַלע. ער אַליין האָפֿט, אַז אין יענער צײַט וועט ער זיכער באַווײַזן שוין דאָרט צו זײַן. ק. האָט געענטפֿערט מיט אַ פּאָר צוגעפּאַסטע ווערטער; דער איטאַליענער האָט קודם־כּל דערלאַנגט די האַנט דעם דירעקטאָר, שפּעטער האָט ער געדריקט ק.׳ס האַנט און שפּעטער נאָך אַ מאָל דעם דירעקטאָרס האַנט; בײדע האָבן באַגלייט דעם אַוועקגייענדיקן, וואָס האָט — האַלב געווענדט צו זײַנע באַגלייטערס — אויף קיין רגע אַפֿילו איצט נישט אויפֿגעהערט צו רעדן, ביז ער איז אַזוי צוגעקומען צו דער טיר. ק. איז שפּעטער נאָך אַ רגע לאַנג געבליבן מיט דעם דירעקטאָר, וואָס האָט הײַנט — מער ווי ווען עס איז — געהאַט אַ קרענקלעך פּנים. דער דירעקטאָר איז, ווײַזט אויס, געווען אונטער דעם אײַנדרוק, אַז ער דאַרף זיך ווי נישט איז אַנטשולדיקן פֿאַר ק. און אַזוי ווי זיי זענען געשטאַנען זייער נאָענט איינער לעבן דעם אַנדערן, ווי אינטימע פֿרײַנד — האָט ער ק.׳ן פֿאַרטרויט, אַז קודם־כּל האָט ער בדעה געהאַט אַליין מיט דעם איטאַליענער צו גיין, שפּעטער אָבער האָט ער די כּוונה געביטן — קיין נענטערע סיבה האָט ער נישט אָנגעגעבן — און ער האָט באַשלאָסן ליבערשט ק.׳ן די דאָזיקע שליחות איבערצוגעבן. און אויב ק. פֿאַרשטייט נישט תּיכּף פֿון אָנהייב, וואָס דער איטאַליענער רעדט, זאָל עס אים שטאַרק נישט אַרן; דאָס פֿאַרשטיין וועט קומען גאָר גיך ווי פֿון זיך אַליין; און אויב — ווי אַ זאַך מאַכט זיך — ער וועט בכלל נישט צו פֿיל פֿאַרשטיין פֿון דעם איטאַליענערס

פֿראַנץ קאַפֿקאַ

רייד, איז דאָס אומגליק אויך נישט אַזוי גרויס, ווײַל דעם דאָזיקן איטאַליענער גייט עס בכלל נישט אַזוי שטאַרק אין לעבן, אַז מע זאָל אים פֿאַרשטיין. אַגבֿ, איז דאָס איטאַליעניש פֿון ק. איבעררעאַשנדיק גוט, און עס איז מער ווי זיכער, אַז ער וועט זיך מיט דעם גאַנצן ענין גאָר גרינג אַן עצה געבן. נאָך דעם ווי דער דירעקטאָר האָט זיך מיט אים אָפּגעזעגנט, האָט ק. די פֿרײַע צײַט פֿאַרברענגט מיט אַרויסשרײַבן פֿאַר זיך, פֿון אַ ווערטערבוך אַרויס, יענע זעלטענע איטאַליענישע אויסדרוקן, וואָס ער וועט זיי מסתּמא דאַרפֿן בײַם אַרומפֿירן דעם גאַסט איבערן קלויסטער. געווען איז די דאָזיקע אַרבעט זייער אַ נמאסע; די באַנקדינערס האָבן געבראַכט די אָנגעקומענע בריוו, אַלערליי באַאַמטע זענען אַרײַנגעקומען מיט כּלערליי פֿראַגעס און זעענדיק, אַז ק. איז שטאַרק פֿאַרנומען, זענען זיי שטיין געבליבן בײַ דער טיר, זיי האָבן זיך אָבער נישט גערירט פֿון אָרט, איידער ק. האָט זיי נישט אויסגעהערט; אויך דער דירעקטאָר־אַסיסטענט האָט זיך נישט געלאָזט באַרויבן פֿון דעם נחת, ק.׳ן צו באַלעסטיקן; ער איז אַלע מאָל אַרײַנגעקומען; איין מאָל האָט ער גאָר אַרויסגענומען דאָס ווערטערבוך פֿון ק.׳ס הענט און האָט דערין אָנגעהויבן צו בלעטערן — און עס איז קלאָר געווען, אַז ער טוט עס אָן שום נייטיקייט און אָן שום שׂכל; אַפֿילו קליענטן האָבן זיך באַוויזן פֿון דער ווײַטן אין האַלב טונקל פֿון פֿאָדער־צימער, אַזוי גיך ווי די טיר האָט זיך נאָר אָן עפֿן געטאָן; זיי האָבן זיך פֿון ווײַטן פֿאַרבויגן מיט אַ געוויסער מאָס פֿון צוריקגעהאַלטנקייט — אָבי נאָך צו ציִען אויף זיך די אויפֿמערקזאַמקייט, מע זאָל וויסן, אַז זיי זענען דאָ; זיי זענען אָבער נישט זיכער געווען, צי מע האָט זיי בכלל דערזען — דאָס אַלץ האָט זיך געדרייט אַרום ק. ווי אַ ראָד אַרום אַן אַקס, בשעת ער אַליין האָט אין געדאַנק געזוכט די ווערטער, וואָס ער וועט אפֿשר דאַרפֿן; שפּעטער האָט ער די זעלבע ווערטער ערשט אויפֿגעזוכט אין ווערטערבוך, נאָך שפּעטער האָט ער זיי אַרויסגעשריבן אויף אַ בלאַט, ווײַטער האָט ער זיך אײַנגעניט אינעם ריכטיקן אַרויסרעדן די אַלע אויסדרוקן, און גאָר צום סוף האָט ער ערשט פּרובירט די ווערטער אויף אויסנווייניק אויסצולערנען. דער גוטער זכרון, וואָס ער האָט אַ מאָל געהאַט, האָט אים, ווײַזט אויס, לעצטנס אין גאַנצן פֿאַרלאָזן; פֿון רגע צו רגע האָט אים אָנגעכאַפּט אַזאַ רציחה אויף דעם איטאַליענער, וואָס איז שולדיק געווען אין דעם גאַנצן פֿאַרדראָס, אַז ער האָט אַ כאַפּ געטאָן דאָס ווערטערבוך און האָט עס פֿאַרגראָבן אונטער אַ קופּע פּאַפּירן; און געטאָן האָט ער עס מיט אַ מאָמענטאַנעם פּעסטן באַשלוס, מער זיך בכלל נישט צוצוגרייטן; באַלד אָבער האָט ער אײַנגעזען, אַז ער קען דאָך נישט מיט אַ שטומער צונג אַרומגיין פֿון דענקמאָל צו דענקמאָל מיט דעם איטאַליענער אין דער קאַטעדראַלע; האָט ער דעריבער מיט אַ נאָך גרעסערער רציחה ווידער אַרויסגעצויגן דאָס ווערטערבוך פֿון אונטער די פּאַפּירן.

אַזוי אַן ערך אַרום האַלב צען אַ זייגער, בשעת ער האָט שוין פּונקט געוואָלט אוועקגיין, רופֿט מען אים צום טעלעפֿאָן; לעני ווינטשט אים אַ גוטן מאָרגן און פֿרעגט אים ווי אַזוי ער פֿילט זיך; ק. דאַנקט אין גרויס אײַלעניש און באַמערקט,

אַז ער קען זיך איצט בשום אופֿן נישט אַרײַנלאָזן אין אַ לאַנגן שמועס, מחמת ער דאַרף גיין אין דער קאַטעדראַלע. „אין דער קאַטעדראַלע?“ האָט לעני אַ פֿרעג געטאָן. „נו יאָ, אין דער קאַטעדראַלע.“ „וואָס עפּעס אין דער קאַטעדראַלע?“ האָט לעני געזאָגט. ק. האָט פּרובירט אין קורצע ווערטער דעם גאַנצן ענין אויפֿצוקלערן, אָבער קוים האָט ער נאָר אַרויסגעבראַכט די ערשטע ווערטער, האָט לעני פּלוצלינג אַ זאָג געטאָן: „זיי פֿירן אַ העצע הינטער דײַנע פּלייצעס.“ רחמנות־געפֿילן, וואָס ער האָט זיי נישט אַרויסגעפֿאָדערט, און אויך נישט דערוואַרט, האָט ק. נישט געקענט פֿאַרטראָגן; האָט ער זיך מיט צוויי ווערטער אָפּגעזעגנט מיט לענין; ער האָט אָבער פֿאָרט — אויפֿהענגענדיק דאָס הערטרײַבל אויפֿן האַטשיק — אַ זאָג געטאָן, האַלב צו זיך, האַלב צו דעם ווײַטן מיידל, וואָס האָט די ווערטער שוין נישט געהערט: „יאָ, זיי פֿירן אַ העצע הינטער מיר.“

איצט אָבער איז שוין שפּעט געוואָרן, עס איז כּמעט געווען אַ געפֿאַר, אַז ער וועט שוין נישט מער אָנקומען אין צײַט אויפֿן אָרט. ער איז אַהינגעפֿאָרן אין אַן אויטאָמאָביל; אין דער לעצטער רגע האָט ער זיך נאָך דערמאָנט אָן דעם אַלבום, וואָס ער האָט נישט געהאַט קיין געלעגנהייט דעם גאַסט צו דערלאַנגען בשעת דער פֿרימאָרגן־באַגעגעניש — האָט ער אים דעריבער איצט מיט זיך גענומען. ער האָט געהאַלטן דעם דאָזיקן אַלבום אויף זײַנע קני און האָט די גאַנצע צײַט, בײַם פֿאָרן, אומרויִק דערויף מיט די פֿינגער אַרומגעפּײַקלט. דער רעגן האָט אַ ביסל נאָכגעלאָזט, אָבער עס איז געווען פֿײַכט, קיל און טונקל; זען וועט מען אין דער קאַטעדראַלע שוין מסתּמא גאַנץ ווייניק; דערפֿאַר אָבער וועט ער זיך דאָרט, צוליב דעם לאַנגן אַרומשטיין אויף די קאַלטע שטיינערנע פּלאַטן, נאָך מער צוקילן. דער פּלאַץ פֿאַר דער קאַטעדראַלע איז געווען פּוסט, און ק. האָט זיך דערמאַנט פֿון אַ מאָל אַז שוין פֿון קינדווײַז איז אים כּסדר אויפֿגעפֿאַלן, וואָס אין די הײַזער אַרום דעם דאָזיקן ענגן פּלאַץ זענען אַלע מאָל כּמעט אַלע פֿענצטער־פֿירהאַנגען אַראָפּגעלאָזן. בעמענדיק אין אַכט דאָס הײַנטיקע וועטער איז עס, אַגבֿ, מער פֿאַרשטענדלעך געווען ווי אַלע מאָל. אויך אין דער קאַטעדראַלע איז געווען פּוסט. און ס'איז געווען נאַטירלעך אַזוי, ווײַל ווער וועט עס אײַנפֿאַלן איצט אַהער צו קומען? ק. איז גיך דורכגעלאָפֿן דורך זײַטן־פֿליגלען פֿון דעם קלויסטער־בנין; ער האָט קוים אָנגעטראָפֿן איין אַלטע פֿרוי, וואָס האָט געקניט — אַן אײַנגעטוליעטע אין אַ וואַרעמער שאַל — פֿאַר אַ בילד פֿון דער הייליקער מאַריע און האָט פֿרום דערויף אַרויפֿגעקוקט. פֿון דער ווײַטן האָט ער אויך נאָך געזען ווי עפּעס אַ הינקענדיקער קלויסטער־דינער פֿאַרשווינדט אין אַ מויערטיר. ק. איז אָנגעקומען פּונקט צו דער רגע; אַריבערטרעטנדיק די שוועל פֿון קלויסטער האָט ער געהערט, ווי עס קלינגט צען אַ זייגער, אָבער דער איטאַליענער איז נאָך נישט געווען. ק. איז צוריקגעגאַנגען צום הויפּט־טויער, געשטאַנען דאָרט אַ רגע — נישט אַהין און נישט אַהער; שפּעטער האָט ער, אין גאָסרעגן, אַרומגעשפּאַנט אַרום דער קאַטעדראַלע, כּדי נאָכצוקוקן, צי וואַרט נישט אפֿשר דער איטאַליענער בײַ איינעם פֿון די דאָזיקע זײַטיקע אַרײַנגענג. מע האָט אים אָבער אין ערגעץ נישט געקענט געפֿינען. איז דאָס

פּראַנץ
קאַפֿקאַ

מעגלעך, אַז דער דירעקטאָר האָט גאָר אפֿשר דעם איטאַליענער שלעכט פֿאַרשטאַנען מכּוח דער שעה? ווי האָט מען דען בכלל געקענט דעם דאָזיקן מענטש ריכטיק פֿאַרשטיין? ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, מוז ק. אויף יעדן פֿאַל, כאָטש אַ האַלבע שעה, דאָ צוּוואַרטן. אַזוי ווי ער איז שטאַרק מיד געווען, האָט ער באַקומען חשק זיך אַ ביסל אויסצורוען; ער איז צוריק אַרײַנגעגאַנגען אין דער קאַטעדראַלע; ערגעץ אויף איינעם פֿון די טרעפּלעך האָט ער דערזען אַ שמאַטע, אַ מין קליין קאַבריצל, האָט ער דאָס אַ ציִ געטאָן מיט אַ שפּיץ פֿוס צו אַ נאָענטער באַנק, האָט זיך אַ פֿעסטערן וויקל־אײַן געטאָן אין זײַן מאַנטל, הויך אויפֿגעהויבן דעם קאָלנער, און זיך אַנידערגעזעצט. כּדי זיך אַ ביסל אויפֿצומונטערן, האָט ער אויפֿגעמאַכט דעם מיטגענומענעם אַלבום, האָט אַ מיש געטאָן אין אים עטלעכע בלעטער; ער האָט אָבער באַלד געמוזט אויפֿהערן, ווײַל עס איז געוואָרן אַזוי פֿינצטער, אַז ווען ער האָט אַ רגע שפּעטער אויפֿגעהויבן דעם בליק זײַנעם צום נאָענטן זײַטן־פֿליגל פֿון קלויסטער־בנין, האָט ער דאָרט קיין שום פּרטים נישט געקענט מער אונטערשיידן.

אין דער ווײַט האָט אויפֿן הויפּט־אַלטאַר געגלימערט אַ גרויסער דרײַעק פֿון אָנגעצונדענע חלבֿ־ליכטלעך; ק. וואָלט בשום אופֿן אויף זיכער נישט געקענט זאָגן, אַז ער האָט די ליכטלעך שוין פֿריִער דאָ באַמערקט. קען זײַן, אַז מע האָט זיי נאָר וואָס אָנגעצונדן. די דינערס פֿון אַ קירכע זענען, שוין לויט זייער פֿאַך נאָך, שלײַכנדיקע באַשעפֿענישן, וואָס מע קען זיי קוים באַמערקן. אַז ק. האָט זיך צופֿעליק אַ דריי געטאָן אויף צוריק, האָט ער — אַ פּאָר שריט פֿון זיך — דערזען אַ הויך, דיק וואַקס־ליכט, וואָס איז געווען צוגעפֿעסטיקט צו אַ זײַל און האָט געברענט. שיין צום אָנקוקן איז טאַקע דאָס ליכט געווען, אָבער בשום אופֿן נישט גענוג אויף צו באַלייכטן די אַלטאַר־בילדער, וואָס זענען לרובֿ געהאַנגען אין דער פֿינצטערניש פֿון די זײַטיקע קאַפּליצעס; מע האָט געהאַט אַן אײַנדרוק, אַז דאָס ליכט פֿאַרגרעסערט נאָך די פֿינצטערניש. אַוודאי האָט דער איטאַליענער געהאַנדלט נישט־העפֿלעך מיט זײַן נישט־קומען; אָבער צופֿעליק דווקא שׂכלדיק, ווײַל מע וואָלט דאָ סײַ ווי גאָרנישט געקענט זען; מע וואָלט זיך געמוזט אין בעסטן פֿאַל באַנוגענען דערמיט טיילווײַז אַ פּאָר בילדער אַרומצוקוקן, און דאָס נאָר מיט דער הילף פֿון ק.׳ס עלעקטרישן קעשענע־לעמפּל. און כּדי אַליין אויסצופּרוּוון, וואָס מע קען פֿון אַזאַ בילדער־באַקוקן דערוואַרטן, איז ק. צוגעגאַנגען צו איינער פֿון די נאָענטסטע זײַטיקע קאַפּליטשקעס, ער איז אַראָפּגעגאַנגען אַ פּאָר טרעפּלעך ביז צו אַ נידעריקן מערמלנעם געלענדער, איבער וועלכן ער האָט זיך אַריבערגעבויגן, און גענומען באַלײַכטן מיט זײַן לעמפּל דאָס אַלטאַר־בילד. דאָס לעמפּל, וואָס האָט געשוועבט פֿאַרן בילד, האָט נישט־ווייניק באַשוועדט דאָס באַקוקן עס. דאָס סאַמע ערשטע, וואָס ק. האָט געזען — און טיילווײַז זיך אָנגעשטויסן — איז געווען אַ גרויסער, געפּאַנצערטער ריטער, וואָס איז געווען אַרײַנגעמאָלן אין סאַמע עק פֿונעם בילד. ער איז געשטאַנען אָנגעשפּאַרט אויף זײַן שווערד, וואָס ער האָט אַרײַנגעהאַקט אין אַ נאַקעטן באָדן — דאָ און דאָרט קוים־קוים באַדעקט מיט אַ פּאָר גרעזלעך, וואָס האָבן געשפּראָצט פֿון דער ערד אַרויס. עס האָט אויסגעזען, ווי דער ריטער באַ־

טראַכט זייער אויפֿמערקזאַם עפּעס, וואָס שפּילט זיך אָפּ פֿאַר זײַנע אויגן. עס איז ממש געווען צו שטוינען, פֿאַר וואָס ער איז אַזוי שטיין געבליבן און גייט נישט צו נענטער. אפֿשר האָט מען אים אַזוי באַפֿוילן צו שטיין אויף דער וואַך. ק., וואָס שוין אַ לאַנגע צײַט האָט ער קיין קונסטבילדער נישט געזען, האָט דעם ריטער אַ לענגערע צײַט באַטראַכט, כאָטש ער האָט כסדר געמוזט פּינטלען מיט די אויגן, ווײַל ער האָט נישט געקענט פֿאַרטראָגן דאָס גרינע ליכט פֿון דעם לעמפּל. אַז ער האָט אַ רגע שפּעטער אַ פֿיר געטאָן דאָס ליכט פֿון זײַן לעמפּל איבער די אַנדערע טיילן פֿון דעם בילד, האָט ער אויסגעפֿונען, אַז עס שטעלט פֿאָר די קבֿורה פֿון יעזוס קריסטוס אין אַ גאַנץ געוויינטלעכער אויפֿפֿאַסונג. אַגבֿ, איז עס געווען אַ בילד פֿון דער נײַערער צײַט. ער האָט אַרײַנגעלייגט דאָס לעמפּל אין דער קעשענע און האָט זיך אומגעקערט אויף זײַן פּלאַץ.

עס איז געווען קלאָר, אַז עס האָט שוין נישט מער קיין זינען אויף דעם איטאַליענער צו וואַרטן; אין דרויסן האָט עס אָבער מסתּמא געגאָסן ווי פֿון צעבערס; און אַזוי ווי עס איז דאָ נישט אַזוי קאַלט געווען, ווי ק. האָט פֿריִער געמיינט, האָט ער באַשלאָסן, לפּי רגע דאָ צו בלײַבן. נאָענט לעבן אים איז געווען דער גרויסער פּולפּיט פֿאַרן פּרעדיקער; אויף זײַן קײַלעכדיק קליין דעכל זענען, האַלב ליגנדיק, געווען צוגעפּעסטיקט צוויי אויסגעהוילטע גאָלדענע צלמים, וואָס האָבן זיך איבערגעקרייצט בײַ די סאַמע שפּיצן זייערע. דאָס דרויסנדיקע ווענטל פֿון דעם געלענדער און דער איבערגאַנג ביז צו דעם זײַל, וואָס האָט דעם פּולפּיט אונטער־געהאַלטן, איז געווען פֿון גרינעם בלעטערוואַרג. קלײנע מלאכימלעך האָבן זיך גע־קלאַמערט אין די דאָזיקע בלעטער; איינע מיט טעמפּעראַמענט, אַנדערע מיט רו. ק. איז צוגעגאַנגען צום פּרעדיקערס פּולפּיט און האָט אים געפּאָרשט פֿון אַלע זײַטן; עס איז קלאָר געווען, אַז די שטיינער זענען אויסערגעוויינטלעך זאָרגעוודיק אויסגעהאַקט געוואָרן; די טונקעלע פֿאַרטיפֿונגען צווישן און הינטער דעם שטיי־נערנעם בלעטערוואַרג האָבן אויסגעזען, ווי מע וואָלט זיי דאָרט אַרײַנגעכאַפּט און פֿעסט צוגעהאַלטן; ק. האָט אַרײַנגעשטעקט זײַן האַנט אין אַזאַ מין לאָקל און האָט דאָרט פֿאָרזיכטיק אַרומגעטאַפּט די אויסגעהאַקטע בלעטער־פֿאָרמעס; וועגן דער עקסיסטענץ פֿון דעם דאָזיקן פּולפּיט האָט ער ביז איצט אַפֿילו נישט געוווּסט. גאַנץ צופֿעליק האָט ער אַצינד באַמערקט, ווי הינטער דער נאָענטסטער שורה פֿון די הילצערנע בענק שטייט אַ קלויסטער־דינער, אָנגעטאָן אין אַ לויז הענגענדיקן, געפֿאַלדעוועטן, שוואַרצן טוזליק; אין דער לינקער האַנט האַלט ער אַ טאַבעק־פּושקע, און באַטראַכט ק.׳ן; וואָס וויל ער, דער מענטש? האָט ק. אַ טראַכט געטאָן. איז ער מיך אין עפּעס חושד? וויל ער אפֿשר אַ מטבע? אַז דער קלויסטער־דינער האָט באַמערקט, אַז ק. זעט אים, האָט ער מיט זײַן רעכטער האַנט, וואָס צווישן אירע צוויי פֿינגער האָט ער נאָך געהאַלטן אַ שמעק־טאַבעק, אַ ווײַז געטאָן אין עפּעס אַן אומבאַשטימטער ריכטונג. דאָס באַנעמען זיך פֿונעם קלויסטער־דינער איז כמעט נישט געווען צום פֿאַרשטיין; ק. האָט נאָך אַ רגע צוגעוואַרט, אָבער דער קלויסטער־דינער האָט גאָרנישט אויפֿגעהערט מיט דער האַנט אויף עפּעס

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אָנצווויַזן, דערצו האָט ער עס נאָך באַשטעטיקט מיט אַ שאָקל פֿון קאָפּ. „וואָס וויל ערז?״ האָט ק. שטילערהייט אַ פֿרעג געטאָן, ער האָט זיך נישט דערוועגט דאָ הויך אויסצושרײַען; סוף־סוף האָט ער אַרויסגעצויגן דאָס געלט־טײַסטערל און האָט זיך דורכגעקוועטשט דורך דער נאָענטסטער האַלצבאַנק כּדי צוצוקומען צו דעם קלויסטער־דינער. אָבער דער מאַן האָט תּיכּף אַ מאַך געטאָן מיט דער האַנט אויף נישט, האָט אַ צי געטאָן מיט די אַקסלען און האָט אַוועקגעהונקען. מיט אַזאַ מין גענגעלע, ווי דאָס דאָזיקע אײַליקע הינקען, פֿלעגט ק., קינדווײַז, פּרוּוון נאָכצומאַכן דאָס רײַטן אויף פֿערד. „אַ קינדערישער זקן,״ האָט ק. אַ טראַכט געטאָן, „זײַן שׂכל איז נאָך פּונקט גענוג אויף צו זײַן אַ קלויסטער־דינער. זע ווי ער בלײַבט שטיין, אַז איך בלײַב שטיין, און ווי ער טשאַטעוועט, צו דערקענען צי איך וויל ווײַטער גיין.״ שמייכלענדיק איז ק. נאָכגעגאַנגען נאָך דעם זקן, דורכגעגאַנגען מיט אים דעם גאַנצן זײַטן־פֿליגל פֿון קלויסטער־בנין, כּמעט אַזוי ווײַט, ווו עס איז געווען דער הויפּט־אַלטאַר; דער זקן האָט כּסדר נישט אויפֿגעהערט, אויף עפּעס אָנצווויַזן, אָבער ק. האָט בכּיוון זיך נישט אומגעדרייט; עס האָט אויסגעזען, אַז דאָס אָנווײַזן מיט דער האַנט האָט סײַדן געהאַט נאָר איין ציל: אָפּצוווענדן ק.׳ן פֿון נאָכצופֿאָלגן דעם זקן. סוף־סוף האָט ער אים אָפּגעלאָזן, ער האָט אים נישט געוואָלט צו פֿיל אָנשרעקן; חוץ דעם, אויב דער איטאַליענער וועט פֿאָרט נאָך אָנקומען, איז נישט כּדאַי דעם אַלטן אין גאַנצן צו פֿאַרטרײַבן.

אַז ער איז צוריקגעגאַנגען צום גרויסן מיטל־טייל פֿון בנין, וועלנדיק אויפֿזוכן דעם פּלאַץ, וואו ער האָט איבערגעלאָזן דעם אַלבום זײַנעם, האָט ק. אויף אַ זײַל, גאָר נאָענט בײַ די בענק פֿון דעם אַלטאַר־כאָר, באַמערקט אַ קליינעם זײַטן־פּולפּיט, וואָס איז געווען געהאַקט גאַנץ פּשוט און פֿון אַ גלאַטיקן, בלייכן שטיין. דער פּולפּיט איז געווען אַזוי קליין, אַז פֿון דער ווײַטן האָט ער גיכער אויסגעזען ווי אַ נישע, וואָס איז נאָך דערווײַל ליידיק, וואָס זי איז אָבער באַשטימט פֿאַר אַ סטאַטוע פֿון עפּעס אַ הייליקן. דער גלח, וואָס האָט געפּרעדיקט פֿון דעם דאָזיקן קליינעם פּולפּיט, האָט דאָ זיכער נישט געקענט, אין אָט דער ענגשאַפֿט, מאַכן אַפֿילו איין אײנציקן שריט אויף צוריק פֿון געלענדער. חוץ דעם האָט דאָס שטיינערנע געוועלבטע דעכל איבער דעם פּולפּיטל זיך אָנגעהויבן זייער טיף, און האָט זיך באַלד אַזוי מאָדנע און אָן שום פֿאַרצירונגען אַ בייג געטאָן אַרויף צו צו, אַז אַפֿילו אַ מיטל הויכער מאַן וואָלט דאָרט בשום אופֿן נישט געקענט זיך אויסגלײַכן; שטייענדיק אויף דעם פּולפּיט, וואָלט ער זיך כּסדר געמוזט פֿאָרויסבייגן איבער דעם געלענדער אַריבער. דאָס גאַנצע האָט אויסגעזען, אַז מע האָט עס אומיסטנע אַזוי געמאַכט, כּדי צו פּײַניקן דעם פּרעדיקער; אַגבֿ, צו וואָס האָט מען בכלל דעם דאָזיקן פּולפּיט געדאַרפֿט, אַז אַ שריט ווײַטער איז דער אַנדערער, גרויסער פּולפּיט, וואָס איז נאָך דערצו אַזוי קינסטלעריש פֿאַרצירט.

דעם אמת געזאָגט, וואָלט ק. אין גאַנצן דעם קליינעם פּולפּיט בכלל נישט באַמערקט, ווען עס וואָלט אויבן איבער אים נישט געווען צוגעפֿעסטיקט אַ לאָמפּ, וואָס מע גרייט געווייִנטלעך צו, אײדער דאָס האַלטן אַ דרשה הייבט זיך אָן. קען

דאָס מעגלעך זײַן, אַז איצט וועט דאָ אַ גלח פּרעדיקן? אין דעם פּוסטן קלויסטער? ק. האָט אַ קוק געטאָן אַראָפּ צו צו אויף די טרעפּלעך וואָס זענען געווען צוגעצוליעט צום זײַל אויף וועלכן דער קלײנער פּולפּיט האָט זיך אָנגעשפּאַרט; די טרעפּלעך זענען געווען אַזוי שמאָל, אַזוי ווי זיי וואָלטן נישט געווען געמאַכט פֿאַר מענטשן, און נאָר ווי עפּעס אַן אָרנאַמענט אויף דעם זײַל. און פֿאָרט — אונטער דעם פּולפּיט — ק. האָט אַזש אַ שמייכל געטאָן, אַזוי דערשטוינט איז ער געוואָרן — איז אויף אַן אמת געשטאַנען אַ גלח, האָט געהאַלטן די האַנט אויפֿן טרעפּן־געלענדערל, אָט־אָט און ער גייט אַרויף; און ער האָט געקוקט אויף ק. דער גלח האָט אַ גרינגן שאָקל געטאָן מיטן קאָפּ; דערויף האָט ק. זיך פֿאַרנייגט און זיך געצלמט; אייגנטלעך האָט ער עס שוין פֿריִער געדאַרפֿט טאָן. דער גלח האָט זיך אַ קלײנעם הייב געטאָן מיטן גאַנצן גוף און איז תּיכּף, מיט קורצע, שנעלע שריט אַרויף אויף די טרעפּלעך פֿון פּולפּיט. זאָל דאָס מעגלעך זײַן, אַז באַלד וועט זיך אָנהייבן דאָס פּריידיקן? אויב אַזוי, קען דאָך זײַן, אַז דער קלויסטער־דינער איז שוין גאָרנישט אַזאַ טיפּש געווען, וועלנדיק ק.׳ן צוצײַלן צום גלח צו, וואָס דאָס איז בשום אופֿן נישט געווען אויסן וועג אין דעם דאָזיקן איצט פּוסטן קלויסטער. אַגבֿ, איז דאָך דאָ ערגעץ נעבן אַ בילד פֿון דער הייליקער מאַריע געווען נאָך אַן אַלטע פֿרוי און זי האָט דאָך אויך געקענט צוקומען. און אויב עס האָט שוין יאָ געדאַרפֿט זײַן אַ דרשה פֿון גלח, פֿאַר וואָס האָט דער אָרגל נישט אויפֿגעשפּילט פֿריִער, ווי ער פֿירט זיך? אָבער דער אָרגל איז געבליבן שטיל און האָט נאָר שוואַך שעמערירט אין דער פֿינצטערניש פֿון זײַן מוראדיקער הייך.

ק. האָט אַ טראַכט געטאָן: אפֿשר זיך איצט אָ, תּיכּף וואָס גיכער אָפּטראָגן; טוט ער עס נישט די רגע, איז שוין קיין האָפֿענונג נישטאָ צו טאָן עס בשעת דער גלח וועט דרשנען. דעמאָלט וועט ער שוין מוזן בלײַבן ביז צום סוף; און דאָ האָט ער אַזויפֿל צײַט פֿאַרלוירן אין ביורא פֿון דער באַנק; און צו וואַרטן אויפֿן איטאַליענער איז ער שוין לאַנג נישט מער מחויבֿ; ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זײַן זייגערל; עס איז געווען עלף. אָבער זאָל עס מעגלעך זײַן, אַז דער גלח האָט טאַקע בדעה צו פּריידיקן? זאָל עס מעגלעך זײַן, אַז ק. וועט דאָ זײַן איינער אַליין במקום אַ גאַנצער צוהערערשאַפֿט, אַ גאַנץ קהל? און ווי אַזוי וואָלט געווען, אויב ער וואָלט דאָ בכלל אַ צופֿעליקער געווען, וואָס האָט נאָר געוואָלט כאַפּן אַ בליק אויף דער קירכע? און אין תּוך איז עס דאָך טאַקע נישט עפּעס אַנדערש. עס איז אַ נאַרישקייט אַפֿילו צו טראַכטן, אַז איצט זאָל דאָ געהאַלטן ווערן אַ דרשה, איצט, פּונקט זייגער עלף אין דער פֿרי, אין מיטן פֿון אַ וואָכעדיקן טאָג, און דערצו בשעת אַזאַ אָפּשטויסנדיקן וועטער אין דרויסן. ניין, דער גלח — און אַ גלח איז ער געווען אָן שום ספֿק, דער יונגער מאַן מיט אַ גלאַט און טונקל פּנים — איז משמעות נאָר צוליב דעם דאָ אַרויפֿגעגאַנגען, כּדי אויסצולעשן דעם לאָמפּ, וואָס מען האָט על־פּי טעות אָנגעצונדן.

עס איז אָבער פֿאָרט אַזוי נישט געווען; דער גלח האָט טאַקע אַ טאַפּ געטאָן דאָס לעמפּל, אָבער ער האָט דווקא דאָס קנייטל אַ דריי געטאָן אויף אַ ביסל ליכטי־

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

קער; נאָך דעם האָט ער זיך אַ קער געטאָן צום געלענדערל, וואָס ער האָט אָנגעכאַפּט מיט בײדע הענט פֿון פֿאָרנט בײַ די שאַרפֿע קאַנטן. אַזוי איז ער געשטאַנען אַ צײַט און געקוקט אַהין און אַהער — נישט אַ ריר טוענדיק דעם קאָפּ זײַנעם. ק. האָט זיך אַ ביסל צוריקגעצויגן און זיך אָנגעשפּאַרט מיט די עלנבויגנס אויף דער פֿאָדערשטער קלויסטערבאַנק. מיט אַן אומזיכערן בליק, און אײגנטלעך נישט וויסנדיק גענוי ווי דאָס אָרט איז, האָט ער ערגעץ וואו אַצינד געזען דעם קלויסטערדינער, מיט זײַן קרומער פּלײצע, ווי ער זיצט דאָרט ערגעץ, אײַנגעקנוילט אין זיך, ווי אײנער וואָס רוט זיך אויס נאָך אַן אָפּגעטאָן שטיקל אַרבעט. וואָס פֿאַר אַ שטילקײט עס האָט איצט אַרומגעכאַפּט די קאַטעדראַלע! אָבער ק. האָט דאָך געמוזט די שטילקײט איבעררײַסן, ער האָט נישט בדעה געהאַט דאָ צו בלײַבן; אויב דער גלח איז מחויבֿ געווען צו אַ געוויסער באַשטימטער שעה צו פּרײדיקן, נישט געקוקט אויף קײן שום אומשטענדן, זאָל ער עס טאָן; עס וועט אים אויך אָן ק.׳ס הילף געלינגען, פּונקט ווי די אָנוועזנהײט פֿון ק. וועט נישט שטאַרקער מאַכן די ווירקונג פֿון די ווערטער פֿון זײַן דרשה. פּאַוואָליע האָט ק. אָנגעהויבן אַרויסצוגיין; קודם־כּל האָט ער אויף די שפּיץ פֿינגער, לענג־אויס פֿון דער באַנק, זיך אַרויסגערוקט; ער איז אַרײַן אין דעם ברײטן הויפּט־גאַנג און איז זיך דאָרט געגאַנגען גאַנץ אומגעשטערט פֿאָרויס; און נאָר די שטײנערנע בריק האָט בײַם מינדסטן טראָט אָפּגעקלונגען, און די געוועלבן אויבן האָבן שוואַך, אָבער אָן איבעררײַס אָפּגעענטפֿערט מיט אַן עכאָ אויף יעדן שריט פֿון זײַן כּסדרדיקן גאַנג פֿאָרויס. ק. האָט זיך געפֿילט אַ ביסל אומהײמלעך, ווען ער איז צווישן די לײדיקע בענק אַלײן אַדורכגעגאַנגען; עס קען דאָך זײַן, אַז דער גלח האָט אים נאָכגעקוקט; אויך איז אים אײַנגעפֿאַלן, אַז די גרײס פֿון דער דאָזיקער קאַטעדראַלע האָט ממש קײן גרענעץ נישט. וואָלט זי נאָך אַ ביסל גרעסער געווען, וואָלט שוין קײן מענטש דאָס מער נישט געקענט דערטראָגן; ווי נאָר ק. איז פֿאַרבײַגעגאַנגען זײַן פֿריִערדיקן פּלאַץ, האָט ער קײן רגע זיך נישט פֿאַרהאַלטנדיק, ממש אַ כאַפּ געטאָן דעם אַלבום, וואָס ער האָט דאָרט איבערגעלאָזן, און אים מיטגענומען מיט זיך. ער האָט שוין כּמעט פֿאַרלאָזן דאָס אָרט ווו עס שטײען די בענק, און האָט שוין געגענט צום לײדיקן פּלאַץ, וואָס פֿאַר דעם קירכן־אַרויסגאַנג; און ערשט דאָ האָט ער צום ערשטן מאָל דערהערט די שטים פֿון דעם גלח. עס איז געווען אַ מעכטיקע, אַן אויסגעאַרבעטע שטים. און ווי זי האָט דאָס דורכגעדרונגען די גאַנצע קאַטעדראַלע, וואָס איז גרײט געווען זי אויפֿצונעמען! עס איז אָבער נישט די צוהערערשאַפֿט, וואָס דער גלח האָט גערופֿן; געווען איז דער רוף גאַנץ פּשוט און קלאָר. מע האָט נישט געקענט זיך דאָ אַרויסדרײען. דער גלח האָט גערופֿן: „יאָזעף ק.!“

ק. איז געבליבן אַ פֿאַרציטערטער און האָט אַ קוק געטאָן פֿאַר זיך אויף דער בריק אַראָפּ. דערווײַל איז ער נאָך געווען פֿרײַ, ער האָט נאָר געקענט ווײַטער גײן און זיך אַרויסשלײַכן דורך אײנער פֿון די דרײַ קלײנע טונקעלע האָלצערנע טירן, וואָס זענען נישט געווען ווײַט פֿון אים. עס וואָלט באַטײַט, אַז ער האָט פּשוט נישט פֿאַרשטאַנען, אָדער, אַז ער האָט דווקא יאָ פֿאַרשטאַנען, אָבער עס גײט אים

ווייניק וואס אן. טאמער אבער וועט ער זיך יא אויסדרייען, איז ער שוין צוגענאגלט,
ווייל דערמיט אליין איז ער זיך מודה, אז ער האט גוט פארשטאנען, אז ער איז
באמת דער, וואס איז גערופן געווארן, און אז ער וויל אויך פאלגן. וואלט דער
גלח נאך א מאל א רוף געטאן, וואלט ק. אוודאי אוועקגעגאנגען; אבער אזוי ווי אלץ
איז געבליבן שטיל, כאטש ק. האט געווארט און געווארט, האט ער פארט דעם
קאפ א ביסל א דריי געטאן, ווייל עס האט זיך אים געגלוסט צו זען, וואס דער
גלח טוט אין אט דער רגע. דער גלח איז רויק געשטאנען אויפן פולפיט, פונקט
ווי ביז אצינד; עס איז אבער געווען מער ווי קלאר, אז ער האט ק.׳ס דריי מיטן
קאפ באמערקט. עס וואלט געווען א קינדעריש שפיל אין באהעלטערלעך, אויב ק.
וואלט זיך אצינד נישט אין גאנצן אומגעדרייט. האט ער טאקע אזוי געטאן און
דער גלח האט אים צוגעווונקען מיט א פינגער און גערופן נענטער צוצוקומען.
און אזוי ווי איצט איז שוין אלצדינג געשען אין גאנצן אפן, האט ק. געשפאנט —
און געטאן האט ער עס מחמת נייגעריקייט, און אויך כדי דעם ענין וואס קירצער
צו מאכן — מיט לאנגע, ווי פליענדיקע, שריט אנטקעגן דעם פולפיט. ביי די סאמע
ערשטע קלויסטערבענק האט זיך ק. פארהאלטן, אבער אפילו דער דאזיקער מרחק
איז דעם גלח נאך אויך אויסגעקומען צו גרויס, האט ער אויסגעשטרעקט די האנט
און האט — מיט א שארף אראפגעלאזטן ווייזפינגער — אנגעוויזן אויף אן ארט
הארט ביים פולפיט. ק. האט אויך אין דעם געפאלגט, אבער שטייענדיק אויף דעם
דאזיקן פלאץ, האט ער שוין שטארק געמוזט דעם קאפ זיינעם צוריקברעג־
גען, כדי אימשטאנד צו זיין דעם גלח צו זען. „דו ביסט יאזעף ק.“ האט געזאגט
דער גלח און האט סתם אזוי, אן שום באזונדערן מיין, אויפגעהויבן איין האנט
פונעם געלענדער. „יא,“ האט ק. געזאגט, ער האט א טראכט געטאן וועגן דעם,
ווי אזוי ער פלעגט פריער אפן און פריי זיין נאמען אנרופן; אבער זינט א שטיק
צייט שוין איז אים דער נאמען א לאסט, אויך האבן זיין נאמען איצט געקענט
לייט, וואס ער האט זיי דאס ערשטע מאל אין לעבן באגעגנט; א, ווי שיין איז עס
געווען פריער זיך פארצושטעלן און שפעטער ערשט צו ווערן באקענט. „דו ווערסט
באשולדיקט,“ האט דער גלח שטיל א זאג געטאן. „יא,“ האט ק. געזאגט, „מען האט
מיר וועגן דעם צו וויסן געטאן.“ „אויב אזוי, ביסטו דער, וואס איך זוך אים,“
האט געזאגט דער גלח. „איך בין דער אייבער־גלח פון די טורמעס.“ „א, אזוי,“
האט ק. געזאגט. „איך האב דיך געלאזט אהעררופן,“ האט געזאגט דער גלח, „כדי
מיט דיר זיך דורכצושמועסן.“ „איך האב עס גארנישט געוווסט,“ האט ק. געזאגט.
„איך בין אהערגעקומען, כדי ארומצופירן איבער דער קאטעדראלע איינעם אן
איטאליענער.“ „לאז איצט אפ מיט די זייטיקע זאכן,“ האט געזאגט דער גלח.
„וואס האלטסטו אין דער האנט? א תפילה־בוך?“ „ניין,“ האט ק. געענטפערט,
„עס איז אן אלבום פון די שטאטישע דענקמעלער.“ „לייג עס ארויס פון דער
האנט,“ האט געזאגט דער גלח. ק. האט דעם אלבום מיט אזא כוח א שלידער
געגעבן, אז ער האט זיך אזש אויפגעמאכט און האט זיך א גליטש געטאן מיט
צעפלאטערטע בלעטער איבער דער שטיינערנער בריק. „ווייסטו, אז דיין פראצעס

פראנץ
קאפקא

האַלט זייער שמאָל?" האָט דער גלח געפֿרעגט. „איך מיין אויך אַזוי," האָט ק. געזאָגט. „כ'האָב זיך מיט אַלע כּוחות באַמיט, אָבער ביז איצט אָן אַ פּעולה. ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, די פּעטיציע האָב איך אַלץ נאָך נישט פֿאַרטיק." „ווי אַזוי שטעלסטו דיר פֿאָר דעם סוף פֿון דער זאַך?" האָט געפֿרעגט דער גלח. „אין אָנהייב האָב איך געטראַכט, אַז עס מוז זיך גוט פֿאַרענדיקן," האָט ק. געזאָגט, „איצט אָבער בין איך פֿון צײַט צו צײַט אַליין אין ספֿק. איך ווייס נישט וואָס דער סוף וועט זײַן. ווייסטו אפֿשר?" „ניין," האָט געזאָגט דער גלח. „אָבער איך האָב מורא, אַז דער סוף וועט זײַן נישט־גוט. מע האַלט, אַז דו ביסט שולדיק. דײַן פּראָצעס וועט אפֿשר גאָר קיין מאָל נישט אַריבערשפּאַנען די שוועל פֿון איינעם פֿון די נידעריקערע געריכטן. לעת־עתּה האַלט מען, אַז דײַן שולד איז באַוויזן געוואָרן." „איך בין אָבער נישט־שולדיק," האָט ק. געזאָגט, „עס איז אַ טעות. ווי קען דען אַ מענטש בכלל שולדיק זײַן. מיר זענען דאָך דאָ אונטן אַלע נאָר מענטשן — איינער ווי דער אַנדערער." „דאָס איז טאַקע אַזוי," האָט געזאָגט דער גלח, „אָבער אַזוי איז שוין דער אופֿן פֿון אַלע שולדיקע צו רעדן." „האָסטו אויך בייזע פּניות לגבי מיר?" האָט ק. געפֿרעגט. „איך האָב נישט קיין שום פּניות לגבי דיר," האָט געזאָגט דער גלח. „איך דאַנק דיר," האָט ק. געזאָגט, „אָבער אַלע אַנדערע, וואָס זענען אַרײַנגעטאָן אין מײַן פּראָצעס, האָבן בייזע פּניות לגבי מיר. זיי זענען משפּיע אויף די יעניקע, וואָס זענען נישט אַרײַנגעטאָן אין דעם פּראָצעס. עס ווערט מיר אַלץ שווערער און שווערער זיך צו האַלטן." „דו באַנעמסט נישט־רעאַל די פֿאַקטן," האָט געזאָגט דער גלח, „דער משפּט קומט נישט אויף איין מאָל, דער גאַנג פֿון פּראָצעס פֿאַרוואַנדלט זיך פּאַוואָליע אין דעם משפּט." „הייסט עס, אַז אַזוי איז עס," האָט ק. געזאָגט און האָט אַראָפּגעלאָזט דעם קאָפּ. „וואָס איז דער נאָענטסטער שריט, וואָס דו ווילסט אים מאַכן אין דײַן ענין?" האָט געפֿרעגט דער גלח. „איך וויל זוכן נאָך הילף," האָט ק. געזאָגט און אַ הייב געטאָן דעם קאָפּ, כּדי צו זען, ווי אַזוי דער גלח וועט עס אויפֿנעמען. „פֿאַראַנען נאָך געוויסע מעגלעכקייטן, וואָס איך האָב זיי נאָך נישט אויסגענוצט." „דו זוכסט צו פֿיל הילף פֿון פֿרעמדע," האָט געזאָגט דער גלח, ווי מיט מוסר, „און דער עיקר זוכסטו זי בײַ פֿרויען. צי דען באַנעמסטו נישט, אַז דאָס איז נישט די אמתע הילף?" „אַ מאָל, ניין, אַפֿילו אָפֿט, וואָלט איך דיר טאַקע געגעבן גערעכט," האָט געזאָגט ק., „אָבער נישט אַלע מאָל. די פֿרויען האָבן אַ גרויסן כּוח. ווען איך וואָלט געקענט באַווירקן עטלעכע פֿרויען, וואָס איך בין מיט זיי באַקאַנט, אַז זיי זאָלן בשותּפֿותדיק עפּעס טאָן פֿאַר מיר, וואָלט איך זיכער עפּעס אויסגעפּועלט, און גאָר באַזונדערס בײַ דעם דאָזיקן געריכט, וואָס באַשטייט כּמעט אין גאַנצן פֿון לויטער ווײַבערניקעס. פּרוביר און ווײַז נאָר זייערע אַן אויספֿאָרשונגס־ריכטער אַ פֿרוי פֿון דער ווײַטן, און ער וועט תּיכּף אַריבערשפּאַנען איבער זײַן געריכטסטיש און אויך איבערן באַשולדיקטן, אַבי נאָר אין צײַט צו איר אָנצוקומען." דער גלח האָט אָנגעבויגן דעם קאָפּ זײַנעם צום געלענדער, ערשט אַצינד, אַזוי האָט זיך עס געדאַכט, דריקט אויף אים דאָס דעכל פֿון איבערן פּולפּיט. וואָס פֿאַר אַ מין בייז וועטער איז עס דאָרט הײַנט אין דרויסן? דאָס איז שוין נישט

מער סתם אַ פֿינצטערער טאָג, דאָס איז שוין געווען אַ טיפֿע נאַכט. קיין שום גלאָז־מאָלערײַ פֿון די גרויסע פֿענצטער האָט דאָ אַפֿילו מיט אַ דינעם שימער זיך נישט געקענט דורכרײַסן דורך דער דאָזיקער פֿינצטערער וואַנט. און דווקא איצט האָט דער קלויסטער־דינער אָנגעהויבן אויסצולעשן, איינס נאָכן אַנדערן, די ליכט אויפֿן הויפּט־אַלטאַר. „ביסטו בייז אויף מיר?" האָט ק. געפֿרעגט דעם גלח. „דו ווייסט אפֿשר גאָרנישט, אין וואָס פֿאַר אַ געריכט דו ביסט אָנגעשטעלט." קיין ענטפֿער איז נישט געקומען. „דאָס זענען דאָך נאָר מײַנע דערפֿאַרונגען," האָט ק. געזאָגט. פֿון אויבן איז נאָך כּסדר שטיל געווען. „איך האָב דיך נישט געמיינט צו באַליידיקן," האָט ק. געזאָגט. דאָ האָט דער גלח אַ געשריי געטאָן אַראָפּ צו צו: „זעסטו דען נישט צוויי שריט ווײַטער פֿון זיך?" דאָס געשריי איז געווען מיט גרויס כּעס; אָבער אין דער זעלבער צײַט איז דאָס געשריי געווען ווי פֿון איינעם, וואָס זעט עמעצן פֿאַלן, און ווײַל ער איז אַליין דערשראָקן, כאַפּט זיך בײַ אים אַרויס אומפֿאַרזיכטיקערהייט, נישט־ווילנדיק, אַ געשריי.

איצט האָבן בײדע לאַנג געשוויגן. אַוודאי האָט דער גלח — אין דער פֿינצטערניש וואָס האָט געהערשט — ק.׳ן נישט געקענט דײַטלעך דערקענען, אָבער ק. האָט דעם גלח, אין ליכט פֿונעם קליינעם לעמפּל, יאָ גאַנץ דײַטלעך געזען. פֿאַר וואָס איז דער גלח נישט אַראָפּגעקומען פֿון פּולפּיט? געפּרײדיקט האָט ער דאָך נישט, ער האָט נאָר ק. אַ פּאָר ידיעות איבערגעגעבן, וואָס וועלן אים, אויב ער וועט זיך געגנוי אין זיי פֿונאַנדערקלײַבן און זיי אין אַכט נעמען, מסתּמא מער שאַדן ברענגען ווי נוצן. אָבער ק. האָט קיין שום ספֿק נישט געהאַט אין דער גוטער כּוונה פֿונעם גלח; עס איז נישט געווען אויסגעשלאָסן, אַז ער וועט מיט אים אײַנשטימען, ווען ער וועט אַרונטערקומען; עס איז אויך נישט געווען אויסגעשלאָסן, אַז ער וועט פֿון דעם גלח באַקומען אַ באַשטימטע און פּראַקטישע עצה, וואָס וועט אים, למשל, אָנווײַזן, אויב שוין נישט ווי אַזוי משפּיע צו זײַן דעם פּראָצעס, איז לכל־הפּחות ווי אַזוי מע קען זיך פֿונעם פּראָצעס ערגעץ אַרויסדרייען, ווי אַזוי מען קען אַרום אים אַרום־און־אַרום גיין, ווי אַזוי מע קען בלײַבן לחלוטין אויסערן פּראָצעס. עס מוז דאָ ערגעץ ווו זײַן אַזאַ מעגלעכקייט; ק. האָט אין דער לעצטער צײַט גאַנץ אָפֿט וועגן דעם געקלערט. וואָלט דער גלח געוווסט פֿון אַזאַ מעגלעכקייט, וואָלט ער זי אפֿשר, אויב מע וואָלט אים שטאַרק געבעטן, אויסגעגעבן, כאָטש ער האָט אַליין באַלאַנגט צום געריכט, און כאָטש ער האָט, ווען ק. האָט דאָס געריכט באַליידיקט, געהאַנדלט קעגן זײַן אייגענער מילדער נאַטור, און האָט אַפֿילו אָנגעשריגן אויף ק.׳ן.

„ווילסטו נישט אפֿשר אַראָפּקומען?" האָט ק. געזאָגט. „פּרײדיקן דאַרפֿסטו דאָך נישט. קום אַראָפּ צו מיר." „איצט קען איך שוין קומען," האָט געזאָגט דער גלח; אפֿשר האָט ער חרטה געהאַט אויף זײַן געשריי. אַראָפּנעמענדיק דאָס לעמפּל פֿונעם האַק, האָט ער געזאָגט: „איך האָב אין אָנהייב געמוזט מיט דיר רעדן פֿון דער ווײַטנס. אַזיסט לאָז איך זיך צו גרינג משפּיע זײַן, און איך פֿאַרגעס מײַנע התחייבֿותן."

ק. האָט אים אָפּגעוואָרט אונטן בײַ די טרעפּלעך. אַרונטערגייענדיק, האָט דער גלח — שוין פֿון אַן איבערשט טרעפּל אַראָפּ — אויסגעשטרעקט די האַנט צו ק. „האָסטו אַ ביסעלע צײַט פֿאַר מיר" האָט ק. געפֿרעגט. „וויפֿל צײַט דו ווילסט נאָר אַליין," האָט געזאָגט דער גלח און האָט ק.׳ן דערלאַנגט דאָס לעמפּל, אַז ער זאָל עס טראָגן. אויך פֿון דער נאָענט האָט ער נישט פֿאַרלוירן דאָס ביסל פֿײַערלעכקייט פֿון זײַן גאַנצן מהות. „דו ביסט זייער פֿרײַנדלעך צו מיר," האָט ק. געזאָגט; זיי זענען געגאַנגען האַרט איינער לעבן אַנדערן אין טונקעלן זײַטן־פֿליגל פֿון דער קאַטעדראַלע. „דו ביסט אַן אויסנאַם פֿון אַלע, אַלע, וואָס באַלאַנגען צו דעם געריכט. איך האָב מער אמונה אין דיר, ווי אין וועמען נישט איז פֿון זיי; אָט אַזויפֿל ווי איך קען זיי שוין. מיט דיר קען איך גאַנץ אָפֿט רעדן." „נאַר זיך נישט אָפּ," האָט געזאָגט דער גלח. „אין וואָס זאָל איך זיך נישט נאַרן?" האָט ק. געפֿרעגט. „דו נאַרסט דיך אין שייכות צו דעם געריכט," האָט געזאָגט דער גלח, „אין די אַרײַנפֿירנדיקע שריפֿטן צו דעם געזעץ רעדט זיך וועגן דעם דאָזיקן זיך נאַרן אָט אַזוי: פֿאַר דעם געזעץ שטייט אַ טויער־היטער. צו אָט דעם טויער־היטער קומט אַ מענטש פֿון דאָרף און בעט זיך אַרײַנצוגיין אין געזעץ. זאָגט אָבער דער טויער־היטער, אַז ער קען אים אַצינד נישט אַרײַנלאָזן. דער מענטש טראַכט אַ רגע און ער פֿרעגט, צי וועט ער שפּעטער קענען אַרײַנגיין. ׳מעגלעך איז עס,׳ זאָגט דער טויער־היטער, ׳אָבער נישט אַצינד.׳ אַזוי ווי דאָס טויער, וואָס פֿירט צום געזעץ, שטייט, ווי תמיד, אָפֿן, און דער טויער־היטער איז אַוועק אַ ביסל אויף אַ זײַט, בייגט זיך דער מענטש אײַן, כּדי דורך דעם טויער אַ קוק צו טאָן, וואָס עס טוט זיך אינעווייניק. אַזוי גיך ווי דער טויער־היטער באַמערקט עס, גיט ער אַ לאַך און ער זאָגט: ׳אויב עס ציט דיך אַזוי, טאָ גיב אַ פּרווו אַרײַנצוגיין, נישט געקוקט אויף מײַן פֿאַרבאָט. נעם אָבער אין אַכט: איך בין אַ בעל־כּוח. און איך בין נאָר דער אונטערשטער טויער־היטער. עס שטייען אָבער טויער־היטערס צווישן איין סאַליע און דער אַנדערער, יעדער איינער אַ נאָך גרעסערער בעל־כּוח ווי דער אַנדערער. בלויז אַ בליק צו טאָן אויפֿן דריטן טויער־היטער, קען אַפֿילו איך נישט אויסהאַלטן.׳ אויף אַזעלכע שוועריקייטן האָט זיך דער דאָרפֿסמענטש נישט געריכט, דאָס געזעץ דאַרף דאָך זײַן צוטריטלעך פֿאַר יעדן איינעם און צו יעדער צײַט, טראַכט ער; אָבער אַז ער באַקוקט איצט אַ ביסל גענויער דעם טויער־היטער אין זײַן פֿוטער־מאַנטל, און ער זעט זײַן גרויסע, שפּיציקע נאָז, זעט די לאַנגע, דינע, שוואַרצע, טאָטערישע באָרד, באַשליסט ער בײַ זיך בעסער צו וואַרטן ביז ער וועט באַקומען די דערלויבעניש אַז ער מעג שוין אַרײַנגיין. דער טויער־היטער דערלאַנגט אים אַ פֿוסבענקעלע און לאָזט אים זיך אַוועקזעצן — ערגעץ בײַ אַ זײַט פֿאַר דעם טויער. דאָרט זיצט ער שוין אַזוי טעג און יאָרן. ער מאַכט אַ סך מאָל באַמיִונגען, אַז מע זאָל אים דאָך אַרײַנלאָזן; ער מאַכט מיד דעם טויער־היטער מיט זײַנע אָפֿטע בקשות. דער טויער־היטער מאַכט אָפֿט קליינע אויספֿאָרשונגען מיט אים, ער פֿרעגט אים וועגן זײַן היים, און נאָך אַלערליי אַזעלכע קשיות; דאָס זענען אָבער קאַלטע קשיות אָן שום מיטגעפֿיל, אָט אַזוי ווי די גרויסע האַרן שטעלן זיי; און

צום סוף זאָגט ער אים ווידער אַ מאָל און אָבער אַ מאָל, אַז ער קען אים נאָך אַלץ נישט אַרײַנלאָזן. דער מענטש, וואָס האָט זיך אויסגעשטאַפּירט מיט אַלערליי זאַכן אײדער ער האָט זיך געלאָזט אין וועג אַרײַן, פֿאַרברויכט אַלץ, אַפֿילו דאָס סאַמע טײַערסטע, אויף אונטערצוקויפֿן דעם טויער־היטער. און ער, דער היטער — ער נעמט אַלצדינג צו, אָבער דערבײַ זאָגט ער: 'איך נעם עס אָן נאָר צוליב דעם, אַז דו זאָלסט נישט מיינען, אַז דו האָסט עפּעס דורכגעלאָזט צו טאָן.' בשעת די אַלע לאַנגע יאָרן אָבסערווירט דער מענטש, כמעט אָן איבעררײַס, דעם טויער־היטער. דערבײַ פֿאַרגעסט ער די אַנדערע טויער־היטערס, און עס ווײַזט זיך אים אויס, אַז דער איינציקער מכשול, צוליב וועלכן ער קען נישט אַרײַנגיין אינעם געזעץ, איז דער דאָזיקער טויער־היטער. אין די ערשטע יאָרן שעלט ער אויף אַ קול דעם אומגליקלעכן צופֿאַל, שפּעטער אָבער, אַז ער ווערט שוין אַלט, ברומט ער נאָר אַזוי אַ, פֿאַר זיך. ער ווערט פֿאַרקינדישט; און אַזוי ווי ער האָט יאָרן לאַנג אָבסערווירט און געשטודירט דעם טויער־היטער, קען ער שוין אַפֿילו די פֿליי אין זײַן פעלץ־קאָלנער; און אָט טאַקע צו די דאָזיקע פֿליי ווענדט ער זיך צום סוף מיט דער בקשה, אַז זיי זאָלן אים העלפֿן אײַנבעטן זיך בײַם טויער־היטער. דער סוף איז, אַז זײַן ראיה ווערט שוואַכער, און ער ווייסט אַפֿילו נישט, צי איז עס טאַקע אויף אַן אמת טונקעלער געוואָרן אַרום אים, אָדער עס נאַרט אים אַזוי אָפּ זײַן ראיה. פֿונדעסטוועגן זעט ער אין דער טונקלקייט כסדר אַ מין שײַן, וואָס לעשט זיך קיין מאָל נישט אויס און רײַסט זיך כסדר דורך פֿון דעם טויער פֿונעם געזעץ. איצט דערנענטערט זיך זײַן לעבן צום סוף. פֿאַר זײַן טויט פֿאַרזאַמלען זיך אין זײַן קאָפּ אַלע ביז־איצטיקע דערפֿאַרונגען און ווערן מגולגל אין אַ קשיא וואָס ער האָט ביז איצט נאָך אַלץ דעם טויער־היטער נישט געפֿרעגט. ער גיט אַ ווונק צום טויער־היטער, ווײַל דער גוף זײַנער ווערט פֿאַרשטאַרט און ער קען זיך שוין מער נישט אויפֿהייבן. דער טויער־היטער מוז זיך איצט זייער טיף צו אים אײַנבייגן, ווײַל דער חילוק אין זייער וווּקס האָט זיך אין דער צײַט גאָר שטאַרק פֿאַרענדערט, און טאַקע לרעה פֿון דעם דאָרפֿסמענטש. 'וואָס ווילסטו נאָך איצט וויסן?' פֿרעגט דער טויער־היטער, 'מע קען דיך גאָרנישט אָנזעטיקן.' 'אַלעמען ציט דאָך צו דעם געזעץ,' זאָגט דער מענטש, 'איז ווי זשע קומט עס, וואָס אין אַלע די יאָרן האָט קיינער, חוץ מיר, נישט געפֿאָדערט אַרײַנגעלאָזט צו ווערן?' דער טויער־היטער דערקענט, אַז דער מענטש איז שוין אָנגעקומען צו זײַן סוף, און כדי צו דערגרייכן נאָך דאָס לעצטע ביסל פֿון זײַן אָפּשטאַרבנדיקן געהער, שרײַט ער בקול־קולות צו אים: 'דורך דעם טויער האָט קיין אַנדערער סײַ ווי נישט געקענט אַרײַנגיין, מחמת דער אַרײַנגאַנג איז נאָר פֿאַר דיר באַשטימט געווען. אָט גיי איך צו און איך שליס אים'."

„און דאָס הייסט דאָך, אַז דער טויער־היטער האָט דעם מענטש כסדר גענאַרט," האָט ק. תּיכּף אַ זאָג געטאָן, ווײַל די מעשׂה האָט אים שטאַרק צוגעצויגן. „יאָג זיך נישט אַזוי," האָט געזאָגט דער גלח, „און נעם נישט איבער פֿרעמדע מיינונגען, אײדער דו האָסט זיי אַליין נישט דורכגעפֿאָרשט. איך האָב דיר די מעשׂה וואָרט

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אין וואָרט איבערדערציילט, אַזוי ווי זי איז דאָ אין די שריפֿטן. פֿון געניאַרן איז דאָרט קיין וואָרט נישטאָ.״ „עס איז אָבער קלאָר,״ האָט ק. געזאָגט, „און דײַן ערשטע אויסטײַטשונג איז גאַנץ ריכטיק געווען. דער טויער־היטער האָט די ישועהדיקע בשׂורה ערשט דעמאָלט געבראַנגט, ווען זי האָט שוין דעם מענטשן סײַ ווי נישט געקענט מער העלפֿן.״ „ער איז פֿריִער נישט געפֿרעגט געוואָרן,״ האָט געזאָגט דער גלח, „און, אַגבֿ, נעם אויך אין אַכט, אַז ער איז נאָר אַ טויער־היטער געווען, און ווי אַזעלכער האָט ער זײַן חובֿ געטאָן.״ „פֿאַר וואָס מיינסטו, אַז ער האָט זײַן חובֿ געטאָן?״ האָט ק. געפֿרעגט, „ער האָט זײַן חובֿ נישט געטאָן. קען זײַן, אַז זײַן חובֿ איז געווען, אַלע פֿרעמדע אָפּצוטרײַבן, אָבער אָט אָ דעם מענטש, וואָס דער דאָזיקער טויער־אַרײַנגאַנג איז טאַקע פֿאַר אים אָנגעצייכנט געווען, האָט ער דאָך געדאַרפֿט אַרײַנלאָזן.״ „דו האָסט נישט גענוג דרך־ארץ פֿאַר דעם געשריבענעם וואָרט און פֿאַרדרייסט די מעשׂה,״ האָט געזאָגט דער גלח. „די מעשׂה אַנטהאַלט צוויי וויכטיקע דערקלערונגען פֿון דעם טויער־היטער מכּוח דעם אַרײַנגעלאָזט ווערן אין דעם געזעץ, איינע אַזאַ דערקלערונג אין אָנהייב און די צווייטע בײַם סוף. אין איין אָרט אין דעם שריפֿט זאָגט: אַז ער קען אים איצט נישט דערלויבן אַרײַנצוגיין, און דאָס אַנדערע אָרט זאָגט: דער דאָזיקער אַרײַנגאַנג איז נאָר פֿאַר דיר אָנגעצייכנט און באַשטימט געווען. אויב עס וואָלט געווען אַ סתּירה צווישן די דאָזיקע צוויי ערטער אין דער שריפֿט, די דאָזיקע צוויי דערקלערונגען, דעמאָלט וואָלסטו גערעכט געווען, און דעמאָלט וואָלט דער טויער־היטער דעם מענטש גענאַרט. איז אָבער די מעשׂה, אַז עס איז קיין סתּירה נישטאָ. פּונקט פֿאַרקערט, די ערשטע דערקלערונג איז אַפֿילו מרמז אויף דער צווייטער. מע וואָלט אַפֿילו געקענט זאָגן, אַז דער טויער־היטער איז אַריבערגעגאַנגען איבער די גרענעצן פֿון זײַנע התחייבֿותן מיט דעם, וואָס ער האָט דעם מענטש אָנגעדײַט אַ קומענדיקע מעגלעכקייט פֿון יאָ אַרײַנגעלאָזט צו ווערן. אין יענער צײַט איז דאָך באַשײַמפּערלעך זײַן חובֿ געווען דעם מענטש אָפּצוטרײַבן; און אין דער אמתן זענען טאַקע אַ סך אויסטײַטשער פֿון די שריפֿטן פֿאַרחידושט, וואָס דער טויער־היטער האָט בכלל יענעם רמז אַרויסגעזאָגט, מחמת עס איז וווּל באַקאַנט, אַז ער האָט ליב די פּינקטלעכקייט און וואַכט זייער שטרענג איבער די התחייבֿותן פֿון זײַן אַמט. אין פֿאַרלויף פֿון אַ סך יאָרן פֿאַרלאָזט ער נישט זײַן פּאָסטן און שליסן שליסט ער דעם טויער ערשט בײַם סאַמע סוף; ער קען די ווערדע פֿון זײַן אַרבעט זייער גוט, מחמת ער זאָגט: ‚איך בין אַ בעל־כּוח,‘ ער האָט יראת־הכּבֿוד פֿאַר זײַנע העכסטע אין דינסט, מחמת ער זאָגט: ‚איך בין נאָר דער סאַמע נידעריקסטער טויער־היטער,‘ ער איז נישט־באַרעדעוודיק, ווײַל אין פֿאַרלויף פֿון יאָרן שטעלט ער נאָר, ווי עס זאָגט די שריפֿט, ‚קאַלטע קשיות אָן שום מיטגעפֿיל,‘ קיין שוחד נעמט ער נישט, ווײַל ער זאָגט זיך אַרויס קעגן אַ מתּנה: ‚איך נעם עס אָן נאָר צוליב דעם, אַז דו זאָלסט נישט מיינען, אַז דו האָסט עפּעס דורכגעלאָזט צו טאָן,‘ און ווו עס האַנדלט זיך אין אויספֿירן זײַן שליחות, קען מען אים נישט רירן און אויך נישט צעכעסן, ווײַל עס זאָגט זיך וועגן דעם מענטש, ‚ער מאַכט מיד דעם

טויער־היטער מיט זיינע אפטע בקשות,' און לסוף זעט ער אויך אויסערלעך אויס ווי א מענטש מיט א פעדאנטישן כאראקטער, די גרויסע שפיציקע נאז און די לאנגע, דינע, שווארצע, טאטערישע בארד. איז דען גאר מעגלעך זיך פארצושטעלן א טויער־היטער מיט נאך מער אחריות? מישן זיך אבער איינעם מהות פון דעם טויער־היטער נאך אנדערע כאראקטער־שטריכן, וואס ווייזן אויס צו זיין זייער צו דער האנט פאר דעם, וואס פארלאנגט, אז ער זאל ארייננעלאזט ווערן; און אט א די דאזיקע כאראקטער־שטריכן זענען עס טאקע, וואס א דאנק זיי קען מען עס באנעמען, וואס דער היטער האט געמאכט יענעם רמז — און דאס איז שוין ווייט ארויס איבער די גרענעצן פון זיינע התחייבותן — מכוח די מעגלעכקייטן אין דער צוקונפט. מע קען נישט פארלייקענען, אז ער האט שוין א ביסל צו א פשוטן שכל, און אין דעם שייכות איז ער א ביסעלע איינגערעדט אויך. אויב עס זענען אפילו זיינע ארויסזאגונגען איבער זיין גרויסן כוח, און איבערן כוח פון די אנדערע טויער־היטערס, און איבערן מוראדיקן אנבליק זייערן — איך חזר איבער, אויב עס זענען אפילו זיינע ארויסזאגונגען דורכויס ריכטיק, איז אבער דער אופן ווי אזוי ער ברענגט דאס אלץ ארויס אזא, אז ער ווייזט אן באשיימפערלעך, אז זיין באנעמונג איז א ביסל מטושטש אי דורך זיין צו פשוטן שכל און אי טאקע צוליב די איינרעדעניש. די אויסטייטשערס זאגן זיך אין דעם שייכות ארויס: 'די ריכטיקע תפיסה פון אן ענין און דאס טעותדיקע באנעמען פון דעם זעלבן ענין שליסן נישט אויס אינגאנצן איינס דאס אנדערע.' בכל אופן מוז מען אבער אננעמען, אז יענע פשטות און יענע איינרעדעניש, כאטש זיי באווייזן זיך כלפי חוץ נאר אזוי נעבעכדיק, שוואכן זיי אבער פארט אפ דאס עצם באוואכן פון דעם אריינגאנג; דאס זענען שפאלטן אין דעם כאראקטער פון דעם טויער־היטער. צו דעם קומט נאך עפעס צו; עס ווייזט אויס, אז דער טויער־היטער איז לויט זיין נאטור א פריינדלעכער מענטש, און ער איז, בכן, נישט דורכויס און נישט אלע מאל, נאר אן אמטס־מענטש. באלד אין די ערשטע ויגעס מאכט ער א שפאס, אז ער פארבעט דעם מענטש — נישט געקוקט אויף דעם אויסדריקלעכן פארבאט — אריינצוגיין; נאך דעם פארשיקט ער אים ערשט נישט אין גאנצן, נאר ער דערלאנגט אים, ווי עס זאגט זיך דארט, א פוסבענקעלע, און לאזט אים זיך אוועקזעצן אן א זייט, פאר דער טיר. די סבלנות, מיט וועלכער ער דערטראגט אין משך פון אלע די יארן די בקשות פון דעם מענטש, די קליינע אויספארשונגען, דאס אננעמען פון די מתנות, די ווערדע, מיט וועלכער ער דערלאזט, אז דער מענטש, וואס זיצט לעבן אים, זאל פארשעלטן דעם אומגליקלעכן צופאל, וואס האט גראד אט א דעם טויער־היטער פונקט אט א דא אוועקגעשטעלט — דאס אלץ זענען סימנים פון רחמנות־געפילן. נישט יעדער טויער־היטער וואלט זיך אזוי באנומען. און צום סאמע סוף, אז דער מענטש טוט נאר א ווונק, בייגט ער זיך טיף אראפ צו אים, און גיט אים אויף דעם אופן א געלעגנהייט צו שטעלן אים די סאמע לעצטע קשיא. און נאך א פיצעלע אומגעדולדיקייט — מחמת דער טויער־היטער ווייסט דאך, אז אלץ איז אנגעקומען צו א סוף — קומט ארויס אין די ווערטער: 'מען קען

פראנץ
קאפקא

דיך גאָרנישט אָנזעטיקן.' אַנדערע גייען אַפֿילו נאָך ווײַטער אויף דעם דאָזיקן וועג פֿון אויסטײַטשונגען און מיינען, אַז די ווערטער 'מען קען דיך גאָרנישט אָנזעטיקן' דריקן גאָר אויס אַ מין פֿרײַנדלעכע באַוווּנדערונג, וואָס איז אָבער פֿאָרט נישט אין גאַנצן פֿרײַ פֿון אַ מין אַראָפּלאָזן זיך. ווי די זאַך זאָל נישט זײַן, באַקומט זיך אויף דעם אופֿן שוין גאָר אַן אַנדער בילד פֿון דער געשטאַלט פֿון דעם טויער־היטער, ווי דו האָסט פֿריִער געמיינט." „דו קענסט די דאָזיקע געשיכטע אי גענויער ווי איך, און אי, פֿאַרשטייט זיך, לענגער ווי איך," האָט ק. געזאָגט. אַ רגעלע האָבן זיי געשוויגן. נאָך דעם האָט ק. זיך אָנגערופֿן: „הייסט עס, אַז דו מיינסט, אַז דער מענטש איז נישט גענאַרט געוואָרן?" „פֿאַרשטיי מיך נישט שלעכט," האָט געזאָגט דער גלח, „איך ווײַז דיר נאָר די מיינונגען, וואָס זענען פֿאַראַנען מכּוח דעם ענין. און דו מוזסט זיך נישט צו שטאַרק איבערנעמען מיט מיינונגען. די שריפֿטן שטייען פֿעסט, קענען נישט געביטן ווערן, און די מיינונגען זענען גאַנץ אָפֿט נאָר אַ סימן פֿון יאוש, טאַקע צוליב דעם. און אין שײַכות מיט אונדזער פּרט איז אַפֿילו פֿאַראַנען אַן אויסטײַטש, לויט וועלכן דווקא דער טויער־היטער איז דער אָפּגענאַרטער." „דאָס איז אַ מיינונג, וואָס איז אָבער שוין צו ווײַט פֿאַרפֿאָרן," האָט ק. געזאָגט. „אויף וואָס שטיצט זי זיך?" „זי שטיצט זיך," האָט געענטפֿערט דער גלח, „אויף דער פּשטות און תּמימות פֿון דעם טויער־היטער. מע זאָגט, אַז ער קען נישט דאָס געזעץ כּלפּי־פּנים, ער קען נאָר דעם וועג פֿאַרן טויער, וואָס ער מוז אויף אים כּסדר גיין אַהין און צוריק. די אידעען, וואָס ער האָט פֿון דעם אינעווייניק פֿון דעם געזעץ, האַלט מען פֿאַר קינדעריש; אַגבֿ, נעמט מען אָן, אַז ער האָט אַליין פּחד פֿאַר דעם זעלבן, מיט וואָס ער וויל אָנשרעקן דעם דאָרפֿס־מענטש. יאָ, ער האָט אַפֿילו מער פּחד פֿאַר דעם ווי דער דאָזיקער מענטש, ווײַל יענער וויל דאָך נישט עפּעס אַנדערש ווי נאָר אַרײַן, נאָך דעם ווי ער האָט געהערט וועגן די מוראדיקע טויער־היטערס דאָרט אינעווייניק; דאַקעגן אָבער דער טויער־היטער וויל גאָרנישט אַרײַן אינעווייניק, לכּל הפּחות האָט מען גאָרנישט וועגן דעם געהערט. אַנדערע זאָגן אַפֿילו, אַז ער האָט שוין געמוזט אַ מאָל זײַן אינעווייניק, ווײַל מע האָט אים דאָך איין מאָל געמוזט אויפֿנעמען צו זײַן אַרבעט אין דינסט פֿון געזעץ, און דאָס קען דאָך נאָר אינעווייניק געשען. אָבער אויך דערויף איז דאָ אַ תּירוץ; עס קען זײַן, אַז מע האָט אים באַשטימט צו זײַן אַ טויער־היטער מיט אַן אויסגעשריי פֿון אינעווייניק אויס; און אויב אַזוי, איז ער לכּל הפּחות טיף אינעווייניק נישט געווען; אַגבֿ, האָט ער דאָך שוין דעם אָנבליק פֿון דריטן טויער־היטער נישט געקענט מער פֿאַרטראָגן. אויסער דעם, ווערט אין די שריפֿטן נישט דערציילט, אַז ער האָט אין פֿאַרלויף פֿון די אַלע יאָרן עפּעס וואָס וועגן דעם אינעווייניק פֿון געזעץ איבערדערציילט, חוץ דער איינער באַמערקונג וועגן די טויער־היטערס. עס קען אַוודאי זײַן, אַז עס איז אים פֿאַרבאָטן געוואָרן צו דערציילן, אָבער אויך וועגן דעם פֿאַרבאָט האָט ער נישט געלאָזט אַ וואָרט פֿאַלן. פֿון אַלע די זאַכן קען מען קומען צו דער מסקנא, אַז וועגן דעם אויסזען און וועגן דעם באַטײַט פֿון דעם אינעווייניק ווייסט ער לחלוטין גאָרנישט און ער נאַרט זיך וועגן

דעם אַלעמען. אָבער אויך וועגן דעם דאָרפֿסמענטש נאַרט ער זיך, ווי עס ווײַזט אויס, ווײַל אין דער אמתן שטייט יענער איבער אים, און ער ווייסט עס גאָרנישט. און דאָס וואָס ער באַהאַנדלט דעם מענטש, אַזוי ווי יענער וואָלט געווען נידעריקער פֿון אים, דערקענט מען פֿון אַ סך זאַכן, וואָס דו וועסט זיך אפֿשר אין זיי נאָך דערמאָנען. אָבער אַז ער שטייט טאַקע אין דער אמתן נידעריקער פֿון דעם מענטש, קומט משמעות אויך דײַטלעך און קלאָר אַרויס לויט דער דאָזיקער מיינונג. קודם־כּל שטייט דער פֿרײַער מענטש אַלע מאָל איבערן געבונדענעם. און אויב אַזוי, איז דער דאָרפֿסמענטש אין דער אמתן פֿרײַ, ער קען גיין, וווּהין עס גלוסט זיך אים, און נאָר דער אַרײַנגאַנג אין געזעץ אַרײַן איז אים פֿאַרבאָטן; און ווי אַזוי, סך־הכּל נאָר פֿון אַ יחיד, פֿון דעם טויער־היטער. אויב ער זעצט זיך אַנידער, דאָרטן אָן אַ זײַט פֿאַרן טויער, אויפֿן פֿוסבענקעלע, און ער בלײַבט דאָרטן זיצן כּל זמן ער לעבט, אַזוי געשעט עס פֿרײַוויליק; די געשיכטע־כּתבֿים דערציילן נישט פֿון קיין שום צוואַנג. דאַקעגן דער טויער־היטער איז מיטן כּוח פֿון זײַן אַמט צוגעבונדן צו זײַן פּאָסטן, ער טאָר נישט אַוועקגיין ווײַט אין דרויסן, און ווי עס ווײַזט אויס, טאָר ער אויך אינעווייניק נישט אַרײַנגיין, אַפֿילו ווען ער וואָלט עס יאָ געוואָלט. און חוץ דעם — עס איז טאַקע אמת, אַז ער שטייט אין דינסט פֿון געזעץ, ער דינט אָבער נאָר בײַ דעם דאָזיקן אַרײַנגאַנג, און אויך נאָר פֿאַר דעם דאָזיקן דאָרפֿסמענטש, וואָס נאָר פֿאַר אים איז אָט דער אַרײַנגאַנג אָנגעצייכנט. אויך צוליב אָט דער סיבה איז ער אונטער אים. מע דאַרף אָננעמען, אַז יאָרן און יאָרן, די לענג פֿון אַ לעבן פֿון אַ מאַן, האָט ער, אין אַ געוויסן זינען, געדינט אין אַ ליידיקן חלל; מחמת עס זאָגט זיך אין די שריפֿטן, אַז עס קומט אַ מאַן, און דאָס הייסט — עמעץ, וואָס זײַן עלטער איז שוין אין די יאָרן פֿון אַ דערוואַקסענעם מאַן; אויך, הייסט עס, אַז דער טויער־היטער האָט לאַנג, לאַנג געמוזט וואַרטן, ביז זײַן צוועק וועט דערגיין צו אַ שלימות; און משמעות, אַז ער האָט טאַקע אַזוי לאַנג געמוזט וואַרטן, ווי לאַנג עס האָט זיך יענעם מאַן געגלוסט, ווײַל געקומען איז ער דאָך גאַנץ פֿרײַוויליק. אָבער אויך דער סוף פֿונעם דינסט פֿונעם טויער־היטער ווערט אָנגעצייכנט דורך דעם לעבנס־סוף פֿון דעם דאָזיקן מאַן, און דאָס הייסט שוין אַוודאי, אַז ער שטייט און בלײַבט אונטער אים ביז צום סוף. און כּסדר און כּסדר ווערט אונטערגעשטראָכן, אַז, ווי עס ווײַזט אויס, ווייסט דער טויער־היטער פֿון דעם אַלעמען לחלוטין גאָרנישט. דערינען אָבער זעט מען פֿאָרט עפּעס, וואָס איז חוץ לדרך הטבֿע, ווײַל לויט דער זעלביקער מיינונג געפֿינט זיך דער טויער־היטער אונטערן חותם פֿון נאָך אַ סך אַ שווערערער אָפּגענאַרטקייט, און זי האָט שוין אַ שייכות צו זײַן אַמט. צום סוף זאָגט ער זיך אַרויס מכּוח דעם אַרײַנגאַנג אַזוי צו זאָגן: ‚אָט גיי איך צו און איך שליס אים', אָבער אין אָנהייב האָט זיך עס געזאָגט, אַז דאָס טויער צום געזעץ שטייט, ווי תּמיד, אָפֿן; אויב עס שטייט אָבער תּמיד אָפֿן, מיד, הייסט עס, דאָך, נישט־אָפּהענגיק פֿון די לעבנס־יאָרן פֿון דעם מענטש, פֿאַר וועלכן עס איז באַשטימט; וועט עס דאָך דער טויער־היטער נישט קענען פֿאַרשליסן. עס באַשטייט אַ גרויסע חילוקי־דעות, צי האָט דער

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

טויער־היטער מיט דער בשורה אַז ער גייט דאָס טויער פֿאַרשליסן, נאָר געוואָלט סתּם געבן אַן ענטפֿער, אָדער האָט געוואָלט דערמיט אונטערשטרײַכן זײַנע דינסטלעכע התחייבֿותן, אָדער ער האָט גאָר געוואָלט נאָך אין דער לעצטער רגע אויפֿוועקן חרטה און טרויער בײַ דעם דאָרפֿסמענטש. אַ סך אָבער זענען מסכּים, אַז ער וועט דאָס טויער נישט קענען פֿאַרשליסן. זיי מיינען אויך, אַז ער שטייט, לכל־הפּחות בײַם סוף, אויך וואָס שייך זײַן וויסן, אונטערטעניק צו דעם מענטש, מחמת דער זעט דאָך די שײַן, וואָס רײַסט זיך אַרויס פֿון געזעץ דורך דעם אַרײַנגאַנג, און יענער, דער טויער־היטער, בלויז שוין ווי אַזעלכער, מוז שטיין מיט דער פּלייצע צום טויער געווענדט; און מע האָט אויך פֿון אים קיין פּיפּס נישט געהערט, אַז ער האָט ווען עס איז באַמערקט אַן ענדערונג.״ „דאָס לייגט זיך גוט אויפֿן שׂכל,״ האָט ק. געזאָגט, איבערחזרנדיק פֿאַר זיך מיט אַ האַלב קול איינצלנע פּונקטן פֿון דעם גלחס אויפֿקלערונג. „עס לייגט זיך גוט אויפֿן שׂכל און איך גלייב שוין אַצינדערט אַליין, אַז דער טויער־היטער איז דער אָפּגענאַרטער. דעריבער אָבער האָב איך מײַן פֿריִערדיקע מיינונג פֿאָרט אין גאַנצן נישט אויפֿגעגעבן, ווײַל בײדע מיינונגען קומען זיך טיילווײַז צונויפֿ. עס איז נישט מכריע אָט אַ דאָס, צי דער טויער־היטער זעט קלאָר, אָדער ער ווערט גענאַרט. איך האָב געזאָגט, אַז דער מענטש ווערט גענאַרט. אויב דער טויער־היטער וואָלט אַלץ קלאָר געזען, וואָלט מען נאָך אויך געקענט זײַן אין אַ ספֿק, אָבער אַז דער טויער־היטער ווערט גענאַרט, דעמאָלט מוז זיך זײַן אייגענע אָפּגענאַרטקייט געזעצמעסיק אַריבערטראָגן אויף דעם מענטש. אמת איז, אַז דער טויער־היטער ווערט צוליב דעם נישט קיין גענאַרניק, אָבער ער איז אַזאַ פּשוטן, אַז מע וואָלט אים תּיכּף, אייגנטלעך, געדאַרפֿט אַוועקיאָגן פֿון זײַן פּאָסטן. דו מוזסט דאָך נעמען אין אַכט, אַז די אָפּגענאַרטקייט, אין וועלכער עס געפֿינט זיך דער טויער־היטער, ברענגט אים אַליין נישט קיין שום שאָדן, פֿאַרן מענטשן אָבער באַטײַט זי אַ טויזנטפֿאַכיקן שאָדן.״

„דאָ שטויסטו זיך אָן אויף אַ קעגנזעצלעכער מיינונג,״ האָט געזאָגט דער גלח. „פֿאַראַנען אירע, וואָס זאָגן אַזוי צו זאָגן, אַז די געשיכטע גיט קיינעם נישט קיין רעכט, צו משפּטן דעם טויער־היטער. ווי אַזוי ער זאָל אין אונדזערע אויגן נישט אויסקוקן, איז ער דאָך פֿאָרט אַ דינער פֿונעם געזעץ, ובכן איינער, וואָס באַלאַנגט צום געזעץ, ובכן אויסער יעדן מענטשלעכן דין און משפּט. אין אַזאַ פֿאַל דאַרף מען אויך נישט גלייבן, אַז דער טויער־היטער איז קלענער פֿון דעם מענטש. אַז איינער איז דורך זײַן פּאָסטן, אַפֿילו בלויז צום אַרײַנגאַנג אין געזעץ אַרײַן, צוגעבונדן, איז דאָס אַליין שוין נישט צום פֿאַרגלײַכן מער און העכער, ווי אַז איינער לעבט זיך פֿראַנק־און־פֿרײַ אין דער וועלט. דער מענטש קומט ערשט צום געזעץ, און דער היטער איז שוין דאָרט דאָ. דאָס געזעץ האָט אים אויף דעם פּאָסטן אַוועקגעשטעלט; צו האָבן אַ ספֿק אין זײַן חשיבֿות, הייסט האָבן אַ ספֿק אין געזעץ גופֿא.״ „מיט דער דאָזיקער מיינונג בין איך נישט מסכּים,״ האָט ק. געזאָגט און געשאָקלט מיט דעם קאָפּ, „ווײַל אויב מע איז זיך מצרף צו דער דאָזיקער מיינונג, מוז מען שוין אַלץ, וואָס נאָר דער טויער־היטער זאָגט אַרויס, האַלטן פֿאַר אמת.

און אַז דאָס דאָזיקע איז נישט מעגלעך, דאָס האָסטו דאָך ערשט נישט־לאַנג אַליין אויספֿירלעך באַוויזן און באַגרינדעט." „ניין," האָט געזאָגט דער גלח, „מע מוז נישט האַלטן, אַז אַלץ איז אמת, מע מוז נאָר האַלטן, אַז עס איז נייטיק." „אומעטיקע מיינונג," האָט ק. געזאָגט. „דער ליגנט ווערט דערהויבן צו אַ סדר־העולם."

ק. האָט דאָס אַרויסגעבראַכט ווי אַ מין החלטה, אָבער זײַן לעצטער משפּט איז עס פֿאָרט נישט געווען. ער איז שוין צו מיד געווען אויף צו קענען זיך אָריענטירן אין יעדן איינציקן פּועל־יוצא פֿון דער גאַנצער געשיכטע; אַגבֿ, זענען דאָס געווען נײַע געדאַנקען־גענג, צו וועלכע ער איז נישט געוווינט געווען; די גאַנצע געשיכטע האָט אים פֿאַרפֿירט צו אומרעאַלע זאַכענישן, וואָס זענען מער צוגעפּאַסט, אַז זיי זאָלן אַרומגעשמועסט ווערן אין אַ מסיבה פֿון די געריכטס־באַאַמטע, און נישט מיט אים. די פּשוטע מעשׂה איז געוואָרן אין גאַנצן מטושטש, ער האָט זי געוואָלט אַראָפּטרייסלען פֿון זיך; און דער גלח, וואָס האָט אַצינד אַ גרויסע צערטלעכקייט צו אים אַרויסגעוויזן, האָט אויכעט געהאַט אַ סך סבֿלנות, און ער האָט צוגעשוויגן צו ק.׳ס באַמערקונגען, כאָטש אָט אַ די באַמערקונגען האָבן בשום אופֿן נישט געשטימט מיט זײַן אייגענער מיינונג.

שווײַגנדיק זענען זיי אַ שטיקל צײַט ווײַטער געגאַנגען, ק. האָט זיך געהאַלטן זייער נאָענט צום גלח, ער איז געגאַנגען — נישט וויסנדיק ווּ ער איז ערגעץ אין דער וועלט. דאָס לעמפּל אין זײַן האַנט איז שוין פֿון לאַנג אַן אויסגעלאָשנס געווען. איין מאָל האָט אַ שימעריר געטאָן, פּונקט פֿאַר אים, די זילבערנע סטאַטוע פֿון אַ הייליקן — אַ שימעריר בלויז מיט דער שײַן פֿונעם זילבער — און איז תּיכּף פֿאַרלאָשן געוואָרן און זיך ווידער פֿאַרוואַנדלט אין טונקלקייט. און כּדי נישט אין גאַנצן צו בלײַבן אָנגעוויזן אויפֿן גלח, האָט אים ק. אַ פֿרעג געטאָן: „געפֿינען מיר זיך נישט אין דער נאָענט פֿונעם הויפּט־אַרײַנגאַנג?" „ניין," האָט געזאָגט דער גלח, „מיר זענען גאַנץ ווײַטלעך פֿון אים. דו ווילסט דען שוין אַוועקגיין?" כאָטש ק. האָט פּונקט אַצינד וועגן דעם נישט געקלערט, האָט ער דאָך תּיכּף אַ זאָג געטאָן: „אַוודאי, איך מוז אַוועקגיין. איך בין אַ פּראָקוריסט אין אַ באַנק, מע וואַרט אויף מיר; אַהערגעקומען בין איך נאָר, מיט דעם ציל צו באַווײַזן די קאַטעדראַלע אַן אויסלענדישן געשעפֿטספֿרײַנד." „נו, אויב אַזוי," האָט געזאָגט דער גלח, און ק.׳ן די האַנט דערלאַנגט, „איז גיי דיר." „איך קען מיר אָבער אין דער טונקלקייט אַליין קיין עצה נישט געבן," האָט ק. געזאָגט. „גיי אויף לינקס ביז צו דער וואַנט צו," האָט געזאָגט דער גלח, „שפּעטער זאָלסטו גיין כּסדר און כּסדר לענג־אויס פֿון דער וואַנט, לאָז די וואַנט נישט אָפּ, און דו וועסט שוין דאָרט דעם אַרויסגאַנג געפֿינען." דער גלח איז קוים־קוים ערשט אַ פּאָר געציילטע שריט אָפּגעגאַנגען, אָבער ק. האָט שוין גאַנץ הויך גערופֿן: „זײַ אַזוי גוט, וואַרט נאָך!" „איך וואַרט," האָט געזאָגט דער גלח. „ווילסטו נישט נאָך עפּעס פֿון מיר?" האָט ק. געפֿרעגט. „ניין," האָט געזאָגט דער גלח. „ביסט פֿריִער אַזוי פֿרײַנדלעך צו מיר געווען," האָט ק. געזאָגט, „און האָסט מיר אַלץ אויפֿגעקלערט, איצט אָבער פֿאַרלאָזסטו מיך, אַזוי ווי איך וואָלט דיך אין גאַנצן נישט אָנגעגאַנגען." „דו מוזסט דאָך

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

אַוועקגיין,״ האָט געזאָגט דער גלח. „נו יאָ,״ האָט ק. געזאָגט, „דו מוזסט עס דאָך נעמען אין אַכט.״ „נעם דו קודם־כל אין אַכט, ווער איך בין,״ האָט געזאָגט דער גלח. „דו ביסט דער גלח פֿון די תּפֿיסות,״ האָט ק. געזאָגט און איז צוגעגאַנגען נענטער צו אים; עס איז נישט אַזוי מוראדיק נייטיק געווען, אַז ער זאָל זיך תּיכּף אומקערן אין דער באַנק אַרײַן, ווי ער האָט עס נאָר וואָס פֿאָרגעשטעלט; ער האָט גאַנץ פֿײַן געקענט דאָ נאָך בלײַבן. „באַלאַנג איך, הייסט עס, צום געריכט,״ האָט געזאָגט דער גלח. „איז פֿאַר וואָס זשע זאָל איך עפּעס וועלן פֿון דיר. דאָס געריכט וויל פֿון דיר גאָרנישט. קומסטו — נעמט עס דיך אויף, גייסטו — לאָזט עס דיך אָפּ.״

10

דער סוף

ערבֿ זײַן אײן און דרײַסיקסטן געבוירן־טאָג — עס איז געווען אַן ערך נײַן אַ זייגער אין אָוונט, די צײַט פֿון דער שטילקייט אויף די גאַסן — זײַנען צוויי הערן אַרײַנגעקומען אין ק.׳ס וווינונג. אָנגעטאָן אין פֿראַקן, זייערע פּנימער אויס־געבלייכט און פֿעט, זיי האָבן געטראָגן צילינדערס אויף די קעפּ, און עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס זענען נישט קיין שאַפּאָקלאַקן. נאָך דער קליינער אָפֿיציעלער פֿאַרמאַליטעט מכּוח דעם אַרײַנגיין, בײַם הויפּט־אַרײַנגאַנג פֿון דער גאַנצער דירה, האָט זיך די זעלבע אָפֿיציעלע פֿאָרמאַליטעט איבערגעחזרט בײַ דער טיר גופֿא פֿון ק.׳ס צימער, אָבער דאָס מאָל שוין מיט אַ סך אַ גרעסערן פֿאַרנעם. כאָטש דער באַזוך איז אים נישט אָנגעזאָגט געוואָרן, איז ק. — אויך אין אַ שוואַרצן אָנצוג — געזעסן אין אַ שטול, נאָענט לעבן דער טיר, און האָט גראָד לאַנגזאַם אַרויפֿגעצויגן איבער די פֿינגער אַ פּאָר נײַע, שאַרף אָנגעשפּאַנטע הענטשקעס; זײַן פּאָזע — די פּאָזע פֿון אַ מענטש, וואָס וואַרט אויף געסט. ער האָט תּיכּף געגעבן אַ שטיי אויף און האָט נײַגעריק אָנגעקוקט די הערן. „איר זענט, הייסט עס, באַשטימט פֿאַר מיר?״ האָט ער געפֿרעגט. די הערן האָבן צוגעשאָקלט, איינער האָט מיט דעם צילינדער אין דער האַנט אָנגעוויזן אויפֿן אַנדערן. ק. האָט צו זיך אַליין אַ טראַכט געטאָן, אַז ער האָט אַ גאַנץ אַנדערן באַזוך דערוואַרט. ער איז צוגעגאַנגען צום פֿענצטער און האָט נאָך איין מאָל אַ קוק געטאָן אויף דער טונקעלער גאַס. כּמעט אַלע פֿענצטער, פֿון דער אַנדערער זײַט גאַס, זענען שוין געווען טונקל, אַ סך — מיט אַראָפּגעלאָזענע פֿאָרהאַנגען. אין איין באַלויכטענעם פֿענצטער פֿון אַ דירה אַנטקעגן האָבן זיך קינדער, הינטער עפּעס אַ גראַטע, געשפּילט און געטאַפּט מיט די הענטלעך איינס דאָס אַנדערע, ווײַל זיי זענען נאָך צו קליין געווען זיך אַליין פֿון די ערטער צו באַוועגן. „אַלטע אַקטיאָרן, פֿון נידעריקע ראַנגען, שיקט מען נאָך מיר,״ האָט ק. צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן, און האָט זיך אַרומגעקוקט, כּדי זיך טאַקע נאָך אַ מאָל צו איבערצײַגן, אַז אַזוי איז עס. „מע זוכט וועגן ווי אַזוי אויף אַ ביליקן אופֿן מיך צו פּטרן.״ ק. האָט זיך פּלוצלינג אַ קער געטאָן צו די צוויי חבֿרה־לײַט און האָט אַ פֿרעג געטאָן: „אין וואָס פֿאַר אַ טעאַטער שפּילט איר?״ „טעאַטער?״ האָט איינער פֿון די הערן, מיט אַ צאַפּל פֿון די ווינקלען פֿון מויל, געפֿרעגט אַן עצה בײַם אַנדערן. דער אַנדערער האָט געמאַכט דעם אָנשטעל פֿון אַ שטומען, וואָס פֿירט אַ מלחמה מיט דער ווידערשפּעניקייט פֿון דעם מום פֿון זײַן

גוף. „זיי זענען דערצו נישט צוגעגרייט, אַז מע זאָל זיי שטעלן קשיות,“ האָט ק. צו זיך אַליין אַ זאָג געטאָן און איז געגאַנגען ברענגען דעם הוט זײַנעם.

שוין אויף די טרעפּ האָבן די הערן געוואָלט אַ נעם טאָן ק.׳ן אונטער די אָרעמס, אָבער ק. האָט אַ זאָג געטאָן: „ערשט אויף דער גאַס, איך בין נישט קראַנק.“ אָבער תּיכּף פֿאַרן טויער פֿון הויז, האָבן זיי אים אַ נעם געטאָן אונטער די אָרעמס אויף אַזאַ אופֿן, ווי ק. איז נאָך קיין מאָל אין לעבן מיט אַ מענטשן נישט געאָרעמט געגאַנגען. זיי האָבן געהאַלטן די אַקסלען זייערע האַרט הינטער די אַקסלען פֿון ק., זיי האָבן די עלנבויגנס זייערע נישט צוריקגעבויגן ווי געוויינטלעך, נאָר האָבן זיי באַנוצט צום אַרומפֿלעכטן די גאַנצע לענג פֿון ק.׳ס עלנבויגנס; בײַם סוף האָבן זיי מיט די הענט אָנגענומען ק.׳ס הענטפֿלאַכן מיט אַן אײַנגעשטודירטן, גוט אײַנגעחזרטן, אומבאַצווינגלעכן כאַפּ. ק. איז געגאַנגען צווישן זיי שטײַף און אויסגעשטרעקט; אַלע דרײַ צוזאַמען זענען זיי איצט געווען אַזאַ מין געשלאָסענע איינס, אַז ווען מע וואָלט איינעם פֿון זיי איצט צעקלאַפּט, וואָלטן זיי אַלע דרײַ צעקלאַפּט געווען. עס איז געווען אַזאַ מין איינס, וואָס בלויז נאָר אומלעבעדיקע זאַכן קענען באַשאַפֿן.

פֿאַרבײַגייענדיק די גאַסן־לאַמטערנעס, האָט ק. אָפֿטלעך געפּרוּווט — ווי שווער עס איז אים אָנגעקומען אין דעם דאָזיקן מוראדיקן ענגן מצבֿ — דײַטלעכער אַ ביסל צו דערזען די באַגלייטערס זײַנע, גענויער ווי דאָס איז מעגלעך געווען אין דער האַלב טונקלקייט פֿון זײַן צימער. „אפֿשר זענען דאָס טענאָר־זינגערס,“ האָט ער אַ טראַכט געטאָן, דערזעענדיק די שווערע טאָפּל־גוידערס זייערע. עס האָט אים געעקלט פֿון דער ריינקייט פֿון זייערע פּנימער. מע האָט נאָך כּמעט אויף זיי אָנגעזען די פּוצנדיקע האַנט, וואָס האָט אויסגעווישט זייערע אויגנווינק־לען, וואָס האָט געריבן די אייבערשטע ליפּן, וואָס האָט אויסגעקראַצט די קנייטשן אין די קינבאַקן.

אַז ק. האָט דאָס באַמערקט, איז ער שטיין געבליבן; צוליב דעם זענען אויך די אַנדערע שטיין געבליבן; זיי זענען אָנגעקומען פּונקט צום ראַנד פֿון אַ פֿרײַעם, פֿון יעדער שפּור פֿון מענטשן, אויסגעליידיקטן פּלאַץ, וואָס איז געווען באַצירט מיט כּלערליי בלומענבייטן. „פֿאַר וואָס האָט מען פּונקט אײַך געשיקט!“ האָט ער מער אויסגערופֿן, ווי געפֿרעגט. עס איז געווען אויגנשײַנלעך קלאָר, אַז די הערן ווייסן נישט קיין ענטפֿער, זיי האָבן געוואַרט מיט די אַראָפּהענגענדיקע פֿרײַע אָרעמס, ווי די קראַנקן־וועכטערס, בשעת דער חולה וויל זיך אַ ביסל אָפּרוען. „איך גיי נישט ווײַטער,“ האָט ק. געזאָגט, סתּם, אויף אַ פּרוּוו צו טאָן. דערויף האָבן די צוויי הערן נישט געדאַרפֿט ענטפֿערן, עס איז גענוג געווען, וואָס זיי האָבן דעם אָנכאַפּ מיט די הענט נישט לויזער געמאַכט; חוץ דעם האָבן זיי תּיכּף אַ פּרוּוו געטאָן ק.׳ן פֿון אָרט אַ רוק צו געבן; אָבער ק. האָט זיך אַנטקעגנגעשטעלט. „קיין סך כּוח וועל איך שוין מער נישט דאַרפֿן, וועל איך דעריבער אַלע מײַנע כּוחות אַצינד אָנווענדן,“ האָט ער געטראַכט. עס האָבן אים איצט אַ מיניע געטאָן פֿאַר די אויגן פֿליגן, וואָס ציִען זיך מיט אַלע כּוחות, און אַפֿילו שוין מיט זיך

רײַסנדיקע פֿיסעלעך, אַוועק פֿונעם קלעפּפּאַפּיר. „עס וועט זי נישט אַזוי לײַכט אָנקומען, די הערן.“

און דאָ איז פּונקט פֿאַר זי פֿון אַ נידעריק, זײַטיק געסל, אויף עטלעכע קלײנע טרעפּלעך, פֿרײַלין בירסטנער אַרויפֿגעקומען אויפֿן פּלאַץ אַרויף. עס איז נישט געווען אין גאַנצן זיכער, אַז זי איז עס טאַקע; די ענלעכקייט איז פֿאָרט געווען זייער גרויס. אָבער ק.׳ן איז עס, אַגבֿ, לחלוטין נישט אָנגעגאַנגען, צי זי איז עס טאַקע אויף זיכער, פֿרײַלין בירסטנער; און נאָך דער נוצלאָזיקייט פֿון זײַן אַנטקעגנשטעלן זיך איז אים ערשט דווקא איצט תּיכּף קלאָר געוואָרן. אין דער אמת איז קיין שום העלדישקייט איצט נישט געווען אין זײַן אַנטקעגנשטעלן זיך, אויך נישט אין זײַן מאַכן אַלערליי שוועריקייטן די הערן, אויך נישט אין זײַן ווידערשטאַנד, און נישט אין זײַן חשק צו געניסן נאָך פֿון דעם לעצטן ביסל געבליבענעם לעבן. האָט ער זיך דעריבער ווידער געלאָזט אין גאַנג; אַ פֿרייד איז דערבײַ באַפֿאַלן די צוויי הערן, און אַ ביסל פֿון דער פֿרייד האָט זיך אויך אים אַליין איבערגעגעבן. זיי האָבן זיך נישט געווערט קעגן דעם, וואָס ער האָט אַצינד באַשטימט די ריכטונג פֿון גאַנג; און באַשטימט האָט ער זי לויט דעם וועג, וווּ עס איז איצט געגאַנגען דאָס פֿרײַלין, וואָס פֿאַר זיי; נישט חלילה דערפֿאַר, ווײַל ער האָט זי געוואָלט אָניאָגן, נישט חלילה דערפֿאַר, ווײַל ער האָט זי געוואָלט זען אַזוי לאַנג ווי נאָר מעגלעך, נײַערט נאָר דערפֿאַר, כּדי נישט צו פֿאַרגעסן די מאָנונג און די וואָרענונג, וואָס זי שטעלט מיט זיך פֿאָר לגבי אים. „דאָס אײנציקע, וואָס איך קען נאָך איצט טאָן,“ האָט ער צו זיך געזאָגט; און דער גלײַכער ריטעם פֿון זײַנע שריט, און די שריט פֿון די אַנדערע צוויי לײַט, האָט באַשטעטיקט זײַנע מחשבֿות; „דאָס אײנציקע, וואָס איך קען איצט טאָן, איז ביזן סוף נישט אויפֿגעבן דעם רויִקן, דעם געמאָסטענעם און געוויגעגעם שׂכל מײַנעם. מיר האָט זיך אַלע מאָל געגלוסט מיט צוואַנציק פֿאַר הענט אין דער וועלט אַרײַן אַרײַנצופֿאָרן, און דאָס — נישט דווקא צוליב אַזעלכע פֿײַנע צילן. דאָס האָט נישט געטויגט. זאָל איך אַצינד ברענגען אַ באַווײַז, אַז אַפֿילו דער פּראָצעס, וואָס דויערט שוין אַ יאָר צײַט, האָט מיך נישט געקענט ברענגען צום שׂכל? זאָל איך אַוועק פֿון דער וועלט, ווי אַ מענטש מיט אַ טעמפּן קאָפּ? זאָל מען מיר מעגן נאָכזאָגן, אַז ווען דער פּראָצעס האָט זיך אָנגעהויבן, האָב איך געוואָלט מאַכן אַ גיכן סוף מיט אים; און איצט, אַז דער פּראָצעס ענדיקט זיך שוין, וויל איך אים ווידער אָנהייבן? איך וויל נישט, אַז מע זאָל מיר דאָס נאָכזאָגן. איך בין דאַנקבאַר דערפֿאַר, וואָס מע האָט מיר אויף דעם דאָזיקן וועג מײַנעם מיטגעגעבן אָט אָ די צוויי האַלב שטומע, גאָרנישט באַנעמענדיקע הערן, און אַז מע האָט מיר אַליין געגעבן די שליחות, זיך אַליין אַלץ צו זאָגן, וואָס עס איז נייטיק.“

דאָס פֿרײַלין איז בינו לבינו אַוועק אין אַ זײַטן־געסל, אָבער ק. האָט זיך שוין סײַ ווי געקענט אַצינד אָן איר באַגיין, און ער האָט זיך אין גאַנצן איבערגעענטפֿערט אין די הענט פֿון זײַנע באַגלייטערס. אַלע דרײַ זענען איצט, אין אַ מין אַבסאָלוטער הסכּמה, אַריבער איבער אַ בריק, באַגאָסן מיט לבֿנה־ליכט; יעדער קלײנע באַוועגונג, וואָס ק. האָט געמאַכט, האָבן די הערן אַצינד גערן אויך נאָכגע־

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

מאַכט; און אַז ער האָט זיך נאָר אַ קאַפּעלע אַ בייג געטאָן צום געלענדער פֿון דער בריק, האָבן זיי זיך תּיכּף מיט דער גאַנצער פֿראָנט אַהין אַ קער געטאָן. דאָס וואַסער האָט שעמערירט און געציטערט אין לבֿנה־שײַן, און האָט זיך צעטיילט אַרום אַ קליין אינדזעלע; דאָרט איז געווען אַן אָנגעהויפּטער אָנגעוואָרף פֿון בלעטערוואַרג פֿון ביימער און פֿון קוסטעס. אונטער די הויפֿנס זענען געווען — איצט האָט מען זיי נישט געקענט זען — סטעזשקעס געפֿלאַסטערטע מיט שטיינ־דלעך און אויך באַקוועמע בענק; אויף אַט אַ די בענק האָט ק. נישט אין איין זומערנאַכט זיך זיצנדיק געצויגן און געשטרעקט די ביינער זײַנע. „איך האָב דאָך גאָרנישט געוואָלט זיך אָפּשטעלן," האָט ער געזאָגט צו זײַנע מיטגייערס, אַ פֿאַר־שעמטער אַ ביסל פֿון זייער גרייטוויליקייט. עס האָט אויסגעזען, אַז איינער פֿון זיי מאַכט דעם אַנדערן, הינטערן רוקן פֿון ק., אַ מילדן אויסרייד צוליב דעם טעות מיט דעם שטיין־בלײַבן; און זיי זענען תּיכּף ווײַטער געגאַנגען.

די זענען דורכגעגאַנגען דורך עטלעכע גאַסן, וואָס האָבן זיך געצויגן משופּע אַרויף; פּאָליציאַנטן זענען דאָ און דאָרט געשטאַנען, אַנדערע זענען געגאַנגען, עטלעכע פֿון דער ווײַטנס, ווידער אַנדערע גאָר פֿון דער נאָענט. איינער פֿון די פּאָליציאַנטן, מיט אַ פּאָר פֿאַרוואָקסענע וואָנצעס, מיט דער האַנט אויפֿן הענטל פֿון דער שווערד, איז כּמעט מיט אַ כּוונה צוגעקומען אַ ביסל נענטער צו דער גרופּע, וואָס האָט אים אויסגעזען צו זײַן נישט אין גאַנצן אָן אַ חשד. די הערן האָבן זיך אַ רגעלע פֿאַרהאַלטן, עס האָט אויסגעזען, אַז דער פּאָליציאַנט עפֿנט שוין אַט־אַט דאָס מויל זײַנס; און דאָ האָט ק. אַ צי געטאָן מיט כּוח די צוויי הערן אויף פֿאָרויס. אָפֿט האָט ער זיך פֿאַרזיכטיק אומגעקוקט, צי דער פּאָליציאַנט גייט נישט אפֿשר נאָך; נאָר אַז זיי זענען שוין פֿאַרבײַגעגאַנגען אַ ווינקל־גאַס פֿון דעם פּאָליציאַנט, האָט ק. אָנגעהויבן ממש צו לויפֿן; אָטעם האָט זיי אַזש פֿאַרפֿעלט — די הערן, אָבער זיי האָבן געמוזט מיטלויפֿן.

און אַזוי זענען זיי גיך אַרויסגעקומען אויסער פֿון דער שטאָט; אין אָט דער ריכטונג האָט זיך די שטאָט, כּמעט אָן אַן איבערגאַנג, געגרענעצט מיט די פֿעלדער. אַ קליינער שטיינבראָך, אַ פּוסטער און אַ פֿאַרלאָזענער, איז דאָ געווען אין דער נאָענט פֿון אַ כּמעט דורכויס שטאָטישן הויז. דאָ האָבן זיך די הערן אָפּגעשטעלט, קען זײַן, אַז צוליב דעם, מחמת אָט דאָס אָרט איז לכתּחילה זייער ציל געווען, אָדער אויך מחמת זיי זענען שוין צו אויסגעמאַטערט געווען נאָך ווײַטער צו לויפֿן. איצט האָבן זיי ק.׳ן אָפּגעלאָזן; שטום האָט ער גענומען וואַרטן; זיי האָבן אַראָפּגענומען די צילינדערס פֿון די קעפּ, האָבן גענומען ווישן דעם שווייס פֿון די שטערנס, און האָבן זיך בשעת־מעשׂה אַרומגעקוקט אין דעם שטיינבראָך. אומעטום איז דאָ אַרומגעלעגן דאָס ליכט פֿון דער לבֿנה, מיט אַ מין נאַטירלעכקייט און אַ רו, וואָס קיין שום אַנדער ליכט האָט עס במתּנה נישט באַקומען.

די האָבן איבערגעביטן אַ פּאָר פֿאָרמעלע העפֿלעכקייטן אין שייכות מיט דעם, ווער עס דאַרף דאָ מאַכן די נאָענטסטע שריט — עס ווײַזט אויס, אַז די באַפֿעלן האָבן ביידע באַקומען גלײַך — און תּיכּף איז איינער פֿון די הערן צוגעגאַנגען צו

ק., האָט פֿון אים אַראָפּגענומען דאָס רעקל, דאָס וועסטל און צום סוף אויך דאָס העמד. ק. האָט נישט־ווילנדיק געכאַפּט אַ ציטער; דער הער האָט אים מאָמענטאַן געגעבן אַ לײַכט, באַרויִקנדיק פּעטשל אין רוקן אַרײַן. דעמאָלט האָט ער זייער באַדאַכט צונויפֿגעלייגט די מלבושים, אַט אַזוי ווי מע טוט עס מיט זאַכן, וואָס מע דאַרף נאָך באַנוצן, כאָטש נישט אין דער סאַמע נאָענטסטער צײַט. און כּדי נישט איבערצולאָזן ק.׳ן אין גאַנצן אָן שום באַוועגונג, אויסגעשטעלט צו דער, פֿאָרט קילער, נאַכטלופֿט, האָט אים דער הער אַ נעם געטאָן אונטער דער האַנט און איז מיט אים אַ ביסל אַהין און צוריק געגאַנגען; אין דער זעלבער צײַט האָט זיך דער אַנדערער הער אַרומגעקוקט אין דעם שטיינבראָך און האָט געזוכט עפּעס אַ צוגעפּאַסט שטיקל אָרט. קוים האָט ער דאָס צוגעפּאַסטע שטיקל פּלאַץ געפֿונען, האָט ער אַ ווונק געגעבן, און דער אַנדערער הער האָט ק.׳ן אַהין צוגעפֿירט. עס איז געווען נאָענט לעבן דער בראָכוואַנט און עס איז דאָרט אַרומגעלעגן אַ נישט־לאַנג אויסגעבראָכענער שטיין. די הערן האָבן אַנידערגעזעצט ק. אויף דער ערד, זיי האָבן אים אָנגעשפּאַרט אָן דעם שטיין און האָבן דעם קאָפּ זײַנעם אַרויפֿגעלייגט אויבן אויפֿן שטיין. נישט געקוקט דערויף, וואָס זיי האָבן זיך זייער אָנגעשטרענגט, און אויך נישט געקוקט דערויף, וואָס ק. איז זיי אין אַלץ אַקעגנגעקומען, איז אָבער די פּאָזיציע זײַנע געבליבן זייער אַ געצווונגענע און אויך אַן אומגלייבלעכע. האָט דעריבער איינער פֿון די הערן געבעטן דעם אַנדערן, אַז ער זאָל אים אויף איין רגע לאָזן אַליין זיך מתעסק זײַן מיט דעם דאָזיקן אַוועקלייגן ק.׳ן ווי עס קער צו זײַן; אָבער אויך דאָס האָט קיין סך נישט געהאָלפֿן, עס איז נישט בעסער געוואָרן. סוף־כּל־סוף האָבן זיי איבערגעלאָזן ק.׳ן אין אַ פּאָזיציע, וואָס איז אַפֿילו נישט געווען די סאַמע בעסטע פֿון יענע פּאָזיציעס, וואָס זיי האָבן יאָ שוין ביז איצט געהאַט דערגרייכט. דעמאָלט האָט איינער פֿון די הערן אויפֿגעקנעפּלט זײַן פֿראַק, האָט אַרויסגעצויגן פֿון אַ שיידל, וואָס איז געהאַנגען אויף אַ פּאַס, אַן אַרומגע־גאַרטלטן אַרום דעם וועסטל זײַנעם, אַ לאַנג, דין, פֿון ביידע זײַטן אָנגעשאַרפֿט קצבֿ־מעסער; ער האָט אַ הייב געטאָן אין דער הייך און האָט אויסגעפּרווט זײַן אָנגעשאַרפֿטקייט אינעם ליכט פֿון דער לבֿנה. און ווידער האָבן זיך אָנגעהויבן די אָפּשטויסנדיקע פֿאַרמעלע העפֿלעכקייטן; איינער האָט — איבער ק. אַריבער — דערלאַנגט דאָס מעסער דעם אַנדערן, און יענער האָט עס — ווידער אַריבער ק. — דעם אַנדערן צוריקדערלאַנגט. ק. האָט איצט גאַנץ גענוי געוווּסט, אַז זײַן חובֿ וואָלט איצט געדאַרפֿט זײַן אַ כאַפּ צו טאָן דאָס מעסער, וואָס שוועבט אַזוי איבער אים אַהין און אַהער, פֿון האַנט צו האַנט, און אַליין עס אין זיך אַרײַנבויערן. ער האָט עס אָבער נישט געטאָן, נאָר ער האָט געדרייט דעם האַלדז, וואָס איז נאָך דערווײַל פֿרײַ געווען, אַהין און אַהער, און האָט זיך אַרומגעקוקט. לחלוטין אַלץ מקיים זײַן און אַוועקנעמען אַלע פֿליכטן און אַרבעטן פֿון די געריכטס־באַאַמטע, האָט ער פֿאָרט נישט געקענט; די אחריות פֿאַר אָט דעם לעצטן חסרון זײַנעם האָט געטראָגן דער, וואָס האָט אים נישט געגעבן דאָס לעצטע ביסל פֿון נייטיקן כּוח דערצו. זײַנע בליקן זענען געפֿאַלן אויפֿן לעצטן עטאַזש פֿונעם הויז, וואָס האָט

פֿראַנץ
קאַפֿקאַ

זיך געגרענעצט מיט דעם שטיינבראָך. אַזוי גיך ווי אַ ליכט, וואָס גיט אַ פֿלאַם אויף, האָבן זיך דאָרט אַ פּראַל אויף געטאָן די צוויי רעמען־פֿליגלען פֿון אַ פֿענצ־טער; און דערזען האָט מען דאָרט אַ מענטש; געזען אים שוואַך און דין צוליב דער הייך און דער ווײַט; מיט איין שטרעק אויס האָט ער זיך אַ בייג געטאָן ווײַט פֿאָרויס, און האָט די אָרעמס זײַנע נאָך אַ סך ווײַטער אַרויסגעצויגן. ווער איז עס דאָרט — אַ פֿרײַנד? אַ גוטער מענטש? אַ בעל־רחמים? אַ מענטש, וואָס האָט געוואָלט העלפֿן? איז ער געווען אַ יחיד? זענען אַלע אַזוי? איז נאָך בכלל דאָ הילף? זענען נאָך געווען אַרגומענטן, און מע האָט זיי פֿאַרגעסן? אַוודאי זענען זיי געווען. די לאָגיק קען מען טאַקע פֿון אָרט נישט רירן, אָבער אַז אַ מענטש וויל לעבן מיט אַלע כּוחות, שטעלט זי זיך נישט אַנטקעגן. ווו איז יענער ריכטער געווען, וואָס ער האָט אים קיין מאָל, פּנים־אל־פּנים, נישט געזען? און ווו איז געווען דאָס הויכע געריכט, וואָס ער איז קיין מאָל צו דעם נישט דערגאַנגען? ער האָט אױפֿגעהויבן די הענט און צעשפּרייט אַלע פֿינגער.

אָבער דערבײַ זענען אויף ק.׳ס גאָרגל שוין געלעגן די הענט פֿון איינעם פֿון די הערן; בשעת־מעשׂה האָט אים דער אַנדערער דאָס מעסער טיף אין האַרץ אַרײַנגעשטאָכן, און האָט עס דאָרט צוויי מאָל איבערגעדרייט. מיט לעשנדיקע אויגן, האָט נאָך ק. געזען ווי די הערן האָבן אָנגעלענט אַ באַק צו באַק, גאַנץ נאָענט לעבן זײַן פּנים, און ווי זיי וואָלטן באַטראַכט דעם לעצטן אַקט, דעם לעצטן באַשלוס. „ווי אַ הונט!״ האָט ק. נאָך אַ זאָג געטאָן, און געמיינט האָט עס, אַז די בושה וועט אים, ווײַזט אויס, איבערלעבן.

ביאָ־ביבליאָגראַפֿיע

זייַן ייִדישער נאָמען איז געווען אַמשל, אַ טיפּישער נאָמען בײַ די דײַטשישע ייִדן; ער איז געבוירן געוואָרן אין פּראָג, דעם 3טן יולי, 1883, פּראָג — די שטאָט פֿונעם מהר"ל און דער גולם־לעגענדע, די הויפּטשטאָט פֿון דער טשעכישער פּראָווינץ פֿון דער עסטרײַכיש־אונגערישער אימפּעריע. ער איז געשטאָרבן דעם 3טן יוני, 1924, פֿון האַלדז־טובערקולאָז, אין קירלינג־סאַנאַטאָריע אין דער שטאָט קלאָסטערנויבורג, בײַ ווין. אין אַ חודש אַרום וואָלט ער אַלט געוואָרן 41 יאָר. זײַנע עלטערן (דער פֿאָטער — הערמאַן, די מוטער — יוליע) האָבן געהאַט נאָך זין און טעכטער, עטלעכע זענען געשטאָרבן אין פֿריִען עלטער. פֿראַנץ איז דערצויגן געוואָרן אין אַ גבֿירישער פּאַטריאַרכאַלישער סבֿיבֿה. ער האָט באַקומען אַ סך וועלטלעכע בילדונג, ייִדישע — כּמעט גאָרנישט. זײַן פֿאָטער איז געווען אַ דאָמינירנדיקע פּערזענלעכקייט, פֿיזיש — אַ גיבור. שטאַמענדיק אַליין פֿון פּשוטן, אָרעמלעכן פֿאָלק, האָט ער מיט די אייגענע צען פֿינגער אויפֿגעבויט אַ גרויס, פּראָספּערירנדיק געשעפֿט אין פּראָג, וואָס זײַן עמבלעם איז געווען די קליינע, שוואַרצע קראָ, דער אַזוי גערופֿענער קאַפֿקאַ־פֿויגל — לויט דעם משפּחה־נאָמען.

יוני, 1906, האָט דער גערדיכט־שוואַרצהאָריקער, הויכער, מאָגערער, אויפֿפֿאַלנדיק שיינער, דין־שאַרף־פּנימדיקער, עלעגאַנטער פֿראַנץ קאַפֿקאַ באַקומען דעם טיטל דאָקטאָר יורי. אָבער אים איז נישט געלעגן אין קאָפּ די אַדוואָקאַטישע פּראַפֿעסיע, כאָטש דאָס קינסטלערישע קרוינווערק זײַנס האָט גע־דאַרפֿט הייסן „דער פּראָצעס". ער האָט שוין פֿריִער באַשלאָסן צו ווערן אַ שרײַבער, אַ נאָוועליסט, און שטודירט האָט ער צוליב פּרנסה־צילן און אויך צוליב זײַן אייביקער כּמעט פּאַנישער אַכטונג — נישט צו זאָגן: שרעק — פֿאַר זײַן דאָמינירנדיקן פֿאָטער. פֿאָטער־קאָמפּלעקס און שולד־קאָמפּלעקס פֿילן צום שטאַרקסטן אויס די בעסטע ווערק, וואָס קאַפֿקאַ האָט געשריבן — און אַלץ, וואָס ער האָט געשריבן איז סוף־כּל־סוף אַרויס־געגעבן געוואָרן אין זעקס בענד — אַן ערך 1500 זײַטן.

אין זעלבן יאָר, ווען ער האָט באַקומען דעם דאָקטאָר־טיטל, האָט ער אויך געוווּנען ליטעראַרישע אָנערקענונג דורך אַן ערשטער פּרעמיע אין אַ דערציילונגס־קאָנקורס.

נישט ווענדיק זיך ווידמען דער אדוואקאטישער פראפעסיע, האט פראנץ קאפקא, צוליב פרנסה, אנגענומען א פאסטן אין א פארזיכערונגס־אגענץ קעגן אומגליק־צופאלן; דער פאסטן איז געווען א קליינער, שווער באצאלטער, דערפאר אבער א זיכערער, מחמת די געזעלשאפט איז געווען כמעט א רעגירונגס־אגענץ. אויף דעם פאסטן איז ער געבליבן פון יאר 1908 ביזן סוף לעבן.

ליידנדיק פון מוראדיקע קאפווייטיקן, האט קאפקא אויסגע־פונען פאר זיך אן אייגענע טעראפיע: פיזיש איז ער געווארן א וועגעטאריער און גימנאסטיק — א טעאזאף. ער האט געהאט זעונגען און געגלייבט אין זייער דירעקטער הימלישער שייכות. אבער אין דער זעלבער צייט איז קאפקא געווען פארכאפט מיט ספארט; יעדן פרייען טאג — די וואקאציעס אוודאי — האט ער פארבראכט אונטערן אפענעם הימל.

קאפקא איז צוגעשטאנען צום פראגער קרייז פון די — שוין דעמאלט שטארק בארימטע — דייטשישע שרייבערס, די מיינסטע פון זיי — יידן, צווישן זיי: מאקס בראד, פראנץ ווערפעל. באזונדערס מאקס בראד איז שוין דעמאלט געווען שטארק ציוניסטיש געשטימט. אויף קאפקאן האט דאס אין יענער צייט נאך נישט געווירקט. זיין וועלט־אויפנעמונג — אוניווערסאל, קאסמיש. ער פלעגט זאגן: וואס פאר א שייכות האב איך מיט יידן, אז איך האב קוים א שייכות מיט זיך אליין . . . אבער די פריינדשאפט מיט מאקס בראדן האט ער קיין מאל נישט אויפ־געגעבן. די פריינדשאפט האט סוף־כל־סוף געדארפט באקומען א תיקון אין דעם גרויסן שטראם פון דער וועלט־ליטעראטור, אין וועלכן קאפקא איז אינטעגרירט.

פון זיין 29סטן ביז זיין 36סטן לעבנסיאר איז קאפקא געווען פארליבט, שטארק פארליבט, אין א פריילין פ. ב. די ליבע, אדער שפעטער נאר פריינדשאפט, האט אנגעהאלטן אפילו דעמאלט ווען פריילין פ. ב. איז שוין געווען די פרוי פון אן אנדערן און אויך א מוטער פון צוויי קינדער.

אין 1914, אין דער ערשטער וועלט־מלחמה, האט זיך קאפקא פרייוויליק געמעלדעט צום מיליטער, אבער ער איז צוריקגעוויזן געווארן צוליב זיין שוואכן געזונט. טובערקולאז איז געווען זיין קראנקהייט און זיין לעבנס לעצטער גורל.

ווייל האט פראנץ קאפקא אויך ביי זיין לעבן געדרוקט אין צייטשריפטן — און אויך אין בוך־אויסגאבעס פון א קלענערן

פֿאַרנעם — אַ ריי פֿון זײַנע ווערק. ווייל האָט אים קיין ליטעראַרישע אַנערקענונג נישט געפֿעלט, אָבער עפּעס אַ כּוח (וואָס נאָר ער, דער טעאָזאָף, וואָס האָט געגלייבט אין דירעקטער פֿאַרבינדונג פֿון יחיד־מענטש מיט גאָט, האָט אים אפֿשר פֿאַרשטאַנען) האָט אים צוריקגעהאַלטן פֿון ברענגען זײַנע גרויסע ווערק צו דער אָפֿענער וועלט. דעם „פּראָצעס" האָט ער שוין אין יאָר 1916 אויפֿגעשריבן, דאָס „שלאָס" אין יאָר 1917, און אין זעלבן יאָר זײַן אפֿשר גרויזאַמסט גענ‏יאַלע קלענערע דערציילונג „דער גילגול", און דאָס איז גאַנץ קאַפֿקאַ בזעיר אַנפּין. דאָרט ווערט מיט איבערמענטשלעכער, כּמעט סופּערוויסנשאַפֿטלעכער, און דאָך סופּערפֿאַנטאַסטישער גענויקייט, גלייבלעך דערציילט די אומגלייבלעכע געשיכטע ווי אַזוי אַ קליינער, אָרעמער באַאַמטער האָט זיך אין איין שיינעם פֿרימאָרגן אויפֿגעוועקט און אויסגעפֿונען, אַז ער איז מגולגל געוואָרן אין אַ ריזן־אינסעקט. די נשמה איז געבליבן די זעלבע און נאָר די פֿאָרעם — אַן אינסעקט.

די גרויסע שרײַבערס, קאַפֿקאַס מיטצײַטלערס, האָבן אים שטאַרק אַנערקענט — טאָמאַס מאַן, יאַקאָב וואַסערמאַן, אַלפֿרעד דעבלין, וואַלדאָ פֿראַנק. שוין בײַ זײַן לעבן האָט מען נבֿיאות געזאָגט: דאָסטאָיעווסקים יורש אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט.

אָבער איין גרויסער שרײַבער פֿון קאַפֿקאַס דור, זײַן נאָענטסטער, האָט אים אָדער בכלל נישט אַנערקענט, אָדער נישט געוועזן גענוג זיכער מיט אים. יענער איז געוועזן קאַפֿקאַ אַליין. דאָס האָט דעצידירט, אַז זײַנע גרויסע ווערק זאָלן בלײַבן לרובֿ נישט־פֿאַרענדיקט, נישט אויסגעסדרט ווי געהעריק און ממילא נישט־אַרויסגעגעבן.

וואָס נענטער צום סוף, אַלץ מער איז קאַפֿקאַ צוגעקומען צו ייִדישקייט, צו פֿאָלקישקייט בכלל. ער האָט זיך גרינטלעך אויסגעלערנט . . . טשעכיש, דאָס לשון פֿון זײַן געבוירן־לאַנד. ער האָט זיך גענומען לערנען העברעיִש, געלערנט חומש, רש"י, אַפֿילו אַרײַנגעקוקט אין אַ בלאַט גמרא, און גאָר שטאַרק זיך פֿאַראינטערעסירט מיט לשון ייִדיש. געשלאָסן די באַקאַנטשאַפֿט מיט אַ וואַרשעווער ייִדישן אַקטיאָר זשאַק לעווי. און —

אַז ער האָט זיך אין יאָר 1923 באַקענט אין בערלין מיט אַ ייִדישן, שטילן, זייער אינטעליגענטן מיידל פֿון אַ קליין פּויליש שטעטל — דאָראַ דיאַמאַנט, זענען זיי ביידע צוגעפֿאַלן צו זיך און זיך פֿאַראייניקט ווי צוויי פֿלאַמען און געוואָרן איינס ביז

קאַפֿקאַס — שוין דעמאָלט גאַנץ נאָענטן — סוף. כאָטש זיי האָבן קיין מאָל אָפֿיציעל נישט חתונה געהאַט, האָט דאָראַ פֿראַנצן באַטראַכט ווי איר מאַן און פֿראַנץ דאָראַן ווי זײַן פֿרוי. אַזוי זענען זיי פֿאַרבליבן אין זייערע ביאָגראַפֿיעס און אַזוי אין דער געשיכטע פֿון דער וועלט־ליטעראַטור.

דאָראַ דיאַמאַנט איז געווען שטאַרק באַהאַוונט אין ייִדישן פֿאָלקלאָר, געקענט גוט זינגען אַ פֿאָלקסליד, אַ וויגליד — און פֿראַנץ קאַפֿקאַ איז געווען שטאַרק אויסגעבענקט טאַקע נאָך אַזאַ פּשוטער מוזיק, אַזעלכע פּשוטע ווערטער פֿון פּשוטער איבערלעבונג, נאָך צוואַנציק יאָר שאַפֿן, מיט מוראַדיקער אומרויִקער אַנגעשטרענגטקייט, ווערק — קאָמפּליצירטע ווי ריזיקע קנוילן מיט עלעקטריש אָנגעלאָדענע דראָטן.

דאָראַ און פֿראַנץ זענען זינט זייער באַגעגעניש מער קיין איין טאָג פֿון זיך נישט אָפּגעטראָטן. דאָראַ דיאַמאַנט האָט פֿראַנץ קאַפֿקאַן — ווי אַ אומהיילבאַר קראַנקן ייִנגל — אַרײַנגעוויגט און אַרײַנגעזונגען אין דער אייביקער רו אַרײַן.

און כּדי די רו זאָל שוין זײַן אייביק און אַבסאָלוט, האָט קאַפֿקאַ איבערגעלאָזן אַ צוואה מכּוח זײַנע נאָך נישט־געדרוקטע און נאָך נישט־געענדיקטע ווערק. די צוואה האָט ער איבערגעענטפֿערט זײַן אייביקן געטרײַען, באַגליבטן לאַנגיאָריקן פֿרײַנד, דעם שרײַבער מאַקס בראָד. די צוואה איז געווען קורץ און דײַטלעך: אַלע מײַנע איבערגעלאָזענע פּאַפּירן — ווערק, בריוו, נאָטיצן — זאָלן תּיכּף ווערן פֿאַרברענט, נישט איבערקוקנדיק — פֿאַרברענט!

און אַזוי וואָלטן פֿאַרברענט געוואָרן:

„דער פּראָצעס", „דאָס שלאָס", „אַמעריקע", „די גרויסע כינעזישע מויער", די „טאָגביכער", די „בריוו צו מילענאַ", די „באַשרײַבונג פֿון אַ קאַמף", „בלומפֿעלד דער אַלטער בחור", „דער גילגול", „דער הונגער־קינסטלער", די „פּאַראַבלען" — און ווערק — נאָך און נאָך, צוזאַמען אַרום זעקס בענד אין כּמות און איכות — גרויסע ווערק פֿון אַ ליטעראַרישן וועלט־באַטײַט. ווערק, וואָס זענען די אַנונג, די וואָרענונג, די קאָסמישע שרעק פֿאַר דעם אַנקומענדיקן צוואַנציקסטן יאָרהונדערט מיט זײַנע מלחמות, זײַן גוג־ומגוג־קאַמף, זײַן דריטן ייִדישן חורבן — און אפֿשר אויך זײַן משיחס־צײַט.

פֿאַראַנען אַ גירסא — און זי שטאַמט פֿון גרויסע קאַפֿקאַ־קענער — אַז „דער פּראָצעס" איז דער סימבאָל פֿון ייִדישן

אייביק־געמשפט־ווערן פון קיין מאל נישט־באגאנגענע זינד, און „דאס שלאס" — דער סימבאל פון אייביקער יידישער היימלאזיקייט, ווייל די וועלט פארטראגט נישט די אינערלעכע העכערקייט פון אט דעם פרעמדן וועלט־פארבעסערער, דעם ייד.

מאקס בראד האט די צוואה פון פראנץ קאפקא אויסגעפירט אזוי, ווי זיין אייגן געוויסן האט באפוילן: ער האט אריינגעבראכט אן ארדענונג אין די מאנוסקריפטן פון זיין גרעסטן און בעסטן פריינד און האט זיי ארויסגעגעבן ביזן לעצטן בלעטל. שוין אין יאר 1925 — קוים א יאר נאך קאפקאס טויט — איז ארויס „דער פראצעס" — און גאר בקרוב די אנדערע כתבים. די ווערק זענען דערשינען אין דייטש, אבער באלד זענען זיי געווארן דער קניין פון דער גאנצער וועלט־ליטעראטור. קאפקאס ביכער זענען איבערגעזעצט אין א סך שפראכן, און א גרויסע צאל ביכער און עסייען זענען וועגן אים געשריבן געווארן.

מ. ר.

געזעצט און געדרוקט ביי
מאַרסטין פרעס, אינק',
228 איסט 45 סט', ניו-יאָרק
אייגנטימער: י. לאַנדאַו
438